STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04824

GESHIKHTE FUN TSIENIZM

I. Madfes

Permanent preservation of this book was made possible
by Harold & Lily Goldstein
in memory of
Barny & Freda Goldstein & Zelig & Sarah Friedland

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישכר מרפּיס

געשיכטע פון ציוניזם

ערשטער טייל: ביז צו הערצל׳ס טויט 1904.

לבוב תרצ״ד

פערלאַג: בוכהאַנדלונג י. מרפּיס לבוב, קאַזימיעזאָווסקא 13.

אלע רעכט פארבעהאלטען.
Wszystkie prawa zastrzeżone.
Copyright by I. Madfes, Lwów 1934.

HISTORJA SJONIZMU
Tom I.

LWÓW 1934

Nakładem księgarni I. Madfesa, Lwów, Kazimierzowska 13.

Czcionkami Lwowskiej Drukarni Nowoczesnej, Pasaż Mikolascha

אינהאַלט:

איינלייטונג:

די אַמאָליגע שטרעבונגען קיין ציון און די מאָדערנע ציוניסטישע בעוועגונג.

	זייט
ערשטער קאַפּיטעל: דער פּרינציפּיעלער אונטערשיד פון אַמאָליגען און איצטיגען ציוניזם	1
צווייטער קאַפּיטעל: דאָס פריהערע שטרעבען קיין א"י ביז צום ערשיינען פונ'ם מאָדערנעם ציוניזם	4
דריטער קאַפּיטעל: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און איהר השפעה אויף דער לאַגע פונ'ם יודענטום	8

ערשטער אָבשניט:

די פאָרלויפער פונ'ם מאָדערנעם ציוניזם אינ'ם XIX יאָהרהונדערט.

אריינפיהר.	16
פערטער קאַפּיטעל: די פּאָליטישע לאַגע אינ'ם נאָהנטען מזרח אין דער ערשטער העלפט פונ'ם 19 יאָהרהונדערט	19
פינפטער קאַפּיטעל: די ציוניסטישע פאָרלייפער אין ענגלאַנד .	22
זעקסטער קאַפּיטעל: די ציוניסטישע פאָרלייפער אין פראַנקרייך	25
זיבענטער קאַפּיטעל: די ציוניסטישע פאָרלייפער אין דייטשלאַנד; משה העס	29
אכטער קאַפּיטעל: די ציוניסטישע פאָרלייפער אין מזרח: די השכלה־בעוועגונג	37

זייט

צווייטער אָבשניט:

דער פעריאָד פון חובבי־ציוניזם ביז צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס 1897—1881.

נײנטער קאַפּיטעל: די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80 יאָהרען . 43
צעהנטער קאַפּיטעל: יהודה לייב פּינסקער און זיין אויטאָעמאַנ־ציפּאַציע 46
עלפטער קאַפּיטעל: פּינסקער ביי דער פּראַקטישער אַרבייט און דער מצב פון דער בעוועגונג 52
צוועלפטער קאַפּיטעל: די ערשטע עליה קיין א״י, די קאָלאָניזאַ־ציע־עפּאָכע 1899—1882 59
דרייצעהנטער קאַפּיטעל: „על פרשת דרכים“, אחד־העם — דער לעהרער 68
פערצעהנטער קאַפּיטעל: די בעוועגונג אין מערב־אייראָפּאַ, עסטרייך און דייטשלאַנד 81

דריטער אָבשניט:

דער פעריאָד פונ׳ם פּאָליטישען ציוניזם ביז הערצל׳ס טויט 1904—1897.

פינפצעהנטער קאַפּיטעל:
א) א קורצער ס. ה. פון דעם מצב פון דער בעוועגונג 84
ב) דר. טעאָדאָר הערצל 85
זעכצעהנטער קאַפּיטעל: דער יודענשטאַאט 92
זיבצעהנטער קאַפּיטעל: דער דערנערוועג... 100
אכצעהנטער קאַפּיטעל: מאַקס נאָרדוי 107
נײנצעהנטער קאַפּיטעל: דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל 31—29 אויגוסט 1897 109
צוואנציגסטער קאַפּיטעל: די צייט צווישען דעם ערשטען און צווייטען ציוניסטישען קאָנגרעס 1897/98 119
איין און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: דער צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס: 31—28 אויגוסט 1898 122
צוויי און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: צווישען דעם צווייטען און דריטען קאָנגרעס 1898/99:
א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג 129

זייט

ב) אין אינערליך־פּאָליטישער בעציהונג 134
דריי און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: דער דריטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין
באַזעל: 15—18 אויגוסט 1899 137
פיר און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: צווישען דעם דריטען און פערטען קאָנגרעס
:1899/1900
א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג 142
ב) אין אינערליך־פּאָליטישער בעציהונג 143
פינף און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס
אין לאָנדאָן: 13—16 אויגוסט 1900 146
זעקס און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: צווישען פערטען און פינפטען קאָנגרעס:
:1900/1901
א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג 154
ב) אין אינערליך־פּאָליטישער בעציהונג:
1) די געגענוואַרטס־אַרבייט 157
2) דער אָרעסאַער צוזאַמענפאָהר פון חובבי־ציון 160
3) די אָרגאַניזאַציע 163
זיבען און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: דער פינפטער ציוניסטישער קאָנגרעס
אין באַזעל: 26—30 דעצעמבער 1901 165
אַכט און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: צווישען דעם פינפטען און זעקסטען
קאָנגרעס: 1901/1903:
א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג 173
ב) אין אינערליך־פּאָליטישער בעציהונג:
1) די דיפערענציאַציע פון׳ם ציוניזם 186
2) צוזאַמענפאָהרען און קאָנפערענצען 187
3) „אַלט־נײלאַנד" 195
ניין און צוואנציגסטער קאַפּיטעל: דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס
אין באַזעל: 23—28 אויגוסט 1903 197
דרייסיגסטער קאַפּיטעל: די ענטוויקלונג פון׳ם ציוניזם פון׳ם זעקסטען קאָנ־
גרעס ביז הערצל׳ס פטירה:
א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג 221
ב) אין אינערליך־פּאָליטישער בעציהונג:
1) די ווייטערע ענטוויקלונג פון׳ם אוגאַנדאַ־קאָנפליקט, די כאַרקאָ־
ווער קאָנפערענץ 224
2) דער „קליינער קאָנגרעס" אין וויען 11—15 אַפּריל 1904 . 230
3) פּאַרטיי ־ קאָנפערענצען 236

איין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל: הערצל׳ס... לעצטער קאַפּיטעל . . . 239
צוויי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל: די קאָלאָניזאַציע אין א״י; דער פּעריאָד
פון דער „סיסטעמאַטישער פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע“
1899—1907 242

פערטער אַבשניט:

די דיפערענציאַציע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דריי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל: די האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע גלידע־
רונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג 245
פיר און דרייסיגסטער קאַפּיטעל: דער אָנהויב פון דער „מזרחי“־בעוועגונג 251
פינף און דרייסיגסטער קאַפּיטעל: די ענטשטעהונג פון דער פועלי־ציון־
בעוועגונג 253

איינלייטונג.

די אמאליגע שטרעבונגען קיין ציון און די מאדערנע ציוניסטישע בעוועגונג.

ערשטער קאפיטעל:

דער פרינציפיעלער אונטערשיד פון אמאליגען און איצטיגען ציוניזם.

זייט די יודען האָבען פערלוירען זייער זעלבשטענדיגע פּאָליטישע און מלוכה׳שע עקזיסטענץ, זייטדעם די רוימער האָבען איינגענומען מיט פייער און בלוט ירושלים און חרוב געמאַכט דעם בית המקדש (70 נ. קר. געב.), דעם לעצטען סימבאל פון דער יודישער זעלבשטענדיקייט, זייט דעם דאָזיגען מאָמענט (אזוי לערנט אונז לכל הפחות די געשיכטע, הגם עס איז נישט אין אלע הונדערט פראצענט ריכטיג) הויבט זיך אָן דער לאַנגער, פינסטערער גלות-פעריאָד פון פאָלק ישראל... און אין דעמדאָזיגען מאָמענט איז אויך געבוירען געוואָרען דער ציוניזם. אונטער ציוניזם פערשטעהען מיר דאָס פּאָליטישע שטרעבען פון יודישען פאָלק, צוריק אויפצוריכטען זיין זעלבשטענדיגען מלוכה׳שען קיום, דורך דער מאסענהאפטער ריקקער און פערוואורצלונג אין ארץ-ישראל. דאָס דאָזיגע שטרעבען איז אפילו אויף איין מינוט נישט פערשוואונדען פון יודישע הערצער און יודישע מחות. עס זענען נור געווען פעריאָדען ווען דאָס דאָזיגע שטרעבען איז געווען לויטער, אַקטיוו און שטאַרק. פערהאַנען זענען אָבער אויך געווען צייטען, ווען דאָס בענקען קיין ציון איז געוואָרען פערקריפּעלט, פערנעפּעלט און שוואכער. אין גאַנצען איז עס אָבער קיינמאָל נישט פערשוואונדען.

עס לאָזען זיך אויפשטעלען סכעמאטיש פאָלגענדע כללים אין דער פעסטשטעלונג פון דער אינטענזיוויטעט פון ציונסשטרבונגען, זייט

חורבן הבית ביז צו דער צווייטער העלפט פונ׳ם XIX. יאָהרהונדערט, בעת עס איז געבוירען געוואָרען די מאָדערנע ציוניסטישע בעוועגונג: א) וואָס נ ע ה נ ע ר צו א״י עס האָבען זיך געפונען גרויסע צענטרען פון דער יודישער בע־פעלקערונג, אלץ אַקטיווער איז געוועזן זייער ציוניסטישע שטרעבונג.

ב) וואָס מעהר צייט עס איז פערגאַנגען, זייט דעם דאָס יודישע פאָלק האָט פערלוירען זיין זעלבשטענדיגען מלוכה׳שען קיום — אלץ פערנעפעלטער, אלץ א ו נ ו ו ע ל ט ל י כ ע ר איז געוועזן זיין שטרעבען זיך אומצו־קערען קיין א״י.

ג) וואָס שטאַרקער עס איז געוועזן דער פּאָליטישער, ווירטשאַפטליכער אָדער רעליגיעזער דרוק פון די נישט יודען אויף יודען אינ׳ם לאַנגען גלות, אַלץ פעסטער האָבען זיך די יודען געקלאַמערט אינ׳ם ציוניסטישען געדאַנק.

געוויס אונטערשיידעט זיך די היינטיגע מאָדערנע ציוניסטישע בעוועגונג פון די אַמאָליגע שטרעבונגען. אונטער גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען האָבען גע־לעבט די יודישע מאַסען ביז צום 19 יאָהרהונדערט, אונטער גאנץ אַנדערע בעדינגונגען לעבען זיי היינט. צוליב אָביעקטיווע טעמים האָבען די אַמאָליגע ציוניסטישע שטרעבונגען בכן געמוזט טראָגען א אנדערען און א אייגענארטי־גען כאַראַקטער. לויט אונזער מיינונג לאזען זיך די אונטערשידען פאָרמולירען אָט ווי אזוי:

1) דער אַמאָליגער ציוניזם איז געווען דורכגעוועבט מיט רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, יודען האָבען געגלויבט, אַז דער גלות איז א אָבקומעניש פאַר זייערע חטאים און אַז אמאָל מוז קומען דער מאָמענט, ווען קדשא בריך הוא וועט זיך מרחם זיין אויף זיין פאָלק און וועט איהם אויסלייזען פונ׳ם גלות. כדי צו דערנעהנטערן די גאולה, מוז מען ווערען וואָס פרומער, וואָס יודישער. אָבער די גאולה מוז קומען. א סך גאונים האָבען געפרובט דורך רמזים און צרופי אותיות אויסרעכענען דעם „קץ״.

דער היינטיגער מאָדערנער ציוניזם איז פריי פון די דאָזיגע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. ער איז א ו ו ע ל ט ל י כ ע בעוועגונג און זוכט צו דערגרייכען זיין ציל דורך וועלטליכע מיטלען.

2) דער אמאָליגער ציוניזם איז געווען בעצם א פאַסיווער. ער איז גע־ווען פערוואורצעלט אין יודישע תפלות און רעליגיעזע מנהגים. מען האָט אפילו נישט ג ע ט אָ ר ט „לדחות זיין דעם קץ״.

דער היינטיגער ציוניזם איז א א ק ט י ו ו ע בעוועגונג און לערנט, אז דער ציוניזם קען און וועט פערווירקליכט ווערען, אויב יודען וועלען עס בעווייזען צו טהוען דורך זייער אקטיוויטעט.

3) דער אַמאָליגער שיבת ציון געדאנק איז געווען פערבונדען מיט דער אמונה אָן מ ש י ח. דער משיח געדאַנק אָבער האָט אין זיך ענטהאַלטען נישט נור די גאולה פון דעם יודישען פאָלק, נור אויך די בעפרייאונג פון דער

גאנצער מענשהייט, לויט דעם, ווי אונזערע נביאים האָבען זיך דאָס פאָרגע-
שטעלט אין זייערע „אחרית הימים” בילדער.

אזוי ארום קומט אויס, אז די בעפרייאונג פון דעם יודישען פאלק איז גור איין טייל פון דעם בעפרייאונגספראצעס פון דער גאנצער מענשהייט, און איז פון דעם דאזיגען פראצעס אבהענגיג.

דער מאָדערנער ציוניזם לערנט דאגעגען, אַז די בעפרייאונג פונ׳ם יודי-
שען פאָלק קען פאָרקומען אונטער אלע בעדינגונגען.

בעמערקונג: עס איז איגטערעסאנט, אז משה העס האָט אויך פערבונדען די בעפרייאונג פונ׳ם יודישען פאָלק מיט דער נאַציאָנאלער און סאָציאַלער בעפרייאונג פון דער מענשהייט. אָבער נישט נור משה העס. פאר-
האַנען נאָך ביים היינטיגען טאָג פאָליטישע פאַרטייען, וואָס פערקניפּען די רע-
אליזאציע פון ציוניזם מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע... בעוואוסט אדער אונ-
בעוואוסט בילדען זיי די מאדערנע משיח בעוועגונג אונטער יודען.

דער וועלטליכער כאַראַקטער, די אקטי-
וויטעט און די פאָרשטעלונג, אז דער ציוניזם קען אונטער אלע בעדינגונגען רעאליזירט ווערען — דאָס זענען די כאראקטעריסטישע סמנים פון דער מאָדערנער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס אונטערשיידען זי פון די אמאָליגע שטרעבונגען.

אָבער כאָטש אזוי, שטאמען אלע א״י—פּעטאלע בעוועגונגען, סיי די מאָדערנע, סיי די אלטע, פון איין מקור: פון דעם יודישען גלות.

נחום סאָקאָלאָוו האָט דעם דאָזיגען געדאַנק זעהר שעהן אויסגעדריקט. ער האט געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז געגלעכענט צו א בוים, וועמענס וואור-
צעל עס שטעקען טיעף אין דעם יודישען עבר, וועמענס צווייגען און בליטען עס וואקסען זיך איצט פונאיינאנד און וועמענס פרות עס וועלען רייף ווערען אינ׳ם נאָהנטען עתיד...

און דאדורך איז טאקי כדאי אויף א קורצען און סכעמאטישען אופן איבערצוחזרן אלע אלטע ציוניסטישע שטרעבונגען פונ׳ם יודישען פאָלק, אויף ווי ווייט זיי האָבען געטראָגען א ממשותדיגען כאראקטער.

צווייטער קאפיטעל

דאָס פריהערע שטרעבען קיין א"י ביז צום ערשיינען פונ'ם מאָדערנעם ציוניזם

אינ'ם יאָהר 70 נאָך קר. געב. האָט טיטוס, דער שפעטערער רוימישער קייזער, ערא‏בערט ירושלים נאָך א לאַנגיעהריגער און הארטנעקיגער בעלאַגע־רונג. 3 יאָהר בערך האט נאך שפעטער געדויערט דער קאמף, ביז עס איז די רוימער געלונגען איינצונעמען גאנץ א"י. שוין אינ'ם יאָהר 115, אלזא 42 יאהר שפעטער, האבען די יודען אין די שכנות'דיגע לענדער — די א"י'דיגע יודען האָבען זיך נישט בעטייליגט — געמאכט א אויפשטאנד און עס האָט די רוימער געקאסט א סך מיה אנידערצוווארפען דעם בונט. 17 יאָהר שפעטער, אינ'ם יאָהר 132, מאַכט ב ר ־ כ ו כ ב א דעם העלדישען פערזוך צו בע־פרייען א"י. דער אויפשטאַנד האָט געדויערט גאנצע 3 יאהר, ביז צום יאָהר 135. נאָך דעם דורכפאל איז אויך בא־כוכבא'ס שטערען געפאלען. מען האָט איהם גערופען בר־כוזיבא, דער פאַלשער נביא.

די יודען ווען בכלל פערשרייען אַלע מענער, ווערכע עס וועט זיך נ י ש ט איינגעבען צו בעפרייען דאָס יודישע פאָלק, אַלס פאַלשע נביאים א. א. וו.

נאָכדעם ווי די ביצאנטינישע הערשער האָבען ערקלעהרט די קריסטליכע רעליגיע אַלס מלוכה'שע, הויבען זיך אָן ביטערע צייטען פאַר א"י יודען. עס ווערט געשאַפען אַ גאַנצע רייה פון בעשרענקונגען פאַר זיי. אַזוי טאָרען זיי נישט בעטרעטען ירושלים, אונטער דער דראָהונג פון טויט־שטראָף. דאַדורך האָבען זיך די יודען אנגעשלאָסען אָן דעם פערזישען קעניג כ א ז ר ו II, וועלכער האָט אינ'ם יאָהר 614 עראָבערט ירושלים. די יודען האָבען — ווי מאַנכע בעהויפטען, וואָס עס איז אָבער נישט בעוויזען — געבילדעט אַ אַרמעע פון 30.000 מאַן און האָבען געהאָלפען דעם פערזישען קעניג. פערזיען האָט געהאַלטען ירושלים דורך 14 יאָהר און דורך 8 יאָהר איז ירושלים געשטאַנען אונטער יודישער פערוואַלטונג.

אינ׳ם יאָהר 638 ווערט ירושלים עראָבערט דורך דעם אַראַבישען קאליף עומר. אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט ווערט די לאַגע פון די יודען אַ בעסערע. טראָצדעם טויכען אויף אינ׳ם 8 יאָהר־הונדערט אַ גאַנצע רייה פון „פאַלשע משיחים״, וועלכע פרעדיגען די ריקקעהר פון יודען קיין א״י, אונטער אַנדערע אויך אַ געוויסער א ב א א י ס א, וועלכער האָט כמעט 800! יאָהר נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער יודישער מלוכה געבילדעט אַ אַרמעע, צו בעפרייען א״י. ביז צום יאָהר 1916, ביז צום גרינדען פון דעם יודישען לעגיאָן בעת דעם וועלטקריג, וועט נישט מעהר פאָרקומען קיין גרעסערער פערזוך מצד יודען, צו בעפרייען א״י דורך וואַפענגעוואַלט.

אינ׳ם יאָהר 1099 ווערט ירושלים עראָבערט דורך די קרייצריטער. זייער וועג איז געצייכענט דורך יודיש בלוט, וועלכעס זיי האָבען פערגאָסען איבעראַל, וואו זייער פוס איז נור געטרעטען. אין ירושלים האָבען זיי אַריינגעטריבען אַלע יודען אין א שוהל, וועלכע זיי האָבען שפּעטער פערברענט.

אַ שפּאַנישער יוד ב נ י מ י ן פ ו ן ט ו ד ע ל א, וועלכער האָט געמאַכט אַ וועלטרייזע אין די יאָהרען 1173 — 1165, האָט געטראָפען אין ירושלים נישט מעהר ווי 200 יודען. די דאָזיגע ציפער איז וואַהרשיינליך די נידריגסטע אין דער גאַנצער געשיכטע פון דעם יודישען ישוב אין ארץ־ישראל.

אינם יאָהר 1187 ווערט ירושלים עראָבערט דורך דעם עגיפּטישען סולטאַן ס א ל א ד י ן. צוגלייך הויבען זיך אָן אין די מערב־לענדער גרויסע פערפאָלגונגען געגען יודען. דאָס פערשטאַרקט נאַטירליך די יודישע עמיגראַציע קיין א״י. ארום דעם יאָהר 1211 וואַנדערן אויס קיין א״י 300 רבנים פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. דער גרויסער גאון מאיר פון רוטענבערג אָרגאַניזירט אַ עהנליכע עליה ביים סוף פון דעם 13־טען יאָהרהונדערט.

אינ׳ם יאָהר 1260 עראָבערן די מאנגאלען ירושלים. און ווידער הויבט זיך אָן אַ שווערע צייט פאַר יודען. אַסך יודען ווערען געהרג׳ט, זייערע פערמעגענס צערשטערט. די דאָזיגע צרות אין לאַנד און אויף דער וועלט האָבען גורם געווען, וואָס עס ענטשטעהט די ק ב ל ה - ר י כ ט ו נ ג אינ׳ם יודענטום, וועלכע קאָנצענטרירט זיך אין א״י אין צפת.

די אַרויסטרייבונג פון די יודען ארום דעם יאָהר 1300 פון פראַנקרייך און ענגלאַנד און דער שפּעטערער גירוש שפּאַניען אינ׳ם יאָהר 1492 האָבען געשטאַרקט די עמיגראַציע פון יודען קיין א״י. דער ישוב ווערט וואָס אַמאָל צאָהלרייכער.

אינ׳ם יאָהר 1517 איז א״י געוואָרען עראָבערט דורך די טירקען, וועלכע האָבען זיך דאָרט נעהאַלטען בערך אַ לאַנגע צייט, דורך פולע 400 יאָהר. דער טירקישער רעזשים איז געווען בעצם אַ פריינדליכער צו די יודען. הגם זיי

האָבן דאָס נישט גערן געזעהען, וואָס די יודען בעזעצען זיך אין לאַנד, איז אָבער דער יודישער ישוב דאָך געוואַקסען. די וואַקסענדע א"י בעוועגונג אונטער יודען האָט אינ'ם 16 יאָהרהונדערט אויסגענוצט אויף אַ אָריגינעלען אופן אַ פּאָליטישער פליכטלינג מיט'ן נאָמען י ו ס ף ה נ ש י א. ער האָט זיך געווענדעט צו דער רעפּובליק ווענעדיג מיט דער בקשה, מען זאָל איהם שענקען אַ אינזעל, כדי דאָרט צו בעזעצען יודען.

אין דער טירקיי האָט דער דאָזיגער מענש געמאַכט אַ וואונדערבאַרע קאַריערע: ער איז געוואָרען דער „הערצאָג פון נאקסאס" אינ'ם יאָהר 1566. זיין הערשער האָט איהם געשאנקען די חרובע שטאָט טבריה מיט 7 שכנותדיגע דערפער, וועלכע ער האָט אויסגעבויט. דער פּלאַן, צו בעזעצען א"י דורך יודען, איז איהם נישט געלונגען.

אין דערזעלבער צייט טרעטען אויך אויף ד ו ד ה ר א ו ב נ י און ש ל מ ה מ ו ל כ ו. אינם, יאָהר 1530 האָט דער לעצטערער, בעהויפּטענדיג, אַז ער איז דער ברודער פון דעם קעניג פון די יודישע שבטים אין דער אַראַבישער מדבר, געמאַכט אַ אונגעהויערען איינדרוק אויף דער ודישער אין נישט יודישער וועלט.

דער פויבסט און דער קעניג פון פּאָרטוגאל האָבען איהם צוגעזאגט קריגשיפען און וואַפען, כדי צו בעפרייען די עשרת השבטים. דער סוף פון דיביידע „טוער" איז געווען אַ ביטערער. שלמה מולכו איז געוואָרען פערברענט אויף דעם שייטערהויפען און דוד הראובני איז געשטאָרבען אַין תפיסה. דאָס איז געווען אַ צייט, וואו דער גלויבען אָן משיח'ן האָט אָנגענומען ממש היסטערישע פאָרמען ביי יודען. און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס אַלע מאָל טרעטען אויף „פאַלשע משיחים".

אָבער צי זענען זיי אַלע געווען בעטריגער און אַוואַנטורניקעס? אפשר יאָ. נישט דאָס איז וויכטיג, די עובדה, וואָס זיי האָבען געקענט מיט זייערע „אַוואַנטורעס" אַזוי אויפרעגען די גאַנצע יודישע און אפילו די נישט-יודישע וועלט, בעווייזט אַז אפ-לו אין די פינסטערסטע שעה'ן האָבען די יודען נישט מותר געווען אויף זייער גרויסען היסטאָרישען צוזאָג — דעם ש י ב ת - צ י ו ן. וואָס טרויריגער עס איז געווען די לאַגע פון די יודען, אַלץ קאַפּאבלער זענען זיי געווען פאַר דער טעטיקייט פון אַזעלכע „פאַלשע נביאים". דאָס בעווייזט אם בולטסטען די ערשיינונג און דאָס ווירקען פון ש ב ת י צ ב י.

אינ'ם יאָהר 1648 האָט דער קאזאקענפיהרער כ מ י ע ל נ י צ ק י (גזרת ת"ח) פערניכטעט גרויסע טיילען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען. יודיש בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער. און גראד דאמאָלס איז אויפגעטרעטען שבתי-צבי, וועלכע האָט אויסגענוצט די מיסטישע שטימונגען און מאנכע ק א ב א ל י ס ט י ש ע רמזים און האָט זיך אויסגעגעבען

אַלס משיח. ער האָט אזוי פערשטאַנען צו פערברייטען דעם גלויבען אין זיין מיסיע אז אפילו אזעלכע מענער ווי ברוך שפינאָזא האָבען זיך ערנסטליך בעשעפטיגט מיט'ן שיבת-ציון געדאנק.*)

אפילו דאַמאָלס, ווען שבתי צבי איז איבערגעטרעטען צום מאַכמעדאַנישען גלויבען, האָבען פאָרט מאנכע קרייזען אין איהם געגלויבט. אַזאַ ווירקונג האָט דאַמאָלס געהאַט די קבלה אינ'ם יודישען לעבען. דאָס איז אויך פערשטענדליך: וואָס אונוואַרשיינליכער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען די ישועה אויף אַ נאַטירליכען וועג — אַלץ אַ גרעסערע ווירקונג האָט געמוזט אויסאיבען די מיסטיק און די קבלה. נאָך אין דער מיט פון 18 יאָהרהונדערט האָט אַ אַנדערער פאַנטאַסט און „בעטריגער", יעקב פראנק, געגרינדעט אין פוילען אַ א"י בעוועגונג, פאָרשטעלענדיג זיך אַלס משיח. אויך זיין סוף איז געווען אַ ביטערער. ער האָט זיך געשמד'ט אין האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם ערגסטען זכר.

ביים סוף פונ'ם 18. יאָהר-הונדערט האט נ אַ פ א ל ע אָ ן I צו-געזאָגט די יודען א"י, אויב זיי וועלען געהען אין זיין אַרמעע. ער האט פערשטאַנען, אַז א"י איז דער גרעסטער אוצר ביי יודען און מ'קען זיי געווינען נור דורך א"י.

אָט די אַלע פאַקטען בעווייזען, אַז דער א"י געדאַנק האָט נישט אויף איין מינוט אויפגעהערט צו זיין דער לעבעדיגער כח אינ'ם יודישען פאָלקס-לעבען, אַז די יודען האָבען שטענדיג געגלויבט, אז אַמאָל וועט קומען די גרויסע היסטאָרישע שעה, ווען עס וועלען צערבראָכען ווערען די קייטען פון גלות און דאָס יודישע פאָלק וועט זיך אומקעהרען אין לאַנד פון די אבות. דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט געהאַט זיין פאָרם אין זיין תוכן ביז צום XIX יאָהרהונדערט. ער וועט גאַנץ אַנדערש אויסזעהען אינ'ם XIX און אינ'ם XX יאָהרהונדערט, נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אייראָפא.

---

*) ביים סוף פון דעם דריטען קאפיטעל פון „טעאלאגיש פאליטישען טראקטאט" שרייבט שפינאזא אזוי, : „טא איך האלט דאס פאר מעגליך, אז די יודען זאלען ווידער אויפריכטען זייער אמאליגע מדינה און גאט זאל זיי ווידער אויסוועהלען אויב עס זאל זיך שאפען א גינסטיגע געלעגענהייט דערצו, פאראויסגעזעצט אז זיי וועלען נישט פערווייכליכט ווערען דורך די גרונדלאגען פון זייער רעליגיע"

דריטער קאַפּיטעל:

די פראנצויזישע רעוואָלוציע און איהר השפּעה אויף דער לאַגע פונ׳ם יודענטום.

„פרייהייט, גלייכקייט און ברידערליכקייט״. אָט דאָס איז געווען דער הילעכדיגער רוף פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אינ׳ם יאָהר 1789, וועלכע האָט אָנגעזאָגט אַ נייע תקופה אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. דער אַלטער, פוידאלער שטאַט האט געגוססט. אונטער צרות און פיין איז געבוירען געוואָרען, וואו פריהער, וואו שפּעטער, דער מאָדערנער רעכטסשטאַט. עס זענען געוואָרען פּראָקלאַמירט די מענשהייטס-רעכט. דער מענש האָט אויפגעהערט צו זיין אַ אייגענטום פונ׳ם פּריץ. ער איז געוואָרען אַ פרייער בירגער אין דער פרייער מלוכה. אַלע פּריווילעגיען פון „קאַסטען״ און „שטענדע״ זענען געוואָרען אָבגעשאַפט. די בירגערליכע געזעלשאַפטס-אָרדנונג, וועלכע האָט נאָך פריהער, אַ דאַנק דער מ א ש י ן, אונטערמינירט דעם פוידאַלען געביי פון דער מלוכה, האט איצט בעקומען איהר רעכטליכען, פּאָליטישען, אין קולטורעלען „איבערבוי״. זי האָט איצט געקאָנט פריי ענטוויקלען איהרע פערבאָרגענע פּראָדוקטיווע כוחות. זי האָט דאָס אויך אויסגענוצט פול און גאַנץ.

פרעגט זיך: וואָס איז געווען דער פּאָליטישער סך הכל פון דער דאָזיגער איבערקערעניש לגבי די יודען? וויאַזוי האָט די דאָזיגע רעוואלוציע משפיע געווען אויף דעם יודישען לעבען?

לאָמיר בעטראַכטען די דאָזיגע פראַגע פונ׳ם פּאָליטישען, סאָציאַל-ווירטשאַפטליכען און קולטורעלען שטאַנדפּונקט. פון דעם פערשטענדניס און אַנאַליז פון דער ניי געשאַפענער לאַגע פאַר יודען הענגט אָב דאָס פערשטענדניס פון דעם עצם מהות פונ׳ם מאדערנעם ציוניזם. דאַדורך מוזען מיר זיך דערויף אָבשטעלען, הגם נישט דאָ איז דער ארט זיך ברייטער צו בעפאַסען מיט דעם דאָזיגען פּראָבלעם.

א) פונ׳ם פאָליטישען שטאַנדפונקט:

דער ניי געשאַפענער רעכטסשטאַט אנערקענט פּרינציפּיעל די גלייכהייט פון א יעדען אינדיווידואום, פון א יעדעם שטאַטסבירגער, אָהן אונטער־שיד פון רעליגיע און נאַציע לגבי דעם געזעץ. דער דאָזיגער גרונדזאַץ האָט געמוזט אויך אָנגעווענדעט ווערען ע״פ לאָגישער נויטווענדיקייט לגבי די יודען. זיי האָבען געמוזט בעקומען — הגם בלויז אויפ׳ן פּאַפּיער — די פולע גלייכבערעכטיגונג מיט אַלע אַנדערע מלוכה-בירגער.

אָבער זיי האָבען געמוזט דאַפאַר בעצאָהלען א טייערען פּרייז, דער פּרייז איז געווען אויך אַזויפיל גרעסער און אין זיינע קאָנסעקווענצען שעדליך פאַר יודען, וויל די יודען און די נישט-יודען האָבען געהאַט א גרויסען היסטאָרישען טעות. זיי האָבען פערביטען דעם בעגריף פון נאַציע מיט׳ן בעגריף פון מלוכה. ווען בירגער מלוכה-בירגער ווערען גלייכבערעכטיגטע ווען די יודען געגלויבט, אַז זיי מוזען זיך פיהלען צוגעהעריג צו דער נאַ-ציע, אונטער וועלכער זיי האָבען געלעבט. די נישט-יודען ווידער האָבען גע-גלויבט, אַז זיי וועלען ערשט דאַמאָלס קענען געבען די יודען די פולע גלייכבע-רעכטיגונג, אויב די יודען וועלען אויפגעבען זייער נאַציאָנאַליטעט. פּונקט אַזוי ווי עס האָט געגאָלטען ביים פעאָדאַלען שטאַט דער פּרינציפּ פון cuius regio eius religio (וועמענס בירגער מען איז, דעמ׳ס רעליגיע דאַרף מען אָננעהמען), האָט אין דער ערשטער תקופה פונ׳ם בירגערליכען שטאַט אָנגעהוי-בען צו געלטען דער פּרינציפּ פון cuius regio eius natio (וועמענס בירגער מען איז, צו דעמ׳ס נאַציע דאַרף מען געהערען).

אָט אַזוי זעהען מיר, אַז נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, וועלענדיג אָרדנען די יודענפראַגע ביי זיך אין לאַנד, האָט געלאָזט צוזאַמענרופען קודם א פערזאַמלונג פון יודישע „נאָטאַבלען” און שפּעטער דעם אַזויגערופענעם „סנהדרין” און האָט זיי פאָרגעלייגט פערשידענע פראַגען, אויף וועלכע ער האָט בעקומען דעם „אויטאָריטאַטיווען” ענטפער, אַז יודענטום איז נישט קיין נאַציע, נור בלויז א רע-ליגיעזע, אָדער בעסער געזאָגט, קאָנפעסיאָנעלע געמיינשאַפט.

די דאָזיגע טעזע האָט צוואַר מציל געווען די אינדיווידועלע בירגערלי-כע גלייכבערעכטיגונג, אָבער זי האָט געעפענט טיר און טויער פאַר דער אסי-מילאַציע בעוועגונג, וועלכע האָט סיי פּאָליטיש, סיי קולטורעל אויסגעאיבט א שעדליכען איינפלוס אויף דעם יודישען פאָלקס אָרגאַניזם. — די אנשויאונג, אַז יודען זענען בלויז א רעליגיעזע געמיינשאַפט, האָט ע״פ לאָגישער נויטווענ-דיקייט געמוזט דערצו פיהרען, אַז פיהרענדע קרייזען פונ׳ם יודענטום, האָבען געזוכט צו דערווייטערן פון די רעליגיעזע מנהגים אין תפלות אַלע עלעמענ-טען פון נאַציאָנאַלער בעדייטונג. דאַדורך איז די רעליגיע געוואָרען שטאַרק פערוואָסערט און דאָס יודענטום אויסגעליידיגט פון זיין אינערליכען תוכן.

פון דער אַנדערער זייט האָט גראָד דאָס דאָזיגע שטרעבען געמוזט אַרויס־רופען אַ רעאַקציע פון קרייזען וואָס האָבען נישט געוואָלט ענדערן די רעליגיעזע מנהגים. זיי האָבען זיך ווידער פערשפאַרט אויף אַ יעדען „קוצו של יוד״ אַזוי, אַז די יודישע רעליגיע איז געוואָרען פולקאָמען „אמארף״ און לעבלאָז, און איז געשטאַנען אין אַ בולטער סתירה צו דעם נייגעשאַפענעם, פולזירענדיגען לעבען.

אָט אַזוי צערפאַלט זיך דאָס יודענטום אין צוויי גרופען: די ר ע פ א ר ם־יודען, ביי וועלכע דאָס יודענטום האָט געהאָנגען ממש אויף אַ האָר, און דער אָ ר ט אָ ד אָ ק ס י ע, ביי וועלכער דאָס יודענטום איז געוואָרען אַ שטייפע לעבענספרעמדע פאָרמולע.

קוקט מען זיך טיפער אַריין אין דער גאַנצער דינאַמיק פון דער עמאַנציפּאַציע בעוועגונג, זעהט מען, אַז דער דאָזיגער פּראָצעס האָט געהאַט צוויי פאַזען: די ערשטע — אַ פּאָזיטיווע און פאָרטשריטליכע: זי האָט געבראַכט די אינדיווידועלע גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען, זי האָט צערשטערט דעם געטא און אראָבגענומען פון יודען דעם „געלען פלעק״. אָבער דערזעלביגער פּראָצעס שאַפט אויך די אַסימילאַציע בעוועגונג, וועלכע האָט, אַרויסגעהענדיג פון אַ פאַלשער היסטאָרישער גרונד הנחה, געפיהרט צו דער צווייטער פאַזע, וואו די אַסימילאַציע העמט און האַלט אויף די ענטוויקלונג פון די יודישע פאָלקס־כחות. דאַדורך ווערט זי אַ נעגאַטיווע אין רעאַקציאָנערע בעוועגונג. דיזעלבע „דיאַלעקטיק״, דעמזעלבען דואַליזם וועלען מיר אויך קענען לערנען אויף אַלע אַנדערע געביטען, אויף דעם סאָציאַל עקאָנאָמישען און קולטורעלען.

ערשט דער ציוניזם וועט בעווייזען די יודען, אַז די יודענפראַגע קען נישט געלעזט ווערען דורך דער אַסימילאַציע. ערשט דער ציוניזם וועט אויפדעקען דעם גאַנצען היסטאָרישען שקר פון דער דאָזיגער תקופה. עס איז ערשטענס אַ ליגן, אַז די יודען זענען בלויז אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. פונקט פערקעהרט. די יודען זענען דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, אַזוי אינטענזיוו, אַז זייער רעליגיע איז נישט בלויז אַ קאָנפעסיע, נור אַ שטיק פון דעם יודישען פאָלקס אוצר.

עס איז צווייטענס אַ ליגן, אַז מ׳קען ווערען נאַציאָנאַל צוגעהעריג צו דעם פאָלק, אוזטער וועלכען מען לעבט. מ׳קען נישט בייטען די נאַציעס ווי העמטשקעס, אַ מ אַ ס ע ן אַ ס י מ י ל אַ צ י ע איז אַ פּראָצעס, וואָס מוז צוזאַמענברעכען. ער קען גרייכען געלונגען ביז צו אַ געוויסער גרעניץ, אָבער ער קען עבען נישט איבערשרייטען די דאָזיגע גרעניץ. די נשמות פון פעלקער זענען „איקאָמענסוראבלע גרויסקייטען״, ווי דער מאַטעמאַטיקער וואָלט זיך אויסגעדרוקט.

און אויב אַזוי, איז דריטענס אַ ליגען, אַז די יודענפראַגע קען געלעזט ווערען דורך דער א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר פרייהייט. וויל מען לעזען די יודענפראַגע, אַזוי מוז דאָס יודישע פאָלק אַלס ק אָ ל ע ק ט י ו ו פריי זיין

און דאָס איז נישט מעגליך, כל זמן דאַס יודישע פאָלק וועט זיין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, כל זמן עס וועט נישט האָבען קיין טעריטאָריע, וואו עס וועט קענען ווידער אויפריכטען זיין זעלבסשטענדיגען מלוכה'שען קיום.

2) פונ'ם סאָציאַל עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט: אין דער ערשטער פאַזע האָט די דאָזיגע תקופה געבראַכט בלי כל ספק אַ גרויסען אויפשוואונג אינ'ם יודיש ווירטשאַפטליכען לעבען; די יודען, וועלכע האָבען זיך פון תמיד אָן בעשעפטיגט מיט האַנדעל, האַנדווערק און געלד-ווירטשאַפט, האָבען בעקומען פאַר זיך אַ פרייען וועג. די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי איז געווען אָבהענגיג פון דער גוטער אָרגאַניזאַציע פון האַנדעל. האַנדעל און אינדוסטרי האָבען געאַרבייט האַנד ביי האַנד מיט דער גוט אָרגאַניזירטער באַנק וועלט.

דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך געגויטיגט אין טיכטיגע קלוגע און ענערגישע סוחרים, באַנק דירעקטאָרען און אינדוסטריעלע. דער קאַפּיטאַליזם האָט צוליב דעם אויפגענומען מיט אָפענע הענד די צו אזא אַרבייט פּרעדיספּאָנירטע יודען. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך דער נייער געזעלשאַפט סדר געגויטיגט אין אינטעלעקטועלע כחות. עס ענשטעהט אַ גרויסער פּלאַץ פאַר די „פרייע פּראָפעסיעס” און יודען האָבען אין מאַסען צו זיי געשטרעבט. און זיי טיילוויז אויך „פערכאַפּט”.

דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך אין יענער תקופה נישט געפיהרט צווישען זיך אַזאַ פערביסענעם קאַמף ארום דער עראָבערונג פון אבזאַץ מערק פאַר זיינע סחורות — דאַדורך האָט ער געקאָנט זיין קאָסמאָפּאָליטיש. די בעפעלקערונג, אונטער וועלכער יודען האָבען געלעבט, האבען נאָך נישט ענטוויקעלט אַ אייגענעם מיטעלשטאנד. דאדורך האָבען די יודען ערפילט אַ וויכטיגע פונקציע אינ'ם ווירטשאַפטליכען לעבען פון די פעלקער און זיי האָבען געקענט זיין צו די יודען מעהר אָדער ווענ‍יגער ליבעראַל.

די יודען האָבען טאַקי אויסגענוצט די דאָזיגע אָביעקטיווע לאַגע, מען האָט געהאַנדעלט און געוואַנדעלט און מאַנכע יודען זענען געוואָרען באמת רייך. אין דער סאָציאַלער לייטער זענען יודען געשטיגען פון שטאַפעל צו שטאַפעל.

וואָס מעהר עס איז אָבער געוואַקסען דער רייכטום ביי יודען, אַלץ אסימילירטער זענען זיי געוואָרען, אַלץ קאָסמאָפּאָליטישער איז געוואָרען זייער גייסט. די יודען האָבען זיך אזוי צונויפגעבונדען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, אַז זאָמבאַרט האָט געמעגט זאָגען, אַז איבעראַל וואו יודען קו‌ען, בליהט אויף דער קאַפּיטאַליזם און קאַרל מאַרקס האָט מיט רעכט קאָנסטאַטירט אַז די „גויים” זענען געוואָרען... יודען.

אָבער באַלד קומט די רעאַקציע... די גרויסע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי האָט דערצו געבראַכט, אַז די קלענערע וואַרשטאַטען האָבען אָנגעוואוירען זייער ראָל און בעדייטונג. דער האַנדעל איז געוואָרען אָרגאַניזירט דורך

גרויסע וואַרענהייזער. די מלוכה האָט דורך איהר מאָנאָפּאָלווירטשאַפט ארויס-געריסען וואָס א מאָל אַלץ גרעסערע שטחים פון דער פריוואַטווירטשאַפט, איבערנעהמענדיג זיי אין אייגענעם רשות.

פון דער אַנדערער זייט איז אויסגעוואַקסען א שטאַרקער מיטעלשטאַנד פון דער מעהרהייטסבעפעלקערונג, וועלכער האָט, וועלענדיג פערניכטען דעם יודישען קאָנקורענט, אָנגעהויבען צו פּרעדיגען נאַציאָנאַלען שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם. אין די פרייע פּראָפעסיעס, וועלכע זענען געווען איבערפולט, האָבען אָנגעהויבען אַריינצודרינגען „אויטאכטאנע" אינטעלעקטועלע כחות און, וועלענדיג פערדרענגען דעם יוד, האָבען זיי דאָס געקאָנט אָם בעסטען טהוען דורך אַ ווילדער אנטיסעמיטישער העצע. דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם איז געוואָרען אונטערגעהאַלטען און פערשטאַרקט דורך דעם אימפּעריאַליס-טישען כאראקטער פון קאפּיטאַליזם, וועלכער האָט אָנגעהויבען פיהרען צווישען זיך א פערביסענעם קאַמף אַרום די אָבזאַץ-מערק.

די יודען, נישט האָבענדיג אַלס מינדערהייט קיין שום איינפלוס אויף דער מלוכה, זענען דערדריקט געוואָרען דורך דער אנטי-יודישער ווירטשאַפטספּאָליטיק פון דער רעגירונג, דאָס, ווי אויך אין ערשטער רייה די עובדה, וואָס די יודען האָבען זיך נישט בעשעפטיגט, אַ דאַנק אַ גאַנצע רייה פון סבות, מיט דער אור-פּראָדוקציע, נור האָבען בעלאַנגט צו אָבגעשטאַנענע בערופען, האָט געפיהרט דערצו, אַז דאָס יודישע ווירטשאַפטליכע לעבען איז געוואָרען אונפּראָדוקטיוו און קראַנק „מכף הרגל עד הראש".

די יודישע מאַסען האָבען פערלוירען אין זייערע וואוינערטער אַרבייט, ברויט און פּרנסה. זיי האָבען געמוזט זוכען גליק ערגיץ אַנדערש. עס האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסע עמיגראַציע בעוועגונג אונטער יודען. אָבעד די עמיגראַ-ציע לענדער האָבען זיך אַלץ מעהר אָבגעשלאָסען געגען דער „מזרח-יודישער" איינוואַנדערונג. אפילו די אַרבייטער קרייזען אין אַמעריקא און אין מאַנכע מערב אייראָפּעאישע מלוכות האָבען קרום געקוקט אויף דעם יודישען „לוינדריקער". האָט דער קאַפּיטאַליזם אין זיין ערשטער תקופה בעפרייט גרויסע יודישע ענערגיען און זיי געגעבען א ברייט ווירקונגספעלד, שטויסענדיג די יודישע מאסען אַלץ העכער אויף דער סאָציאַלער לייטער, אַזוי האָט דער זעלבער קאַפּי-טאַליזם אין זיין צווייטער תקופה אליין געשאַפען יענע כחות, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו פערדרענגען די יודען פון די פערנומענע פּאָזיציעס, שטויסענ-דיק זיי טיפער און טיפער.

קיין נייע מקורות פון אַרבייט און פּרנסה האָט דער קאַפּיטאַליזם אין זיין צווייטער פאַזע נישט געשאַפען פאַר יודען. ער האָט פערשטאָפּט די אַלטע.

ערשט דער ציוניזם וועט בעווייזען די יודישע מאַסען, אַז די שרעקלי-כע פויפעריזירונג פון זיי, לאָזט זיך נישט בלויז צוריק פיהרען אויף דעם רשות פון די גויים. דער ציוניזם וועט בעווייזען, אַז דער יודישער ווירטשאפטליכער

פאלקסאָרגאניזם איז פולקאָמען אוננאָרמאל, אַז צוליב דעם ווירקען פערשידענע, אָפט-מאָלס אָביעקטיוו בערעכטיגטע צערשטערונגס-כחות, וואָס מוזען מאַכען וואָס אַמאָל אַלץ מעהר אונזער גאַנצע עגזיסטענץ פּראָבלעמאַטיש — און אַז די איינציגע אמתע לעזונג פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז נור מעגליך דורך דער פולקאמענער פערענדערונג פון דעם יודישען ווירטשאַפטליכען לעבען, פון זיין נאָרמאניליזאַציע און פּראָדוקטיוויזאציע און אַז דאָס איז נור מעגליך דורך א אויפבוי פון א אייגענער געזונטער ווירטשאַפט אין א״י.

ג) פונ׳ם קולטורעלען שטאַנדפונקט: די זעלבע „דיאלעקטיק״-דאָס זעלבע צוויי-פּאַזען סיטעם חזר׳ט זיך אויך איבער אין דעם קולטורעלען לעבען פון יודען.

אין דער ערשטער תקופה האָט די עמאַנציפּאציע בלי כל ספק אַריינגעבראַכט אינ׳ם יודישען לעבען ליכט און קולטור. דאָס יודישע קולטורעלע לעבען איז דאמאלס געשטאַנען בשפל-המדרגה. בעת דאָס דייטשע פאָלק למשל האָט ארויסגעבראַכט פון זיך אַזעלכע מענער ווי לעסינג, געטע, שילער, קאנט פיכטע און העגעל, האָבען די יודען צווישען זיי געפיהרט א מחלוקת איבער דעם נוסח, פון... קימפּעטבריוולעך.

עס איז דאַדורך קיין וואונדער נישט, וואָס די יוגענד האָט זיך מיט גרויס אימפּעט אריינגעכאַפּט אין דער מאָדערנער קולטור. זיי זענען ממש געוואָרען פערשכורט פון איהר.

דער טיפשטאנד פון דעם יודישען גייסטיגען לעבען אין יענער צייט און דער בערך-דיגער הויכשטאנד פון דער אייראפּעאישער קולטור האָבען געשאַפען יענע שפּאַנונג, וואָס עאָט געמוזט ערצייגען די השכלה בעוועגונג. די דאָזיגע בעוועגונג האָט בלי כל ספק רעוואלוציאָניזירט דאָס גאַנצע יודישע לעבען און נישט איין שעהנע בלום האָבען מיר איהר צו פערדאַנקען.

אָבער באַלד האָבען זיך די פערשכור׳טע אויסגעניכטערט און די ווירקליכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר געננוג טרויריג.

די יודען האָבען אויפגעטפלאַנצט אויף זייערע גאַנץ אייגענאַרטיגע (כ׳וואלט געזאָגט אָריענטאַלישע) נשמות א פרעמדע קולטור. זיי האָבען זי אין דער אייגענער נשמה נישט אָרגאַניש פערוועבט, נור מעכאַניש פערבונדען. די יודישע נשמה איז געוואָרען פערקריפּעלט — — און דער יודישער כאראקטער פערוואָהרלאָזט. און דאָס האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף די אַרומיגע פעלקער. דער יודישער תוכן האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מעהר פערוואסערט און די אייראָפּעאישע קולטור האָט זיך נישט „אקלימאטיזירט״. די וועלכע האָבען געוואָלט מציל זיין דעם יודישען תוכן, האָבען זיך פערשטרוקט אין א סתירה פון „יוד זיין און מענש זיין״ („היה יהודי באהליך — ואדם בצאתך״) און די וועלכע האָבען געוואָלט „פערדויען״ די אייראָפּעאישע קולטור האָבען זיך מיט אַלע כחות געזוכט אַרויסצורייסען פון דער יודישער סביבה און האָבען דורך

זייער אויפדרינגליכקייט נאָך אָבגעשטויסען פון זיך מאַנכע גרויסע גייסטער: (עס איז זיכער קיין צופאַל נישט, וואָס שאָפּענהויער, ניעטשע, וואַגנער א. א. זענען געווען „קולטורעלע אנטיסעמיטען"). די פעלקער האָבען אפשר א בעסער עמפינדען פאר אונז. זיי פיהלען מעהר ווי מיר מאַנכע נעגאַטיווע ערשיינונגס־פאָרמען פון דעם „יודישען גייסט". די יודישע באַדענקלאָזיקייט, חריפות, פלפּו־ליסטיק, ציניזם און ניהיליזם ווירקען אַבסאָלוט אבשטויסענד.

ווער עס וויל, קען נאַטירליך אין אלץ לייקענען. ער קען זאָגען, אַז דער אַזויגערופענער קולטורעלער־אַנטיסעמיטיזם איז נור אַ פערמאַסקירטער קאָנקורענץ־קאמף. מיר ווילען געוויס נישט לייקענען, אז די קאָנקורענץ צווישען די פרייע פראָפעסיעס שפילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם אראנזשירען פון דעם „גייסטיגען אנטיסעמיטיזם". מיר האָבען דערויף איבען אנגעוויזען — און ווילען דאָס געזאָגטע אַבסאָלוט נישט אָבשוואכען, פונקט אַזיווי עס פאלט אונז גאר נישט איין, צו פערטיידיגען דעם „קולטורעלען אַנטיסעמיטיזם".

אָבער מיר טאָרען זיך אויך נישט פערמאַכען די אויגען איבער אמת'ן, מעגען זיי אונז זיין גאָר אונאַנגענעהם.

ערשט דער ציוניזם וועט אונז בעווייזען, אַז די ווירקליכע, שעפּפערישע קולטור קען נישט זיין א אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע. זי איז מיט טויזענד פעדים פערקניפּט און פערבונדען מיט'ן פאָלקסלעבען. א אמת'ע יודישע קולטור אין מאָדערנעם זין קען נור ענטשטעהן און זיך ענטוויקלען, אויב זי וועט אַרויסשטראַהלען פון דעם געזונדען, נאָרמאַלען און נאַטירליכען יודישען פאָלקס־לעבען — — און דאָס איז נור מעגליך אין א"י. *)

אָט אַזוי שטעלט זיך אונז פאָר דער ציוניזם אַלס אַ געשיכטליכער פראָצעס, וועלכער דרינגט אַרויס פון די פאָלקסנויטען, וועלכע דאָס פאָלקס לעבען האָט ערצייגט, וואָס זוכט אַ ראַדיקאַלע לעזונג אויף דעם פראגענ־קאָמפּלעקס וואָס הייסט: יודענפראַגע.

*) אין דער שפּעטערער ענטוויקלונג וועלען מיר זעהען, אז די אויבען דערמאהנטע געזיכטספּונקטען, לויט וועלכע מיר האבען בעטראכט איין פראגע, די יודענפראגע, דער פּאליטישער, עקאנאמישער און קולטורעלער געזיכטספּונקט, האבען געבילדעט צענטערן, ארום וועלכע עס האבען זיך דיפערענצירט די ציוניסטישע פּארטייען, הויפּטזעכליך פאר'ן וועלטקריעג. די „פּאליטישע ציוניסטען" האבען זיך בלויז פערקוקט אויף דער פּאליטישער זייט; די „קולטור ציוניסטען" אויף דער קולטורעלער זייט, און די לינקע גרופּען אויף דער סאציאל עקאנאמישער זייט פון דער יודענפראגע. נאך דעם וועלטקריג וועלען גאנץ אנדערע פּראבלעמען, אין ערשטער ריי די פּראקטיש פּאליטישע און אויפבוי פראגען בילדען מיטעלפּונקטען, ארום וועלכע עס וועט זיך שטארק דופערענצירען די ציוניסטישע בעוועגונג.

דאָס ניינצעהנטע און צוואָנציגסטע יאָהר־הונדערט האָט די יודענפראַגע שטאַרק פערשאַרפט און האָט זי געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אָבער דאָס זעלבע יאָהר־הונדערט האָט אויך געשאַפען דעם כלי־זין פאַר דעם יודישען פאָלק און פאַר די נישט־יודען, ראַדיקאַל צו לעזען די יודענפראַגע. דער דאָזיגער כלי־זין איז דער ציוניזם. ער העבט אויף די סתירות אין דער יודישער ענטוויקלונג און שליסט דעם רינג פון דער „דיאַלעקטיק”. ער איז דער סינטעז צווישען „איירָאָפּאַ” און „יודענטום” צווישען דעם יודישען עבר אין זיין עתיד.

ערשטער אבשניט.

די פארלייפער פונ'ם מאָדערנעם ציוניזם אינ'ם XIX יאָהרהונדערט.

אריינפיהר

פונקט אַזויווי יעדער גרויסער שטראם זעצט זיך אייגענטליך צונויף פון קליינע וואַסערן, פונקט אַזוי האָט יעדע געזעלשאַפטליכע בעוועגונג איהרע קליינע אנהויבען, וועלכע קומען פון פערשידענע זייטען, און צוליב פערשידענע סבות און וועלכע גיסען זיך צונויף אין איין מעכטיגער בעוועגונג. פון פערשידענע סביבות, פון מזרח און פון מערב, פון יודען און נישט-יודען זענען אויפגעשטאַנען במשך פון דעם XIX יאָהר-הונדערט מענער, וועלכע האָבען בעטראַכט די יודענפראַגע פון פערשידענע זייטען און האָבען געפרעדיגט דער שיבת-ציון געדאַנק.

אָבער אויך מאַנכע פּאַסירונגען און קאָמפּליקאַציעס אויף דעם נאָהנטען מזרח האָבען געמאַכט אַקטועל דאָס א"י-פּראָבלעם. די דאָזיגע מענשען און פּאַסירונגען, הגם זיי זענען געווען זעהר אינטערעסאַנט און לעהררייך, האָבען דאָך נישט בעוויזען אַרויסצורופען אַ גרויסע פאָלקס-בעוועגונג. „לא איכשרא דרא לכך". זיי זענען געווען בלויזע פארלייפער פונ'ם ציוניזם, און האָבען אַלס אַזעלכע זייער ווערט און וואגיקייט. עס וועלען ערשט קומען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ביים סוף פונ'ם XIX יאָהרהונדערט, עס וועט ערשט געבוירען ווערען יענער מאַן, וואָס וועט, טיעף ענטוישט איבער דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור, שענקען דער יודענפראַגע זיין גאַנצע ענערגיע, טאַלענט און איבערגעגעבענקייט און ערשט דאַמאָלס וועלען רייף ווערען די בעדינגונגען פאַר דעם ענטשטעהען פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

בהסכם מיט די פערשידענע לעבענס-בעדינגונגען האָבען געהאַט די „פּאָרלייפער" אַ אַנדערען פּרצוף אין מערב און אַ אַנדערען אין מזרח. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער „מערב" האָט אין דע ערשטער העלפט פונ'ם XIX יאָהרהונדערט געשפּילט אַ פּיעל אַקטיווערע ראָל ווי דער „מזרח" אפשר האָט יצחק גרינבוים רעכט, ווען ער זאָגט, אַז די בעפרייאונג קומט קיינמאָל נישט פון די אונטערדריקטע גופא, אַז טיילווייז בעפרייטע מוזען געבען דעם ערשטען שטויס, אַז די אונטערדריקטע זאָלען זיך אַליין בעפרייען. ווי האָבען געזאָגט חז"ל: „אין החבוש מתיר עצמו מבית האסורים".

און דער צופאל האָט דוקא געוואָלט, אז דער ערשטער פראקטישער שריט, וועלכער איז געווען בלויז א אנזאָג פון דער קומענדיגער נאַציאָנעלער בעוועגונג, זאָל ווערען געמאַכט אין דעם ווייטען מערב. מיר מיינען דעם אינ־טערעסאנטען און פעראיינצעלטען פרוב פון א יודישער שטאטסגרינדונג, וועלכע איז געוואָרען אונטערגענומען אינ׳ם אָנהויב פון XIX יאָהרהונדערט דורך א אמעריקאַנער יוד, מ ר ד כ י ע מ נ ו א ל נ ח. ער האָט גע־לעגט דעם ערשטען גרונדשטיין פאַר אַ אונאַבהענגיגע יודישע מלוכה ביי בופאלא אויף דער אינזעל גראנד איסלאנד אונטער דעם נאָמען „אראראט" (אַ זכר צום ביבלישען אַררט, וואו נח׳ס תיבה איז געבליבען שטעהען).

מרדכי עמנואל איז געבוירען געוואָרען און פילאדעלפיאַ אינ׳ם יאָהר 1785 און איז געשטאָרבען 1851 אין ניו־יאָרק. ער איז געווען אַ אַדוואָקאַט, א שריפטשטעלער און אַ פּאָליטיקער. דורך זיינע ווייטע בעציהונגען האָט ער געקענט געניי די לאַגע פון די יודען אויף גאר דער וועלט. ער האָט געגלויבט אין ביאת משיח, אָבער, וועלענדיג שאַפען אויף דערווייל אַ „נאַכט־אזיל" פאַר די אונטערדריקטע יודען (זעה שפעטער דעם אוגאַנדאַ פראיעקט !), האָט ער צוזאַמען מיט זיין חבר אַ קריסט, ל ע ג ע ט, אָבגעקויפט אַ שטיק לאַנד פון 2.550 אַקער פאַר׳ן פרייז פון בערך 17.000 דאָלאַר ביי דעם שטאט בופאלא, מיט דער כונה צו גרינדען דאָרט אַ יודישען ישוב.

חודש תשרי תקפ"ו (סעפטעמבער 1825) האָט ער אָבגעדרוקט א אויפרוף אין אַלע צייטונגען פון אייראָפּאַ און אמעריקא, אין וועלכען ער האָט אויפ־געפאָדערט אלע יודען זיך צו בעזעצען אין דער נייער געמיינשאפט. די וואָס ווילען פאָהרען קיין „אראראט" דארפען זיך פערעיסטרירען אונטער דער אויפ־זיכט פון זייערע רבנים. לויט דער פאָרגעשלאָגענער „קאָנסטיטוציע" דארפען אלע יודען, סיי אייראָפּעאישע, סיי „שווארצע" (פון אינדיען און אפריקא) און אפילו די שומרונים און קראאיטען זיין גלייכבערעכטיגט. יעדער נייער „בירגער" מוז זיך בעשטייערן מיט דריי שקלים (איין דאָלאַר בערך). קיינער טאָר נישט מעהר האָבען ווי איין ווייב. א. א. וו. — אלס העלפער פאַר זיינע פלענער האָט ער בעשטימט בעריהמטע יודישע פערזענליכקייטען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, אונטער אַנדערע אויך דעם פראָפ. צונץ.

פאַקטיש האָט מען דעם 14 סעפטעמבער 1825 „געעפענט" די נייע יודישע מדינה אונטער אַ גרויסען פּאַראַד. די פייער, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַ קלויסטער האָט פערזאַמעלט אַ גרויסען עולם פון יודען און נישט־יודען. לזכרון עולם האָט מען אויפגעשטעלט אַ שטיין מיט פאָלגענדער העברעאישער און ענגלישער אויפשריפט:

„שמע ישראל ד׳ אלהנו ד׳ אחד

Ararat

Founded by Mordecaj Manuel Noah in the Mouth Tisri 5586, Sept. 1825, in the 50 year of American Independance"

(אראראט
געגרינדעט דורך מרדכי עמנואל נח אינ׳ם חודש תשרי תקפ״ו, סעפ. 1825 אינ׳ם פיפציגסטען יאָהר נאָך אמעריקאס בעפרייאונג).

נח עמנואל האָט געהייסען ווייטער שיקען די חלוקה-געלדער קיין א״י בכדי ווייטער אויפרעכט צו ערהאַלטען דעם קשר פון יודען מיט׳ן לאַנד פון די אבות. —

דער דאָזיגער פרוב האָט זיך נאַטירליך נישט איינגעגעבען — ווי יעדער סתם טעריטאָריאליסטישער עקספערימענט–און טראָצדעם האָט נח עמנואל נאָך דורך לאַנגע יאָהרען נישט אויפגעגעבען זיין פלאַן.

אינטערעסאַנט איז, אַז ער איז שטאַרק געוואָרען בעקעמפט דורך מאַנכע רבנים פון פראַנקרייך. אפילו זיין אידעאַלער „ברודער" זאַנגוויל האָט איהם זעהר איראָניש בעהאַנדעלט אין זיין בוך „די טרוימער פון געטא."

פערטער קאַפּיטעל:

די פּאָליטישע לאַגע אינ׳ם נאָהנטען מזרח אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם XIX יאָהרהונדערט.

דער נאָהנטער מזרח איז אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם XIX יאָהרהונדערט געווען דער שויפּלאַץ פון פערשידענע פּאַסירונגען און פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע וואָלטען געקענט ווערען אויסגענוצט לטובת פון דעם ציוניזם, ווען עס וואָלט עקזיסטירט אַ שטאַרקע און אָרגאַניזירטע ציוניסטישע בעוועגונג. די דאָזיגע געשעהענישען האָבען געמאַכט אַקטועל, הויפּטזעכליך פאַר די ענגלישע פּאָליטיקער, דעם געדאַנק וועגען דער קאָלאָניזירונג פון א״י דורך יודען. מען טאָר נישט פערגעסען, אַז ענגלאַנד האָט זייט לאַנגע יאָהרען געפיהרט אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל איהר זיכערן דעם וועג קיין אינדיען. ענגלאַנד איז אַלזאָ געווען פעראינטערעסירט, אַז ביי דער אויפטיילונג פון דער טירקיי, וועלכע האָט שטענדיג בעשעפטיגט די עפענטליכע מיינונג פון ענגלאַנד, זאָלען געזיכערט ווערען די ענגלישע אינטערעסען. די דאָזיגע פּאַסירונגען, וועלכע מיר וועלען ברענגען בקצור נמרץ, האָבען בלויז וואַך געהאַלטען די ענגלישע אויפמערקזאַמקייט און זי כמעט אויטאָמאַטיש געלענקט אויפ׳ן ציוניזם.

אונטער דער רעגירונג פון פּאַלמערסטאָן איז עס געלונגען מחמד אלי פונ׳ם יאָהר 1830—1831 אויפצושטעלען אַ אַרמעע פון הונדערט טויזענד מאַן און צו בעזעצען סיריען. ער האָט מודיע געווען אַלע קאָנסולען, אַז ער וויל זיין אונאָבהענגיג און האָט פערלאַנגט פאַר זיך און זיין פאַמיליע מצרים לעולם ועד און סיריען בלויז פאַר זיך לעבענסלענגליך. אינ׳ם יאָהר 1839 האָט ער אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון. דאַמאָלס איז זיך צונויפגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די 5 גרויסע מלוכות: ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען, וואו מען האָט געזאָלט ענדגילטיג ערלעדיגען די גאַנצע אָריענט פראַגע.

אויף דער קאָנפערענץ איז ענטשטאַנען אַ געגענזאַץ צווישען די אינטערעסען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. פראַנקרייך האָט געהאַלטען מיט מחמד-אלי, ווייל זי איז נישט געווען פעראינטערעסירט אין דער אויפרעכט-

ערהאַלטונג פון דער טירקיי. ענגלאַנד דאַגעגען האָט געהאַלטען, אַז די תיכף׳דיגע אויפטיילונג פון דער טירקיי ליגט נישט אין די אינטערעסען פון ענגלאַנד. דאַדורך איז ענגלאַנד געשטאַנען אויף דער זייט פון דער טירקיי. כדי צו בעזייטיגען דעם אינטערעסען-געגענזאַץ האָבען מאַנכע ענגלישע קרייזען פאָרגעשלאָגען צו קאָלאָניזירען א״י דורך יודען. דאָס וואָלט נאָך נישט געהייסען די אויפטיילונג פון דער טירקיי און וואָלט פון דער אַנדערער זייט געזיכערט די אינטערעסען פון ענגלאַנד.

אינצווישען האָבען די דרוזען אין קריסטען געמאכט א אויפשטאנד אין סיריען. די פיער גרויסע מלוכות (אחוץ פראַנקרייך) האָבען געשיקט א אולטי-מאַטום צו מחמד אלי און צוגלייך בלאקירט עכו. נאָך אייניגע חדשים האָט זיך דער קאַמף פערענדיגט. איצט איז ערשט רעכט ארויף אויף דער טאָג-אָרדנונג די סירישע פראַגע. עס ענטשטעהט א געוויסע בעוועגונג אין ענגלאנד צו מאַכען סיריען זעלבשטענדיג. דאָך האָט זיך געמוזט ענגלאַנד דערפון אָב-זאָגען: 1) צוליב דעם, ווייל סיריען איז געווען זעהר ריקשטענדיג און איז אבסא וט נישט געווען צוגעגרייט אליין אָנצופיהרען מיט די מלוכה אַנגעלע-גענהייטען. 2) וואָלט מען אבגעריסען סיריען פון דער טירקיי, וואָלט מען בע-דאַרפט צו צאָהלען איהר ענטשעדיגונג.

וואָלט עקזיסטירט דאַמאלס א ציוניסטישע בעוועגונג, אזוי וואָלט זי געווען געקענט אויסנוצען דידאָזיגע קאָניונקטור. דאמאָלס וואָלטעןביידע פראָבלעמען פערשוואונדען. יודען זענען אלס אייראפעאישער עלעמענט געוויס „רעגירונגס-פעהיג״ און וואָלטען גערן אויף זיך גענומען די ענטשעדיגונגס פראַגע.

א סך ענגלישע פאָליטיקער האָבען סאקי פון דעם דאָזיגען שטאנפונקט אויס פלעדירט פאר׳ן ציוניזם.

באלד איז אָבער ענטשטאנען א „יודישע פראַגע״ אויף דעם נאָהנטען מזרח, וועלכע האָט שוין דירעקט בעריהרט די יודען. מיר מיינען דאָס בלוט-בלבול פון דמשק און פון ראדוס.

אין דמשק איז פערשוואונדען א גלח מיט׳ן נאָמען טאמאס און אויף דער אינזעל ראדוס איז „פערלוירען״ געוואָרען עפיס א קריסטליך קינד. די דאָזיגע ביידע עובדות האָבען ארויסגערופען א מורא׳דיגען בלוטבלבול אויף יודען. די גאנצע קולטורעלע וועלט איז געוואָרען אויפגערודערט. מיט רעכט האָט מען אנגעוויזען אַז א עלילת-דם איז א שאנדפלעק פאַר דער קולטורעלער מענשהייט און אז מ׳מוז רעטען די יודען פון דעם בארבארישען טערקישען רעזשים. אין ענגלאַנד האָט מען געפאָדערט, אַז ענגלאנד זאָל איבערנעהמען דאָס פראָטעקטאראט איבער די יודען. אין דעם צוזאמענהאנג האָט מען אויך בעריהרט די פראַגע פון דער קאָלאָניזאַציע פון א״י. דעם דאָזיגען גע-דאַנק האָט שטאַרק פראָפאַגירט — ליידער אָהן א פראקטישען ערפאָלג — משה מאנטעפיאָרע. (זעה ווייטער זייט 24)

אינ׳ם יאָהר 1840 האָט זיך פערענדיגט דער קאַמף מיט מחמד-אלי ער האָט בעקומען דאָס „קעדיוואַט" פון מצרים און האָט געמוזט פערלאָזען סיריען. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז ווידער לעבעדיג געוואָרען אין ענגלאַנד דער געדאַנק צו קאָלאָניזירען א״י דורך יודען. די „טיימס" האָט אסך אר־טיקלען דעריבער פערעפענטליכט, פערשידענע מעמאָראַנדען האָט מען געשיקט צו דער רעגירונג. מען האָט אויך געשאַפען אונטערזוכונגס־קאָמיסיעס, כדי גענוי אויסצופארשען די לאַגע פון די יודען.

ווי ווייט ערנסט די דאָזיגע בעוועגונג איז געווען, בעווייזט דער פאַקט, וואָס זי האָט נישט אויף אַ שפּאַס בעאונרוהיגט... די יודיש אסימילאטאָרישע קרייזען אין דייטשלאַנד. שוין דאַמאָלס האָבען זיי ארויסגעריקט דעם אַרגומענט, אַז דורך דער ערָאבערונג פון א״י דורך יודען, קענען די לעצטע פערלירען זייע־רע בירגערליכע רעכט אין זייערע וואוינלענדער.

אָבער די ענגלישע פּאָליטיקער האָבען זיי געזוכט צו בערוהיגען. אין דער „טיימס" איז ערשינען א ארטיקעל, אונטערגעשריבען דורך א „גרויסע פּאָליטיקער", אין וועלכען עס ווערט אויסדריקליך געזאָגט, אַז די קריסטען וואָס ווילען העלפען די יודען אין דער קאָלאָניזאַציע פון א״י, האָבען נישט בדעה צו פערשמעלערן די יודישע רעכט אין די בּיזאיצטיגע וואוינלענדער.

אַז די דאָזיגע געשעענישען האָבען געקאָנט האָבען אַ פּראַקטישע בעדייטונג פאַר׳ן ציוניזם, בעווייזט פאָלגענדער פאַקט: אינ׳ם יאָהר 1860 האָבען מאהמעדאנער געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף קריסטען אין דעם געביט פון לבנון. אַזויווי די טירקישע רעגירונג האָט זיך פערהאַלטען פּאַסיוו האָבען די גרויסמאכטען, נאָך דעם אבשלוס פון דעם „פּראטאקאָל פון 3 אויגוסט" בעזעצט דאָס דאָזיגע געביט און געהאַלטען עס דורך 6 חדשים, ביז עס איז געוואָרען הערגעשטעלט רוה און אָרדנונג. כדי צו שאַפען די זיכערהייט, אַז אַזעלכע געשעהענישען וועלען זיך נישט איבערחזר׳ן, האָט מען געצוואונגען די טירקיי צו געבען דעם דאָזיגען געביט אַ אייגענע פערפאַסונג מיט אַ גענוג ברייטער אויטאָנאָמיע.

צי וואָלטען די גרויסמאכטען נישט געקענט צווינגען די טירקיי צו געבען א״י אַ אייגענע פערפאַסונג מיט ברייטע קאָלאָניזאַציע־מעגליכקייטען פאַר יודען? נישט נור זיי וואָלטען דאָס געקאָנט טהוען, נאָר דאָס איז אפילו געלעגען, ווי מיר האָבען אויבען אנגעוויזען, אין זייער אייגענעם אינטערעס.

צוליב אָביעקטיווע טעמים, צוליב דעם מאַנגעל פון אַ אָרגאַניזירטער ציוניסטישער בעוועגונג, האָט דאָס נישט געקאנט רעאַליזירט ווערען, אבער שוין די בלויזע מעגליכקייט, שוין די בלויזע פּאָליטישע דיסקוסיע, האָט געשאַפען גרויסע סימפּאַטיעס פאַר׳ן ציוניזם אין ענגלאַנד און אין אַנדערע מלוכות.

פיפטער קאַפּיטעל:

די ציוניסטישע פּאָרלייפער אין ענגלאַנד.

אונטער די ענגלישע פּאָליטיקער געפונען מיר פיל מענשען, וואָס האָבען במשך פון דעם XIX יאָהרהונדערט געפּרעדיגט דעם ציוניסטישען געדאַנק. דאָס לאָזט זיך צוריקפיהרען נישט נור אויף דעם אָביעקטיווען אינטערעס פון ענגלאַנד, אויף וועלכען מיר האָבען אָנגעוויזען אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל. לאָמיר נישט פערגעסען, אז ענגלאַנד האט זייט תמיד געהאט א סענטימענט פאר׳ן „עם עולם” און פאר׳ן „עוויגען בוך”, די ביבעל. ענגלאַנד׳ס אינטערעס, צו זיכערן זיך דעם וועג, וואָס פיהרט פון קיירא קיין אינדיען איז צונויפגעלאָפען מיט יענעם סענטימענט, וואָט איז טיעף פערוואורצעלט אין דער ענגלישער נשמה. דער ציוניזם וועט אין זיין ענטוויקלונג געפונען אין ענגלאַנד שטענדיג אויפריכטיגע פריינד, וואס וועלען איהם העלפען אויף זיין שווערען וועג.

שוין דער גרויסער פרייהייטס דיכטער לארד בייראָן (1788–1824) האָט ביטער געקלאָגט אין זיינע „העברעאישע געזאנגען” איבער דעם גורל פון יודען:

„די ווילדע טויב האָט איהר נעסט,
דער פוקס זיין הייל,
פעלקער האָבען זייער היימאט,
ישראל נור זיין קבר...”

א גאר בעדייטענדע ראלע האט געשפילט בנימין דיזראעלי (לארד ביקאנספילד). הגם זיין פאָטער איז איבערגעטרעטען צום קריסטליכען גלויבען, צוליב א סכסוך מיט דער קהלה, האָט בנימין דיזראעלי קיינמאל נישט אָבגעלייקענט, נור פערקערט שטענדיג אונטערגעשטראכען, זיין יודישע אבשטאמונג. ער איז געווען שטארק בעגייסטערט פון דער יודישער ראסע. „די קריסטליכע אמונה” פלעגט ער צו זאָגען „איז דאס יודענטום פאר די מאסען”. זיין פראָציוניסטישע געזינונג האָט געפונען איהר אויסדרוק אין דיביידע פון איהם אנגעשריבענע ראמאנען „טאנקרעד” און „דוד אלראי”. בנימין דיזראעלי האָט טיעף געגלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דעם יודישען פאלק.

אויף דעם בערלינער קאָנגרעס האָט בנימין דיזראעלי אויסגעאיבט, אלס ענגלישער מיניסטער, דעם גרעסטען דרוק אויף רומעניען, אז יודען זאלען דארט ווערען בעסער בעהאנדעלט. רומעניען האט זיך דערצו אויך — אויפ'ן פאפיער — מתחיב געווען.

בנימין דיזראעלי האט פערפעסטיגט די וועלטמאכט-שטעלונג פון ענג-לאנד און ער ווערט דארט געפייערט אלס דער גרעסטער פאָליטיקער, וואָס האָט ווען עס איז געווירקט אין ענגלאנד.

אונערמידליך פאר'ן ציוניסטישען רעיון האָט געווירקט און געקעמפט דער גרויסער ענגלישער מלוכה-מאן לארד שאפטסבורי (1801—1885). אין זיינע טאגביכער 1830—1840 געפונט זיין אונערשיטערליכער גלויבען א אָבקלאנג, אז יודען וועלען אַמאָל צוריקקערען קיין א״י. ער האָט פערלאַנגט א שוץ פון די גרויסמאַכטען פאַר דעם יודישען אויפבוי פון א״י. אין דעם זין האט ער פערהאַנדעלט מיט דער ענגלישער רעגירונג, מיט לארד פאלמערסטאָן, אָבער אויך מיט'ן וויצע קאָנסול פון ירושלים יאָנג. שוין אלס 82 יעהריגער זקן האָט ער זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון א אָרגאניזאציע, וואָס האָט געהאט דעם צוועק, צו בעשעפטיגען יודען אין א״י אויף א פראדוקטיווען אופן.

צוזאמען מיט'ן גרויסען קריסטליכען פריינט פונ'ם יודענטום שאפטסבורי האָט אויך געלעבט און געווירקט א גרויסער יוד, סער משה מאנטעפיא-רע. ער איז געבוירען אינ'ם יאָהר 1784 און איז געשטאָרבען אלס 101 יעהרי-גער זקן אין ראמבסגייט אין ענגלאנד. ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה און פילאנטראפּ און א אונערמידליכער קעמפער פאַר די רעכט פון יודען אויף גאָר דער וועלט.

צוזאמען מיט ראָטשילד און גאָלדשמיט האָט ער נאָך געקעמפט פאר די גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען אין ענגלאנד. צוויי מאָל — אין דעם יאָהר 1846 אין 1872, האָט ער אינטערוועניר בײ די רוסישע צאַרען לטובת פון די רו-סישע יודען. אין דעם יאָהר 1858 האָט ער געהאַט א לענגער געשפרעך מיט'ן פויבסט און האָט איהם געבעטען הילף פאַר יודען. 1867 האָט ער ווידער אינ-טערווענירט אין רומעניען לטובת די רומענישע יודען.

זיין ליבע צו א״י איז געווען אונבעשרייבליך. זיבען מאָל איז ער גע-פאָהרען קיין א״י, צולעצט אלס 91 יעהריגער זקן צוזאמען מיט זיין פרוי יהודית און זיין סעקרעטאר דר. לעווי. נישט געווען קיין ווינקעל אין א״י, וואו ער זאָל נישט געווען האָבען איינגעגריפען און געהאָלפען מיט א ברייטער האַנד.

ווען ער איז געקומען קיין א״י איז פאר די דארטיגע יודען געווען א גרויסער יו״ט. זיי פלעגען קושען זיינע קליידער. ער האָט געבויט פערשידענע בתי כנסיות אין ירושלים און האָט געלאָזט אויפשטעלען א אהל אויף קבר

רחל. ער האָט אויך געגרינדעט די ערשטע יודישע בוכדרוקעריי אין ירושלים און אָבגעקויפט נישט ווייט פון דארט לאַנדווירטשאפטליכען באָדען.

משה מאנטעפיארע האָט אויך אונטערהאַנדעלט מיט מחמד אלי און בעת דעם בלוטבלבול פון דמשק האָט ער אינטערווענירט ביים סולטאן און ארויס־בעקומען פון איהם א שריפט, אז יודען זענען אונשולדיג.

סער משה מאנטעפיארע איז געווען א רעליגיעזער יוד, ער האָט געדאַ־ווענט יעדען טאָג אין שוהל, האָט אָבגעהיט שבתים און ימים טובים און איז געווען נזהר אויף כשרות.

זאָלען נאָך דערמאנט ווערען פאלגענדע אַקטיווע און אייפריגע פראָפּאַ־גאַטאָרען פון דער ציוניסטישער אידעע אין ענגלאַנד. קאָלאָנעל גוילער, וועלכער האָט אין זיין בוך: Trausquilliration of Syria and the East געקלאָגט אויף דעם חורבן פון סיריען און האָט אויסגעדרוקט די איבערציי־גונג, אַז יודען וועלען דאָס לאַנד אויפבויען. ער האָט פערלאַנגט א ברייטע אויטאָנאָמיע פאַר יודען. צוזאַמען מיט מאָנטעפיאָרען האָט ער געגרינדעט אַ יודיש — קריסטליכע פּאַלעסטינא־געזעלשאַפט.

דאַן דער אונערמידליכער קאָלאָנעל קאנדער און דער גענעראַל טשארל ווארען.

דער אַקטיווסטער פון אַלע איז אָבער געווען סער לאָרענס אליפאנט, אינ'ם יאָהר 1879 האָט ער פערעפענטליכט אַ ביכעל „דאָס לאַנד גלעד", אין וועלכען ער ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ זעהר גוטער קענער פון א"י. ער האָט פערלאַנגט פון דער טירקיי $1^1/_2$ מיליאָנען אַקער אין מזרח־הירדן, כדי צו בעזעצען דאָרט יודען, וועלכע דאַרפען מיט דער צייט בעקומען אַ ברייטערע אויטאָנאָמיע. ער האָט שוין אפילו בעקומען אַ צוזאָג פון דער טירקיי, נור אַ רעגירונגס־וועקסעל, וואָס איז אינצווישען פאָרגעקומען, האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע פּלענער.

ביים אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע־בעוועגונג פון רוסישע יודען, אינ'ם יאָהר 1882, פאָהרט ער אַריבער קיין חיפה, וואו ער וואוינט ביז צו זיין טויט (1888), אונטערשטיצענדיג, ווי ווייט מעגליך, די יונגע יודישע קאָלאָניזאַציע

ענדליך מוז נאָך דערמאהנט ווערען די שריפטשטעלערין מאריא איוועגס אונטער דעם פסעוודאנים עליאָט, וועלכע האָט מיט איהר ציוניסטישען ראמאן „דניאל דעראנדא" אויסגעאיבט אַ מעכטיגען איינדרוק.

אָט די אַלע פּאָליטיקער און שריפטשטעלער בילדען איין גאָלדענע קייט, אָן וועלכער עס האָבען זיך אנגעשלאָסען אזעלכע מענער ווי לאָרד באַלפור, לאָרד קורצאָן א. א. וו. א. א. וו.

זעקסטער קאפיטעל

די ציוניסטישע פאָרלייפער אין פראַנקרייך.

אויך אין פראַנקרייך איז געווען געווען לעבהאפט דער רעיון הציוני. פראַנקרייך האָט א גרויסע פעראינטערעסירונג לגבי סיריען און דעם פאָרדערען אָריענט און האָט שוין דאַמאָלס בעטראַכט סיריען אלס א געביט, וואָס ליגט אין איהר „איינפלוססספערע". אחוץ דעם מוז מען געדענקען, אַז א יעדע פריי-הייטסבעוועגונג געפונט א וואַרימען אָבקלאַנגביים פראַנצויזישען פאָלק. עס איז דאַדורך קיין וואונדער נישט, וואָס מאַנכע פאָליטיקער האָבען פערבונדען די ציוניסטישע פרייהייטסבעוועגונג מיט פראַנקרייכס אינטערעס אויף דעם פאָר-דערען אָריענט.

מיר האָבען צו פערצייכנען פאָלגענדע מענער:

יוסף סאלוואדאר, (1796–1873) האָט פערעפענטליכט א ציוניסטיש ביכעל אונטער דעם טיטעל: „די עסייס איבער משה". 15 יאָהר פאַר די געשעהני-שען אינ'ם נאָהנטען מזרח (1840) האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אַז סיריען וועט זיין דער צענטער פון וויכטיגע פאָליטישע פערוויקלונגען און ער האָט פערלאַנגט, אַז א"י זאָל ווערען בעזעצט דורך יודען. פונקט אזויווי אַלע גרויסע גייסטער פון זיין צייט רעדט ער אויך איבער די מיסיע פונ'ם יודענטום, אָבער ער זעהט דערינען נישט קיין סתירה צו דער ריקקער פון יודען קיין א"י

א אנדערער גרויסער פאָליטיקער ערנעסט לעהעראן דער סעקרעטאַר פון נאַפאָלעאָן דעם III., האט אָנגעשריבען א ביכעל: „איבער די נייע אָריענטאַלישע פראגע", וועלכע איז ערשינען אינ'ם יאָהר 1840. אין דעם דאָזיגען ביכל פראָפאַגירט ער די אידעע פון דער גרינדונג פון א יודישער מלוכה אין א"י און איז פול פון בעוואונדערונג פאר דער יודישער ראַסע. די יודען, מיינט ער, וואָלטען אזויאַרום פערבונדען אלע דריי וועלטטיילען און געבראַכט ליכט און קולטור אין די אָבגעשטאַנענע אָריענטאַלישע לענדער. ער האָט אויך ארויסגעלאָזט א פלאַמענדיגען אויפרוף צו די פעלקער פון אייראָפא, אַז זיי זאָלען גרינדען א גרויסע מזרח-מלוכה, פון אַבעסיניען ביז מצרים. אלס קרוין פון דער דאָזיגער מלוכה דאַרף זיין דער יודענשטאַאט.

אינ׳ם סוף פון זיין אויפרוף ווענדעט ער זיך צו די יודען, אַז זיי זאָלען בעזעצען א״י. דער דאָזיגער אויפרוף האט געמאכט א גרויסען רושם אויף משה העס.

אויך אנרעי דינאן, דער בעגרינדער פון דעם רויטען קרייץ, איז געווען א אייפריגער פּראָפּאגאַטאָר פונ׳ם ציוניזם. אינ׳ם יאָהר 1867 האָט ער ארויסגעלאָזט א אויפרוף צו די ענגלישע יודען, אַז זיי זאָלען אוטערשטיצען די קאָלאָניזאציע פון א״י. אין דעמזעלבען יאָהר האָט ער געגרינדעט די ערשטע פאַלעסטינא-פאָרשונגסגעזעלשאַפט. ער האָט זוכה געווען צו זיין אנוועזענד ביי דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, וואו ער האָט, טיעף גערירט בעשיינפערלעך געזעהן, ווי זיין אידעע ווערט פערווירקליכט. דער קאָנגרעס האָט איהם אויך געמאַכט א שטורמישע אוואַציע.

א בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט פערדינט די טעטיקייט פון יצחק קרעמיאָ. דער דאָזיגער פּאָליטיקער און עסקן איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1796 אין ניעמס, דרום פראנקרייך און איז געשטאָרבען אינ׳ם יאָהר 1880 אין פּאַריז. אַלס יונגעל האָט ער זיך א סך אָנגעליטען פון זיינע קריסטליכע חברים און דאָס האָט איהם געגעבען די שטויסקראַפט צו זיין א מליץ טוב פאַר יודען דורך זיין גאַנץ לעבען.

אינ׳ם יאָהר 1832 פיהרט ער א קאמפיין געגען די רעגירונג, ווייל זי האָטצוגעלאָזט, אז די פראנצויזישע יודען, וואָס וואוינען אין דער שווייץ, זאָלען נישט געניסען פון די זעלבע רעכט, וואָס זייערע ברודער אין פראַנקרייך. ער האָט אָרגאַניזירט א דעפּוטאציע פון 150 יודען, וועלכע האָבען, מיט קרעמיאי בראש, אינטערווענירט ביים קעניג. דער קעניג האָט צוגעזאָגט זיין הילף און דאָס האָט איהם געגעבען מוט, ווייטער פאָרטצוזעצען זיין קאַמף געגען די רעגירונגען.

ערשט אַז עס איז געשלאָסען געוואָרען דער פריינדשאַפטסבונד צווישען פראַנקרייך און דער שווייץ האָט ער ערייכט זיין ציעל. די דאָזיגע פאָרדערונג איז געווען א בפירושדיגער תנאי פון דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכער איז נאַטירליך געוואָרען מקוים

ער אינטערווענירט אויך אינ׳ם יאָהר 1840 לטובת די יודען בעת דעם בלוטבלבול פון דמשק.

אָבער זיין וויכטיגסטע טאַט איז געווען די גרינדונג פון א אלוועלטליכער יודישער אָרגאַניזאַציע מיט׳ן נאָמען: „כל ישראל חברים“ (Alliance isrealite uniwerselle) מיט׳ן צוועק צו העלפען אַלע אונטערדריקטע יודען. שוין דער געדאַנק אַליין, אַז יודען דאַרפען האָבען אַ אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע, זעצט פאָראויס, אז זיי זענען עפּיס מעהר ווי א קאָנפעסיאָנעלע געמיינשאַפט און דאָס בעדייט א גרויסען פאָרשריט לגבי די דאַמאָלס הערשענדע בעגריפען. די אליאנס האָט זיך טאַקי און איהרע ערשטע יאָהרען בעצויגען מיט גרויס

סימפאַטיע צום ציוניזם און אז פערשידענע גרויסע גייסטער אינ׳ם יודענטום האָבען זיך צו איהר געווענדעט, אַז זי זאָל העלפען קאָלאָניזירען א״י, האָט זי אויף איהר גענעראַלפערזאמלונג אינ׳ם יאָהר 1869, אויף דעם אַנטראַג פון טשארל נעטער, בעשלאָסען, צו גרינדען די ערשטע לאַנדווירטשאַפטליכע שולע אין א״י, מקוה ישראל. ערשט שפּעטער, בעת דעם דייטש פראַנצויזישען קריג, בעת קרעמיאָ איז געוואָרען מיניסטער, און האָט זיך נישט מעהר געקענט אָבגעבען מיט דער אליאַנס, האָבען זיינע נאָכפאָלגער געענדערט פולקאמען די ריכטונג. די הויפּטטעטיקייט פון דער אַליאַנס איז איצט בעשטאַנען אין דער גרינדונג פון פראַנצויזישע שולען פאַר יודען אין צפון אמעריקא און א״י.

די דאָזיגע אַסימילאַטאָרישע ריכטונג האָט געבראַכט די אליאַנס צו א געגנערשאַפט לגבי דעם נאַציאָנאַלען לאַגער, וועלכע וועט דויערן ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

כאַראַקטעריסטיש פאַר קרעמיאָ איז נאָך פאָלגענדער פאַקט. אינ׳ם יאָהר 1865 האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער ארויסגעגעבען זיין ביכעל: „דאָס לעבען פון יוליוס קייזער״. אין דער הקדמה פון דעם דאָזיגען ביכעל האָט ער פוגע כבוד געווען די יודען, שרייבענדיג, אַז דער סוף פון אַלע מורדים אין משיח׳ן וועט זיין, אזויווי דער סוף פון יודען, „וואָס האָבען געקרייציגט זייערן משיח״. קרעמיאָ האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם דאָזיגען אָבזאַץ אַזוי, אַז נאַפּאָלעאָן איז געווען געצוואונגען, צוריקצוציהען זיין פראַזע.

א גרויסע ראָל האָט אויך געשפּילט דער דערמאָנטער טשארל נעטער, געבוירען אין שטראַסבורג אינ׳ם יאָהר 1828 און געשטאָרבען אין יפו, אינ׳ם יאָהר 1882. ער איז געווען איינער פון די מיטבעגרינדער פון דער אליאַנס. אינ׳ם יאָהר 1868 האָט ער פערלאזט אַלע זיינע עסקים און איז געגאַנגען קיין א״י אין שליחות פון דער אַליאַנס, כדי דאָרט צו שטודירען די לאַגע פון די יודען. אין דעמזעלבען יאָהר האָט ער וועגען זיינע איינדרוקען געהאַלטען א רעפעראַט פאַר די מיטגלידער פון דער אליאַנס, אין וועלכען ער האָט געזאָגט, אַז דער ישוב קען נור געהאָלפען ווערען דורך ערדאַרבייט.

זיין רעפעראַט האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק אויף קרעמיאָ אוןביידע צוזאמען האָבען בעאיינפלוסט די אַליאַנס, אַז זי זאָל אָנהויבען צו אַרבייטען אין א״י. די אליאַנס האָט נעטער׳ן געגעבען 65,000 פראַנק, און עס איז איהם געלונגען אָבצוקויפען א שטיק באָדען אויף דעם וועג פון יפו קיין ירושלים, נאָך א גרויסער מיה און מעהרמאָליגע אינטערווענצען. די טירקישע רעגירונג האָט איהם אויך בעוויליגט גרויסע שטייער הנחות.

זומער 1870 איז געוואָרען געלעגט דער גרונדשטיין פון „מקוה־ישראל״. מיט דריי יונגע לייט איז ער אַראָבגעקומען און געקויפט זיך א הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען געלעבט און געאַרבייט צוזאַמען. ערשט שפּעטער איז איהם

געלונגען נאָך גרויסע אַנשטרענגונגען אויפצושטעלען די נויטיגע בנינים א. א. וו.

די אַבסאָלוטענטען פון זיין שולע האָט ער געהאָלפען מיט אַלע מיטלען, אַז זיי זאָלען זיך בעזעצען אין א"י. ער האט פאַר דעם דאָזיגען צוועק אויס־געגעבען 25000 פראַנק פון זיינע געלדער און דעמזעלבען סכום האָט אויך געגעבען גאָלדשמיד, דער פאָרזיצער פון דער אַליאַנס.

אינ'ם יאָהר 1878 האָט ער אינטערוועניערט אין בערלין לטובת די יודען. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטהוען 1880 אין מאדריד לטובת די יודען פון מאַראָקאָ. אינ'ם יאָהר 1881 איז ער געווען אין בראָד (די אַמאָליגע גרעניץ צווישען עסטרייך אין רוסלאַנד), כדי צו ארגאַניזירען די יודישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אמעריקא.

געוויסע קרייזען פונ'ם ישוב, אזוי פרומקין, דער רעדאַקטאָר פון „חבצלת" און „בן יהודה", רעדאַקטאָר פון „הצבי", האָבען נעטערן פאָרגעוואָר־פען אַז ער איז א געגנער פון אַ פערגרעסערטען יודישען ישוב אין א"י.

ער האָט געענפערט, אַז דאָס איז נישט ריכטיג, ער איז מיט'ן גאַנצען האַרץ איבערגעגעבען דעם ישוב, נור לע"ע איז נאָך דער ישוב נישט צוגע־גרייט פאַר א גרויסער אימיגראַציע.

סוף זומער איז ער געקומען קיין א"י און איז פלוצלינג געשטאָרבען אין יפו. זיין קבר ליגט אין מקוה־ישראל, זיין „ליבלינגס קינד".

זיבעטער קאַפּיטעל:

ציוניסטישע פּאָרלייפער אין דייטשלאַנד.

דער ציוניזם איז נישט געוואָרען אין דייטשלאַנד אין יענע יאָהרען אַזוי אינטענזיוו פּראָפּאַגירט ווי אין ענגלאַנד, אָדער אפילו אין פראַנקרייך. אינסבעזונדערע געפונען מיר נישט קיין וויכטיגע פּערזענליכקייט צווישען די נישט — יודען, וואָס זאָלען געווען האָבען אַגיטירט פאַר'ן ציוניזם.

די דאָזיגע עובדה איז געוויס נישט קיין צופאַל. דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס דער אינטערעס פון דייטשלאַנד אָן דעם פּראָגענקאָמפּלעקס אויף דעם נאָהנטען מזרח איז נישט געווען אַזוי גרויס ווי דער אינטערעס פון פראַנקרייך אָדער פון ענגלאַנד. די צווייטע סבה איז, וואָס די דייטשען זענען פיעל אַנטיסעמיטישער, ווי די פראַנצויזען, אָדער ענגלענדער און האָבען בכלל אַ קליין פערשטענדניס פאַר פרייהייטס-בעשטרעבונגען פון קלענערע פעלקער.

דאָך האָבען מאַנכע רעליגיעזע רבנים אין דייטשלאַנד געפּרעדיגט דעם ציוניזם. דאָ האָט אויך געלעבט און געווירקט איינער פון די טיפסטע ציוניסטישע דענקער, משה העס.

דער בעדייטענסטער צווישען די רעליגיעזע רבנים, וואָס האָבען פּראָפּאַגירט די ציוניסטישע אידעע איז געווען הערש צבי קאַלישער, דער רב פון טהאָרן.

צבי הערש קאַלישער איז געבוירען אינ'ם יאָהר 1796 אין ליסא פויזנער קאַנט) און געשטאָרבען 1874 אין טהאָרן. ער איז געווען אַ תלמיד פון ר' יעקב מליסא און פון דעם גאון ר' עקיבא איגר. אַלס רב האָט ער נישט געוואָלט נעהמען קיין פענסיע, נישט וועלענדיג מאַכען פון רבנות אַ קרדום לחפור. כמעט אַלע זיינע יאָהרען האָט ער געאַרבייט פאַר'ן ישוב אין א"י. וועגען דעם דאָזיגען ענין האָט ער אָנגעשריבען אַ סך מאמרים. באזונדערס בעקאַנט איז זיין ספר „דרישת ציון", וועלכער איז אַ צווייטער טייל פון דעם גרויסען רעליגיעז-פילאָזאָפישען ווערק אונטער דעם נאָמען „אמונה ישרה". דאָס דאָזיגע בוך צערפאַלט אין 3 חלקים: א) די

בעפרייאונג פון די יודען לויט דער הבטחה פון די נביאים ב) די בעפרייאונג פון פאָלק ישראל ע״פ דרך הטבע, ג) דער היתר פון הקרבת קרבנות אין אונזער צייט.

פאָלגענדע שטעלע אין דעם ציטירטען ווערק איז אינטערעסאַנט פאַר אַ אָרטאָדאָקסישען רב: „גלויבט נישט, אַז קדשא בריך הוא וועט פלוצלינג אַראָב פון הימעל און וועט זאָגען צו זיין פאָלק: געהט, אָדער וועט שיקען זיין משיח און ער וועט בלאָזען מיט׳ן גרויסען שופר א. א. וו. נישט אַזוי! אודאי וועט אַלץ מקוים ווערען, וואָס עס האָבען צוגעזאָגט די נביאים, אָבער דאָס וועט נישט נעשעהען בחפזון׳דיג און אין איין טאָג, נור פּאַוואָלי, פּאַוואָלי וועט קומען די גאולה.

קודם מוזען מיר בעקומען דאָס איינפערשטענדניס פון די מלוכות און דאַן לאַנגזאַם קאָלאָניזירען די יודען אין א״י״.

קאַלישער שלאָגט פאָר, אַז די יודישע פילאַנטראָפּיע זאָל גרינדען אַ קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט, וועלכע זאָל תיכף צוטרעטען צו אַ גרעסערע באָדען-קניה אין א״י. דער באָדען דאַרף געגעבען ווערען די מזרח יודען נור אין פּ א כ ט (דער געדאַנק פון קרן קימת). פערשידענע לאַנדווירטשאַפט-ליכע שולען זאָלען פאָרבערייטען די קאָלאָניסטען צו ערד-אַרבייט.

די יוגענט דאַרף בילדען אַ אייגענע „הגנה״.

ווי מיר זעהען, גאָר מאָדערנע אידעען!

קאַלישער האָט זיך אויך געווענדעט צו דער „אַליאַנס״ מיט דער פאָרדערונג, זי זאָל קאָלאָניזירען א״י און האָט מיטגעהאָלפען ביי דער גרינדונג פון מקוה ישראל.

קאַלישער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף מ ש ה ה ע ס.

אינ׳ם יאָהר 1860 רופט ער צונויף אַ גרויסע נאָטאַבלען פערזאַמלונג קיין טאָרן, כדי אַרומצורעדען איבער די פּראַקטישע מיטעל פאַר דער ציוניסטישער אַרבייט. א י נ ׳ ם י אָ ה ר 1861 ג ר י נ ד ע ט ע ר ד ע ם ע ר ש ט ע ן צ י ו נ י ס ט י ש ע ן פ ע ר י י ן א י ן פ ר אַ נ ק פ ו ר ט. אויך אין אַנדערע דייטשע שטעט זע-נען געגרינדעט געוואָרען ציוניסטישע פעריינען.

קאַלישער האָט נישט אויסגעלאָזט קיין איין געלעגענהייט, צו אינטערוועניר׳ען לטובת א״י. וואו ער האָט נור געקענט האָט ער בעאיינפלוסט יודען, אַז זיי זאָלען קויפען באָדען אין א״י און דאדורך איז זיין טעטיקייט געוועזן בעזונדערס וויכטיג פאַר דער יונגער בעוועגונג.

עס איז קלאָר, אַז אָט די דאָזיגע איבערגעגעבענקייט און ציוניסטישע התלהבות פון אַזאַ גרויסען גייסט האָט געמוזט אויסאיבען א פאָזיטיווע השפעה אויף זיינע חברים און תלמידים. די וויכטיגסטע פון זיי זענען געוועזן: גוטמאַ-

כער, גאָלדשמיד, ישראל הילדעסהיימער, דער ארויסגעבער פונ׳ם מאָנומענטאַלען „הלכות גדולות״, דר. רילף פון מעמעל, דער מחבר פונ׳ם ציו־ניסטישען בוך „ארוכת בת עמי״ א. א. וו.

פונקט אזוי איז אויך קלאָר, אַז הרב קאַלישערס ארבייט האָט געמוזט ארויסרופען געגען איהם א שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד פון יענע אָרטאָדאָקסישע קרייזען, פאַר וועלכע עס זענען געוואָרען געפעהרליך די אידעען פון קאַלישער.

דער בעדייטענסטער פון זיינע געגנער איז דער בעגרינדער פון דער „נייער אָרטאָדאָקסיע״ שמשון רפאל הירש 1808—1889.

אין זיינע „19 בריעף איבער דעם יודענטום״ זאָגט ער, אַז יודען מעגען נור האָפען אויף ביאת הגואל, טאָרען אָבער גאָרנישט טהוען, כדי „צו בעשלייניגען זיין קומען״. די יודען זאָגט, הירש, זענען בלויז א רעליגיעזע געמיינשאַפט און נאַציאָנאַל דאַרפען זיי זיך איינגלידערן אין דער געמיינשאַפט, אונטער וועלכער זיי לעבען.

ווי מיר זעהען, פּרעדיגט די „טרענונגסאָרטאָדאָקסיע״ די זעלבע אידעען, וואָס די אסימילאַציע.

דער „ארי שבחבורה״ פון אַלע פאָרלייפער פונ׳ם ציוניזם, איז אָבער געוועזן משה העס.

משה העס איז געבוירען אין באָן אינ׳ם יאָהר 1812 און איז געשטאָרבען אין פּאַריז 1875. זיין זיידע איז געוועזן א עמיגראַנט פון פּוילען, א פרומער יוד און האָט דערצויגען זיין אייניקעל אין יודישען גייסט. די דאָזיגע רעליגיעזע ערציהונג האָט אויף שטענדיג איבערגעלאָזט טיפע שפורען אין דער „גייס־טיגער פערפאסונג״ פון משה העס.

זייענדיג נאָך א בחור איז העס געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „ריינישער צייטונג״. דערמיט האָט זיך העס אָנגעהויבען צו דערנעהנטערן צו דער יונג־העגעליאַנישער שולע, ביז ער איז געוואָרען אונטער דעם איינ־פלוס פון קאַרל מאַרקס און ענגעלס א איבערצייגטער סאָציאַליסט.

דאָס בלוט בלבול פון דמשק האָט אויף העס׳ן געמאַכט א גרויסען איינ־דרוק, דאָך איז ער נאָך דאַמאָלס געוועזן צו פיל קאָסמאָפּאָליט, כדי צו ציהען דערפון די נויטיגע קאָנסעקווענץ, ביחס צום יודענטום. אינ׳ם יאָהר 1836 האָט ער פערעפענטליכט א ביכעל אונטער דעם טיטעל: הייליגע געשיכטע פאָן דער מענשהייט פאָן איינעם יונגער שפּינאָזא׳ס״. דאָס ביכעל האָט נישט געמאַכט קיין גרעסערען איינדרוק.

טאָ האָט זיך העס גענומען צו דער נאַטור־וויסענשאַפט און האָט פער־עפענטליכט דאָס ביכעל „די דינאַמישע שטאָפלעהרע״.

אונטער דעם איינפלוס פון לעהעראן און קאַלישער (זעה אויבען) האָט זיך העס אָנגעהויבען צוריק צו אינטערעסירען מיט׳ן יודישען פּראָבלעם. די נשמה זיינע האָט זיך צוריקגעבענקט צו איהר שורש. נאָך א טיפערען אנאליז

פון דער יודישער לאַגע האָט ער פּערעפּענטליכט אינ׳ם יאָהר 1862 זיין בע־ריהמט בוך, דאָס קלאַסישע ווערק פון ציוניזם, אונטער דעם טיטעל: „רוים און ירושלים, די לעצטע נאַציאָנאַליטעטספראַגע״.

די מישונג פון דער דייטשער פילאָזאָפיע מיט׳ן סאָציאַליסטישען פּאַטאָס, פון „חכמת היהדות״ מיט דער נאַטורוויסענשאַפט, האָט ביי אזא אָרי־גינעלען קאָפּ ווי משה העס ערצייגט אזא אוצר פון פילפאַרביגע מחשבות, אז דאָס ביכעל געהערט נאָך היינט צו די טיפסטע ווערק פון דער ציוניסטי־שער ליטעראטור. וואו א זאַץ געפינט איהר א ברילאַנטענעם געדאַנק און אַלע צוזאַמען שטעלען פאַר אַ מעכטיגען געביי פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז מאַנכע פרעמדע געוויקסען אינ׳ם ציוניזם וואָלטען אויסגעריסען געוואָרען מיט׳ן וואורצעל, וואָלט מען נאָך היינט געלייענט און פערשטאנען דעם דאָזיגען געדאַנקענסיסטעם.

לאָמיר זיך אָקאָרשט בעקענען מיט די עיקר׳דיגע שטריכען פון זיי געדאַנקענגאַנג.

די גאַנצע וועלט, דעם קאסמאס, טיילט העס איין אין דריי קרייזען אָדער „ספערען״: אין דער קאסמישער, אָרגאַני־שער און סאָציאַלער ספערע.

די קאָסמישע ספערע נעהמט אַרום אַלע זונען, שטערן און פּלאַנעטען, ווי בכלל די גאַנצע „טויטע״ מאַטעריע. די אָרגאַנישע ספערע אומפאסט די פלאַנצען און טירוועלט, ווי בכלל די גאַנצע „לעבעדיגע״ מאַטעריע, די סאָציאַלע ספערע נעהמט ארום דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון מענשען. יעדע ספערע מאַכט דורך א אינערע ענטוויקלונג פאַר זיך, ביז זי דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פולקאָמענהייט. אָט דאָס דאָזיגע שטרעבען צו פולקאָמענהייט ליגט טיעף פערבאָרגען אין דעם אינערסטען מהות פון דעם גאַנצען קאָסמאָס.

די ענטוויקלונג צו פולקאָמענהייט קומט פאָר אין דריי צייטאָבשניטען אָדער „פּאזען״. אין דער ערשטער פאזע טיילט זיך די איינהייטליכע מאַטעריע פונאייננאנדער אויף פערשידענע טיילען, וועלכע ליגען „נעבעאייננאַנדער״. אין דער צווייטער פאַזע קעמפען די איינצעלנע טיילען „מיט־אייננאַנדער״. ערשט אין דער דריטער פאַזע בעקומט די מאטעריע איהר פולקאָמענע איינהייט און עס הערשט ווידער די פולע הארמאניע. דאמאלס איז ערשט דערגרייכט דער צושטאַנד פון דער העכסטער פולקאָמענהייט. דער דאָזיגער „דריי־פאַזען־סיסטעם״ שטעהט בהסכם מיט העגעל׳ס פילאָזאָפישער שטה, מיט זיין „דיאַלעקטיק״: טעזיס — אנטיטעזיס — סינטעזיס.

ביי דער קאָסמישער און אָרגאַנישער ספערע איז די ענטוויקלונג שוין פערענדיגט. דאָרט הערשט שוין (בעזונדערס און דער קאָסמישער ספערע און אין דער פלאַנצענוועלט) די פולע הארמאָניע, זיי האָבען דערגרייכט די

העכסטע שטופע פון ר ו ח און הארמאניע, זייערען שבת. די מענשליכע געזעל־שאפט דאגעגען רוהט נאך נישט, זי איז נאך נישט דערגאנגען צום מצב העליון. זי געפונט זיך אין דער צווייטער פאזע פון איהר ענטוויקלונג, וואו עס קעמפען נאציעס געגען נאציעס און קלאסען געגען קלאסען. ערשט ווען עס וועלען פער־שווינדען די אלע אנטאגאניזמען און עס וועט קומען דער נאציאנאלער און סאציאלער שלום, די גאולה שלמה פון דער מענשהייט, ערשט דאמאלס וועט זי דער־גרייכען די העכסטע שטופע פון פאלקאמענקייט, צום קאסמישען און ארגאנישען וועט נאך צוקומען דער „ג ע ש י כ ט ל י כ ע ר ־ ש ב ת".

מיר אבער געפונען זיך אזוי צוזאגען ערב דעם געשיכטליכען שבת „די משיח־צייט איז דער היינטיגער וועלטאלטער, וועלכער האט זיך אנגעהויבען מיט שפינאזא, און איז אריינגעטרעטען אין דער וועלטגעשיכטע מיט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע" (רוים און ירושלים, זייט 118).

די מענשהייט אלס קאלעקטיוו בעשטעהט אבער פון פערשידענע פעלקער און קען נישט אזוי לאנג זיין פריי, כל זמן עס זענען דא אונפרייע פעלקער. „פונקט אזוי ווי — זאגט העס — די נאטור פראדוצירט נישט קיין אלגעמיינע בלומען און פירות, קיין אלגעמיינע חיות און פלאנצען, פונקט אזוי פראדוצירט דער בורא עולם נור באלקסטיפען... מיר געפונען דא א פערשידענהייט פון פאלקסטיפען, וועלכע עקזי־סטירען צוערשט נעבענאיינאנדער ווי די פלאנצען, וועלכע בעקעמפען און פערשלינ־גען זיך שפעטער, ווי די חיות־וועלט, כדי צולעצט צו ווערען פריי, צו לעבען בשלום נעבענאיינאנדער און סאלידאריש פאר איינאנדער, נישט אויפגעבענדיג צוליב דעם זייער בעזונדערען פאלקסטיפ" (בעמערקט: טעזים — אנטיטעזים — סינטעזים). יעדער בעזונדערער פאלקסטיפ שענקט דער מענשהייט גרויסע אידעען. האט דער העלעניזם געגעבען דער מענשהייט די ל ע ה ר ע פ ו ן ז י י ן, דעם נ א ט ו ר־ק ו ל ט, אזוי האבען די יודען געגעבען די ל ע ה ר ע פ ו ן ו ו ע ר ע ן, דעם ג ע ש י כ ט ס ק ו ל ט.

„דורך דעם יודענטום איז געווארען די געשיכטע פון דער מענשהייט א הייליגע געשיכטע, וועלכע הויבט זיך אן מיט דעם פאמיליענלעבען און ענדיגט נישט פריהער, ביז די גאנצע מענשהייט וועט ווערען אי י ן פאמיליע" (רוים און ירושלים, זייט 98 און ווייטער זייט 111:

„מיר יודען האבען שטענדיג מיט אונז געפיהרט די אמונה אין משיח, אין אונזער געשיכטסקולט געפונט ער דעם אויסדרוק אין דער שבת־פייערליכקייט. דערינען איז פערקערפערט דער געדאנק, אז די צוקונפט וועט אונז זיכער ברענגען דעם געשיכטליכען שבת, פונקט אזוווי עס האט אונז דער עבר געבראכט דעם „נאטור שבת". נריכלאנד און רוים זענען פריי געווארען, איצט מוז נאך דאס יודי־שע פאלק, מוז נאך ירושלים פריי ווערען!

די מענשען האבען אבער א גאר פאלשען בעגריף פון פרייהייט און פארטשריט. די דאזיגע פאלשע אויפפאסונג נעהמט זיך דערפון, וואס עס האט זיך נאך נישט

פערענדיגט די מענשליכע ענטוויקלונג: „די פאלשע פארשטעלונג פון פרייהייט און פארטשריט ליגט דערינען, וואס די נאטירליכע לעבענסספערע פען דער קאסמי־שער און ארגאנישער וועלט... האט שוין פערענדיגט איהר ענטוויקלונג, בעת די מענשהייט געפונט זיך נאך אין דער ענטוויקלונג, אין דער שעפפונג פון זייער לעבען.

וואס'זשע הייסט באמת „פריי זיין"? „פריי אין נאטירליכען זין איז יעדעס וועזען, וואס קען לעבען און זיך ענטוויקלען, לויט זיין אייגענער בעשטימונג". „לעבען און ענטוויקלען זיך לויט דער אייגענער בעשטימונג" קען אבער א פאלק בלויז אויף זיין טעריטאריע. „דער געזעליגער מענש בעדארף האבען, פונקט אזויווי די געזעליגע פלאנצען און חיות, צו זיין קיום און ענטוויקלונג א פרייען באדען, אהן וועלכען ער מוז אראבזינקען צו א שמאראצער". און אפשר איז פארהאנען א אנדערע לעזונג פון דער יודענפראגע, למשל אונטערגאנג פון יודענטום און אסימי־לאציע?

„ניין! — זאגט העס — דער יודישער טיפ איז נישט צו פערניכטען".

וועגען אנטיסעמיטיזם און אסימילאציע זאגט העס: „די דייטשען האבען וועניגער פיינט די יודישע רעליגיע ווי די יודישע ראסע, וועניגער זייער אייגענטימ־ליכען גלויבען ווי זייערע נעז"*).

און אויב אזוי נוצט נישט די אסימילאציע, פונקט פערקעהרט:

„אזוי לאנג, ווי דער יוד וועט פערלייקענען זיין נאציע מוז נאך זיין שטעלונג ווערען פון טאג צו טאג אונערטרעגליכער".

פונקט אזוי ווי הערצל און פינסקער גלויבט אויך העס נישט אין דער ווירק־זאמער בעקעמפונג פונ'ם אנטיסעמיטיזם.

„די פערזעהנונג פון די ראסען קומט פאר לויט נאטורגעזעצען, וועלכע מיר קענען נישט ווילקירליך בעשטימען אדער פערענדערן".

אזוי ארום בלייבט נישט קיין אנדערער אויסוועג ווי די ריקקעהר קיין א"י. בהסכם מיט אחד העם מיינט העס, אז דאס פאלק מוז דערצו קודם ווערען צוגעגרייט. אויף זייט 150 שרייבט ער: „דאס יודישע פאלק מוז קודם פיהלען דאס בעדירפנים פון זיין נאציאנאלער ווידערגעבורט. ביז צו דער דאזיגער צייט האבען מיר נישט צו דענקען אינ'ם בנין פונ'ם בית המקדש, נור צו געווינען די הערצער פון אונזערע ברידער".

העס איז אבער נישט אזוי איינזייטיג ווי אחד העם. בהסכם מיט דער שיטה פונ'ם פאליטישען ציוניזם, פאדערט ער, אז א"י זאל קאלאניזירט ווערען אונטער דעם שוץ פון די אייראפעאישע מלוכות. די גרונדגעזעצען, לויט וועלכע

---

*) 70 יאהר שפעטער וועט דער היטלער רעזשים אין דייטשלאנד פולקאמען בעשטעטיגען אויף א ברוטאלען אופן די דאזיגע אנשויאונג. זעה היטלערס יחס צו משומדים!

עס דארף געפיהרט ווערען די יודישע קאָלאָניזאַציע, דארפען זיין „מאָזאאישע ד. ה. סאָציאַליסטישע“ (זייט 30).

ווי מיר זעהען, איז דער ציוניזם פון העס געבויט אויף דעם אַלטען משיח־געדאַנק. בעת אַלע אַנדערע בעגרינדער פון ציוניזם האָבען געהאַט פאַר זייערע אויגען הויפּטזעכליך די מאַטעריעלע (פּינסקער, הערצל), אָדער די גייסטיגע נויט פון׳ם יודענטום (אחד העם) און נור זעלטען רייסען זיך פון זיי ארויס די שטאָלצע ווערטער, אַז די בעפרייאונג פון׳ם יודענטום איז צוגלייך די בעפרייאונג פון דער מענשהייט, איז פאַר העסען די עמאַנציפּאַציע פון׳ם יודענטום נור אַ עטאַפּ, און דער לעצטער עטאַפּ פון דער גרויסער פרייהייטסבעוועגונג.

בעת אַלזאָ די אַנדערע ציוניסטישע שטות זענען אייגענטליך געבויט אויף בענאַטיווע מאָמענטען, איז העס׳ צוגאַנג צום ציוניזם ארויסגערופען פון פּאָזיטיווע טעמים.

נאַטירליך האָבען מיר נישט אויסגעשעפּט דעם גאַנצען געדאַנקען־רייכטום פון העם ביכעל. דאָס איז אויך גאָר נישט מעגליך. זאָל דער לעזער אַליין נאָכלעזען דאָס דאָזיגע ווערק און האָבען דעם גרויסען גייסטיגען תענוג צו שעפּען פון דעם ערשטען קוואַל: אַ מבול פון הערליכע געדאַנקען.

הערצל לעזענדיג „רוים און ירושלים“ איז געווען אַזוי בעגייסטערט, אַז ער האָט אין זיינע טאָגביכער געשריבען, אַז זייט שפּינאָזאַ האָט דאָס יודענטום נישט געהאַט אַזאַ טיפען גייסט, ווי העס.

משה העס איז נישט נור געווען דער „פאָטער פון ציוניסטישען געדאַנק“, ער איז אויך געווען איינער פון די פּיאָנערען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. ער האָט אַ געוויסע צייט צוזאַמענגעאַרבעט מיט מארקס׳ן און ענגעלס. אָבער באַלד זענען זיך זייערע וועגען צערגאַנגען. שוין אין דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“ לאַכט מארקס אוים דעם „פילאָזאָפישען סאָציאַליזם“ פון משה העס. מארקס אַליין האָט אויך געפּרובט שטעלונג צו נעהמען צו דעם יודישען פּראָבלעם. 1844 האָט ער פּערעפענטליכט אַ אויפזאַץ א. ד. ט.: „צור יודענפראַגע“, אָבער די דאָזיגע שריפט איז צוליב איהר אָבערפלעכליכקייט פולקאָמען ווערטלאָז.

לײדער האָט „רוים און ירושלים“ נישט געמאַכט קיין שום רושם אין יענע יאָהרען און איז פערבליבען אַ גאַנץ פעראיינצעלטע ערשיינונג.

ווען העס איז געשטאָרבען האָבען זיך פערזאַמעלט אין זיין וואוינונג פראַנצויזישע, דייטשע און פּוילישע סאָציאַליסטען. אונטער אַנדערע האָט איהם אויך מספּיד געווען פּויל קערשטען און האָט געזאָגט אַזוי:

„דו האָסט דיך געמאַכט אונשטערבליך פאַר טויזענדער הערצער, און וועסט אויפשטעהען תחית המתים אַלע מאָל, ווען אַ פּראָלעטאַריער, וואָס זוכט הילף, וועט זוכען אַ רעטונג אין דיין אידעע“.

דער דאָזיגער צוזאָג איז נישט געוואָרען מקוים. די גרויסע זונען, וואָס האָבען געלייכט אויף דעם סאָציאַליסטישען הימעל: קאַרל מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל — האָבען פּערזענלעך דאָס ליכטעל פון העס'ן. ה ע ס א י ז א ו נ ש ט ע ר ב ל י ך געוואָרען אָבער בלויז פאַר דער יודישער פרייהייטסבעוועגונג און דאָס האָט ער דערגרייכט א דאַנק זיין ביכעל „רוים און ירושלים“, וועלכע איז פאַקט געווען אין זיין לעבען נור א עפּיזאָד...

א כ ט ע ר ק א פ י ט ע ל :

די ציוניסטישע פארלייפער אין מזרח; די השכלה בעוועגונג.

אלס דער בעדייטענדסטער פערטרעטער פון די ציוניסטישע פארלייפער אין מזרח־איירָאפּא פון ארטאדאקסישע קרייזען איז געווען הרב שמואל מאהי־ליווער, געבוירען 1824 אין האלובקא, ווילנער קאנט, און געשטארבען 1898 אין ביאליסטאק. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און האט שוין בעקומען מיט 18 יאהר סמיכה אויף רבנות. ערשט ווען ער איז דערצו געווארען געצוואונגען צוליב מאטעריעלע טעמים האט ער אנגענומען דעם פאסטען פון א רב. ביי דער 90־יעהריגער פייערונג פון מאנטעפיארעס געבורטסטאג, האט ער זיך ארויסגעזאגט לטובת דעם ישוב פון א״י. זייט דאמאלס איז ער אויך געווארען א אקטיווער ציוניס־טישער טהוער. ער האט אנטיילגענומען אין דער קאטאוויצער קאנפערענץ פון די חובבי־ציון און האט אהן אויפהער געארבייט פאר׳ן ציוניזם. אין דער חובבי־ציון בעוועגונג האט ער פערטרעטען דעם רעליגיעזען שטאנדפונקט, אזוי אז מ׳קען איהם בעטראכטען אלס דעם פאטער פון דער „מזרחי בעוועגונג“ (זעה ווייטער).

זומער 1890 פאהרט ער קיין א״י, כדי צו שטודירען דארט די לאגע. דאמאלס האט ער אבגעקויפט אין דער נור וואס געגרינדעטער קאלאניע „רחובות“ צוויי „אחוזות“. הערענדיג, אז דער באראן הירש וויל גרינדען קאלאניעס אין ארגענטיניען האט ער ביי איהם אינטערוועניר ט לטובת א״י — ליידער אהן ערפאלג. צום ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל האט ער אנגעשריבען א לאנגע ווארעמע בעגריי־סונג, ווייל ער האט נישט געקענט פאהרען צום קאנגרעס צוליב זיין שלעכטען געזונדהייטס־צושטאנד.

אבער בעקר האט דער ציונ. געדאנק געפונען אנהענגער צווישען יענע קרייזען פון דער יודישער אינטעליגענץ, וואס האט פון דער איינער זייט מיטגעארבעט מיט דער השכלה בעוועגונג, פון דער אנדערער זייט האט זי פערשטאנען, אז נור דער יודישער נאציאנאליזם איז דער איינציגער שטח, אויף וועלכען עס קען זיך סינטעטיש פערבינדען דאס יודענטום מיט דער מאדערנער קולטור.

מען מוז בעמערקען, אז אין מזרח־איירָאפּא איז דער מצב געווען א גאנץ

אנדערער ווי אין מערב־אייראָפּאַ. אין מערב־אייראָפּאַ האָבּן מיר נישט געהאַט קיין געדעכטען און קאָמפּאַקטען יודישען ישוב. יודען מאַכען דאָ אויס א נישטיגען פּראָצענטזאַץ לגבי דער נישט־יודישער בעפעלקערונג, דאגעגען האָט אין מזרח געלעבּט און געשטיקט זיך אין „תחום המושב“ א קאָמפּאַקטער יודישער ישוב פון זעקס מיליאָן מענשען. אין מערב־אייראָפּאַ איז די נישט־יודישע קולטור געשטאַנען אויף א גאָר הויכער מדרגה לגבי דער יודישער, דאדורך האָט זי אויסגעאיבּט א גרויסע אנציהונגסקראַפט אויף די יודען. אין מזרח־אייראָפּאַ איז דער מצב געווען א אנדערער. די סלאַווישע קולטור האָט נישט פ ו ן ז י ך „געצויגען“ די יודען, און די צוואַנגסמיטעל, וועלכע די רוסישע רעגירונג האָט געפּרובט אַנצווענדען, אום צו רוסיפיצירען די יודען זענען געבּליבּען ערפאָלגלאָז. די יודען האָבּען גערעדט יודיש און ע"פ רוב אפילו נישט פערשטאַנען קיין רוסיש. אין מערב־אייראָפּאַ איז די עמאַנציפּאַציע און די פּאָליטישע גלייכבּערעכטיגונג פון יודען געקומען כמעט קאַמפלאָז, כלאחר יד, אלס א לאָגישע קאָנסעקווענץ פון די גרונדזאַצען פון דעם מאָדערנעם רעכטסשטאַט. די דאָזיגע עובדה האָט געמוזט ארויסרופען ביי די יודען א גרויסע התלהבות לגבי דער מאָדערנער קולטור. אין מזרח־אייראָפּאַ האָבּען די יודען אין רוסלאַנד נישט בעוויזען צו ערקעמפען די פולע גלייכבּערעכטיגונג... ביז צו דער רעוואָלוציע נאָכ'ן וועלטקריג. זיי האָבּען געגען זיך געהאַט א אַנטיסעמיטישען און אבּסאָלוטיסטישען רעזשים פון די רומענישע און רוסישע הערשער.

אָט צוליבּ די סבות איז קלאָר, אז די ה ש כ ל ה ־ ב ע ו ו ע ג ו נ ג אין רוסלאַנד, וועלכע איז געוואָרען שטאַרק פּראָפּאַגירט דורך י צ ח ק ב ע ר ל ע ו ו י נ ז אָ ה ן 1788—1860 און וועלכע האָט געפונען איהר אָרגאַניזאַטאָרישען אויסדרוק דורך דער גרינדונג פון דער „געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען אויפקלעהרונג צווישען די רוסישע יודען“ 1863, האָט געטראָגען א גאַנץ אנדערען כאַראַקטער ווי אין די מערב לענדער.

אין בּערלין האָט זיך אָנגעהויבּען די השכלה־בּעוועגונג מיט דער... איבּערזעצונג פונ'ם תנ"ך אויף דייטש און אין מזרח־אייראָפּאַ דורך דער בּעלעבּונג פון דער... העבּרעאישער שפּראַך. אמת, די דאַמאָליגע דיכטער און שריפטשטעלער האָבּען זיך בּענוצט מיט דער העבּרעאישער שפּראַך נישט לשמה, נישט צוליבּ נאַציאָנאַלע סבות. פאַר זיי איז די העבּרעאישע שפּראַך געווען הויפּזעכליך בּלויז א מיטעל צו פערשפּרייטען בּילדונג און קולטור צווישען די פינסטערע יודישע מאַסען. אויבּ — אזוי האָבּען זיי געקלעהרט — עס וועט זיך זיי איינגעבּען צו בּרענגען די יודישע מאַסען אויף א העכערען קולטורעלען ניוואָ, אזוי וועט די יודישע קולטור אָבּשטאַרבּען. די העבּרעאישע שפּראַך איז אלזאָ ביי זיי געווען א צייטווייליג אַסימילאַציע־מיטעל, וועלכע וועט נאָך איינס־צוויי דורות לגמרי פערשווינדען. מאַנכע שריפטשטעלער האָבּען אמת בּעוויינט דעם אונטערגאַנג פון דער העבּרעאישער שפּראַך, וועלכע האָט געמוזט, לויט זייער מיינונג, קומען.

אזוי האט געקלאגט דער גרעסטער דיכטער פון יענער צייט יהודה ליב גורדון(יל״ג) 1892—1830 אויף דעם קומענדיגען דור:

„למי אני עמל?“
„ובנינו הבאים אחרינו?
הם מנעוריהם יתנכרו אלינו
— למו פצעי לבי ידובו יזובו —
הנם הולכים קדימה שנה שנה
מי יודע הגבול, עד מתי, עד אנה?
אולי עד מקום משם לא ישובו.

אמת, די געשיכטע האט אבגעשפילט אונזערע משכילים אין רוסלאנד — ווי שוין נישט איינמאל — א מיאוס שפיצעל. צו וועלען זיך בענוצען דוקא מיט דער העברעאישער שפראך אלס א מיטעל צו אסימילאציע איז דער גרעסטער היסטארי־שער ווידערשפרוך אין זיך גופא די העברעאישע שפראך בעזיצט אזוי פיעל נאציא־נאלע עלעמענטען אין זיך, אז איהר אויפלעבונג האט געמוזט אויפוועקען, געגען דעם ווילען און די כונות פון די ערשטע משכילים, נייע כחות אינ׳ם יודענטום, וועלכע האבען אויפגעלעבט דעם יודישען נאציאנאליזם און דעם שיבת־ציון־געדאנק. פאר דער דאזיגער נאציאנאלער גרופע איז שוין די העברעאישע שפראך נישט געווען א אויפקלערונגסמיטעל, נור טאקי איינע פון די יסודות פון נאצ־יאנאלען ווירקען. — דער בעדייטענדער, נאציאנאלער משכיל, וועלכער האט אויס־געאיבט א שטארקען איינפלוס אויף דער יודישער יוגענד אין רוסלאנד איז געווען פרץ בן משה סמאלענסקין. ער איז געבוירען אין מאנאסטירשטשינא (מאהילעווער גוב.) אינ׳ם יאהר 1842 און געשטארבען גאר יונג אין מעראן אינ׳ם יאהר 1885. אין דער יוגענד האט ער געלערנט געשמאק גפ״ת אין די ישיבות. ערשט שפעטער האט ער אלס אויטאדידאקט געלערנט די רוסישע שפראך און די למודים הצוניים. אינ׳ם יאהר 1862 געהט ער קיין אדעס, וואו ער לערנט פראנצוי־זיש און דייטש און לעבט אלס העברעאישער לעהרער. שפעטער פאהרט ער קיין וויען, וואו ער ווערט א קארעקטאר אין א בוכדרוקעריי. דארט גרינדעט ער איינע פון די בעסטע מאנאטסשריפטען אין דער העברעאישער שפראך, דעם „השחר“. דער „השחר“ איז ארויס אין צוועלף יאהרגענגע, און האט קאנצענטרירט ארום זיך אלעס, וואס איז געווען געזונד און יונג אין דער נאציאנאלער בעוועגונג. עס איז גענוג, אויב מיר וועלען אנרופען די נעמען פון מאנכע מיטארבעטער, ווי יל״ג, פרץ, פרישמאן, ליליענבלום, בן יהודה א. א. וו. די דאזיגע מענשען האבען געמאכט פונ׳ם „השחר“ א טריבונע פאר׳ן יונגען יודישען נאציאנאלען געדאנק. נישט איין טאלענט איז פון סמאלענסקין געווארען ענטדעקט און ערצויגען אויף די שפאלטען פונ׳ם „השחר“.

אין דער הקדמה צום „השחר“ זעצט סמאלענסקין פונאנאנדער זיין פראגראם און ער זאגט, אז דער צוועק איז צו פערשפרייטען קולטור ביי די יודען, אבער ער יועט

אויך קעמפען געגען די, וואָס האָבען שוין בעקומען די השכלה און ווערען איצט אונטריי דער העברעאישער שפּראַך, גלויבענדיג, אַז דאָס איז אַ גרויסע חכמה. ער פערענדיגט די הקדמה מיט פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „אהבת עמנו תהיה נר לרגלינו, ובשם שפתנו נגדול, סלה“.

אין דער דאָזיגער עפּאָכע האָט נאָך סמאָלענסקין געגלויבט, אַז יודען זענען בלויז אַ „גייסטיגע נאַציע“, ערשט שפּעטער איז ער געוואָרען אַ בעגייסטערטער ציוניסט. די „דעוויזע“ פון זיין ווירקען איז געווען, אַז די בילדונג ס ת ם ט אָ ר נישט פיהרען צו דער ענטנאַציאָנאַליזירונג פון דעם יודישען פאָלק, נור מען דאַרף די בילדונג פערפלאַנצען אויף דעם נאַציאָנאַלען באָדען און דאָס איז נור מעגליך דורך דער רענעסאַנס פון דער העברעאישער שפּראַך. — זיין טעטיגקייט האָט געפונען אַ וואַרימען אָבקלאַנג צווישען דער יודישער יוגענד, הויפּטזעכליך אין רוסלאַנד. 1882 ווערט ער אויף זיין בעזוך אין רוסלאַנד אויפגענומען מיט בעגייסטערונג פון דער יודישער, שטודירענדער יוגענד.

זיינע הויפּטביכער, מייסטענס טענדענציעזע ראָמאַנען זענען געווען: „התועה בדרכי החיים“ 70—1868, „שמחת חנף“ 1872, „עם עולם“ 1873, „קבורת חמור“ 1874.

אַ גאָר שטאַרקען איינדרוק האָט געמאַכט זיין אויפזאַץ „עם־עולם“. אין דעם דאָזיגען מאמר בעקעמפט ער מענדעלסאָנס דעה, אַז דער עקר פון'ם יודענטום איז די אמונה און דער נאַציאָנאַליזם איז בלויז אַ תפל. לויט סמאָלענסקין קומט אויס, אַז דער גלויבען אין „משיח'ן“ פונקט אַזוי ווי דער יודישער כאַראַקטער־טיפּ איז פערבונדען מיט דער ראַסע און נישט מיט דער אמונה.

די אָרטאָדאָקסישע קרייזען האָבען שטאַרק בעקעמפט סמאָלענסקין און זיין טעטיגקייט, זעהענדיג אין זיין פאָרמולירונג, אַז דאָס יודענטום איז בלויז אַ נאַציאָ־נאַלער בעגריף, אַ קאַמפּ־אָנזאָג געגען דער רעליגיע. די דאָזיגע דעה איז געווען פול־קאָמען פאַלש, וויל סמאָלענסקין איז קיינמאָל נישט אויפגעטרעטען געגען דעם דת.

אויך די ראָמאַנען פון אַ ב ר ה ם מ אַ פּ ו 1868—1808, בעזונדערס „אהבת־ציון“, „עיט צבוע“, „אשמת שומרון“ האָבען אויסגעאיבט אַ גרויסע השפעה אינ'ם נאַציאָנאַלען זין אויף זיינע בני הדור. דאָך געהערט די אָבשאַצונג פון מאפו'ס ראָ־מאַנען, פונקט ווי פון אנדערע אויבען אויסגערעכענטע מיטאַרבייטער פונ'ם השחר צו דער „געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור“, און נישט דאָ איז דער אָרט זיך דערויף אָבצושטעלען.

אַ אַקטיווער חבר און מיטהעלפער פון פרץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן איז געווען משה ל י ב ל י ל י ע נ ב ל ו ם, געבוירען אין קאַדאַני (קאָוונער גוב.) אינ'ם יאָהר 1843, געשטאָרבען אין אָדעס 1910. זיין ענטוויקלונג איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ענטוויקלונג פון דער יודישער יוגענד אין יענע יאָהרען. גאַנץ רעליגיעז ערצויגען האָט ער אין זיינע יונגע יאָהרען געגרינדעט ישיבות און אַ חברה „עין יעקב“. שפּע־טער האָט ער זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער השכלה־בעוועגונג, וועלענדיג

הויבען דעם גייסטיגען מצב פון די יודען. אין געגענזאץ צו אנדערע משכילים, וועל־בע האבען געוואלט אלעם צערשטערען, האט ער זיך בלויז בעשטרעבט צו רעפאר־מירען מאנכע רעליגיעזע מנהגים, שטיצענדיג זיך אבער דערביי שטענדיג אויף א קדמון, כדי צו בעווייזען, אז די פון איהם אנגעשטרעבטע רעפארמאציע שטעהט נישט אין קיין סתירה צום דת. זעהענדיג אבער, אז די רעליגיעזע רעפארמאציע פיהרט נישט צום ציל, האט ער אנגעהויבען צו פרעדיגען די לאנדווירטשאפטליכע קאלאני־זאציע פון די יודען אין רוסלאנד, וועלענדיג פערבעסערן זייערע עקאנאמישע לאגע. ערשט די פאגראמען אינ׳ם יאהר 1882 האבען אויס ליליענבלום׳ן געמאכט א בע־גייסטערטען ציוניסט. א דאנק זיין השפעה, איז פינסקער געווארען א אקטיווער „חובבי־ציוניסט“.

ער איז געווארען דער סעקרעטאר פון דער אינ׳ם יאהר 1889 געגרינדעטער „געזעלשאפט צו אונטערשטיצונג פון יודישע לאנדווירטע און בעלי מלאכות אין א״י און סיריען“. נאכ׳ן ערשטען באזעלער קאנגרעס איז ליליענבלום געווארען א פא־ליטישער ציוניסט און האט בעקעמפט „אחד־העם“ און זיין „קולטור־ציוניזם“.

ליליענבלום האט אנגעשריבען א גאנצע רייה פון גרעסערע און קלענערע שריפ־טען. די בעדייטענסטע איז „חטאת נעורים“.

אין דעם צוזאמענהאנג מוזען מיר אויך דערמאהנען די טעטיגקייט פון דעם „פאטער פון דער העברעאישער שפראך אלס אומגאנגסשפראך“ א ל י ע ז ר ב ן י ה ו ד ה. בן יהודה איז געבוירען אין לושקי (ווילנער קאנט) אינ׳ם יאהר 1858. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער געלערנט אין דער פלאצקער ישיבה. ערשט שפע־טער איז ער איינגעטרעטען אין גימנאזיום אין דווינסק. נאך דער פערענדיגונג פונ׳ם גימנאזיום האט ער פארטגעזעצט זיין שטודיום אין פאריז.

אינ׳ם „השחר“ טרעט ער אויף געגען פרץ סמאלענסקין אונטערשטרייכענדיג די נויטיגקייט פון א יודישער קאלאניזאציע. בן יהודה איז אבער געווען דער מאן, וואס האט נישט נור שעהן געפרעדיגט, נור קודם ביי זיך פערווירקליכט. האט ער געגלויבט, אז יודען דארפען פאהרען קיין א״י האט ער אלס ערשטער רעאליזירט זיין אידעע און איז 1881 עולה קיין א״י. האט ער געפרעדיגט די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך אזוי האט ער באמת אלס ע ר ש ט ע ר י ו ד אנגע־הויבען צו רעדען ביי זיך אין דער היים העברעאיש מיט א אונבעשרייבליכען פא־נאטיזם. אין ירושלים האט ער רעדאגירט דעם „הבצלת“ אינ׳ם יאהר 1884 און שפעטער דעם „מבשרת־ציון“. אינ׳ם יאהר 1885 האט ער ארויסגעגעבען דעם „הצבי“. אין א גאנצע רייה פון מאמרים האט ער בעקעמפט די „אליאנס“, וואס האט גע־שטיצט די עמיגראציע קיין אמעריקא און נישט קיין א״י. ער האט אויך בעקעמפט די „חלוקה“ און ארויסגערופען געגען זיך דעם גרימצארן פון די דאזיגע קרייזען. צוליב א חנוכה מאמר אין „הצבי“ א. ד. ט. „לאסוף חיל וללכת קדימה“ האבען איהם די חלוקה־יודען געמסרט צום פריץ. מען האט בן יהודה ארייגעזעצט אויף א קורצער צייט אין תפיסה און דער „הצבי“ האט אויפגעהערט צו ערשיינען. שטאט דעם

„הצבי" האט ער אנגעהויבען ארויסצוגעבען א צייטשריפט אונטער דעם טיטעל „השקפה".

דער וויכטיגסטער אויפטו פון בן יהודה איז אבער געווען זיין גרויסער מלון, וועלכען ער האט לײדער נישט פערענדיגט.

די דערוואכונג פון דער העברעאיעשער שפראך האט געפיהרט דערצו, וואס עס זענען ענטשטאנען א גאנצע רייה פון צייטשריפטען, וועלכע האבען אויסגעאיבט א גרויסען איינדרוק אויף דער יוגענד.

אזוי זענען ענטשטאנען:

1841 „פרחי צפון" ערשינען א קורצע צייט.

1859 „הכרמל".

1860 „„המליץ", צוערשט אין אדעס, שפעטער ארויסגעגעבען פון צעדערבוים אין פעטערסבורג.

1863 „הצפירה", א טאגצייטונג, געגרינדעט דורך סלאנימסקי איןווארשא, רעדאגירט שפעטער דורך נחום סאקאלאוו, וועלכער האט זי געבראכט אויף א גאר הויכען ניווא.

1865 „המגיד" אין ליק, רעדאגירט דורך דעם בעגייסטערטען נאציאנאליסט דוד גארדאן.

אין גאליציען איז 1853 געגרינדעט געווארען דורך שאר דער „החלוץ".

דאך האט די דאזיגע בעוועגונג נישט ארויסגערופען קיין גרעסערע סימפאטיעס ביי דער יודישער בעפעלקערונג. די יודישע מאסען האבען זיך בעצויגען מיט מיס־טרויען און פעראכטונג צו דער „השכלה־בעוועגונג" און צוזאמען מיט יענער אויך בעקעמפט די ציוניסטישע פארלייפער אין יענע יאהרען. די יודישע אסימילירטע אינטעליגענץ ווידער האט געוואלט — פונקט ווי אין מערב־איראפא — בעפרייען זיך פונ'ם יודענטום און נישט בעפרייען דאס יודענטום.

עס וועלען ערשט קומען די פאגראמען אינ'ם יאהר 1882 און וועלען איבער־צייגען, אזוי די אבגעשטאנענע מאסען פונקט ווי די פון דער „קולטור" פערשכור־טע אינטעליגענץ, אז דער איינציגער וועג צו לעזען די יודענפראגע איז די „אויטא־עמאנציפאציע", די זעלבסטבעפרייאונג פונ'ם יודישען פאלק.

צווייטער אָבשניט.

דער פעריאָד פון חובבי ציוניזם ביז צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס 1881—1897.

נײנטער קאפיטעל.

די פאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80 יאָהרען.

דאָס יאָהר 1881 איז א ווענדעפּונקט אין דער געשיכטע פון ציוניזם. אין דעם דאָזיגען יאָהר געזעגענען מיר זיך מיט דער „פּאָרגעשיכטע" פון ציוניזם און איהרע „פּאָרלייפער" און טרעטען אריין אין דער קרבנות־ און מיה־פולער ארבייט פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער מאסענבעוועגונג.

מאַנכע גלויבען, אז די אייגענטליכע געשיכטע פון ציוניזם הויבט זיך אָן מיט'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל. אַלעס, וואָס עס איז געווען פריהער איז נור געווען בבחינת פון א „פּרוזדור" א מין הקדמה צו א ספר. לויט אונזער מיינונג איז דאָס פולקאָמען פאַלש. נישט וועלענדיג אויף קיין האָר קלענער מאַכען די היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, און אָבשאַצענדיג ריכטיג דעם גרויסען און וועזענטליכען חלוק צווישען דעם חובבי־ציון פּעריאָד און דער תקופה פון פּאָליטישען ציוניזם, אויף וועלכען חלוק עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך ברייטער אָבצושטעלען, גלויבען מיר דאָך, אז זייט דעם יאָהר 1881 פיהרט איין קייט פון פּאַסירונגען און געשעהענישען, און דאַדורך בעטראַכטען מיר דאָס יאָהר 1881 אלס דעם דאַטום פון דער „געבורט" פון דער מאָדערנער ציוניסטישער בעוועגונג.

די אונמיטעלבארע סבה פון דעם ענטשטעהען פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער בעוועגונג זענען געווען פאָלגענדע געשעהענישען:

דעם 15 אַפּריל 1881 האָבען ניהיליסטען דערהרג'ט דעם רוסישען צאַר אַלעקסאַנדער II. באַלד דערויף געהט אַדורך דורך גאַנץ רוסלאַנד א מעכטיגע אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און מוראַדיגער. די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע העצע פיהרט צו בלוטיגע פּאָגראָמען און עקסצעסען, וועלכע דויערן קנאַפּע 3 יאָהר און ווערען שוואַכער ערשט אינ'ם יאָהר 1883. די גאַנצע וועלט „פּראָטעסטירט" טאַקי געגען דעם דאָזיגען באַנדיטיזם, אָבער כנהוג אָהן ערפאָלג.

לאָמיר זיך אָקאָרשט אָבשטעלען אויף די עקר'דיגע סבות וואָס האָבען געפיהרט צו דעם דאָזיגען אויסברויז פון די נידריגסטע פּאָלקסאינסטינקטען געגען יודען:

א) צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט דורכגעפיהרט די פויערים־בעפריי־אונג אין רוסלאַנד. בעקר האָט ער זיי געגעבען די „פרייציגיקייט“, ד. ה. די פויערים האָבען געקענט פערלאָזען דאָס דאָרף. זיי זענען געוואָרען „פרייע“ מענשען. די דאָזיגע פּאָליטישע קאָנצעסיעס האָבען אָבער נישט אויף א ברעקיל גע־לעזט די פראגע פון דעם רוסישען מוזשיק. קיין באָדענרעפאָרם, וואָס זאָל שטילען דעם גרויסען באָדענהונגער פון דעם רוסישען פויער האָט דער צאַר נישט אדורכ־געפיהרט. נישט געפונענדיג קיין ארבייט און פרנסה אין דאָרף האָט דער פויער עמיגרירט אין די שטאָט. אין דער שטאָט האָט ער אָבער נישט געפונען קיין אינדוסטרי, וועלכע וואָלט איהם געקענט בעשעפטיגען. דער האַנדעל און מלאכה איז אָבער געווען בעזעצט דורך יודען. די יודען האָבען אין דעם עפּים ליבעראַלערען רעזשים דורכגעמאַכט א געוויסען עקאָנאָמישען אויפשוואונג און האָבען אזויאַרום נור פערפעסטיגט זייערע ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס. דער רוסישער דאָרפישער „עמיגראַנט“ האָט בכן נור דאַן געקענט געפונען א עקזיסטענץ אין שטאָט, אויב עס זאָל זיך איהם געווען איינגעבען צו דערשיטערען די יודישע פּאָזיציע. איבעראַל אָבער — אזוי לערנט אונז די יודישע געשיכטע — וואו די „אויטאָכטאָנע“ בע־פעלקערונג וויל אריינדרינגען אין צווייגען, וואָס זענען ביז איצט געווען בעזעצט דורך יודען, שטויסט זי ארויס די יודען דורך אַנטיסעמיטישע לאָזונגען און א אַנטי־סעמיטישער אַגיטאַציע.

ב) די יודען האָבען זיך בידוע בעשעפטיגט מיט געלד פערלייהען. דער קריסט, וואָס האָט זיך געבאָרגט דאָס געלד, האָט נישט געוואָלט אָדער געקענט פערשטעהען, אַז פּראָצענטען זענען א נאָרמאַלע עקאָנאָמישע ערשיינונג אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדנונג. ער האָט געזעהען אינ'ם יוד דעם וואוכערער, אויסנוצער און בלוט־זויגער.

ג) די יודישע גרויסע בורזשואַזיע, באַנקירען, פאַבריקאַנטען און גרויסע סוחרים האָבען דורך זייער אפשר צו פיל „פּראָצענדער“ אויפפיהרונג געשטאָכען אין די אויגען פון די רוסישע מאַסען.

ד) די יונגע רוסישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג האָט פון איהר זייט נאָך פערשאַרפט דעם אַנטאַגאָניזם, טענה'נדיג, אַז די יודען זענען פּרעמדקערפּער, „וועלכע האָבען געמאַכט אָבהענגיג פון זיך די אויטאָכטאָנע בעפעלקערונג“ (דאָסטאָיעווסקי).

ה) די קאָנסערוואַטיווע מלוכה־קרייזען ווידער, וועלענדיג קאָמפּראָמיטירען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין די אויגען פון די מאַסען, האָבען אויפגעוויזען, אַז יודען „מאַכען רעוואָלוציעס“ און זענען שונאים פון דער מלוכה.

די רוסישע רעגירונג האָט גאָר נישט געטהון, כדי אָבצושטעלען די פּאָגראָמען. פערקעהרט, זי האָט נאָך געלענקט דעם פּאָלקסצאָרן, וואָס איז אין א גרויסער מאָס געווען געריכטעט געגען איהר רעגירונגססיסטעם, געגען די יודען. וועלענדיג אָבער שפּעטער כשר'ן און לעגאַליזירען די פּאָגראָמען, האָט זי ארויסגעגעבען א גאַנצע רייה פון געזעצען, וועלכע האָבען איינגעשרעקנט די פרייהייט פון די יודען. די רע־

גירונג האָט געשאַפען דעם תחום המושב, איינגעפיהרט א פראָצענטנאָרם אין די שולען, פערבאָטען יודען צו קויפען ערד א. א. וו. דער אויסדרוק פון דעם גרעסטען ציניזם און באַנדיטיזם איז געווען, וואָס נאָך דעם אַלעמען האָט דער מיניסטער איג־נאַטיעוו איינגעזעצט א קאָמיסיע, וועלכע האָט בעדאַרפט צו שטודירען דעם „שעד־ליכען איינפלוס" פון יודען...

די דאָזיגע ערשיינונגען האָבען קודם כל זיך אזוי אויסגעווירקט פאָליטיש און עקאָנאָמיש, אַז יודען האָבען אָנגעהויבען צו עמיגרירען קיין אַמעריקאַ אָבער אויך קיין א"י. כדי צו אונטערשטיצען די יודישע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין א"י. האָט ר' שמואל מאָהיליווער געגרינדעט אינ'ם יאָהר 1881 א „חובבי־ציון"־פעריין אין וואַרשא און באַלד ענטשטעהען אַזעלכע פעריינען אויך אין דער פּראָווינץ, אָבער אויך אין אויסלאַנד, אין רומעניען, גאַליציען (דורך דר. בירער), וויען, בערלין, לאָנדאָן, אַמעריקאַ. דער הויפטצוועק פון די דאָזיגע פעריינען איז געווען ווי געזאָגט די אונטערשטיצונג פון דער עמיגראַציע קיין א"י, איהר קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, און די ווידערויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. מיט דער אַגיטאַציע האָ־בען אָנגעפיהרט סמאָלענסקין, ליליענבלום, דוד גאָרדאָן און ר' שמואל מאָהילעווער.

אָבער די דאָזיגע פעריינען האָבען געפיהרט א איינזאַם לעבען אָהן א קשר און צוזאַמענהאַנג צווישען זיך. עס האָט געפעהלט די צענטראַלע קערפּערשאַפט און דער מאַן, וואָס זאָל צענטראַליזירען די גאַנצע בעוועגונג און זי אריינגעהמען אין פעסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַהמען.

פּלוצלינג איז ערשינען א בראָשור ,וואָס האָט בליצאַרטיג בעלייכטעט די לאַגע פון די יודען און אָנגעוויזען אויף דער איינציגער לעזונג פון דער יודענפראַגע. די בראָשור איז ערשינען אין דער דייטשער שפּראַך א. ד. ט. „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן, מאַהנרוף אַן זיינע שטאַמגענאָסען פאָן איינעם רוסישען יודען". באַלד איז מען גע־וואויר געוואָרען, אז דער מחבר פון דעם ביכעל הייסט דר. י ה ו ד ה ל י י ב פּ י נ ־ ס ק ע ר.

צעהנטער קאפיטעל:

יהודה לייב פינסקער און זיין אויטאָעמאַנציפּאַציע.

דר. יהודה לייב פינסקער איז געבוירען אין טאָמאַשאָוו אינ'ם יאָהר 1821 און איז געשטאָרבען אין אָדעס אינ'ם יאָהר 1891. זיין פאָטער, שמחה פינסקער, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, א חבר פון יעלינעק, גייגער א. א. וו. ער האָט ארויסגעגעבען א פּאָר ביכער: „לקוטי קדמוניות" און „מבוא לנקוד האשור", וועלכע האָבען געמאַכט אויף דער געלעהרטען־וועלט (אויף גרעץ למשל) א גרויסען רושם. זיין זוהן האָט ער ערצויגען אינ'ם גייסט פון דער השכלה, געבענדיג איהם א עכט יודישע און מענשליכע ערציהונג.

יהודה לייב האָט זיך אָבער אין דער יוגענד דערווייטערט פונ'ם יודענטום. ער האָט געענדיגט דאָס גימנאַזיום אין אָדעס און שפּעטער, אינ'ם יאָהר 1842, דאָס ליצעאום פאַר יוריספּרודענץ. נישט קענענדיג בעקומען א מלוכה־פּאָסטען הויבט ער אָן צו לערנען מעדיצין, וועלכע ער פערענדיגט אינ'ם יאָהר 1848. כדי צו פערפול־קאָמנען זיין שטודיום פאָהרט ער קיין דייטשלאַנד און עסטרייך. דאָ טרעפט ער זיך צונויף מיט גייגער, יעלינעק, פיליפּזאָהן, וועלכע איבען אויף איהם אויס א דעצי־דירענדען איינפלוס. ער האָט זיך פולקאָמען איבערגענומען מיט זייערע אַסימילאַ־טאָרישע און השכלה־אידעען.

נאָכדעם ווי פינסקער האָט זיך איינגעאָרדנעט אין אָדעס אַלס ארצט הויבט ער אָן צו זיין טעטיג אין דער „חברה צו פערשפּרייטען השכלה אונטער יודען". פינסקער ארבייט אויך צוזאַמען מיט דר. סאָלאָוועיטשיק און י. ראַבינאָוויטש אין די צייטונגען „ראַסוויעט", „ציון". די הויפּטזעכליכע ארבייט פון די דאָזיגע השכלה־חברות איז געווענדעט פון איין זייט לגבי דער רוסישער געזעלשאַפט, כדי אויפצו־קלעהרען איהרע טעותים איבער יודען און אזויאַרום פאַרצובערייטען דעם באָדען פאַר דער רעכטליכער עמאַנציפּאַציע. פון דער אנדערער זייט איז די ארבייט גע־ווענדעט לגבי די יודען, אריינצובריינגען קולטור אין די יודישע מאַסען. אין די דאָזיגע צייטען איז פינסקער געווען א פאַנאַטישער „רוסיפיקאַטאָר". ער האָט אָרגאַניזירט א קאָמיסיע, צו איבערזעצען תנ"ך, סדורים און לערנביכער אויף רו־

סיש, כדי דורכצופיהרען ראַדיקאַל און ענדגילטיג א רוסישע אַסימילאַציע צווישען יודען.

אַבער עס איז איהם נישט געווען בעשערט צו לעבען לאַנג אין אַזעלכע אילוזיעס. שוין צוליב די אונרוהען אינ׳ם יאָהר 1859 און 1871 האָט זיך אַביסעל זיין וועלטאַנשויאונג א וואַקעל געטהון. צי דען געפונט ער זיך אויף דעם ריכטיגען וועג, ווען ער פּרעדיגט אַסימילאַציע צווישען יודען? אַבער ער האָט אונטערדרוקט די דאָזיגע ספקות אין זיך. ער האָט נור נישט געאַרבייט אין דער „חברה צו פערשפּרייטען קולטור“ מיט אַזא איבערגעגעבענהייט און התלהבות ווי ביז איצט.

און דאַן איז געקומען די ערמאָרדונג פונ׳ם צאַר, דער פּאָגראָם, די רעכטליכע איינשרענקונגען פון יודען. פּינסקער האָט געזעהען, אז זיין וועלטבילד איז געוואָרען אין גאַנצען צערשמעטערט. „ניין! — האָט זיין נשמה אויפגעברויזט — קיינער קען אונז נישט בעפרייען, אויב מיר אַליין וועלען עס נישט טהון“.

נאָכדעם ווי די לאַגע האָט זיך אַביסעל בערוהיגט האָט די „חברה צו פערשפּרייטען השכלה צווישען די יודען“ אָנגעהויבען צוריק „נאָרמאַל“ צו אַרבייטען. דאָס פּרעזידיום האָט איינגערופען א זיצונג מיט׳ן סדר היום: וויאַזוי צו פערשפּרייטען די רוסישע שפּראַך צווישען די יודען. אויך פּינסקער איז געגאַנגען אויף דער דאָזיגער זיצונג, אָבער אין זיין מח האָבען זיך אָנגעהויבען צו וועבען גאַנץ נייע אידעען. אין דער מיט פון דער זיצונג שטעהט אויף פּינסקער, א בלאַסער און אויפגערעגטער און זאָגט: „איך בעט אייך, די לאַגע פון אונזערע ברידער איז אַזוי האָפנונגסלאָז, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זיי מוזען זיך שיצען פאַר פּאָגראָמען און וואַלגערען היימלאָז און עלענד פון שטאָט צו שטאָט, זוכענדיג פאַר זיך א היימאַט און איהר זיצט דאָ גאַנץ רוהיג און בעראָט איבער די „אויפקלעהרונג“ פון די יודישע מאַסען. צי זעהט איהר נישט, צי ווילט איהר נישט זעהען, ווי נעבעכדיג און אונפּראָדוקטיוו עס זענען אייערע אָנשטרענגונגען? וואַרפט אוועק די דאָזיגע קליינליכע אַרבייט, וואַרפט אוועק די אויפקלעהרונג פון יחידים, העלפט דעם גאַנצען פאָלק, העלפט איהם, ער זאָל זיך אַליין בעפרייען!“.

די אינערע רעוואָלוציע איז געווען פערענדיגט... איצט פאָהרט פּינסקער קיין דייטשלאַנד און זוכט צו בעקעהרען יעלינעק׳ן צו זיין אידעע — אָהן א יעדען רעזולטאַט. יעלינעק גיט צו פערשטעהען פּינסקער׳ן, אז זיין אידעע איז... א משוגעת. יעלינעק טרעט אויף אין דער צייטשריפט „נויצייט“ געגען אַזעלכע אידעען, וואָס זענען געוואָרען געפּרעדיגט דורך סמאָלענסקין און פּינסקער. אַלס ענפער אויף דעם דאָזיגען אויפזאַץ האָט פּינסקער פערעפענטליכט זיין „א ו י ט אָ ע מ אַ נ צ י פּ אַ צ י ע“.

וואָס איז דער תמצית פון דעם דאָזיגען „העפט“, אַזויווי א ח ד ה ע ם האָט אָנגערופען פּינסקער׳ס שריפט? בעקר איז די „אויטאָעמאַנציפּאַציע“ א „מאַהנרוף“ און האָט נישט אַזא בריטען און דעטאַלירטען פּלאַן ווי למשל דער יודענשטאַט פון הערצל. אָבער די בעשרייבונגען פון דער יודישער לאַגע און די פאָרמולירונגען פון

די ציוניסטישע פרינציפען זענען אזוי קלאָהר און פלאַסטיש, אז די „אויטאָעמאַנ־ציפּאַציע" איבערשטייגט אין דער דאָזיגער הינזיכט יעדע אַנדערע ציוניסטישע פּובליקאַציע.

לאָמיר זיך אָקאָרשט בעקענען מיט פינסקער'ס געדאַנקענגאַנג. די יודען — מיינט פינסקער — זענען אין די אויגען פון די פעלקער אין א גאָר משונה'דיגער לאַגע. מיט'ן פערלוסט פון זייער מלוכה'שען קיום האָבען די יודען אייגענטליך בעדאַרפט אויך אויפהערען צו עגזיסטירען אלס פאָלק. צום סוף האָבען זיי אָבגע־טהון א שפּיצעל דער געשיכטע און לעבען ווייטער אלס גייסטיגע נאַציע.

„די וועלט — זאָגט פינסקער — האָט דערזעהען אינ'ם יוד א טונקלע גע־שטאַלט פון א בר־מנן, וואָס בלאָנדזעט ארום צווישען די לעבעדיגע. דער דאָזיגער טויטער גייסט, די דאָזיגע דעמאָנישע נאַציע אָהן א איינהייט, אָהן א אָרגאַניזאַציע, אָהן א אייגענער טעריטאָריע, וועלכע לעבט נישט און דאָך דרעהט זי זיך ארום צווישען די לעבעדיגע, האָט נישט געקאָנט נישט ארויסרופען א גאַנץ בעזונדערען איינדרוק".

דער דאָזיגער „איינדרוק" האָט זיך אָבער אינ'ם לויף פון דער געשיכטע אזוי פערוואורצעלט אין דער נשמה פון די פעלקער, אז די שנאה צו יודען, וועלכע איז א פועל־יוצא פון דער אויבען ציטירטער עובדה, איז געוואָרען א אונהיילבאַרע קראַנקהייט. „דער אַנטיסעמיטיזם — מיינט פינסקער — איז א פּסיכאָז, און אלס אזעלכע פערערבט זי זיך און ווייל מען ירשענט די קראַנקהייט שוין זייט צוויי טויזענד יאָהר איז זי אונהיילבאַר".

און אויב אזוי האָט נישט קיין צוועק צו בעקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם אָדער גאָר מיט איהם צו פּאָלעמיזירען. „אויב מיר האָבען בעצייכענט די שנאה צו יודען — שרייבט פינסקער — אלס א פערירשענטע, ביי דעם מענשליכען מין פאַרהאַנענע ד ע מ א נ א פ א ט י ע, אלס א פערערבטע גייסטיגע פעראַירונג, טאָ איז דערפון געדרונגען, אז מיר מוזען אויפהערען צו בעקעמפען די פיינדליכע טענדענצען, פּונקט אזויווי אנדערע פערערבטע אנלאַגען. די דאָזיגע קאָנסעקווענץ איז פאַר אונז אויך אזויפיל וויכטיג, ווייל עס איז געדרונגען דערפון, אז עס איז א שאָד צו פער־לירען צייט און כח צו פיהרען א ווייטערע פּאָלעמיק, וועלכע איז נור א קאַמף ארום ווערטער".

און אפשר קענען מיר זיך אַסימילירען מיט די פעלקער? דאָס איז נישט מעגליך.

„די יודען — זאָגט פינסקער — בילדען א בעזונדערען העטעראָגענעם על־מענט צווישען די פעלקער, אונטער וועלכע זיי לעבען. נישט פעהיג זיך אויסצו־מישען מיט זיי. און דאדורך זענען מיר ביי קיין שום פאָלק נישט גערן געזעהען". אונזער לאַגע ווערט אָט צוליב דער דאָזיגער עובדה באמת א טראַגישע און א פער־צווייפעלטע.

„דאָס יודישע פאָלק האָט נישט קיין פאָטערלאַנד, הגם עס האָט א סך מוטער־

לענדער, עס האָט נישט קיין צענטרום, קיין שווערפּונקט, קיין רעגירונג, קיין פערטרעטונג. עס איז איבעראַל אַנוועזענד, אָבער אין ערגיץ נישט אין דער היים".

און ווייטער:

„וואָס פאר א שרעקליך בילד שטעלען מיר פאָר! מיר זענען נישט קיין נאַציע אונטער נאַציעס און האָבען נישט קיין שטים אין פעלקערראַט, אפילו אין ענינים, וואָס זענען אונז נוגע. אונזער פאָטערלאַנד — איז די פרעמדקייט, אונזער איינהייט — די צערשטרייאונג, אונזער סאָלידאַריטעט — די אַלגעמיינע פיינדשאַפט, אונזער כלי־זין — די הכנעה, אונזער וועהרקראַפט — די פליכט, אונזער אָריגינאַליטעט — די אַנפּאַסונג, אונזער צוקונפט — דער קומענדיגער טאָג. וואָס פאַרא פעראַכטונגספולע ראָלע פאר א נאַציע, וואָס האָט א מאָל געהאַט איהרע חשמונאים!".

דער אַנטיסעמיטיזם איז געווענדעט נישט געגען א געוויסען קלאַס אין'ם יודענטום נור געגען דעם גאַנצען יודישען פאָלק. מען האָט פיינט דעם י ו ד, וועלכער איז „צווישען די לעבעדיגע א טויטער, פאר די איינגעבוירענע א פרעמדער, פאר די איינהיימישע א לאַנדשטרייכער, פאר די בעזיצענדע א בעטלער, פאר די אָרימע א אויסבייטער און מיליאָנער, פאר די פּאַטריאָטען א מענש אָהן א פאָטערלאַנד, פאר אַלע קלאַסען א פערהאַסטער קאָנקורענט".

עס איז קלאָהר, אז די עמאַנציפּאַציע איז נישט קיין אויסוועג און קיין לעזונג פון דער אַנגעוועהטיגטער יודענפראַגע, ווייל זי איז בלויז א מאַסקע. אויב מען וועט אונז אפילו גלייכשטעלען אין'ם רעכטליכען זין, וועלען מיר אָבער שטענדיג בלייבען די פרעמדע אין'ם געזעלשאַפטליכען זין. פאַר וואָס? ווייל מיר האָבען נישט קיין גלייכע שטעלונג מיט אַנדערע פעלקער. עס פעהלען אונז יענע אייגענשאַפטען, וואָס שפּראָצען ארויס פון א אייגענער טעריטאָריע. צוליב דעם פיהלען די פעלקער נישט צו אונז דעם נויטיגען דרך ארץ.

„ערשט ווען עס וועט ווערען געשאַפען די גרונדלאַגע — שרייבט פינסקער — ערשט ווען עס וועט ווערען א עובדה קימת, אז יודען וועלען עראָבערען די זעלבע שטעלונג וואָס אנדערע פעלקער, ערשט דאַמאָלס קענען מיר בעטראַכטען די יודענפראַגע פאר געלעזט".

אלזאָ, א טעריטאָריע, נישט קיין השכלה, נישט קיין „מיסיע", גיט אונז א טעריטאָריע! אָט דאָס איז דער רוף פון פינסקער.

און עס פינסקער'ן קיין חלוק נישט וואָס פאַרא טעריטאָריע. עס קען זיין אמעריקא, „א ו י ך א"י וואָלט געקענט זיין אונזער פאָטערלאַנד, דעסטאָ בעסער" אבער לאו דוקא א"י. מען זאָל וועהלען יעדעס לאַנד, וואָס איז צוגענגליך און פאַסיג. מיר יודען וועלען איבעראַל מיטשלעפּען אונזער גייסטיגען באַגאַזש און קענען אין יעדען לאַנד שאַפען אונזער פאָטערלאַנד. אונזערע גייסטיגע אַנלאַגע — און דער דאָזיגער טעות חזר'ט זיך אויך איבער ביי הערצל'ן — איז נישט געבונדען, לויט פינסקער, מיט א"י.

און עס מוזען גאָר נישט עמיגרירען אַלע יודען אין דעם נייען פאָטערלאַנד.

יעדעס לאַנד קען פערטראָגען א געוויסע צאָהל יודען. אויב די דאָזיגע מאַקסימאַלע צאָהל ווערט פערגרעסערט, דאַמאָלס ווערט דער „זעטיגונגספונקט" איבערשריטען, און דאָס לעבען ווערט אונערטרעגליך פאר די יודען. אָט די דאָזיגע „איבערצעהליגע" יודען דארפען עמיגרירען און שאַפען א אייגען פאָטערלאַנד און במילא וועט שוין די פראגע פון די יודען, וועלכע וועלען בלייבען אין זייערע וואוינלענדער זיין געלעזט. — די וויכטיגסטע פאָראויסזעצונג צו בעקומען א אייגען פאָטערלאַנד און בעפרייט צו ווערען איז, אז יודען זאָלען בעקומען צוריק זייער זעלבסטווירדע, זייער כבוד און דעם אונערשיטערליכען רצון זיך זעלבסט צו בעפרייען. מעהר ווי אלע שטרייכט פינסקער אונטער אָט די דאָזיגע מאָראַלישע זייט פון ציוניזם. אָהן דער „הכשרה רוחנית" (אזוי וואָלט ביי די היינטיגע טעג געלויטעט דער „טערמינוס טעכניקוס") איז נישטאָ קיין גאולה.

וואָס פאַרא פּראַקטישע שריט מוזען אָבער געטהון ווערען, כדי צו לעזען די יודענפראַגע? דעריבער רעדט פינסקער, ווי געזאָגט, זעהר ווייניג. דער עקר איז פאר איהם די פאָרמולירונג פונ'ם פרינציפ און נישט פון דער פראַקטישער דורכפיהרונג. נור מאַנכע רמזים געפונען מיר אין פינסקערס שריפט.

עס זאָל גערופען ווערען א קאָנגרעס פון אלע יודישע נאָטאַבלען און זיי זאָלען וועהלען א „דירעקטאָריום", דאָס דירעקטאָריום מוז דאַן שיקען א פאָרשונגוסקאָמיסיע פון פאַכמענער, וועלכע זאָלען אויסוועהלען דאָס סאַמי פאַסיגסטע לאַנד. אויב די קאָמיסיע וועט געפונען א פאַסיגע טעריטאָריע, זאָל דאָס דירקטאָריום קויפען דאָס לאַנד, נאָכדעם ווי אלע פעלקער וועלען מסכים זיין דערויף.

דאָס לאַנד טאָר דאַן נישט ווערען פערקויפט. דאָס דירעקטאָריום זאָל דאָס לאַנד פאַרצעלירען און פערקויפען די פאַרצעלען צו העכערע פרייזען איידער עס האָט געקאָסט. דער רווח דארף פערווענדעט ווערען צו דער קאָלאָניזאַציע פון אָרימע יודען. אויך זאָל דאָס דירעקטאָריום אויסשרייבען א נאַציאָנאַלע הלואה, און דאפאר קאָלאָניזירען אָרימע יודען.

פינסקער פאַסט צונויף דעם תוכן פון זיין שריפט אין פאָלגענדע ווערטער:

„די יודען זענען נישט קיין לעבעדיגע נאַציע, איבעראַל זענען זיי פרעמדע און דאדורך פעראַכטעט. די בירגערליכע און פאָליטישע גלייכבערעכטיגונג גענוגט נישט, זיי צו הויבען אין די אויגען פון די פעלקער. דאָס איינציגע מיטעל איז די דערוואַכונג פון דער יודישער נאַציאָנאַליטעט, פונ'ם פאָלק אין א אייגען לאַנד, די זעלבסטבעפרייאונג פון די יודען, זייער גלייכבערעכטיגונג אונטער פעלקער, דורך דעם ערווערב פון א אייגען פאָטערלאַנד.

מען טאָר זיך נישט איינרעדען, אז דער הומאַניזם און די קולטור קענען אמאָל ווערען ראַדיקאַלע מיטעל געגען די אָהנמאַכט פון אונזער פאָלק.

דער מאַנגעל פון דעם נאַציאָנאַלען זעלבסטגעפיהל פונ'ם פערטרויען אין אונ־

זערע כחות, דאָס פעהלען פון א פּאָליטישער איניציאַטיוו און איינהייט זענען שונאים פון אונזער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

כדי מיר זאָלען נישט פערבייטען איין גלות אויף'ן צווייטען, מוזען מיר בע־זיצען א גרויסען פּראָדוקטיווען שטיץ־אָרט, עפּיס א צענטראַלען פּונקט, וואָס זאָל בעלאַנגען צו אונז.

די איצטיגע צייט איז מעהר צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיגען פּלאַן ווי יעדע אנדערע.

די אינטערנאַציאָנאַלע יודישע פראגע קען נור געלעזט ווערען אויף א נאַציאָנאַ־לען אופן. נאַטירליך קען זיך אונזערע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג ענטוויקלען נור פּאַ־וואָליע. מיר מוזען מאַכען דעם ערשטען שריט. אונזערע נאָכפאָלגער מוזען אונז נאָכפאָלגען אין א לאַנגזאַמען טעמפּאָ.

די נייע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון יודען מוז בעשטעטיגט ווערען פון א קאָנ־גרעס פון יודישע נאָטאַבלען.

קיין שום קרבן וועט נישט זיין צו שווער, כדי צו דערגרייכען אונזער ציל, וועלכער קען פערזיכערען די פון אלע זייטען בעדראָהטע צוקונפט פון אונזער פאָלק.

די פינאַנציעלע דורכפיהרונג פון דעם דאָזיגען אונטערנעהמען קען זיך נישט אָנשטויסען, לויט דעם מצב העניינים, אויף אונאיבערווינדליכע שוועריגקייטען.

העלפט אייך אליין און גאָט וועט אייך העלפען!".

אָט דאָס איז דער תמצית פון דער גייסטיגער רעוואָלוציע, וועלכע די 80־גער יאָהרען האָבען דורכגעפיהרט אין פינסקערס נשמה. זי איז כאַראַקטעריסטיש נישט נור פאַר פינסקער'ן, נור פאַר גאָר א גרויסען טייל פון דער רוסיש־יודישער אינ־טעליגענץ.

עלפטער קאפיטעל:

פינסקער ביי דער פראַקטישער אַרבייט און דער מצב פון דער בעוועגונג.

פינסקער איז געווען בעצם א פאַרשער־נאַטור. מיט זיין אָדלער־בליק איז ער דורכגעדרונגען ביז צו די פערבאָרגענסטע טיפענישען פון דעם יודישען פּראָבלעם. זיין דיאגנאָז איז ווי פונ׳ם בעסטען דאָקטאָר, זיינע פאָרמולירונגען זענען אונ־איבערטרעפליך. אָבער פינסקער איז נישט געווען דער פּראַקטישער מענש פון מעשים, וועלכער ערצווינגט זיך געהאָרכזאמקייט און דיסציפלין, וועלכער פער־שטעהט, אויסצוקנעטען פון דער ווידערשפּענסטיגער אמארפער מאַסע יענעם כלי־זין, וואָס דאַרף רעאַליזירען זיין אידעע. פינסקער איז נישט געווען דער „פיהרער“, אינ׳ם זין פון קאַרלייל. בקצור: הגם עס זענען דאָ פיל עהנליכע מאָמענטען צווישען דעם גערדאַנקענגאַנג פון דיביידע מענער, איז פינסקער דאָך נישט געווען... א הערצל.

פינסקער, זעהענדיג, אז די מערב־יודען זענען נישט קאַפּאַבעל אויפצונעהמען די נייע אידעען האָט געריכטעט זיין הויפּטאויפמערקזאַמקייט אויף די מזרח־יודען. דאָ זענען שוין געווען טעטיג פעריינע און חברות אין פערשידענע שטעט, — דאָך אָהן א אינערליכען צוזאמענהאַנג. די ארבייט איז געפיהרט געוואָרען כאַאָטיש אָהן א פּלאַן און פּאָליטישען עלאַן. אין דעם דאָזיגען מצב, איז פינסקער געווען דער מאַן, וואָס האָט געזאָלט אריינברענגען אָרדנונג און שאַפען פון די צערשטרייטע פעריינע איין גרויסע בעוועגונג.

אין דער ערשטער צייט האָט פינסקער׳ס פערזאָן ארויסגערופען אפילו א גע־וויסען ווידערשטאַנד אין מאַנכע קרייזען, צוליב צוויי טעמים: 1) צוליב זיין טערי־טאָריאַליזם; 2) צוליב זיינע פרייע רעליגיעזע אנשויאונגען. אין דעם ערשטען פרט האָט ליליענבלום געפּרובט צו בעאיינפלוסען פינסקער׳ן און איהם צו בעוועגען צום פּאַלעסטיניזם. פינסקער האָט אויך נאָך א געוויסער צייט נאָכגעגעבען און זיך אָפּען בעקענט צום ציוניזם.

דאמאלס האָט ליליענבלום אָנגעהויבען צו דרענגען אויף פינסקער׳ן, ער זאָל אָנהויבען צו אָרגאניזירען די „חיבת־ציון“־בעוועגונג, בהסכם מיט די געדאַנקען, וואָס ער האָט אָנגעצייכענט אין דער „אויטאָעמאַנציפּאַציע“. פינסקער איז אָבער דערצו נישט געווען ענטשלאָסען. ליליענבלומען צו הילף איז געקומען... א צופאַל.

אין אָדעס איז פאָרגעקומען א צוזאַמענפאָהר פון נאַטורוויסענשאַפטלער. צום צוזאַמענפאָהר זענען א. א. געקומען אויך צוויי יודישע געלעהרטע: פּראָפ. הער־מאַן שאַפּירא (פּראָפ. פון מאַטעמאַטיק אין היידעלבּערג), דער גרינדער פון א ציוניסטישען פעריין אין היידעלבּערג, דער פאָטער פונ'ם קרן־קימת־געדאַנק און דער ערשטער פּראָפּאַגאַטאָר פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט און דר. מאַנ־דעלשטאַם. זיי האָבען צוגעהאָלפען ליליענבּלומען אין דער בּעאײַנפלוסונג פון פינסקער'ן. פינסקער האָט געגרינדעט א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אָדעס, וועל־כע וועט שפּעטער שפּילען א וויכטיגע ראָלע אין דער בּעוועגונג. אמת, אין די ציר־קולאַרען און פּראָקלאַמאַציעס פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע האָט מען נאָך אונטער־געשטראָכען דעם שוואַכען יחס פון פינסקער'ן צו ארץ־ישראל. ליליענבּלום האָט נישט פּראָטעסטירט, וועלענדיג פערבּינדען פינסקער'ן אין גאַנצען מיט דער בּע־וועגונג.

איצט האָט מען בּעדאַרפט צוטרעטען צו דער קאָנסאָלידאַציע פון דער גאַנצער „חבת־ציון"־בּעוועגונג. א סך פראַגען, וועלכע זענען געשטאַנען אויפ'ן סדר היום האָבען געמוזט ווערען געלעזט. מען האָט בּעדאַרפט פועלן בּיי דער טערקישער רע־גירונג א פרייע עמיגראַציע קיין א"י. (אפילו ראָטשילד'ס אינטערווענץ האָט נישט געהאָלפען). מען האָט בּעדאַרפט שאַפען אָרדנונג אין די שוין בּעשטעהענדע פער־וואַהרלאָזטע קאָלאָניעס (זעה ווייטער: „די ערשטע עליה און קאָלאָניזאַציע"), מען האָט בּעדאַרפט שאַפען א „ועד הפועל" אין א"י גופא און דער עקר מען האָט בּעדאַרפט מאַכען פּאָפּולער די אָרגאַניזאַציע בּיי די בּרייטע מאַסען.

אָט די אַלע פראַגען האָבען געקענט געלעזט ווערען נור אויף א אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָהר. פינסקער, וועלכער איז געווען א בּעשיידענער מענש און האָט נישט ליב געהאַט קיין רעש, האָט זיך אין דער ערשטער צייט אַנטגעגענגעשטעלט דעם געדאַנק פון אזא צוזאַמענפאָהר. און ווידער האָט צוגעהאָלפען א צופאַל.

פון וואַרשע איז איינגעפלאָסען א אַנטראַג פון ש. פ. ראַבּינאָוויטש („שפר", דעם איבּערזעצער פון גרעץ אין דער העברעאישער שפּראַך), אז מען זאָל אויסנוצען דעם הונדערטיעהריגען יובּילעאום פון משה מאָנטעפיאָרע פאַר א גרויסער דעמאָנ־סטראַציע לטובת דעם „חבת־ציון־געדאַנק". שפר האָט געהאַט א דאָפּעלטע כונה מיט זיין אַנטראַג. פון איין זייט האָט ער געוואָלט אויסנוצען די פּאָפּולאַריטעט פון מאָנטעפיאָרע בּיי יודען, כדי דורך איהם פּאָפּולער צו מאַכען די ציוניסטישע אידעע, פון דער אַנדערער זייט האָט ער געוואָלט געווינען די פינאַנציעלע אונטערשטיצונג פון מאָנטעפיאָרען און פון אַנדערע יודישע גבירים.

צו דעם דאָזיגען צוועק האָט מען אָבּגעדרוקט מאָנטעפיאָרעס בּילד מיט א פסוק פון תנ"ך און א קליינעם שיר פון י. ל. גאָרדאָן. אויף די דאָזיגע בּילדער האָט מען געזאַמעלט אונטערשריפטען און אין טויזענדער עקזעמפּלאַרען אָבּגעשיקט קיין לאָנ־דאָן. דער אַלטיטשקער מאָנטעפיאָרע איז געווען שטאַרק געריהרט פון דער דאָזיגער

מאסענהאפטער מאניפעסטאציע, האט זעהר גערזאנקט, אבער... קיין געלד האט ער נישט געשיקט. צוליב דעם דרוק פון ענגלישע יודען אויף מאנטעפיארען האט ער שפעטער נישט איבערגעלאזט אפילו קיין גראשען פאר ארץ־ישראל.

דער ציוניזם וועט נאך פיל מאל מאכען די ערפאהרונג, אז אזוי אפט ער וועט פרובען צו געווינען געלד ביי דער יודישער „פלוטאקראציע" און וועט אפילו צוליב דעם ברענגען גרויסע קרבנות פון זיין זייט, וועט ער העכסטענס בעקומען סימפאטיע־ערקלעהרונגען אבער נישט קיין געלד, די גבירים וועלען איהם העכסטענס זאגען א דעה, אבער וועלען פאר זיך בעהאלטען די מאה...

אבער אזויווי די דאזיגע אקציע האט אנגענומען א מאסענכאראקטער, האט זיך אויך פינסקער נישט מעהר געקענט ענטגעגענשטעלען דעם געדאנק פון א אלגע־מיינעם צוזאמענפאהר. אזויווי מען האט זיך אבער געהיט פאר דער צאריסטישער רעגירונג האט מען גערופען די קאנפערענץ קיין קאטאוויץ. — די קאנפערענץ איז פארגעקומען דעם 6 נאוועמבער 1884, דעם געבורטסטאג פון משה מאנטע־פיארע. עס זענען זיך צונויפגעקומען 34 דעלעגאטען. די ערעפנונגסרעדע האט גע־האלטען פינסקער. כדי צו געווינען די מערב־אייראפעאישע יודישע פילאנטראפישע קרייזען, האט מען אלעס געטהון, כדי צו עלימינירען פונ'ם צוזאמענפאהר אלע יענע שעפערישע און רעוואלוציאנערע אידעען, וועלכע פינסקער האט אזוי גלענ־צענד פארמולירט אין זיין שריפט. מען האט זיך בעשטרעבט אנצוגעבען דער גאנ־צער אונטערנעהמונג א פילאנטראפיש־ווירטשאפטליכען כאראקטער. דער צוזאמענ־פאהר איז בכלל געווען אזוי רוהיג און „פארזיכטיג", אז עס איז געווארען קלאהר, אז נישט אזוי וועקט מען דאס פאלק צו זיין זעלבסטבעפרייאונג.

נור איין מענש האט זיך ענטגעגענגעשטעלט אין דער אדעסאער ארגאניזאציע דעם גייסט און דער אטמאספערע, וואס האט געהערשט אויף דער קאטאוויצער קאנפערענץ, דאס איז געווען אשר גינסבורג, אחד־העם.

טראצדעם האט פינסקער'ס ערעפנונגסרעדע געמאכט א קאלאסאלען איינדרוק. ער האט גערעדט, ווי די יודען ווערען וואס אמאל אלץ מעהר פערדרענגט פונ'ם האנדעל. ער האט אנאליזירט די ראל פון דעם צווישען־האנדעל און מעקלעריי. דאס מוז אלץ נעהמען א סוף. די יודישע ווירטשאפטליכע סטרוקטור מוז ווערען גע־ענדערט. דאס פאלק האט אינסטינקטיוו דערפיהלט דעם ריכטיגען וועג. דער בעס־טער בעווייז דאפאר איז די עמיגראציע און די קאלאניזאציע אין א"י. אט אויף דעם וועג מוזען מיר ווייטער געהען.

די דיסקוסיע איז נישט געשטאנען אויף א הויכער מדרגה און דער צוזאמענ־פאהר האט זיך געענדיגט מיט אייגענטליך גאר קליינע רעזולטאטען. מען האט אויף דעם צוזאמענפאהר געגרינדעט א ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך לכבוד משה מאנטעפיארע אנגערופען „מזכרת משה". מען האט אויך אויסגעקליבען א צענטראל־קאמיטעט מיט צוויי אבטיילונגען, איינע אין ווארשע און איינע אין אדעס. די

לייטונג פונ'ם צענטראלקאָמיטעט האָט איבערגענומען פּ י נ ס ק ע ר און דאָס סעקרעטאַריאַט ל י ל י ע נ ב ל ו ם.

דער צוזאַמענפאָהר האָט בעשלאָסען צו אונטערשטיצען די בעשטעהענדיגע קאָלאָניעס אין א״י, צו אינטערווענירען ביים סולטאן לטובת א פרייער קאָלאָניזאַציע און עמיגראַציע, און צו שיקען א דעלעגאַציע קיין א״י אויסצופאָרשען די לאַגע (זעה ווייטער: וויסאָצקים רייזע קיין א״י).

פינסקער איז זאָפאָרט צוגעטרעטען צו א ברייטער פּראָפּאַגאַנדא־אַרבייט. ער האָט זיך בעשטרעבט צו געווינען בעדייטענדע פּערזענליכקייטען, בעזונדערס אין דייטשלאַנד און עסטרייך. עס איז איהם אפילו געלונגען צו געווינען אזא פּערזענליכקייט ווי גרעץ. אָבער גרעץ האָט זיך באַלד צוריקגעצויגען. מאַנכע בעהויפּטען, אז גרעץ האָט דאָס געטהון צוליב פּערזענליכע סבות, צוליב דער שאַרפער קריטיק פון סמאָלענסקין איבער זיין אינטערפּרעטאַציע פון מאַנכע פּסוקים אינ'ם תנ״ך...

יעדענפאַלס האָט זיך פינסקער דערינען באַלד ענטיישט. ער האָט געוואָלט אריבערטראָגען די צענטראַלע קיין בערלין, אָבער ער האָט נישט געפונען דערצו דעם ענטשפּרעכענדען מענש. די גאַנצע טעטיגקייט פון דער נייער אָרגאַניזאַציע האָט זיך בעשרענקט אויף געלדזאַמלונגען, אויף אונטערשטיצונג פון די קאָלאָניעס און אויף א בערך קליינער קניה פון באָדען פאַר א נייער קאָלאָניזאַציע.

באַלד ברעכט אָבער אויס אין דער אָרגאַניזאַציע א קריזיס. אין א״י האָט זיך די קאָלאָניזאַציע אָנגעשטויסען אויף כמעט אונאיבערווינדליכע שוועריגקייטען. די חלוקה־יודען האָבען ענטוויקעלט א גרויסע אַקציע געגען דער נייער אָרגאַניזאַציע. פון דער אַנדערער זייט איז דער מצב אין דער אָרגאַניזאַציע גופא געווען א שווערער. די צענטראַלע אין וואַרשע האָט שלעכט פונקציאָנירט, בעזונדערס האָט זי נישט ריכטיג פערוואַלטעט מיט די געלדער, וואָס זי האָט בעקומען פון אָרעס. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע מיט הרב שמואל מאָהיליבער בראש האָט אריינגעשיקט פינסקער'ן א שאַרפען פּראָטעסט געגען דער וואַרשויער אָבטיילונג, בעזונדערס געגען ראַבינאָוויטש'ן. הגם מאָהיליבער איז געוואָרען נאָמינירט אלס פערטער קאָמיסאַר האָט דאָס ווייניג וואָס געהאָלפען. די אונצופרידענקייט איז געוואַקסען און די געלד־הכנסות זענען געפאַלען. פינסקער האָט זיך זעהר שלעכט געפיהלט און האָט זיך געוואָלט אָבזאָגען פון זיין אַמט אלס פּרעזיצער. זיינע חברים האָבען דערצו נישט צוגעלאָזט. דאַגעגען האָבען זיי נעדרענגט אויף פינסקער'ן ער זאָל איינרופען א צווייטען פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר.

פינסקער האָט זיך אין דער ערשטער צייט ענטגעגענגעשטעלט דעם געדאַנק איינצובערופען א פּאַרטיי־קאָנפערענץ, פיינט האָבענדיג בכלל זאַכען, וואָס רופען אַרויס א אויפזעהען, אָבער זעהענדיג, ווי די אָפּאָזיציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, האָט ער דערצו דאָך נעגעבען זיין הסכמה. די אָפּאָזיציע האָט זיך בעזונדערס פערפעסטיגט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזען, וואו מען האָט געפיהרט געגען די „פרייע"

„בילו" א שטארקע אגיטאציע, אין וועלכער מען האט געפאָדערט, אָבצושטעלען די געלד־אונטערשטיצונגען פאר די „פרייע" עלעמענטען.

דער צווייטער צוזאמענפאָהר איז געוואָרען איינגערופען אינ'ם יאָהר 1887 קיין דרוסקיעניק.

דער צוזאמענפאָהר האָט זיך בעדאַרפט בעשעפטיגען הויפטזעכליך מיט פּראַקטישע פראגען. אָבער לײדער איז אזוי נישט געשעהען. אויף דעם צוזאמענפאָהר האָט זיך ענטוויקעלט א שארפער קאַמף צווישען „רעליגיעזע" און „פרייע". דער ראש המדברים פון די רעליגיעזע איז געווען הרב שמואל מאָהיליבער. ער איז אויפגעטרעטען מיט א שארפער רעדע געגען פינסקער'ן און ליליענבלום, ווי בכלל געגען די „בילו"־בעוועגונג.

„וואָסזשע ווילט איהר? אדרבה פאָרמולירט אייערע פאָדערונגען!" האָט גערופען א פערצווייפעלטער פינסקער.

„מיר ווילען כשרות אין דער חבת־ציון־בעוועגונג" האָט געענטפערט הרב שמואל מאָהיליבער.

די רעליגיעזע עלעמענטען האָבען זיך ערשט בערוהיגט, נאָכדעם ווי מען האָט אין דער נייער לײטונג געוועהלט דריי „משגיחים אויף כשרות" פון זייער זייט: הרב שמואל מאָהיליבער, עליאשבערג און ר' נציב. דער וויכטיגסטער אויפטהו פון דעם צוזאמענפאָהר איז געווען דער, וואָס ער האָט געענדערט דעם נאָמען פון דער אָרגאניזאציע פון „מזכרת משה" אויף „חובבי־ציון".

די לאַגע האָט זיך אָבער נאָך דעם צוזאמענפאָהר נישט וועזענטליך געבעסערט. קיין שלום בית איז נאָך אַלץ נישט געווען. דער אָרטאָדאָקסישער טײל פון דער לײטונג, זעהענדיג פינסקער'ס שוואכקייט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איז געקומען טאָג פאר טאָג מיט נייע, אָפטמאָלס לעכערליכע, פאָרשלאָגען. בעזונדערס ר' נציב האָט געלעגט פינסקער'ן גרויסע שטיינער אויף זיין וועג. ער האָט למשל פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל שטעלען די קאָלאָניסטען אין א"י אונטער א רעליגיעזען קוראַטעל, מען זאָל זיי קויפען טלית און תפילין א. א. וו. א. א. וו.

פינסקער'ס שוואכקייט געגען די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען האָט נישט נור געשטאַמט דערפון, וואָס פינסקער איז בכלל נישט געווען קיין איש ריב ומדון, נור הויפטזעכליך דערפון, וואָס פינסקער האָט געגלויבט אינ'ם כח פון דער אָרטאָדאָקסיע און אין דעם גרויסען נוצען, וואָס זי קען ברענגען דעם יודענטום און דער בעוועגונג. אָבער די אָרטאָדאָקסיע האָט אויסגענוצט פינסקער'ס שוואכקייט און האָט אָנגעצונדען א פייער פון מחלוקת, נישט נור אין דער לײטונג גופא, נור אויך אין דער בעוועגונג. די געקריגערייען האָבען בנהוג אָנגענומען גאָר מיאוסע פאָרמען. געגענזייטיגע חשדים, אינטריגעס, שיקאַנען א. א. וו. זענען געשטאַנען אויפ'ן סדר היום. דאָס האָט געפיהרט צו א מאַנגעל פון דיסציפּלין און צו א אַלגעמיינער דעמאָראַליזאַציע. פינסקער'ן איז געוואָרען אזוי מיאוס, אז ער האָט שוין געוואָלט אָבטרעטען פון דער לײטונג. אָבער ער האָט דאָס נישט געקאָנט טהון,

ווייל ראָטשילד פון פּאַריז האָט געדראָהט, אַז ער וועט אָפּשטעלען זיינע געלד־אונטערשטיצונגען פאַר די קאָלאָניעס, אויב פינסקער וועט דעמיסיאָנירען. אַזויאַרום איז די לאַגע פון פינסקער'ן געוואָרען זעהר טראַגיש. ער האָט אויף זיך געגען זיין ווילען געמוזט ווייטער שלעפּען דעם עול פון דער פעראַנטוואָרטונג. צו די אַלע צרות זענען נאָך צוגעקומען פאָלגענדע פּאַסירונגען: דער קאַמף צווישען פרייע און רעלי־גיעזע האָט זיך אויך אריבערגעטראָגען קיין א"י. די חלוקה־יודען, מיט א געוויסען חסיד דר. גאָלדבערג בראש, האָבען ענטוויקעלט א געוואַלטיגע קאַמפּיין געגען דער חבת־ציון־בעוועגונג בכלל און די נייע קאָלאָניעס בפרט, און אין א"י האָט דער קאַמף שוין אָנגענומען ממש עקעלהאַפטע פאָרמען. פערשידענע שונאי־ציון, וועלכע האָבען איצט אויפגעהויבען דעם קאָפּ האָבען פערשפּרייט ליגנערישע בראָשורען און פלוג־בלעטער געגען די פיהרער. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס עס איז אינ־גאַנצען געבראָכען געוואָרען דער מאָראַלישער כח פון דער בעוועגונג. מען האָט שוין נישט מעהר געפיהלט אין די רייהען פון די חובבי־ציון יענע גרויסע בעפריינענדיגע אידעע פון ציוניזם. די טאָגטעגליכע קליינליכע ארבייט אין דער בעגלייטונג פון אידיאָטישע מחלוקת'ן האָבען פערניכטעט דעם התלהבות און עלאַן. די חובבי־ציון־בעוועגונג האָט אָנגענומען אין גאַנצען דעם כאַראַקטער פון א פילאַנטראָפּישער אינ־סטיטוציע מיט אַלע איהרע חסרונות.

פינסקער, אַלט און קראַנק, פערביטערט און ענטיישט, האָט אינ'ם יאָהר 1889 אָנידערגעלעגט זיין אַמט אַלס פּאַרזיצער.

אין דעמזעלבען יאָהר האָט מען צונויפגערופען דעם **דריטען פּאַרטיי־צוזאַמענפאָהר קיין ווילנא**. עס זענען געווען אָנוועזענד פערטרע־טער פון 35 פעריינען. פינסקער איז צום צוזאַמענפאָהר נישט געקומען. כדי דורכ־צופיהרען די לעגאַליזאַציע פון דער בעוועגונג האָט מען ווידער געמוזט ענדערן דעם נאָמען; פון איצט האָט די אָרגאַניזאַציע געהייסען: „די געזעלשאַפט צו אונטער־שטיצען לאַנדווירטשאַפט און האַנדווערק אין סיריען און פּאַלעסטינא". די דאָזיגע ענדערונג האָט אָבער געטראָגען בלויז א פאָרמעלען כאַראַקטער, כלפי חוץ.

אויף פינסקערס פעראַנלאַסונג האָט מען געוועהלט צום פּאַרזיצער אברהם גרינבערג. כדי אָבער נישט צו שאַפען קיין מיספערשטענדנישען, אַז די ניי־געגרינ־דעטע געזעלשאַפט האָט נישט קיין שיכות מיט דער אַלטער חובבי־ציון־בעוועגונג, האָט מען אויך פינסקער'ן געוועהלט צום פּאַרזיצער.

אין אָנהויב איז די ארבייט געווען אפילו א צופרידענשטעלענדע. עס איז גע־ווען פינסקער'ן אָנגענעהם צו אַרבייטען מיט אַזעלכע מענער, ווי אחד־העם, בן־עמי, יהושוע אייזענשטאַט, זלמן עפּשטיין א. א. וו.

אָבער עס איז נישט געווען בעשערט פינסקער'ן לאַנג צו האָבען הנאה פון זיין ארבייט. אין די 90־יאָהרען האָט מען אין רוסלאַנד ווידער איינגעפיהרט א שאַרפע־רען קורס געגען די יודען. מען האָט זיי אויסגעוויזען פון מאָסקווע און פעטערבורג. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען צו שיקאַנירען די יודען אויף שריט און טריט. די דאָ־

זיגע עובדה האָט געפיהרט צו א פערגרעסערונג פון דער עמיגראציע. א קליינער שטראָם פון דער עמיגראציע האָט זיך אויך א גאָס געטהון קיין א"י. א"י איז אָבער אין יענע יאָהרען אזוי נישט געווען צוגעגרייט צו א אימיגראציע, אז אפילו דער קליינער שטראָם האָט שוין ארויסגערופען א ארבייטסלאָזיגקייט און א רעעמיגראַציע. כנהוג האָט מען נאַטירליך געמאַכט דאפאר פעראַנטוואָרטליך פינסקער'ן.

דאמאלס, אין יענע שווערע שעה'ן זענען אפילו געווען מינוטען, ווען פינסקער האָט זיך מתיאש געווען אָן א"י. מען טאָר דאָך נישט פערגעסען, אז א"י איז נישט געווען ביי פינסקער'ן די איינציגע טעריטאָריע, אויף וועלכער עס קען ווערען גע־לעזט די יודענפראגע. אָבער די דאָזיגע מינוטען זענען נור געווען א פארביינגעהענ־דיגער „מצב־הרוח", וועלכע איז געוואָרען ארויסגערופען דורך די שוויריגקייטען און שטרויכלונגען, אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסען די בעוועגונג.

בדרך כלל האָט זיך פינסקער אין זיינע לעצטע יאָהרען דערנעהנטערט צו אחד־העם'ן. צוזאמען מיט אחד־העם האָט פינסקער אָנגעהויבען צו גלויבען אין א „קול־טורעלען צענטער" און אין דער נויטווענדיגקייט פון „צוגרייטען דאָס פאָלק" צו זיינע אויפגאַבען.

דערוויל איז פינסקערס געזונדהייטצושטאַנד געוואָרען וואָס אמאָל א ערגער. זיין גוף האָט די קראנקהייט נישט מעהר איבערגעטראָגען און פינסקער איז געשטאָרבען דעם 21 דעצעמבער 1891.

די טרויער איז געווען א אלגעמיינע און טיפע. פון אלע זייטען איז מען ערשט געוואויר געוואָרען, ווי בעליבט פינסקער איז געווען.

„ער איז געווען א שטאָלצער יוד" האָט אויף איהם געשריבען אחד־העם אין זיין אויסגעצייכענטען אויפזאץ: „פינסקער ־ ומחברתו".

אָבער דערזעלבער אחד־העם וועט קענענלערנענדיג דעם „אמת" פון א"י און דעם מצב פון דער בעוועגונג פרובען פיהרען די ציוניסטישע בעוועגונג אויף אנ־דערע וועגען.

צוועלפטער קאפיטעל:

די ערשטע עליה קיין ארץ-ישראל. די קאלאניזאציע-עפאכע פון 1882—1899.

עשרה בטבת 1882 זיצען דריי סטודענטען ביי זייערען א חבר, ישראל בעל־קינד אין כארקאוו און דיסקוטירען לאנג און היים איבער דער לאגע פון דער מענש־הייט, איבער דער פרייהייטס־בעוועגונג און איבער דעם מצב פון פאלק ישראל.

פון איבעראל בלאזען פרישע פרייהייטס־ווינטען. פון מערב קומען גרויסע לאזונגען צו צערברעכען דעם דעספאטיזם און אויפצוריכטען א נייע גערעכטע געזעלשאפט. דארט איז שוין טיילווייז געווארען געבראכען דער כח פון רעאקציע. אויך אין רוסלאנד דערוועקען זיך נייע פארטייען, וועלכע טראגען אריין צום רוסישען פו ער די בשורה פון פרייהייט. דאס זענען סטודענטען, וועלכע האבען פערלאזט די אוניווערזיטעט און געהען „אין פאלק“, זיי רופען זיך אן „נאראדניקי“. אט האבען רוסישע אידעאליסטען דערהרגט דעם צאר אלעקסאנדער דעם צווייטען און די פרייהייטס־בעוועגונג האט זיך מעכטיג א ריהר געטהון. נור וואס ליכטיגער עס ווערט די לאגע אויף דער וועלט, אלץ אונערטרעגליכער ווערט דאס לעבען פאר יודען. פאגראמען, ענטרעכטונג, פערלעצונג פון דער מענשליכער ווירדע, דאס איז דער ש ו ים, מיט וועלכען די ערשטע כוואלע פון דער רוסישער פרייהייטס־בעוועגונג האט פערגאסען דעם יודישען ישוב אין רוסלאנד.

צי דען איז נישט אונזער חוב, דיסקוטירען היים די יודישע סטודענטען — אויפצוהויבען די פאהן פון פרייהייט אויך ביי דעם יודישען פאלק, צו געהען אין די יודישע מאסען און דארט אנזאגען די גרויסע בשורה פון דער קומענדיגער גאולה? צי זענען מיר פעראיינצעלט אין די דאזיגע אידעען? אט האט א ליליענבלום, א סמאלענסקין אונז אנגעוויזען אונזער וועג. די דיסקוטאנטען נעהמען ארוים ליליענבלום׳ס ארטיקעל: „די יודישע פראגע אין א״י“. פערשלינגען ממש יעדעס ווארט און נאך א הייסער דיסקוסיע ווערט פאר זיי רייף דער נייער וועג. א״י האט געזיגט. זיי, די פאר סטודענטען, שאפען א פעריין אונטער דעם נאמען: „דער פערבאנד פון די פאלעסטינענזער“ און נעהמען זיך ענערגיש צו דער ארבייט. מען שאפט א קאנטאקט מיט אנדערע פעריינען און א מחנה אגיטאטארען לאזט זיך אין שטעט און

שטעטליך צו פרעדיגען דארט די נייע אידעע. באלד צעהלט דער פעריין 500 חברים. הונדערטער סטודענטען פערלאזען די אוניווערזיטעטען און גרייטען זיך צו א עליה קיין א"י. זייער לאזונג איז: „בית יעקב לכו ונלכה" און רופען זיך „בילויים" (פון די ראשי תבות פון דעם אויבען דערמאהנטען פסוק).

דער בילו־קאמיטעט, וועלכער האט זיך אינצווישען איבערגעטראגען פון כאר־קאוו קיין אדעס, שיקט ארויס א דעלעגאט קיין קאנסטאנטינאפאל, כדי צו פער־האנדלען מיט דער טערקישער רעגירונג. א געוויסער טערקישער בעאמטער, וועלכער איז געווען געפאנגען אין אדעס און איז געווען בעקאנט דעם אדעסאער קאמיטעט, אסמאן פאשא, ווערט דער פערמיטלער צווישען די בילויים און דער טערקי־שער רעגירונג. אויך סער אליפאנט, געשטיצט דורך דיזראעלי, האט געפרובט אויס־צואיבען א שטארקען דרוק אויף דער טערקישער רעגירונג. דיזראעלי האט זיך אבער נישט געקענט צוש[illegible]ל אנגאזשירען לטובת די יודען, צוליב די געשפאנטע בעציהונ־גען, וואס האבען גראד געהערשט צווישען דער טירקיי און ענגלאנד. די פערהאנד־לונגען זענען נאטירליך געבליבען אהן א רעזולטאט. די טערקישע רעגירונג, מורא האבענדיג, אז א יודישע אימיגראציע וועט פערשטארקען דעם איינפלוס פון פרעמ־דע מלוכות אין דער טירקיי און וועט נאך מעהר איינשרענקען די טערקישע זעלבס־שטענדיגקייט, האט ארויסגעלאזט א איינוואנדערונגס־פערבאט פון יודען קיין א"י. אויך די רוסישע רעגירונג האט זיך ענטגעגענגעשטעלט דער אויסוואנדערונגס־פראפאגאנדא פון די „בילויים". אט די דאזיגע פאליטישע סבות האבען אונטער־געהאקט די פליגעל פון דער נייער בעוועגונג. הונדערטער סטודענטען, וועלכע הא־בען ביי בראד געשמוגעלט די גרעניץ, כדי צו געהען קיין א"י, האבען זיך געמוזט אומקעהרען צוריק קיין רוסלאנד, אדער עמיגרירען קיין אמעריקא. — דא איז בולט געווארען די גאנצע פאליטישע אהנמאכט פון יודען. און די דאזיגע הילפסלאזיגקייט האט שוין ביים אנהויב געפיהרט צו א גרויסער אבשוואכונג פון דער בילו־בעוועגונג.

דערווייל האבען זיך דערשלאגען קיין א"י בלויז 14 חברים (13 מענער און איין פרוי). די ערשטע צייט איז פאר זיי געווען זעהר שווער. די יונגע לייט זענען נישט געווען צוגעוואוינט צו קיין פיזישער ארבייט. אין לאנד גופא זענען נישט געווען קיין שום אינסטיטוציעס, וועלכע האבען זיך מיט זיי פעראינטערעסירט. דאס קלימא איז פאר א סך געווען אונערטרעגליך. מאלאריא און אנדערע קראנקהייטען האבען אוועקגערויבט זייערע יונגע כחות, די דעמאראליזירטע טערקישע אדמיניסטראציע מיט איהר „באקשיס"־סיסטעם דעם שווער פערדינטען גראשען.

דער ערשטער עטאפ פון די בילויים איז געווען די דורך דער אליאנס געגרינ־דעטע לאנדווירטשאפטליכע שולע „מקוה ישראל". כל זמן נעטער האט געלעבט איז דאס לעבען אין מקוה ישראל געווען ערטרעגליך. נעטער אליין האט זיך בע־צויגען מיט א גרויסער סימפאטיע צו די בילויים. נאך נעטערס טויט אבער איז אויסגעבראכען א סכסוך צווישען דער לייטונג פון מקוה ישראל מיט ה' הירש בראש און צווישען די בילויים. ה' הירש האט זיי שיקאניזירט אויף שריט און טריט. די

בילויים האבען געפאָדערט פאר זיך א אינערע אויטאָנאָמיע און געמיינזאַמען אייגענטום. דאָס האָט זיי די אַליאַנס נישט געוואָלט בעשטעטיגען און די בילויים האָבען געמוזט פערלאָזען מקוה ישראל.

אינצווישען איז געלונגען לעוואָנטין צו גרינדען א נייע קאָלאָניע מיט'ן נאָמען „ראשון לציון“. די בילויים זענען תיכף אהין געגאַנגען. אין דער ערשטער צייט האָט זיך די אַרבייט שעהן ענטוויקעלט. דער כח פון די בילויים איז געוואַקסען דורך נייע חברים, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד. אָבער באַלד האָט זיך די גרופּע געשפּאָלטען. איין טייל איז געבליבען אונטער דער לייטונג פון בעלקינד אין ראשון לציון און א אַנדערער טייל איז געגאַנגען קיין פתח תקוה, אלס לוינאַר־בייטער.

איינער, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט א פאָטערליכער ליבע פאר די בילויים איז געווען פינעס. פינעס איז געוואָרען אראָבגעשיקט קיין א"י צו גרינדען דאָרט א פעריין „מזכרת־משה“ און האָט ענטוויקעלט א גאָר לעבהאַפטע טעטיגקייט אין לאַנד. ער האָט ארויסגעגעבען א גאַנצע רייהע פון ביכער און האָט געהאָלפען גרינ־דען דעם „הלבנון“, אָבער זיין עקר־טעטיגקייט איז בעשטאַנען אין מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף פאר די בילויים. נישט דורך איין שווערען מאָמענט האָט ער זיי געהאָלפען מיט זיין קלוגען קאָפּ און אמתער איבערגעגעבענקייט.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבען א געגנוג לעבהאַפטע קאָלאָניזאַציע אין א"י. יודען פון רוסלאַנד, רומעניען, פּוילען האָבען געקויפט באָדען און געגרינדעט קאָלאָ־ניעס. די דאָזיגע קאָלאָניזאַציע איז געוואָרען געפיהרט אָהן א סיסטעם, כאַאָטיש, נישט צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון לאַנד און פון די קאָלאָניסטען און אחרון אחרון „חביב“ אָהן גענוגענדע געלדמיטעל. די קאָלאָניסטען האָבען זיך בעצויגען אויף א גאַנץ לייכטזיניגען אופן צו דער גאַנצער קאָלאָניזאַטארישער טעטיגקייט. פערפיהרט דורך דער איבערהיצטער אַגיטאַציע פון די חובבי־ציון אין די גלות־לענדער האָבען זיי געגלויבט, אז עס איז גענוג צו קומען אין לאַנד און קויפען א שטיקעל באָדען און שוין וועלען פליהען געבראָטענע טויבען אין מויל. זיי האָבען נישט ריכטיג אָבגעשאַצט די גרויסע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע שוויריגקייטען, אויף וועלכע עס האָט זיך געמוזט אנשטויסען די יונגע קאָלאָניזאַציע.

עס איז דאַדורך קיין וואונדער נישט, וואָס א אַרבייט, וועלכע איז געוואָרען געפיהרט אָהן געלד, אָהן פאַכמענער, אין א ווייסט לאַנד, ביי די ערגסטע רעכטס־און זיכערהייטספערהעלטניסע האָט זיך נישט געקאָנט איינגעבען. אזא קאָלאָניזאַ־ציע האָט געמוזט דורכפאַלען.

עס איז באַלד אויסגעבראָכען א מורא'דיגער קריזיס. עס האָט ממש פער־פעהלט ברויט און פרנסה, און די גאַנצע מיהפולע דורכגעפיהרטע קאָלאָניזאַציע־אַרבייט האָט געדראָהט צוזאַמענצוברעכען. דאַמאָלס איז געפאָהרען א קאָלאָניסט יוסף פיינבערג קיין פאַריז און האָט פעראינטערעסירט דעם באַראָן ראָטשילד, דעם „נדיב הידוע“, מיט דעם מורא'דיגען מצב פון די קאָלאָניסטען. ראָטשילד האָט נישט

אבגעזאגט זיין הילף, און ראטשילד איז דאס געווען דער מאן, וואס האט געראטעוועט די ערשטע עליה און די ערשטע קאלאניעס. ער האט געשאפען א ספעציעלע אדמי־ניסטראציע אין א״י, וואס האט געשטיצט די איינצעלנע קאלאניסטען, האט איבער־גענומען אין איהר רשות פערשידענע קאלאניעס און האט אויך געגרינדעט נייע.

אויך דער חובבי־ציון־קאמיטעט האט מיט זיינע, ליידער מעהר ווי בעשיידענע מיטלען געשטיצט די קאלאניזאציע. אבער טראצדעם האבען געמוזט ברענגען די קאלאניסטען ממש אונמענשליכע, נישט נור מאטעריעלע נור אויך מאראלישע און זעלישע קרבנות, כדי אדורכצוהאלטען.

אט איז באלד אויסגעבראכען א „רעליגיעזער קאמף״ אין ארץ־ישראל. דאמאלס איז די לאגע ממש געווארען אונערטרעגליך. דער פערטרעטער פון אדעסאער קאמיטעט, דער רייכער וויסאצקי, וועלכער איז געקומען קיין א״י בשליחות פון די חובבי־ציון, האט נאך פערשטארקט דעם אנטאגאניזם דורך זיינע אונזאכליכע פעראָרדנונגען. אבער ממש א גהינום איז ענטשטאנען אינ׳ם יאהר 1889, דעם יאהר פון שמיטה. די חלוקה־יודען, וועלכע האבען גלייך פון אנהויב געפיהלט א שנאה און א קנאה צו דער נייער קאלאניזאציע, מורא האבענדיג, אז די נייע קאלאניעס וועלען אב־ציהען די געלדער, וואס קומען פון גלות, אין א אנדערער ריכטונג, האבען איצט געפונען די בעסטע געלעגענהייט אנצוצינדען א פייער פון מחלוקת אינ׳ם ישוב. אויך אנדערע רעליגיעזע קרייזען האבען זיך אנגעשלאסען אן די חלוקה־יודען און האבען געפאָדערט, אז יודען זאלען אבשטעלען זייער פעלד־ארבייט אין דעם דאזי־גען יאהר. אזוי ווי עס איז געווען קלאהר, אז דאס אבשטעלען פון דער ארבייט וועט אין גאנצען חרוב מאכען די יונגע קאלאניעס, האבען זיך די קאלאניסטען נישט געוואלט אונטערוואַרפען דעם פאנאטישען און רעליגיעזען טעראר פון די חלוקה־יודען און זייערע פערבינדעטע.

דאמאלס איז אויפגעשטאנען ה׳ שמואל מאהיליבער און האט זיך מיט זיין גאנצער רעליגיעזער אויטאריטעט געשטעלט אויף דער זייט פון די קאלאניסטען. דאס האט טיילווייז געווירקט בערוהיגענד אויף דעם ישוב.

טראץ די אויבען אויסגערעכענטע שוועריגקייטען איז דאך געלונגען צו גרינ־דען אין דער דאזיגער תקופה פון דער נייער קאלאניזאציע א גאנצע רייה פון קא־לאניעס, וועלכע האבען געלעגט דעם גרונדשטיין פאר דעם נייעם ישוב אין א״י. דאס איז נור מעגליך געווען דורך דער איבערמענשליכער אנשטרענגונג פון די בילויים און פון די ערשטע קאלאניסטען. דאדורך פולט אוים די בילו־בעוועגונג אפשר דאס שעהנסטע בלעטעל אין דער געשיכטע פון ציוניזם. נישט קוקענדיג אויף די פעהלערן פון דער דאזיגער קאלאניזאציע, וועלכע זענען געווען אפשר אונפערמייד־ליך און אויף וועלכע מיר וועלען ווייטער אונטען אנווייזען, בלייבט דאך די דאזיגע העראאישע פיאניר־ארבייט פערשריבען מיט גאלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון דעם נייען ישוב.

פון דעם יאהר 1897—1882 זענען געווארען געגרינדעט פאלגענדע קאלאניעס:

נומער	נאָמען	גרינדונגס יאהר	שטח אין דונאם	צאהל פון נפשות	הויפּטזעכליכע קולטורען	בעמערקונג
	1) אין יהודה:					
1	מקוה ישראל	1870	2.600	225	ווייַן, געמיזע און מילכווירטשאַפט	לאַנדווירטשאַפטליכע שולע געגרינדעט דורך דער אליאַס.
2	פּתח תקוה	1878	13.850	802	ווייַן, אַראַנזשען, אָליוועו, אויקאַליפּטוס	דער דאָזיגער שטח איז געוואָרען אָבגעקויפט דורך א גרופּע יודען פון ירושלים. אינ'ם יאָהר 1883 האָט מען די „אם־המושבות" דורך א נייע קניה פון באָדען ערווייטערט און אייגענטליך ערשט דאמאלס בעזעצט. אינ'ם יאָהר 1887 האָט ראָטשילד דאָ קאָלאָניזירט 28 ארבייטער־משפּחות. נאָך געוויסע שוועריגקייטען איז די קאָלאָניע אריבער צו פּלאַנצונגסווירטשאַפט. זי האָט זיך שטארק ענטוויקעלט און טראָגט א דורכאויס קאַפּיטאַליסטישען כאראקטער, טראָצדעם איז זי געוואָרען געשטיצט אין יענע יאָהרען דורך ראָטשילד.
3	ראשון לציון	1882	6.800	530	ווייַן, מאַנדלען, אָליוועו	געגרינדעט דורך לעוואַנטין, אונטערשטיצט צום גרויסען טייל דורך ראָטשילד.
4	נס ציונה	1882	1.800	120	ווייַן, מאַנדלען, אָליוועו	געגרינדעט פון רוסישע יודען, אונאָבהענגיג, דאַן אונטערשטיצט פון ראָטשילד.
5	עקרון	1884	4.090	150	געטריידע, מילך, אָליוועו	געגרינדעט פון ראָטשילד און דורך איהם אונטערשטיצט.
6	גדרה	1885	3.400	69	געטריידע, מאַנדלען, ווייַן	אונאָבהענגיג.
7	רחובות	1890	10.500	280	ווייַן, אַראַנזשען, אָליוועו, מאַנדלען	די דאָזיגע קאָלאָניע איז געגרינדעט אונטער דעם אייַנפלוס פון „בני־משה" און איז געשטאַנען נאָהנט צו אחד־העם'ס שטה. די געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה", וועלכע איז געוואָרען געגרינדעט דורך די ביאַליסטאָקער ציוניסטען מיט הרב שמואל מאָהיליווער בראש, האָט דורכגעפיהרט די פּלאַנצונגען, שפּעטער פערטיילט צווישען די מיטגלידער (אחוזה־גערטנקען). די קאָלאָניע איז געווען צוערשט אונאָבהענגיג, שפּעטער אונטערשטיצט דורך ראָטשילד.
8	כפר סבא	1892	7.231		מאַנדלען, אָליוועו	פּריוואַט־בעזיץ.
9	מוצא	1893	650	15	ווייַן, אָליוועו	געשטיצט דורך „בני ברית".
10	באר טוביה	1896	5.628	105	מאַנדלען, געטריידע	געשטיצט דורך „חובבי־ציון".

נומער	נאמען	גרינד-דונגס יאהר	שטח אין דונאם	צאהל פון נפשות	הויפטזעכליכע קולטורען	בעמערקונג
11	ערטוף (הר טוב)	1896	5.000	28	געטריידעבוי	געגרינדעט דורך בולגארישע יודען. דער באָדען איז גע־וואָרען אָבגעקויפט דורך א ענגלישער מיסיע נאָך אינ'ם יאָהר 1883. שפּעטער האָט די מיסיע געמוזט פערקויפען דעם באָדען, ווייל זי האָט נישט געהאט קיין שום ער־פאָלג. קאָלאָניע, אונאָבהענגיג.

ס. ה. אין יהודה 1899: 11 קאָלאָניעס פון 61.549 דונאם און 2.324 נפשות.

2) אין שומרון:

נומער	נאמען	גרינד-דונגס יאהר	שטח אין דונאם	צאהל פון נפשות	הויפטזעכליכע קולטורען	בעמערקונג
1	זכרון יעקב	1882	20.000	870	וויין, געטריידע, מאנדלען	אונטערשטיצט דורך ראָטשילד
2	בת שלמה	1891		98	וויין, געטריידע, מאנדלען	" " "
3	שפיה	1891		110	וויין, געטריידע, מאנדלען	" " "
4	חדרה	1891	29.880	153	געטריידע, וויין אויקאַליפּטוס	דער דאָזיגער באָדען האָט אָבגעקאָסט א סך געלד און קרבנות. דאָס געלד האָט ראָטשילד קרעדיטירט, אויך שפּעטער האָט ער דער קאָלאָניע א סך געהאָלפען.

ס. ה. אין שומרון: 4 קאָלאָניעס מיט 49.880 דונאם און 1.231 נפשות.

3) אין גליל התחתון:

נומער	נאמען	גרינד-דונגס יאהר	שטח אין דונאם	צאהל פון נפשות	הויפטזעכליכע קולטורען	בעמערקונג
1	סג'ירה	1899	17.000			מען האָט דאָרט ערשט א צייט שפּעטער געגרינדעט א לעהר־פאַרם.

4) אין גליל העליון:

נומער	נאמען	גרינד-דונגס יאהר	שטח אין דונאם	צאהל פון נפשות	הויפטזעכליכע קולטורען	בעמערקונג
1	ראש פנה	1882	14.000	315	געטריידע, מאנדלען	געגרינדעט דורך רומענישע יודען, דר. ליפּע און פינעס, געשטיצט טיילוויז דורך ראָטשילד.
2	יסוד המעלה	1883	12.500	100	געטריידעבוי	געגרינדעט דורך פּוילישע יודען, מען האָט דאָ געפלאַנצט אויך בלומען.
3	משמר הירדן	1890	2.380	93	געטריידע	דער באָדען נאָך געקויפט אינ'ם יאָהר 1883, געגרינדעט דורכ'ן פערריין „דורש־ציון" פון ראָטשילד. די דאָזיגע
4	עין זתים	1891	5.600	51	וויין, אליוועז	קאָלאָניע געפינט זיך אין סאַמי צפון־ווינקעל פון א"י און איהר האָבען מיר צו פערדאַנקען די היינטיגע צפון־
5	מתולה	1896	12.000	233	געטריידע	גרעניץ פונ'ם לאַנד.

ס. ה. אין גליל התחתון און העליון: 5 קאָלאָניעס מיט 63.480 דונאם און 792 נפשות.

ב. ה. איז געווען אין גאַנץ ארץ־ישראל 1899: 20 קאָלאָניעס פון בערך 175 טויזענד דונאם מיט 4.347 נפשות.

א חוץ די אויסגערעכענטע קאָלאָניעס האָט ראָטשילד און אנדערע געזעלשאַפ־טען נאָך אָבגעקויפט אין עבר הירדן א 70.000 דונאַם באָדען, וועלכע זענען נישט געוואָרען קאָלאָניזירט, נור פערפאַכטעט צו די אראַבער. פונקט אזויווי מיר האָבען צו פערדאַנקען דער קאָלאָניע מתולה אונזערע היינטיגע צפון־גרעניצען פון א"י, פונקט אזוי קענען יודען היינט נישט קאָלאָניזירען עבר הירדן צוליב דעם, ווייל מיר האָבען נישט אין יענע יאָהרען פערשטאַנען דאָרט צו קאָלאָניזירען.

אויב מיר זאָלען ציהען איצט דעם ס. ה. פון דער דאָזיגער תקופה פון דער קאָ־לאָניזאַציע קומען מיר צו פאָלגענדע רעזולטאַטען:

די קאָלאָניעס האָבען בעוויזען, אז יודען זענען מסוגל צו לאַנדווירטשאַפטליכער ארבייט. דער לאַנגער גלות האָט דאָך נישט פערניכטעט אלע לעבענס־כוחות פונ'ם פאָלק. די יודען האָבען ווייטער בעוויזען, וואָס פאַר א קרבנות זיי זענען גרייט צו ברענגען פאַר דעם אויפבוי פונ'ם לאַנד און פאַר דער אויפלעבונג פונ'ם פאָלק — אָבער די דאָזיגע קאָלאָניזאַציע האָט אונז אויך געלערנט וויאַזוי מען טאָר **נישט** קאָלאָניזירען.

ערשטענס: ריין עקאָנאָמיש גענומען האָבען זיך די פון ראָטשילד געגרינדעטע אָדער געשטיצטע קאָלאָניעס פערנומען הויפטזעכליך מיט **ווייַנבוי**. דאָס איז געווען דער גרעסטער עקאָנאָמישער פעהלער. די פרייזען פון וויין זענען געזונקען פון יאָהר צו יאָהר. די אדמיניסטראַציע פון ראָטשילד האָט געמוזט אָבקויפען ביי די קאָלאָניסטען דעם וויין צו העכערע פרייזען, אלס דער מאַרקפרייז, וועלענדיג זיי דערהאַלטען ביים לעבען. די קאָלאָניסטען זענען אזוי ארום געוואָרען אינגאַנצען אָב־הענגיג פון דער אדמיניסטראַציע און דאָס האָט געפיהרט צו דער גרעסטער דעמאָ־ראַליזאַציע. די קאָלאָניסטען האָבען פערלוירען די גאַנצע איניציאַטיווע און זעלבס־שטענדיגקייט. על כל צרה שלא תבוא האָט מען געוואוסט, אז עס וואַוינט אין פאַ־ריז דער רייכער באַראָן און ער מוז העלפען. די קאָלאָניסטען האָבען זיך ממש גע־פיהלט ווי ראָטשילדס „קעסטקינדער" און האָבען איהם געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פאַר אלץ.

צווייטענס: ראָטשילד'ס יחס צו דער קאָלאָניזאַציע איז געווען א ריין פילאַנטראָפּישער. ער האָט זיך נישט בעשטרעבט צו פערגרעסערען די עליה־מעג־ליכקייט נור צו „פערזאָרגען" זיינע „קינדערלעך". צדקה־חברות האָבען אָבער די דאָזיגע אייגענשאַפט אינ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, אז זיי ענטוויקלען די מדה פון קריכעריי און שמייכלעריי און דאָס פיהרט צו א שנאה צום נותן און פעראַכ־טונג צום מקבל.

דריטענס: די קאָלאָניעס זענען געשאַפען געוואָרען כאַאָטיש, צופעליג, אָהן אַ פּלאַן, צוליב דעם זענען זיי געווען זעהר טייער און האָבען נישט ענטשפּראָכען די בעדינגונגען פונ'ם לאַנד און פון די קאָלאָניסטען.

פערטענס: מען האָט געשאַפען א גאַנצע רייה פון קליינע קאָלאָניעס, וועלכע זענען נישט געווען לעבענספעהיג.

פ י פ ט ע נ ס: די קאָלאָניעס האָבען נישט געטראָגען א דאָרפישען כאראַק־טער. די וואוינונגען זענען געווען איינגעריכטעט קאָמפּאָרטאַבעל, אָפּט אפילו לוקסוריעז. די קאָלאָניסטען האָבען ארויסגעשיקט זייערע קינדער שטודירען קיין אויסלאַנד, אזוי אז אָפּט האָט געפעהלט דער געזונטער נאָכוואוקס.

ז ע ק ס ט ע נ ס: פונ'ם סאָציאַלען שטאַנדפּונקט זענען די קאָלאָניסטען געווען פשוטע „פּלאַנטאַטאָרען", וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט געדונגענער אראבישער ארבייט. אזוי ארום זענען געוואָרען געשאפען ארום די קאָלאָניעס און אָפּט מאָלס אין די קאָלאָניעס אפילו, א מעהרהייט פון אראבישע ארבייטער, וועלכע האָבען געלעבט אויף א זעהר נידריגען ניוואָ און וועלכע האָבען פאַרגעשטעלט — ווי מיר וועלען נאָך זעהען — א גרויסע סאָציאַלע, אָבער אין ערשטער רייה א נאַציאָנאַלע סכנה פאַר דעם ישוב. דער מאַן, וועלכער האָט אַלס ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די אַלע נעגאַטיווע זייטען פון דעם קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, וועלכען ר ו פּ י ן רופט אָן מיט רעכט דאָס סיסטעם פון דער פּאַטריאַכאַלישער פילאַנטראָפּיע, וועלכער האָט קריטיש אַנאַליזירט דעם מצב און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויפגעשטעלט א גאַנץ נייע שטה אינ'ם ציוניזם איז געווען א ח ד ־ ה ע ם.

אויסער דעם נייעם ישוב האָט געלעבט אין א"י דער אזוי אָנגערופענער אַלטער ישוב. מיר האָבען שוין אין אונזער איינלייטונג אָנגעוויזען אויף דער עמיגראַציע פון יודען קיין א"י בעת דעם גלות ביז צום 19 יאָהרהונדערט. אין דער ערשטער צייט איז דער ישוב אין א"י בעשטאַנען הויפּטזעכליך פון ספרדישע יודען. וואָס אַמאָל שטייגט אָבער דער פּראָצענטזאַץ פון אשכנזישע יודען, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל דאָ צו שטאַרבען און מקים צו זיין די מצוה פון וואוינען אין א"י. שוין ביים אָנהויב פונ'ם 17 יאָהרהונדערט קומט פאַר די ענדגילטיגע טרענונג צווישען דער אשכנזישער און ספרדישער געמיינדע. די אשכנזישע געמיינדע איז געוואָרען אינ'ם 17 יאָהרהונדערט פערפאָלגט און פערניכטעט. ערשט ארום דעם יאָהר 1812 הויבט זיך אָן צו שטאַרקען די איינוואַנדערונג פון די אשכנזישע יודען.

דער דאָזיגער אַלטער ישוב איז געווען אונפּראָדוקטיוו אין העכסטען זין פון דעם וואָרט. ער האָט געלעבט דערפון, וואָס עס פלעגען פאַר איהם שנאָרען יודען פון גאָר דער וועלט. צו דעם צוועק איז דער ישוב געווען אָרגאַניזירט אין „כוללים", צו יעדען „כולל" האָבען געהערט יודען פון א געוויסען בעצירק אָדער לאַנד. וואָס קלענער דער „כולל" איז געווען און וואָס גרעסער זיינע הכנסות פון די צדקה־ (ר' מאיר בעל הנס) פושקעס, אַלץ בעסער האָבען געלעבט די יודען פון דעם כולל. כנהוג בעולם, זענען די געלדער פון דעם נותן ביז צום מקבל דורכגעלאָפען דורך מעהרערע הענד און זענען דאַדורך געוואָרען בעדייטענד פערקלענערט...

דער פּרצוף פון דעם ישוב איז געווען א דורכאויס אונסימפּאַטישער, דאָס זענען געווען טיפּישע שנאָרער מיט אַלע פּיטשעווקעס. אָבער די הכנסות זענען געווען אזוי קליין, און די יודען האָבען אזוי אָרים געלעבט, אז דאָס איבערשטייגט אַלע בעגריפען. עס איז געווען אָנצוויייזען, אז פון די 14.441 אשכנזישע יודען האָבען

32% בעקומען א שטיצע פון 16—6 פראנק א יאהר פער קאפ. פונדעסטוועגען מוזען מיר זיין גערעכט און זאגען, אז א דאנק אט דעם אלטען דעמאראליזירטען און אונפראדוקטיווען ישוב האבען יודען בכלל געקענט קאלאניזירען א"י. דער דאזיגער ישוב מיט אלע זיינע פעהלערן האט אונז געגעבען דעם גרעסטען פאלי־טישען כלי־זין אין אונזערע הענד. א דאנק איהם האבען מיר בעוויזען דער וועלט, אז דער קשר צווישען יודען און א"י איז נישט געווארען קיינמאל איבערגעריסען און דאס האט געהאט א קאלאסאלע בעדייטונג. אט אזוי האט דער אלטער ישוב אביעקטיוו צוגעהאלפען אפשר אין דער גרעסטער מאס דעם ציוניזם, הגם דער אל־טער ישוב האט ארויסגעבראכט פון זיך מענשען, וועלכע האבען, ווי מיר האבען דאס שוין נישט איינמאל אנגעוויזען, אויף דעם שארפסטען אופן בעקעמפט דעם ציוניזם.

ס. ה. האבען געלעבט אין סוף פון דעם 19 יאהרהונדערט יודען אין א"י:

פונ'ם אלטען ישוב:

ירושלים	28.254
חברון	1.429
יפו	3.000
עזה	75
רמלה	166
עכו	130
חיפה	1.375
צידון	780
טבריה	3.200
צפת	6.620
שכם	120
אין אנדערע מקומות	20
ס. ה.	45.169
אין די קאלאניעס האבען געלעבט	4.350
ס. ה.	49.519

אט דער דאזיגער 50.000־קעפיגער ישוב איז געווען מיט אלע זיינע חסרונות די גרונדלאגע, אויף וועלכער עס האט באזירט די נייע יודישע קאלאניזאציע.

דרייצעהנטער קאפיטעל:

„על פרשת דרכים". אחד־העם — דער לעהרער.

אויב עס איז אמת דאס, וואס מאנכע זאגען, אז יעדע געשיכטליכע תקופה ברענגט ארויס פון איהר מיט יענעם מאן און יענע שטה, וואס איז אם בעסטען צוגעפאסט צו דער דאזיגער עפאכע, אזוי איז דאס אויפטרעטען פון אחד־העם'ן, אין יענע שווערע טעג פון ליכט און שאטען, פון איבערטריבענע ספקות און האפנונגען, די בעסטע בעשטעטיגונג פון דער דאזיגער אנשויאונג.

און אין דער אמת'ן: צי דען איז דאס יודישע פאלק נישט געשטאנען אין יענער צייט פאר גרויסע פרינציפיעלע ענטשיידונגען, צי האט זיך נישט געפונען די „כנסת ישראל" דאמאלס „על פרשת דרכים", אויפ'ן שיידעוועג, נישט וויסענדיג, וועלכער וועג איז דער ריכטיגער?

לאמיר זיך צוהערען צו אחד־העם'ס ווערטער וועגען דער דאזיגער תקופה.

אזוי ווי עס איז געבוירען געווארען — זאגט אחד־העם אין זיין הקדמה צו „על פרשת דרכים" — דער געדאנק פון חבת ציון, האבען זיך זיינע פערטרעטער פערקוקט בלויז אויף דעם דאזיגען פונקט. זיי האבען געמיינט, אז מען דארף נור פראפאגירען דעם שיבת־ציון־געדאנק, און יודען זאלען, וויאזוי זיי זענען און ווער זיי זענען, פאהרען קיין א"י און זיך דארט בעזעצען. אויף דעם רוף פון די פראפאגאטארען האבען זיך אבגערופען א פאר הונדערט משפחות און האבען זיך בעזעצט אין א"י, אבער דער אויסגאנג פון דעם דאזיגען עקספערימענט האט געעפענט די אויגען פון פיל מענשען. עס האט זיך בעוויזען, אז מען שטויסט זיך אן אויף אזעלכע שוועריגקייטען, אז מען מוז האבען נישט נור א געזונטען גוף, נור אויך א געזונטע נשמה, כדי גובר צו זיין די שוועריגקייטען...

זענען ווידער געקומען אנדערע און האבען געטענה'ט, אז מען דארף קודם כל געזונט מאכען די נשמה און כל זמן די נשמה איז נישט צוגעגרייט, מוז מען אוועקלעגען דעם שיבת־ציון־געדאנק אין א זייט. אט אזוי איז אויסגעקומען, אז מאנכע האבען די גאולה געוואלט צואיילען און אנדערע ווידער אבלעגען. דער אמת ליגט אבער אין דער מיט. עס איז אמת, אז דאס יודישע פאלק וויאזוי עס איז,

איז נישט מוכשר צו פערווירקליכען זיין אידעאל, אָבער עס וועט נישט מוכשר ווערען, אויב מען וועט אָבשטעלען דעם בעפרייאונגספּראָצעס. גראָד פערקעהרט. אויב דער דאָזיגער פּראָצעס וועט נור אָננעהמען ענטשפּרעכענדע פאָרמען, וועט ער גופא זיין איינע פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרען, וואָס וועלען איבערבויען די פּסיכיק פון די יודען.

אָט דערינען ליגט — לויט אחד־העם — די גרויסע פּראָבּלעמאַטיק — דאָס איז דער שיידעוועג.

אין דיכטערישע ווערטער האָט ביאַליק אויסגעדרוקט זעהר שעהן דעם דאָזיגען געדאַנק:

„כל רגשות לבנו הסתומים אז נביא שאלו...
ובעוד מבטנו בתוך ערפל תקוע,
ובעוד אנו תועים נואשים וקטני אמנה,
מתמהמהים על פרשת הדרכים ושואלים: אנה?
וינצנץ כוכבך, מורנו...“

אשר גינזבורג איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1856 אין סקוויר, קיעווער קאַנט, און איז געשטאָרבען 1927 אין תל אביב. זיינע עלטערן זענען געווען פרומע יודען און האָבען אשר׳ן ערצויגען אין שטרענג רעליגיעזען זין. זייענדיג אַלט 8 יאָהר האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט דעם רוסישען אַלפאַבעט. מיט 12 יאָהר ציהען זיך זיינע עלטערן איבער אין א דאָרף און דאָ פערברענגט אשר גינזבורג בערך 18 יאָהר פון זיין לעבען. אין דער צייט לערנט ער מיט גרויס התמדה ש"ס, פוסקים, אזוי אז ער איז געוואָרען בעקאַנט אלס א גרויסער למדן, צו וועמען מען האָט זיך געווענדעט מיט שו"ת. ער פערטיפט זיך אָבער אויך אין תנ"ך, דקדוק און אין דער יודישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע.

מיט 17 יאָהר האָט אחד־העם חתונה, לויט דעם מנהג אין יענע יאָהרען. ער איז אָבער נישט געוואָרען, כנהוג, א פיליסטער. די פילע השכלה־ספרים, וואָס ער האָט געלערנט האָבען איהם פולקאָמען פערענדערט. ער האָט איצט פעסט בעשלאָסען צו ענדערן זיין לעבען און זיינע למודים. ער ברייטעט זיך פאָר צו דער מאַטורא, ענדערט אָבער באַלד זיין בעשלוס און פאָהרט אַרויס קיין וויען, מיט דער כונה צו שטודירען דאָרט אויף דער אוניווערזיטעט אלס א „פרייער“ הערער. נאָך א געוויסער צייט פאָהרט ער אָבער צוריק א היים. אָבער ער קען שוין נישט מעהר פערטראָגען די היימישע סביבה, באַלד פאָהרט ער אינ׳ם יאָהר 1883 קיין בערלין, ברעסלוי, וואו ער שטודירט פערשידענע ענינים. נישט קענענדיג אָבער ווערען קיין „לעגאַלער“ תלמיד פון דער אוניווערזיטעט פאָהרט ער צוריק קיין רוסלאַנד און בעזעצט זיך אין אָדעס.

דאָ אין אָדעס, ווערט אחד־העם מיטגעריסען מיט׳ן חובבי־ציון־שטראָם און ווערט א מיטגליד פונ׳ם צענטראַל־קאָמיטעט אונטער פינסקער׳ס לייטונג. אין דער ערשטער צייט איז אחד־העם א „נחבא אל הכלים“, ער זיצט שטיל און הערט אויס

וואָס אַנדערע ווילען. מיט דער צייט אָבער קריסטאַליזירט זיך ביי איהם אויס אַ אָריגינעלער קוק אויף דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון יודענטום און פון דער חבת־ציון־בעוועגונג. ער טיילט מיט אַ פּאָר נאָהנטע חברים זיינע אידעען און זיי בעטען איהם דיזעלבע צו פּערעפענטליכען. אינ׳ם יאָהר 1889 ערשיינט אין „המליץ" אחד־העם׳ס ערשטער אַרטיקעל אונטער דעם טיטעל „לא זה הדרך!", וועלכער מאַכט אַ קאָלאָסאַלען איינדרוק. עס ענטוויקעלט זיך דערויף אַ הייסע און ליידענשאַפטליכע פּאָלעמיק. אשר גינזבורג איז געצוואונגען צו ענפּערן און ווערט אַזויאַרום אריינ־געצויגען אין דער משפחה פון די שרייבער. איצט ערשיינט נישט אינ׳ם יודישען לעבען קיין איין נייע ערשיינונג, צו וועלכער ער זאָל נישט געווען נעהמען אַ שטע־לונג.

זיין יחס צו דער פּובליציסטיק בעצייכענט אחד־העם מיט פאָלגענדע ווערטער:

„ווען עמיצער זאָל מיר געוועזן זאָגען, אַז איך וועל ווערען אַ שרייבער, וואָלט איך איהם געהאַלטען פאַר אַ פאַלשען נביא. נור אזוי ווי איך האָב געהאַט אין יענע יאָהרען עפּיס צו זאָגען, בין איך אויפגעטרעטען עפענטליך אַלס איינער פון׳ם פאָלק, און נישט אַלס פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. איך בעטראַכט מיך בלויז אַלס אַלס גאַסט אין דער העברעאישער פּובליציסטיק, וועלכער ציהט זיך באַלד צו־ריק, נאָכדעם ווי ער זאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען".

אָבער „אַ גאַסט אויף אַ וויילע זעהט אויף אַ מייל", זאָגט אַ יודיש גלייכווער־טעל. פון די פערשידענע מאמרים, וואָס אחד העם האָט במשך פון אַ לאַנגער צייט פּערעפענטליכט, לאָזט זיך אויפשטעלען איין גרויסער געדאַנקענגעביי, אַ גאַנצע תורה, וועלכע איז אפשר נישט אין אַלע הונדערט פּראָצענט ריכטיג, וועלכע איז אויך נישט אין אַלע איהרע פּרטים אויסגעהאַלטען און קאָנסעקווענט, וועלכע האָט אָבער אַזוי בערייכערט און פערטיפט דעם ציוניסטישען געדאַנק, אַז די ציוניסטישע טעאָריע און אידעאָלאָגיע וואָלט געווען אונדענקבאַר אָהן אחד העם׳ן.

איז מאי קא משמע לן? וואָסזשע לאָזט אונז אחד העם צוהערען?

מ׳מוז מאַכען, לויט אחד העם, אַ אונטערשיד צווישען דער פראַגע פון דער יודענהייט (שאלת היהודים) און דער פראַגע פון דעם יודענטום (שאלת היהדות). די פראַגע פון דער יודענהייט דאָס זענען די עקאָ־נאָמישע, פּאָליטישע און מאָראַלישע צרות, וואָס יעדער יוד בעזונדערס האָט אויס־צושטעהען אַלס יוד אין גלות. דער חובבי ציוניזם אונטער פינסקער׳ס לייטונג און נאָך מעהר דער פּאָליטישער ציוניזם שפּעטער האָבען אויפגעשטעלט אַ טעזע, אַז דער ציוניזם איז די לעזונג פון דער יודענהייטס־פראַגע. אויב יודען וועלען מיט רוב מנין און רוב בנין זיך צוריקקעהרען קיין א"י און וועלען דאָרט גרינדען אַ אייגענע מלוכה, וועט במילא אוועקפאַלען די סבה, וואָס האָט ער־צייגט די יודענפראַגע.

די ערשטע און וויכטיגסטע טעזע פון אחד־העם׳ס שטה איז, אַז דער

ציוניזם קען און וועט נישט לעזען די יודענהייטס־פראגע, ד. ה. די נויט פון יודען אלס יחידים. פארוואס?

ווייל, ערשטענס, איז א"י — לויט אחד־העם — נישט געאייגנעט אויפצונעהמען אזא גרויסע מאסענזידלונג, א רוב מנין און רוב בנין פון דעם יודישען פאלק. וואלטען יודען אפילו געוואלט עמיגרירען קיין א"י, וואלטען זיי דארט קיין פלאץ נישט געפונען.

צווייטענס, כדי אויפצובויען א נארמאלע מלוכה וואלטען יודען געמוזט בילדען א פויערים־שטאנד. צוליב דעם צווייטויזענד־יעהריגען גלות זענען יודען נישט מסוגל צו ווערען פשוטע פויערים.

דריטענס, אויב אפילו עס זאל זיך איינגעבען די יודען צו שאפען א אייגענע מלוכה אין א"י, וועט די דאזיגע מלוכה און איהר איינפלוס זיין אזוי קליין, אז זי וועט נישט קענען וועזענטליך פערבעסערן די לאגע פון די יודען, וועלכע וועלען בלייבען אין א גרויסער צאהל אין זייערע וואוינלענדער.

פערטענס, מיר האבען אויבען געזאגט, אז א"י קען נישט אויפנעהמען א רוב יודען, אפילו ווען יודען זאלען וועלען אהין עמיגרירען. אבער יודען זענען נישט מסוגל אפילו ריכטיג צו וועלען, צוליב די גרויסע צרות, וואס זיי האבען דורכגעלעבט אין גלות. דער אויפבויפראצעס איז א שווערער און עס זענען דערצו נויטיג אונמענשליכע קרבנות. אזעלכע קען נור ברענגען א פאלק, וואס איז אינערליך געזונט. די יודישע נשמה איז אבער דורך און דורך קראנק. ווי קען אזא קראנקע נשמה פון זיך ארויסברענגען אזויפיל כחות?

פיפטענס, פינסקערם פונקט אזוווי שפעטער די שטה פון הערצל'ן באזירען אויף נעגאטיווע מאמענטען, ווי שנאה צו יודען. נעגאטיווע מאמענטען קענען פון זיך נישט ארויסברענגען קיין פאזיטיווע היסטארישע וואגיגע מעשים.

די פראגע פון דער יודענהייט קען אלזא נישט געלעזט ווערען דורך דעם ציוניזם. דאגעגען קען און זאל דער ציוניזם לעזען די פראגע פון דעם יודישען קאלעקטיוו אלס אזעלכען די יודנטום'ס־פראגע.

אין וואס בעשטעהט די דאזיגע פראגע?

די יודענטומס־פראגע איז בעצם א גייסטיגער קריזיס, וועלכער איז ענטשטאנען דורך דער אסימילאציע און דורך דער עמאנציפאציע. כדי דאס צו פערשטעהען מוזען מיר קודם פעסטשטעלען, וואס אחד־העם פערשטעהט אונטער דעם בעגריף פאלק, פאלקס־איך און פאלקס־פערזענליכקייט.

בהסכם מיט דער שיטה פון דער פראנצויזישער שולע, מיל און רענאן, פערשטעהט אחד־העם אונטער „פאלק" א היסטאריש־פסיכאלאגישעס וועזען. יעדעס פאלק האט זיין בעזונדערען פרצוף, זיין „איך". דער דאזיגער „איך" איז צוזאמענגעשטעלט פון די זכרונות און איינדרוקען פון עבר און די האפנונגען און שטרעבונגען אויפ'ן עתיד. דער יחס צווישען די דאזיגע יסודות קען זיך ענדערן, דאס הענגט אב פון היסטארישע בעדינגונגען, אבער אהן דער געגענ־

זייטיגער ערגענצונג פון אַט די יסודות איז דער פאָלקס־איך פון דער נאַציע נישט קיין פולקאָמענער און נאַטירליכער. יעדע נאַציאָנאַלע אונטערנעהמונג קען נור דאַן געלונגען, אויב זי איז צוגעפּאַסט צו די היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע עלעמענטען פון דער נאַציע.

אויך די יודישע פאָלקס־נשמה האָט, ביז צום אָנהויב פונ'ם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט, נישט געבילדעט קיין אויסנאַהם פון דעם אויבען ציטירטען כלל. אויך זי איז געווען צוזאַמענגעזעצט פון זכרונות'ן פון עבר און האָפנונגען אויפן עתיד. די גרויסע עטיק און גערעכטיקייטס־פּאַטאָס פון די נביאים האָט זיך פערבונדען ביי יודען מיט'ן משיח־געדאַנק, מיט דער פאָרשטעלונג, אז „באחרית הימים" וועלען מקוים ווערען די חלומות פון די נביאים, און דאַמאָלס וועט במילא אויך קומען די גאולה פון דעם יודישען פאָלק.

דורך דער עמאַנציפּאַציע און דער מאָדערנער קולטור איז צעריסען געוואָרען דער קשר פון עבר און עתיד ביים יודישען פאָלק און עס איז ענטשטאַנען דער קריזיס פונ'ם יודענטום.

וויאַזוי האָט רעאַגירט דאָס מערב־יודענטום אויף דעם דאָזיגען קריזיס?

דורך דער עמאַנציפּאַציע האָט זיך דאָס מערב־יודענטום בעשטרעבט צו ווערען עהנליך צו אנדערע פעלקער. צוליב דעם האָבען זיי זיך בעשטרעבט אויפצונעהמען אין זיך די קולטור־אוצרות פון אנדערע פעלקער און אויסצולעדיגען פון זיך דעם יודישען תוכן. דערביי האָבען זיי נישט געגעבען דער פרעמדער קולטור אפילו א יודישע פאָרם. דאָס וואָלט געווען א פּאָזיטיווער פּראָצעס („חקוי של התחכות"), נור צוזאַמען מיט דעם פרעמדען תוכן האָט אויך די יודישע נשמה אריינגענומען אין זיך א פרעמדע פאָרם.

בהסכם מיט די דאָזיגע זעלישע פערענדערונגען האָבען די מערב־יודען אָנגעהויבען צו רעפאָרמירען די רעליגיע. אָבער א יעדע רעליגיעזע רעפאָרם, וועלכע איז דיקטירט דורך דעם ריינעם שכל, איז א סתירה אין זיך גופא. די „רעגולירונג" פון דער רעליגיע לויט שכל'דיגע פּרינציפּען זעצט פאָראויס, אז מען גלויבט נישט מעהר אין אלע פרטים פון דער טראַדיציע, אז מען איז „געכאַפּט אין דער אמונה", און אויב אזוי איז עס דאָך א צביעות צו האַלטען זיך אין פאָרמען און מנהגים, אויב מען גלויבט נישט אין תוכן.

כדי אָבער נישט אינגאַנצען איבערצורייסען מיט'ן יודענטום און צו רעכטפערטיגען די דאָזיגע עובדה פאַר זיך און פאַר דער וועלט, האָט דאָס מערב־יודענטום ענטדעקט דעם געדאַנק וועגען דער „מיסיע". לויט דער דאָזיגער טעאָריע לעבען מיר אַלס יודען נור צוליב דעם, כדי צו פערשפּרייטען צווישען די פעלקער די עקרים פון אונזער וועלטאַנשויאונג, ווי מאָנאָטעאיזם, עטיק א. א. וו.

לעכערליך איז אָבער די דאָזיגע „אידעע"! צי דען לעבט א פאָלק דורך יאָהרטויזענדע אין צרות און פּיין, נור צוליב דעם, כדי אויסצולערנען אנדערע א פּאָר פילאָזאָפישע שטות, וואָס שטעהען אָנגעשריבען אין הונדערטער ווערק אין אלע

שפראַכען און ווער עס וויל נור קען זיך אויסלערנען די דאָזיגע תורה, אויך אָהן אונזער הילף? און דאַן, צו וועלען זיין א רבי ביי א צווייטען און מיניה וביה אָב־צוואַרפען פון זיך אַלעס און אַנצונעהמען אַלע מדות ביים תלמיד — דאָס איז דאָך באמת דער גרעסטער אַבסורד.

אַט דאָס דאָזיגע שטרעבען פונ׳ם מערב־יודענטום, זיך אויסצוגלייכען, פאַר יעדען פּרייז, מיט די ארומיגע פעלקער, האָט געמוזט מיט זיך ברענגען א אינערע קנעכטשאַפט פאַר דעם דאָזיגען יודענטום. דאָס געטאָ־יודענטום האָט געוואוסט, פאַר וואָס עס נעהמט אויף זיך די גרויסע יסורים. זיי האָבען געהאט די אינערע אמונה אין זיך און האָבען זיך געהאַלטען פאַר אויסדערוועהלטע, פאַר העכער ווי זייערע שכנים. זיי זענען געווען א י ס ע ר ל י ך פערשקלאַפט, אָבער א י נ ע ר־ל י ך פ ר י י.

אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט׳ן מערב־יודענטום. זאָלזשע טאַקע זיין, אז זיי האָבען בעקומען אייסערליכע רעכט, אָבער א י נ ע ר ל י ך זענען זיי געוואָרען פערשקלאַפט. אַט דער דאָזיגער „עבדות בתוך חרות“ איז איינער פון די בעגלייט־ערשיינונגען און סימפּטאָמען פון דעם קריזיס פון יודענטום.

און דאָס מ ז ר ח ־ י ו ד ע נ ט ו ם ?

זיין אָרטאָדאָקסישער טייל האָט דורכגעמאַכט א פונקט פערקעהרטע ענט־וויקלונג, ווי דאָס מערב־יודענטום. זעהענדיג, אז גרויסע כחות פערמעסטען זיך צו צערשטערען די יודישע געמיינשאַפט, האָט דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטום זיך פערשאַנצט אונטער דער רעליגיע, איהרע מנהגים און פאַרשריפטען, נישט לאָזענ־דיג ענדערען אפילו א „קוצו של יוד“. די רעליגיע האָט זיך אויפגעהערט צו ענט־וויקלען בהסכם מיט דעם יודישען גייסט און איז געוואָרען „פערשטיינערט“ לעב־לאָז און אמאַרף.

אינ׳ם עבר איז עס אזוי נישט געווען. דער לעבעדיגער יודישער גייסט האָט דאַן פאָרמירט די יודישע רעליגיע, האָט נ י ש ט ע נ ד ע ר נ ד י ג, נור א י נ־ט ע ר פ ר ע ט י ר ע נ ד י ג איהרע פאַרשריפטען, זי צוגעפּאַסט צו די געגעבענע לעבענסבעדינגונגען.

לאָמיר נעהמען למשל דעם גרונדזאַץ פון „עין תחת עין“. געווען א צייט, ווען די מאָראַל פונ׳ם פאָלק איז געווען פרימיטיוו און מען האָט פערשטאַנען, אז א אויג פאַר א אויג איז א גערעכטער פּאָסטולאַט. שפּעטער האָבען זיך געענדערט די מאָ־ראַלישע בעגריפען ביי יודען. מען האָט פערשטאַנען, אז עס איז דער גרעסטער באַרבאַריזם אויסצוהאַקען א אויג פאַר א אויג. האָבען אונזערע חכמים נישט ענ־דערנדיג דעם ט ע ק ס ט, איהם בלויז אנדערש אויסגעטייטשט און צוגעפּאַסט צו די נייע מאָראַלישע בעגריפען: עין תחת עין איז די טייטש, אויב דו שלאָגסט אויס דעם צווייטען א אויג, דאַרפסט דו איהם דאַפאַר ב ע צ א ה ל ע ן.

ביים היינטיגען טאָג שטימען די פאַרשריפטען נישט איבעריין מיט דער ענט־וויקלונג פונ׳ם גייסט. אונזער גייסט ענטוויקעלט זיך אזויאַרום בכלל נישט אינ׳ם

ראהמען פונ׳ם יודענטום. מיר זענען געוואָרען קנעכט פון דעם געשרי־בענעם וואָרט. אָט דאָס איז דער צווייטער סימפּטאָם, די צווייטע בעגלייט־ערשיינונג פון דעם קריזיס פונ׳ם יודענטום.

אָט די דאָזיגע קראַנקהייט אין איהרע פערשידענע „ערשיינונגספאָרמען" קען נישט געהיילט ווערען אין גלות. דער איינציגער אָרט, וואו דאָס קען געשעהען איז נור ארץ־ישראל. א״י דאַרף זיין „נישט קיין צופלוכטסאָרט פאר יודען, נור פאר אונזער נאַציאָנאַלען גייסט. א״י מוז ווערען דער „גייסטיגער צענטער" („מרכז הרוחני"), פון וועלכען עס זאָלען אויסשטראַהלען יענע ענערגיעס, וואָס וועלען נאָך אַמאָל בעלעבען דעם יודישען גייסט. א״י מוז ווערען די זון, וואָס וועט בעלייכטען דעם פינסטערען גלות, דאָס הארץ, וואָס פּאָמפּט אריין פרישׁ און גע־זונט בלוט אין דעם קראַנקען יודישען פאָלקס־איך. דורך א״י וועט צוריק אויפגע־שטעלט ווערען די יודישע איינהייט און — דעם דאָזיגען זעהר וויכטיגען זאַץ זאָגט ארוים אחד־העם נור בלאחר־יד — די יודענהייט וועט אפשר דאַן אויך געפונען די לעזונג פון איהר פראַגע.

וועט מען אָבער פרעגען: צי דען קאָן דאָס יודישע פאָלק אין זיין היינטיגער מאַטעריעלער און גייסטיגער לאַגע מאָביליזירען אזויפיל כחות, כדי צו שאַפען א „צענטער"?

דער צענטער וועט געשאַפען ווערען נור דאמאלס, אויב ער וועט ווערען צו א אינערען בעדערפניש פון יודען. די „פסיכאָלאָגישע שולע" לערנט אונז, אז עס זענען פאַרהאַנען אידעען, אָדער בעשטרעבונגען, וואָס בעהערשען דעם גאַנצען איך פון א יחיד, אָדער פון א כלל. די דאָזיגע אידעע אָדער בעשטרעבונג אונטעראָרדנעט אַלע אנדערע געפיהלען און שטרעבונגען אונטער זיך. זי ווערט די „דאָמינאַנטע" אין דער מענשליכער נשמה און שטעהט אין סאַמע „צענטער פון גייסט" (מרכז הרוח) פון דעם בעטרעפענדען יחיד אָדער כלל.

אויב די שאַפונג פון א „גייסטיגען צענטער" פאַר׳ן יודישען פאָלק וועט שטעהען אינ׳ם „צענטער פון גייסט" פון א יעדען יודישען יחיד, אויב דאָס דאָזיגע בעדערפ־ניש וועט בעהערשען און אונטעראָרדנען אונטער זיך אַלע אנדערע בעשטרעבונגען, אויב די דאָזיגע אידעע וועט ווערען די „נאַציאָנאַלע דאָמינאַנטע" ביי יודען, דא־מאלס און נור דאמאלס וועט די דאָזיגע אידעע זיין רעאַליזירבאַר.

וויאזוי אָבער מאַכט מען דאָס?

דורך א לאַנגזאַמע, עקשנות׳דיגע און קאָנסעקווענטע ערציהונג פון די יודישע מאַסען, דורך דער ווידעראויפלעבונג פון דער העבּרעאישער שפּראַך, דורך דער שאַפונג פון יענע גייסטיגע אוצרות, וואָס מוזען מיט דער צייט אויסגלייכען די צערקרומטע יודישע נשמה.

צי דען נור דאדורך?

ניין, אויך דורך דעם ישוב אין א״י. אָבער נישט וויכטיג איז דאָ דער „כמות",

די צאָהל, די קוואַנטיטעט, נור דער „א י כ ו ת", די הויכע קוואַליטעט פון בנין הארץ.

עס זאָלען געשאַפען ווערען אין א"י מ ו ס ט ע ר ק אָ ל אָ נ י ע ס, ערציהונגס־אַנשטאַלטען וכדומה און זאָל אויך ענטשטעהען אין א"י יענער נייער און בענייטער יודישער מענש מיט זיין גזונטער נשמה — און דאָס וועט פיהרען צו דער צו־גרייטונג פונ'ם פאָלק פאַר זיין שווערער אַרבייט.

דער אָפיציעלער ציוניזם שטרעבט נאָך דעם כמות, אחד־העם לעגט דעם טראָפ אויף דעם איכות. פון זיין שטאַנדפונקט איז איין אונטערריכטס־אַנשטאַלט מעהר ווערט ווי צעהן קאָלאָניעס...

די רעאַליזאַציע שטעלט זיך אחד־העם פאָר אין א חלום, אַלס א וויזיע.

עס חלומט זיך איהם, אז דער אַנטיסעמיטיזם איז שוין איבעראַל פערשוואונ־דען, און דאָס פאָלק זיצט זיך זיכער אונטער דעם שוץ פון דער עמאַנציפּאַציע. דער קשר צווישען יודען איז געוואָרען שוואַך. יעדער טייל האָט זיך פעראַסימילירט מיט דער בעפעלקערונג, אונטער וועלכער ער לעבט. דאָך געפונען זיך יודען, וואָס קענען נישט ליידען, וואָס זייער פאָלק גוסס'ט, אזוי אָרגאַניזירען זיי א אַלוועלטליכען פער־באַנד אונטער דעם נאָמען „חובבי־ציון" און טרעטען צו צו דער אַרבייט. זיי גרינ־דען קאָלאָניעס אין א"י, שאַפען שולען, צייטונגען וכדומה. אין דעם מאָס, אין וועל־כען עס ווערען פולקאָמען זייערע מעשים אין לאַנד, וואַקסט אויך די צאָהל פון זייערע חברים. די בעוועגונג ענטוויקעלט זיך פּאַוואָלע, סיסטעמאַטיש, נישט שפּרונגהאַפט, ביז זי דערגרייכט נאָך א פּאָר דורות איהר ציל: זי האָט געשאַפען אין א"י א נאַציאָנאַלען גייסטיגען צענטער פאַר'ן י ו ד ע נ ט ו ם. דער צענטער איז בעליבט ביים גאַנצען פאָלק און פעראייניגט אַלע זיינע טיילען. עס איז א צענ־טער פון „תורה און חכמה, פון שפּראַך און בוך, פון קערפּערליכער אַרבייט און דער ריינקייט פון דער נשמה, א אמתע מיניאַטור פון דעם יודישען פאָלק, וויאַזוי עס בווינכט צו זיין". יעדער יוד וועט זיך פיהלען גליקליך, אויב ער וועט האָבען די זכיה צו זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען דעם צענטער פון יודענטום... („דרך הרוח").

אין זיין מאמר „הציוניות המדינית" פאָרמולירט אחד־העם נאָך דייטליכער זיינע אַנשויאונגען: „דאָס יודענטום שטרעבט צוריקצוקעהרען זיך צו זיין היסטאָ־רישען צענטער, כדי דאָרט צו לעבען אויף א נאַטירליכען אופן, צו ווידמען זיינע כוחות אויף אַלע געביטען פון דער מענשליכער קולטור, צו ענטוויקלען און צו פער־פולקאָמנען יענע נאַציאָנאַלע ווערטען, וואָס עס האָט ערוואָרבען ביז היינט און צו פערשפּרייטען איבעראַל יענע גרויסע קולטור... ווי עס האָט פערשפּרייט אין דער פערגאַנגענהייט.

כדי דאָס צו דערגרייכען, דאַרף מען זיך דערווייל מסתפק זיין במועט. מען ברויכט נישט א מ ל ו כ ה'ש ע מ מ ש ל ה, נור עס איז גענוג צו שאַפען אין דיזם פאַטערלאַנד גינסטיגע ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן פאַר דער ענטוויקלונג און פאַר דעם

שאפען פון א גרויסען יודישען קבוץ, וואס ארבייט אונגעשטערט אין אלע צווייגען פון דער קולטור, אנגעהויבען פון ערדארבייט און האנדווערק און אויסגעלאזט אויף וויסענשאפט און קולטור. דער דאזיגער קבוץ וועט זיך פאוואלי, פאוואלי שטאר־קען, ביז ער וועט ווערען אין א גרוימער צייט דער צענטער פון דער נאציע, וואו זיין גייסט וועט ווערען רעאליזירט אין זיין ריינקייט און פולקאמענקייט. פון דעם צענטער וועט אויספליסען דער גייסט צו דעם גאנצען היקף פון דעם גלות, צו אלע גרופען און קהלות. דער דאזיגער גייסט וועט זיי בעלעבען און וועט אבהיטען זייער אחדות".

אט דאס איז די הויפטאידעע פון אחד־העם. לויט קלויזנער'ן, אחד־העם'ס תלמיד און נאהנטעסטער מיטארבייטער, אונטערשיידעט זיך די דאזיגע אידעע פון דעם פאליטישען ציוניזם דאדורך, וואס בעת דער פאליטישער ציוניזם זוכט צו בעזעצען אין א"י דעם רוב מנין און רוב בנין פון דעם יודישען פאלק, וויל אחד־העם אז יודען זאלען בילדען דעם רוב אין א"י, כדי דארט צו שאפען א „מרכז" פאר אלע יודען.

אחד־העם'ס אידעע אונטערשיידעט זיך אבער אויך פון דובנאוו'ס אויטא־נאמיזם (אגב גלויבט אחד־העם נישט אין דעם ווערט פון נאציאנאלע רעכט אין גלות) דאדורך, „וואס דובנאוו קען זיך פארשטעלען א פריי יודיש נאציאנאל לעבען אין א לאנד, וואו יודען בילדען נישט די מעהרהייט" (קלויזנער: „אחד־העם").

פונקט אזוי וועלטפרעמד און אבסטראקט אחד־העם איז געוועזן אין זיין טעא־רעטישער בעגרינדונג פון ציוניזם, פונקט אזוי איז ער רעאל און קאנקרעט אין זיין אבשאצונג פון די גוטע און שלעכטע זייטען פון דעם א"י־ישוב.

אינ'ם יאהר 1891 פאהרט אחד־העם קיין א"י. ער ווילט דא בלויז א קורצע צייט, אבער אחד־העם האט א שארף אויג. בעת אלע בעזוכער און „טוריסטען" פאלען אריין אין א קעלבערנער התפעלות צוליב יעדער יודישער קוה, וואס פאשעט זיך אין א"י, דערזעהט אחד־העם יענע אביעקטיווע און סוביעקטיווע חסרונות פון דער קאלאניזאציע, וואס מוזען דערפיהרען צום קריזיס. אינ'ם יאהר 1893 און 1900 בעזוכט ער ווידער א"י און שטענדיג פערעפענטליכט ער נאך זיין ריקקעהר זיינע „אמת'ן פון א"י", וועלכע זענען ממש א מייסטערווערק פון בעאבאכטונגסגאבע.

דער פאליטישער ציוניזם, וועלכער האט שפעטער שארף קריטיקירט די קא־לאניזאציעארבייט פון די חובבי־ציון האט דאס נישט געמאכט בעסער ווי אחד־העם גופא. ער האט זיך בעצם בענוצט מיט דיזעלבע ארגומענטען. פערקעהרט, עס זענען פארהאנען געווען פראבלעמען, אויף וועלכע אחד־העם האט שוין דאמאלס אנגעוויזען, און וועלכע מיר ווילען ערשט דערזעהען נאך דער מלחמה, בעת דאס לעבען גופא וועט זיי אונז אויפדעקען אויף א ברוטאלען אופן.

דעם עקר חסרון פון דער קאלאניזאציע זעהט אחד־העם אין דעם וויינבוי, וועלכער פיהרט דערצו, אז דער קאלאניסט ווערט נישט קיין לאנדווירט, נור א פלאנטאטאר און אונטערנעהמער. אזויווי די יודען בעטרייבען דעם וויינבוי באטיש

און אויף א נישט אָרגאַניזירטען אופן, נישט רעכענדיג זיך מיט די מאַרקפערהעלט־נישען, אזוי מוז עס — דאָס זעהט אחד־העם ריכטיג פאָראויס — קומען צום קראַך. די דאָזיגע נבואה איז באַלד מקוים געוואָרען.

די צווייטע נעגאַטיווע ערשיינונג איז די דעמאָראַליזירענדע ווירקונג פון דער ראָטשילד־אַדמיניסטראַציע. דאדורך, וואָס די אדמיניסטראַציע קויפט אָב די פּראָדוקציע צו העכערע פּרייזען, ווי עס הערשען אויף דעם מאַרק, ווערען די קאָלאָניסטען פערוואַנדעלט אין „שנאָרער אויף א בכבודיגען אופן".

די דריטע נעגאַטיווע ערשיינונג איז די באָדענספּעקולאַציע, וועלכע ווערט ארויסגערופען דאדורך, וואָס יעדע חברה און יעדער יחיד טרעטען אויף אויף דעם מאַרק אלס זעלבסשטענדיגע „קונים" און איינער „כאַפּט" דעם אנדערען אויס דעם שטיקעל באָדען, צאָהלענדיג פאר איהם אונערהערטע פּרייזען און דעמאָראַליזירענדיג די אראַבער. אחד־העם שלאָגט פאָר, אז ענגלישע יודען זאָלען גרינדען א צ ע נ ט ר א ל ע א י נ ס ט י ט ו צ י ע פ א ר ב א ָ ד ע נ א י י נ ק ו י ף.

קלאָהר זעהט אחד־העם פאָראויס די א ר א ַ ב ע ר ־ פ ר א ַ ג ע. די אראַבער וועלען אונז טאָלערירען אזוי לאַנג, ביז מיר וועלען נישט שטעלען אין סכנה זייערען בעזיצשטאַנד, אָבער שפּעטער מוזען ענטשטעהען קאָנפליקטען און סכסוכים. אחד־העם בעקלאָגט זיך, אז די קאָלאָניסטען בעהאַנדלען שלעכט די אראַבער און דאָס מוז זיך נוקם זיין...

ער ווייס אויך אָבצושאַצען די וויכטיגקייט פון דער לעגאַליטעט פון אונזער קאָלאָניזאַציע־ארבייט. אמת, אז אין מזרח איז דער „באַקשיש" א וואָגיג „ארגומענט", אָבער טראָצדעם טאָר מען נישט גרינדען קיין נייע זידלונגען אָהן דער ערלויבניש פון דער טערקישער רעגירונג.

אפילו די פראַגע פון עבר הירדן ווערט בעריהרט פון אחד־העם. אויך די אָרגאַניזאַציע פון דעם פערקויף פון א"י־פּראָדוקטען (תוצרת־הארץ בעוועגונג). איין זאַך לאָזט אחד־העם פולשטענדיג אויסער אכט: די יודישע ארבייט אלס פאָרבעדינג פון דער רעאַליזאַציע פון ציוניזם.

זייענדיג אין ירושלים רופט ביי איהם ארויס דער כותל־המערבי, דער סימבאָל פון חורבן הארץ, פאָלגענדע רעפלעקסיעס: „א לאַנד, אויב עס ווערט חרוב און דאָס פאָלק איז נאָך פול כח און לעבען, שטעהט אויף א זרובבל, א עזרא און נחמיה און נאָך זיי דאָס פאָלק און זיי בויען אויף דאָס לאַנד. אָבער אויב א פאָלק ווערט חרוב, ווער זאָל אויפשטעהען פאר איהם און פון וואַנען זאָל קומען זיין הילף?"

מיר האָבען דאָ פונאַנדערגעוויקעלט די גאַנצע שטה פון אחד־העם, אויף ווי ווייט זי איז נוגע דאָס יודענטום און דעם ציוניזם, און האָבען בכיון אויסגעלאָזט אַלע אַלגעמיינע פילאָזאָפישע און מענשליכע פראַגען, מיט וועלכע עס בעשעפטיגט זיך אחד־העם. די דאָזיגע שטה איז כראָנאָלאָגיש אויסגעבויט געוואָרען פון אחד־העם'ן אין משך פון יאָהרען און נישט דוקא אין דער תקופה וועגען וועלכער מיר רעדען איצט (פאר הערצל'ן). כדי אונזער בעהאַנדלונג פון דעם טעמא זאָל נישט

ליידען אין מאַנגעל פון איינהייטליכקייט, האָבען מיר איצט געמוזט אין גאַנצען פונאייגאַנדערוויקלען די גאַנצע שטה.

אחד העם האָט אָבער אויך געפּרובט צו פערווירקליכען פּראַקטיש זיינע אי־דעען. תיכף נאָך דעם ערשיינען פון זיין מאמר: „לא זה הדרך" האָט ער געגרינדעט א געהיימען אָרדען, לויט די מוסטערן פון מאַסאָנען־קלובען, אונטער דעם נאָמען „בני־משה". אין זיין העפט „תורת החיים" צייכענט ער אָן די סבות, צוליב וועלכע דער אָרדען איז ענטשטאַנען און די גרונדזאַצען, לויט וועלכע ער דאַרף זיך פיהרען. „ערשטענס: אזוי ווי די יודישע געשיכטע האָט אונז געלערנט, קענען מיר נישט דאָ אין גלות לעבען אלס יודען און מענשען, ע"כ מוזען מיר ווידמען אלע אונזערע כחות דעם אויפלעבען פון יודען אין א"י. צווייטענס: כדי גובר צו זיין אלע שוויריג־קייטען, מוז דער נאַציאָנאַל־געפיהל ביי יודען זיין אזוי שטאַרק, אז דער יוד זאָל נישט געפונען קיין רוה אין זיין פּערזענליכען גליק. שפּעטער וועט קומען דער גלויבען אין מעשים. דריטענס: כדי צו קענען אויפטהון גרויסע מעשים אין לאַנד, מוז דאָס פאָלק זיין דערצו צוגעגרייט. מען מוז פערברייטען דעם בעגריף פון „נאַציאָ־נאַליזם": אין צענטרום פון דעם בעגריף שטעהט די ליבע צום פאָלק; אין זיין היקף אלע עטישע פּאָסטולאַטען. פערטענס: די „בני משה" ארבייטען פאַר'ן פאָלק אין אלע ענינים און צו יעדער צייט. פינפטענס: דער אָרדען הייסט „בני משה", כדי זיינע מיטגלידער זאָלען האָבען שטענדיג פאַר זייערע אויגען דעם גרויסען פאָלקספיהרער און ־לעהרער, משה. זעקסטענס: די אגודה צערפאַלט אין אָבטיי־לונגען, אין וועלכען שפּיץ עס שטעהט א פיהרער. די אויפנאַהם פון חברים קומט פאַר לויט א געוויסען ריטוס א. א. וו. זיבטענס: די אומגאַנגסשפּראַך איז העברע־איש. עס ווערען נישט אָנגענומען מענשען, וואָס קענען נישט קיין העברעאיש, אונטער 20 יאָהר, אָדער מענשען, וואָס האָבען נישט קיין לויטערען כאַראַקטער. אַכטענס: יעדער חבר גיט אריין אין דער קאַסע 13 פּראָצענט פון זיינע הוצאות. נײַנטענס: אין דער שפּיץ פון די אָבטיילונגען שטעהט די „עליה" און אין איהר שפּיץ דער פּרעזידענט פון די בני משה. צעהנטענס: די אגודה איז אויפגעבויט אויפ'ן יסוד פון פולקאָמענער איינהייט און ארבייטס־איינטיילונג, צניעות און אמת. דער מאָראַלישער איכות שטעהט העכער איידער דער כמות".

אָט דאָס זענען די בעריהמטע „עשרת־הדברות" פון דעם אָרדען „בני־משה". דער דאָזיגער אָרדען האָט געפּרובט אויך עפּעס פּראַקטיש צו לייסטען. אזוי האָט ער ערגריפען דעם איניציאַטיוו צו גרינדען די קאָלאָניע רחובות. אויך דעם פערלאַג „אחיאסף", וועלכער האָט פיל אויפגעטהון אויף דעם געביט פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. אויך האָט דער „בני משה" געגרינדעט א העברעאישע שול אין יפו.

דאָך האָט זיך דער פערבאַנד נישט געקענט דערהאַלטען. דאָס איז געווען א „עקספּערימענט, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבען" (נסיון שלא הצליח), זאָגט אחד־העם אליין. נאָך א אַכט־יעהריגען קיום איז זיך דער פערבאַנד פונאייגאַנדער

געפאלען, בעקר צוליב דעם, ווייל ער האט נישט געקענט אויפרעכטערהאלטען זיין עקסקלוזיוויטעט. אין דעם יאהר, אין וועלכען עס איז דערוועקט געווארען דער פאליטישער ציוניזם, איז דער „בני־משה“־ארדען בטל געווארען „צוליב דעם רעש פון באזעל“, אזוי ווי עס שרייבט אחד־העם.

אינ׳ם יאהר 1896 גרינדעט אחד־העם, מיט דער פינאנציעלער אונטערשטיצונג פון וויסאצקי די מאנאטסשריפט „השלח“, די דאזיגע שריפט, וועלכע איז געווארען פון אחד־העם רעדאגירט במשך פון זעקס יאהר, איז געווארען די בעדייטענדסטע טריבונע פאר דעם מאדערנעם ציוניסטישען געדאנק. איהר איינפלוס איז געווען אונגעהויער גרויס. כאראקטעריסטיש איז דער נאמען: השלח, „מי השלח ההולכים לאט“. דער ציוניזם דארף ווערען פערווירקליכט פאוואלי, פאוואלי אויף א עוואלוציאנערען וועג, פונקט אזוי ווי „די וואסערען פון השלח, וואס פליסען לאנגזאם“...

אחד־העמ׳ס שטה איז אבער אויך געווארען שטארק בעקעמפט פון ציוניסטישע פארטייטוער און פון ציוניסטישע דענקער. אונטער די פארטייטוער, וואס האבען זיך ענטגעגענגעשטעלט אחד־העמ׳ן מוזען מיר בעזונדערס אונטערשטרייכען די קריטיק פון ליליענבלום׳ן, נארדוי.

„מיר קענען נישט לעבען מיט אזא אמת!“ — האט געטענה׳ט ליליענבלום, נאכדעם ווי אחד־העם האט פערעפענטליכט זיינע „אמת׳ן פון א״י“. פון די ציוניסטישע שריפטשטעלער און דענקער לאמיר בלויז דערמאהנען בערדיטשעווסקי, יוסף חיים ברענער און קלאצקין. די אונטערשטרייכונג פון דעם „גייסטיגען יודענטום“ איז לויט זייער מיינונג, א פראדוקט פון דער גלות־פסיכאלאגיע. די עטיק איז נישט קיין אביעקטיווער קריטעריום און עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פאר א פאלק. מיר ברויכען לאנד און שפראך, א געזונט „מוסקעל־יודענטום“, א נארמאלע עקאנאמיק — און נישט א בוך און א שולע.

עס וועט אונז נאך מסתמה אויסקומען זיך אבצושטעלען איבער דער דאזיגער פאלעמיק, וועלכע מאכט אבסאלוט נישט קלענער די בעדייטונג פון אחד־העמ׳ן. זיין הויפטאויפטו איז געווען, וואס ער האט אונז געלערנט די וויכטיגקייט פון קולטור און פון דער מאראלישער צוגרייטונג פון די יודישע מאסען פאר דעם ציוניזם.

אחד־העם איז אויך געווען דער שעפער פון דעם מאדערנעם העברעאישען פובליציסטישען סטיל. זיין שפראך איז געווען מוסטערגילטיג פאר אלע קומענדיגע שרייבער. זיינע ביכער לעזען זיך ווי דעם רמב״ם׳ס „משנה־תורה“ (אחד־העם איז אויך געווען א בעגייסטערטער אנהענגער פונ׳ם רמב״ם). זיי זענען קלאהר, דייטליך, קורץ און דאך אזוי אינהאלטסרייך.

אחד־העם איז געווען דער גרויסער לעהרער פון ציוניזם, אבער נישט זיין „פיהרער“. פיהרער האבען נישט קיין עוואלוציאנערע, נור א רעוואלוציאנערע נאטור.

עס וועט באלד קומען דער אמתער פיהרער, דער רעוואלוציאנער, וואס וועט מיט איין מוטיגער טאט ארויסשלעפען דעם ציוניזם פון זיין טעמפען ווינקעל

אויף דעם ברייטען שליאך פון דער וועלט־פּאָליטיק. דער „לעהרער" וועט זיך ממש פערשליסען די אוירען פאר דעם געפּילדער פון דעם „פיהרער", עס וועט אויסברע־כען צוערשט א הייסער קאמף צווישען ביידע, אָבער דאָס רייכע לעבען, וועט זיי שפּעטער פעראייניגען און וועט שאפען א סינטעז צווישען דעם „פיהרער" און דעם „לעהרער", צווישען דעם קולטור־ציוניזם און דעם פּאָליטישען ציוניזם.

דער „פיהרער" וועט הייסען בנימין זאב הערצל.

פערצעהנטער קאפיטעל:

די בעוועגונג אין מערב-איירָאפּאַ: עסטרייך און דייטשלאַנד.

מיר האָבען אין אונזער איינלייטונג אָנגעוויזען אויף דעם צוויי־פאזענסיסטעם אין דער ענטוויקלונג פון דער יודישער לאַגע אין איירָאפּאַ נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואו עס הערוועקט זיך „צום לעבען" די נייע אַנטיסעמיטישע בעוועגונג, פערענדיגט זיך איצט די ערשטע פאַזע און יודען טרעטען אריין פּאַוואָלי אין דער צווייטער. אמת, גרויסע טיילען, די איבער־וויגענדע מאַיאָריטעט גלויבט נאָך, אז דער הומאַניזם וועט גובר זיין דעם אַנטי־סעמיטיזם, אָבער א געוויסע מינדערהייט גיט זיך אָב א קלאָהרען דין וחשבון דער־פון, אז דער הומאַניזם וועט נישט ברענגען די ישועה פאר יודען. די דאָזיגע מינדער־הייט ווערט נאָך געשטאַרקט דורך דער עמיגראַציע פון יודישע סטודענטען פון רוסלאַנד, וועלכע ברענגען מיט זיך די בשורה וועגען דעם נייעם בעפרייאונגס־געדאַנק.

דער ציוניסטישער געדאַנק געפונט אין מערב זיינע אָנהענגער צווישען דער אַקאַדעמישער יוגענד, און דאָס איז קיין וואונדער נישט. אויף דער אוניווערזיטעט האָט מען אָנגעהויבען אַם מייסטען צו פיהלען די אַנטיסעמיטישע בעוועגונג. עס איז גענוג, ווען מיר ווילען דערמאהנען, אז די סטודענטישע פעריינען זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען ארויסגעוואָרפען פון זיך זייערע יודישע חברים, אנערקענענ־דיג זיי פאר נישט „סאַטיספּאַקציאָנספעהיג". די דאָזיגע עובדה האָט פערלעצט די מענשליכע ווירדע פון די סטודענטען און זיי געבראַכט אויף דעם ציוניסטישען געדאַנק.

דערווייל איז נאָך דער אַנטיסעמיטיזם געוואַקסען אין עסטרייך צוליב פאָל־גענדען פאַקט. ביים סוף פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט פערשאַרפען זיך דאָ די בעציהונגען צווישען די פערשידענע נאַציעס, וואָס האָבען בעוואוינט די אַמאָ־ליגע עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנאַרכיע. די דייטשנאַציאָנאַלע קרייזען האָבען פער־לאַנגט א צענטראַליסטישע רעגירונג און א שאַרפען קורס לגבי די נאַציאָנאַליטעטען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו בונטעווען. דאָ איז אויפגעשטאַנען א געוויסער יוד,

אַדאָלף פישהאָלץ, און האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עסטרייך קען נור דאַן עקזיסטירען אלס א איינהייטליכע מלוכה, אויב זי וועט שאַפען א באָדען פאַר א פרייער ענטוויקלונג פון די פערשידענע נאַציאָנאַליטעטען. ער האָט געפאָדערט, אַז עסטרייך זאָל ווערען א נאַציאָנאַליטעטען־שטאַט. אַט די דאָזיגע אידעען האָבען ארויסגערופען דעם גרימצאָרן פון די פערשידענע דייטשנאַציאָנאַלע קרייזען, וועלכע האָבען געענפערט מיט א ווילדער אַנטיסעמיטישער העצע, אָנרופענדיג פישהאָלצ׳ן אלס דעם „פערעטער" א. א. וו.

אין דעם יאָהר 1918 וועט זיך די געשיכטע ביטער נוקם זיין אָן עסטרייך. די דאָזיגע מאָנאַרכיע וועט זיך צערפאַלען, אפשר צוליב דעם, ווייל זי האָט נישט רעאַליזירט די אידעען פון דעם יודישען מלוכה־פעררעטער... מען האָט נישט געוואָלט געבען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען קיין אויטאָנאָמיע און מען האָט דאַפאַר בעצאָהלט מיט׳ן קיום פון דער מלוכה.

אין דעם צוזאַמענהאַנג לאָמיר דערמאָהנען, אַז עס זענען פאַרהאַנען אויך ביים היינטיגען טאָג פערשידענע מלוכות, וועלכע פיהרען דעם אַלט־עסטרייכישען קורס. אויך אין זיי ווערען פערשיגען די יודישע פּאָליטיקער, אלס „מלוכה־פעררעטער", און ווער ווייס צי עס וועט זיך אויך דאָ די געשיכטע נישט איינמאָל נוקם זיין... ודי לחכימא ברמיזא...

אלס רעאַקציע אויף דעם דאָזיגען מצב האָט זיך אין ווין געגרינדעט נאָך אין די 80־גער יאָהרען א אקאדעמיש־ציוניסטישער פעריין מיט׳ן נאָמען „קדימה", וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע „צו בעקעמפען די אַסימילאַציע, צו הויבען דעם יודישען זעלבסטבעוואוסטזיין און צו קאָלאָניזירען א"י". אין דעם פעריין האָבען מיטגעאַרבייט אַזעלכע מענער ווי דר. בירער, סמאָלענסקין, שנירער און בירנבוים. אמת, דער ציוניסטישער תוכן פון דעם דאָזיגען פעריין איז געווען א קליינער. מען האָט זיך בעשעפטיגט הויפּטזעכליך מיט גלות־פּראָבּלעמען און פון די דאָזיגע קרייזען נעהמט זיך אויך דער אָנהויב פון א זעלבסשטענדיגער יודיש נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אָבער טראָצדעם האָט די „קדימה" געהאַט א גרויסע בעדייטונג. זי האָט געשאַפען יענע סביבה, וועלכע האָט שפּעטער געקענט רעאַגירען אויף הערצל׳ס רוף. ווער ווייס, צי הערצל וואָלט זיך גענומען צו זיינע ערשטע אָרגאַניזאַטאָרישע שריט, ווען זיין רוף וואָלט נישט געפונען קיין וואַרעמען אָבקלאַנג אין די דאָזיגע פעריינען.

בעזונדערס מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף דער פּערזענליכקייט פון דר. נתן בירנבוים, וועלכער האָט געווירקט אין די ערשטע ציוניסטישע פעריינען אין ווין.

דר. נתן בירנבוים איז געבוירען אינ׳ם יאָהר 1864. נאָך סמאָלענסקינ׳ס טויט ווערט ער די צענטראַלע פיגור אין דער יודיש־נאַציאָנאַלער בעוועגונג. צוערשט א לינקער סאָציאַלדעמאָקראַט פעראינטערעסירט ער זיך אָבער באַלד מיט דער יודישער לאַגע און ווערט א הייסער ציוניסט. אינ׳ם יאָהר 1885 גיט ער ארויס א צייטשריפט אונטער דעם נאָמען „זעלבסטעמאַנציפּאַציע". אינ׳ם יאָהר 1893

שרייבט ער אַן אַ בראָשור א. ד. ט. „די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון דעם יודישען פאָלק אין זיין לאַנד“, וואו ער פאָדערט אַ פעלקערערעכטליכע לעזונג פון דער יודענפראַגע. אין דעם זעלבען יאָהר רופט ער צונויף אַ קליינע קאָנפערענץ פון פערשידענע טוער און שלאָגט פאָר איינצורופען אַ ציוניסטישען „קאָנגרעס“. אין דעם יאָהר 1896 גיט ער ארויס אַ ביכעל א. ד. ט. „די יודישע מאָדערנע“, וואו ער פאָלעמיזירט מיט דעם מאַרקסיזם און דער סאָציאַלדעמאָקראַציע. נתן בירנבוים איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט „ערפונדען“ דאָס וואָרט „ציוניזם“.

עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך ברייטער אָבצושטעלען אויף דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פערזענליכקייט, אָבער שוין איצט מוזען מיר בעמערקען, אַז דר. בירנבוים איז אפשר דער אונרוהיגסטער גייסט אין דער יודישער בעוועגונג. שטענדיג זוכט ער נייע אמת'ן און האָט ער זיי געפונען, אַזוי איז ער צו זיי פאַנאַטיש צוגעבונדען. אָבער ער ענדערט אַלע מאָל זיינע אמת'ן און דאַן בעקעמפט ער זיי פונקט אַזוי פאַנאַטיש, ווי ער האָט זיי פריהער געפרעדיגט.

אין יענע יאָהרען אָבער האָט בירנבוים דער ערשטער זעהר קלאָהר און טיעף פאָרמולירט די ציוניסטישע אידעע. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער יוגענד.

אין דייטשלאַנד האָט דער ציוניזם אויך צו פערצייכנען געוויסע ערפאָלגען. דאָ איז דער ציוניזם געוואָרען „אימפּאָרטירט“, הויפּטזעכליך דורך די רוסישע סטודענטען. אינ'ם יאָהר 1889 גרינדעט דר. מאָצקין אין בערלין אַ „רוסיש-יודישען וויסענשאַפטליכען פעריין“, וועלכער ענטוויקעלט אַ ציוניסטישע טעטיגקייט. עס איז גענוג אויב מיר וועלען אויסרעכענען מאַנכע נעמען פון די מענשען, וועלכע זענען געווען טעטיג אין דעם דאָזיגען פעריין, ווי אַ שמריהו לעווין, דר. יאַקאָבסאָן, חיים וויצמאַן און מאָצקין. זיי אַלע זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אחד-העם.

אין די 90-גער יאָהרען האָט אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער סביבה געגרינדעט אַ פעריין אונטער דעם נאָמען: „יונג איזראַעל“, וועלכער האָט ענטוויקעלט אַ זעהר לעבהאַפטע ציוניסטישע טעטיגקייט.

אַט די אַלע פעריינען, צייטשריפטען, בראָשורען האָבען געבילדעט אַ „רעזאָנאַנץ-באָדען“ פאַר דעם „פיהרער“, פאַר זיינע פּלענער און האָבען פאָרבערייטעט בעגייסטערטע לעזער פאַר'ן „יודענשטאַט“.

דריטער אָבשניט.

דער פעריאָד פון דעם פּאָליטישען ציוניזם ביז הערצל׳ס טויט, 1904—1897.

פינפצעהנטער קאַפּיטעל:

א) א קורצער ס. ה. פון דעם מצב פון דער בעוועגונג.

ווייל מען ריכטיג פערשטעהען, וואָס עס האָט מחדש געווען דער פּאָליטישער ציוניזם, אזוי מוז מען קענען דעם מצב, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען דאָס יודישע פאָלק און די חובבי־ציון־בעוועגונג אין יענעם פעריאָד, מוז מען זיך גענוי בונאיינאַנדערקענען אויף דעם „שלאַכטפעלד", אויף וועלכען עס איז אויסגעקומען דעם פּאָליטישען ציוניזם אויסצוקעמפען זיין קאַמף.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, איז דאָס יודענטום דאמאלס בכלל נישט גע־ווען אָרגאַניזירט. אינ׳ם מערב האָט זיך געשטאַרקט די אַסימילאַציע. אין מזרח האָט געהערשט א טיפע נאַכט. אין רוסלאַנד האָט דער צאַריסטישער רעזשים דער־דרוקט די יודישע מאַסען. פּאָליטיש זענען זיי געווען בירגער פון דער לעצטער מדרגה, עקאָנאָמיש אָבגעשטאַנען, פעראָרימט און אונפּראָדוקטיוו. אויף דער יודי־שער שקאַפּע האָבען געריטען כלערליי „בעלי־טובות", קהלה׳שע קאָכלעפעל וכדומה, וואָס האָבען אויסגעזויגט דעם לעצטען טראָפּען בלוט ביי די פערחושכ׳טע מאַסען.

דער חובבי־ציוניזם האָט זיך אָנגעשטויסען אויף א טויטען פּונקט. נישט זייענ־דיג מסוגל צו שאַפען פון דעם יודישען „מענשענשטויב" — אזוי ווי נאָרדוי האָט דאָס אָנגערופען — א ײ ן אָרגאַניזירטען כח, איז די דאָזיגע בעוועגונג געזונקען צו דער מדרגה פון א פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, פון א חלוקה־אַנשטאַלט פאַר די בעשטעהענדיגע קאָלאָניעס. דער ישוב גופא האָט דורכגעמאַכט איין קריזיס נאָך דעם צווייטען. די בייסענדע קריטיק פון אחד־העם האָט נאָך מעהר פערווירט די געמיטער און די פערשידענע חובבי־ציון פעריינע האָבען געפיהרט א בלוט־אָרעם לעבען.

אַט אזוי שילדערט די לאַגע איינער פון די פיהרער פון די חובבי־ציון, בן עמי: „אין דרויסען האָט געהערשט דאָס סיסטעם פון גירוש, דרוק און רדיפות. טאָג פאַר טאָג זענען ארויס נייע גזרות, וואָס האָבען אוועקגערויבט דאָס שטיקעל ברויט פון טויזענדער און צעהנער טויזענדער יודען. און אינעווייניג, אינ׳ם יודענטום גופא, האָט געהערשט א פערקריפּעלונג און א דעגענעראַציע. די אינטעליגענץ האָט זיך

צוגעמאכט די אויגען און איז אנטלאפען אויף אלע זיבען וועגען פונ׳ם יודענטום, פון דער מחנה פון די שוואכע און אונטערדרוקטע. אונטער דער מאסקע פון דער רוסישער קולטור, האט זי געוואלט געפונען פאר זיך רוה און בעפרידיגונגביים שונא פון איהר אונגליקליך פאלק. דאס קליינע גרופקעלע פון די טרייע זוהן, וואס האבען געפיהלט דעם פיין פון די יודען, זענען געווען צום געלעכטער און שפאט אין די אויגען פון יענע בוגדים, פון יענע ברייטהארציגע קאסמאפאליטען. אבער אויך יענע גרופע, די חובבי־ציון גופא, איז געווען, טראץ דער גאנצער איבערגעגעבענקייט, מאכטלאז לגבי דער פערווירקליכונג פון איהר אידעאל. דער ישוב אין א״י האט דורכגעלעבט א קריזיס און עס איז נישט געווען קיין אויסוועג פון דער שווערער קאמפליצירטער לאגע.

מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען אויף א זיצונג פונ׳ם א״י־קאמיטעט אין אדעס און האבען געקוקט איינער אויף דעם צווייטען מיט וועהטאג און אבגעלאזענקייט. מיר האבען געזעהען, אז מיר זענען געבליבען שטעקען אויף איין פונקט און קענען נישט ווייטער. און צי קענען מיר דען געפונען א בעסערען וועג, אויב דאס הארץ פונ׳ם פאלק איז פערגליווערט? עס האט זיך אויסגעדוכט, אז אונזער גאנץ ווערק, וואס האט נישט געהאט קיין גרונדלאגע, וועט באלד צוזאמענברעכען אויף אייביג. און א יאוש האט אנגעכאפט אלע הערצער״.

אט אין דער דאזיגער „נאכט״ איז אויפגעגאנגען א נייער שטערן אינ׳ם יודישען לעבען. געבראכען איז געווארען דאס אייז און פריהלינגס־ווינטען האבען אנגעהויבען צו בלאזען אין דער יודישער געשיכטע.

ב) דר. טעאדאר הערצל.

אינ׳ם 2 מאי 1860 איז געבוירען געווארען אין בודאפעסט, אויף דער טאבאקגאס, בינמין זאב הערצל. זיינע עלטערן, יעקב און זשאנעט הערצל, זענען געווען רייכע, יודיש־בעל הבית׳שע מענשען. יעקב הערצל איז געווען א יוד, א פקח, א ריהרעווידיגער סוחר, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסער פאנטאזיע און אונטערנעהמונגסלוסט. שטיל, בעשיידען און וואונדערשעהן איז געווען בנימין זאב׳ס מוטער, און א גאלדענע נשמה האט זי געהאט. זי, די מוטער, האט זיך אבגעגעבען מיט דער גאנצער ערציהונג פון די קינדער. זי האט נישט געשפארט קיין מיה, אז די קינדער זאלען זיין געלערנט אין אלע שבע חכמות און דורכגעדרונגען מיט די שעהנסטע מדות. זי האט אכטונג געגעבען אויף די קינדערס קליידער פונקט אזוי ווי אויף זייערע זיטען. מיט איין ווארט: הערצל האט געהאט א אידעאלע „קינדערשטובע״.

דער פאטער האט הערצל׳ן געשיקט אין א יודישער פארשולע. דאך האט ער נישט געהאט קיין נחת פון זיינע יודישע למודים. דער מלמד האט געהאט א טבע צו שלאגען און דאס האט איהם הערצל נישט געקענט פערגעסען. איינמאל האט ער איהם געשלאגען, ווייל ער האט נישט געקענט אלע פרטים פון יציאת־מצרים.

„איצט — בעמערקט הערצל אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — וואָלט מיך נישט איין שולמייסטער געשלאָגען, ווייל איך דערמאָהן צופיעל אין יציאת־מצרים".

זייענדיג נאָך גאָר יונג, האָט זיך הערצל בעשעפטיגט מיט טעכנישע פראַגען. בעזונדערס האָט איהם אינטערעסירט דער סועץ־קאַנאַל. דאַדורך האָט ער קודם בעזוכט די רעאַל־שולע. אין דער פערטער קלאַס האָט זיך שוין הערצל אָנגעשטויסען אויף אַנטיסעמיטיזם. דער לעהרער האָט אַט אַזוי דעפינירט דעם בעגריף פון „היידען": „דאָס זענען געצענדינער, אַזויווי יודען און מאַכמעדאַנער". דער דאָזיגער פאַקט האָט אַזוי געווירקט אויף דעם יונגען הערצל, אַז ער האָט פערלאָזט די רעאַל־שולע און איז איבערגעטרעטען אין דעם קלאַסישען גימנאַזיום. זיינע חברים ווייסען צו דערצעהלען, אַז הערצל האָט נישט גוט געלערנט. ער פלעגט זיך נור זעלטען פאַרצובערייטען צו דער לעקציע, אָבער ער האָט שטענדיג פערשטאַנען זיך ארויסצודרעהען פון די שטרענגע לעהרער.

שוין אין גימנאַזיום בעשליסט הערצל צו ווערען א דייטשער שריפטשטעלער.

אינ'ם יאָהר 1878 שטאַרבט זיין שוועסטער פּאָלינאַ, און דאָס דאָזיגע אומגליק ווירקט אַזוי אויף דער גאַנצער משפחה, אַז זיי זידלען איבער קיין וויען. דאָ אין וויען טרעט הערצל אריין אויף דער יורידישער פאַקולטעט, אָבער ער לערנט אָהן חשק. נור דאָס רוימישע רעכט אינטערעסירט איהם שטאַרק. — מיר וועלען דערקענען דעם איינפלוס דערפון אין זיין „יודענשטאַאט".

הערצל נעהמט א אַקטיווען אנטייל אינ'ם סטודענטען־לעבען. אינ'ם יאָהר 1883 ווערט ער א חבר אין דער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע „אַלביאַ". אינצווישען שטאַרקט זיך די אַנטיסעמיטישע בעוועגונג אין וויען. דאָס שלאָגט זיך אויך אָב אויף דעם אַקאַדעמישען לעבען. דער פעריין „אַלביאַ" בעשליסט, אויף להבא נישט מעהר אָנצונעהמען קיין יודען. הערצל פיהלט זיך פערלעצט און טרעט תיכף ארויס פון דעם פעריין.

אין יענער צייט הויבט הערצל אָן צו אַרבייטען אויף דעם ליטעראַרישען געביט, אָבער אָהן הצלחה. ער שלאָגט פאָר דעם ארויסגעבער רעקלאַם צו דרוקען זיינע איר־בערזעצונגען פון פראַנצויזישע טעאַטערשטיק — אָבער אָהן ערפאָלג. ער נעהמט אַנטייל אין א קאָנקורס פאַר'ן בעסטען פעליעטאָן אין דער „וויענער אַלגעמיינער צייטונג", אָבער ער פאַלט דורך. ער ווענדעט זיך צו אַנדערע צייטונגען — אָבער אַלע טירען זענען פערשלאָסען. מיט א עקשנות'דיגען ווילען זעצט ער אָבער פאָרט זיין אַרבייט, ביז ער דערגרייכט זיין ציל.

אין דערזעלבער צייט לעזט ער דיהרינג'ס בוך איבער דער „יודענפראַגע". די גרויסע שנאה צו יודען האָט אויף איהם געמאַכט א ערשיטערנדען איינדרוק. „גלייך ווי עמיצער וואָלט מיך געשלאָגען אויף דעם קאָפּ" — זאָגט הערצל.

נאָכדעם ווי ער האָט פערענדיגט די אוניווערזיטעט געהט ער אויף געריכטס־פּראַקסיס קיין זאַלצבורג. דאָ שרייבט ער אָן פערשידענע טעאַטער־שטיק, הומאָרעסקען, פעליעטאָנען א. א. וו. ערשט אינ'ם יאָהר 1885 בעקומט זיין פעליעטאָן

„דאס אלטענליכע" דעם ערשטען פרייז אין דער „וויענער אלגעמיינער צייטונג" און זייט דאמאלס הויבט זיך אן זיין קאריערע. באלד בעקומט הערצל די ידיעה, אז זיין „טאבארין" ווערט אויפגעפיהרט אין ניו־יארק מיט גרויס ערפאלג. איצט רייסען זיך פערשידענע צייטונגען ארום הערצל׳ן. די „דייטשע צייטונג" זוכט צו געווינען הערצל׳ן אלס איהר מיטארבייטער, פארדערט אבער פון איהם, ער זאל זיך נישט אונ־טערשרייבען „הערצל", ווייל דאס קלינגט יודיש. נאטירליך ווארפט הערצל אב די דאזיגע פראפאזיציע.

אבער כאטש אזוי, כאטש הערצל האט אלס שריפטשטעלער און זשורנאליסט ערפאלג, איז ער נאך אלץ נישט בעפרידיגט. ער האט דערפיהלט, אז נישט וועגען דעם האט ער געחלומ׳ט, צו זיין עפיס א זשורנאליסט און צו שרייבען פעליעטאנען. הערצל׳ס „מצב הרוח" בלייבט נישט פערבארגען פאר דעם שארפען אויג פון זיין מוטער און אויף איהר פערנלאסונג פאהרט ער קיין איטאליען. פון דארט שרייבט ער אן א רייהע פעליעטאנען, וועלכע האבען זיך קונה שם געווען אין דער צייטונגס־וועלט.

אינ׳ם יאהר 1888 פאהרט ער קיין לאנדאן, פון דאנען שיקט ער א פאר פע־ליעטאנען צו דער „נייער פרייער פרעסע". דאס מאל איז איהם געלונגען איינצור נעהמען די דאזיגע פעסטונג.

איצט, גלויבט הערצל, איז שוין געקומען די צייט צו שאפען זיך א פעסטע עקזיסטענץ. אינ׳ם יאהר 1889 האט ער חתונה מיט א טאכטער פון א רייכען יודי־שען סוחר פון וויען.

נאך דער חתונה פאהרט ער מיט זיין פרוי קיין שפאניען. די דאזיגע רייזע האט אויף הערצל׳ן געמאכט א גרויסען איינדרוק. אויף דעם וועג צוריק קיין וויען בעקומט ער א טעלעגראם פון דער „נייער פרייער פרעסע", אז די נ. פר. פר. האט איהם אנגאזשירט אלס איהר פאריזער קארעספאנדענט מיט 1000 פראנק מאנאט־ליכען געהאלט.

הערצל האט אנגענומען דעם דאזיגען פארשלאג מיט א גרויסער סאטיספאקציע און האט זיך גענומען מיט גרויסער ענערגיע צו זיין ארבייט. די בעלי־בתים פון דער נ. פר. פר. האבען פון איהם געהאט גרויס נחת. אזעלכע געלונגענע ארטיקעל און בעשרייבונגען האט די „נייע פרייע פרעסע" לאנג נישט געהאט. פאר הערצל׳ן גופא בעדייטעט זיין אויפענטהאלט אין פאריז א איבערברוך אין זיין לעבען. אלס קארעספאנדענט פון דער מעכטיגסטער צייטונג אין צענטראל־איירפא, האט ער געהאט געלעגענהייט זיך צוצוקוקען גאנץ נאהנט צו דעם פאליטישען „טרייבען" פון אלע פארטייען. זייענדיג אין דער הויפטשטאט פון דער וועלט, האט ער זיך בעקענט מיט פערשידענע פאליטיקער, האט קענען־געלערנט זייערע קליינטשיגע השגות, אמביציעס און שטרעבונגען און האט בכלל געזעהן, וויאזוי מען „מאכט פאליטיק".

ער האט אין יענער צייט פערעפענטליכט א גאנצע רייהע פעליעטאנען, וועלכע

זענען ערשינען אלס א בעזונדער. ביכעל א. ד. ט. „דאס פאלעי באורבאן”. דאס דאזיגע ביכעל, וועלכעס הערצל האט געהאלטען פאר זיין בעסט ווערק, האט ער געווידמעט זיינע עלטערן.

אין דער דאזיגער צייט הערט הערצל לחלוטין אויף צו חלומ'ען צו עראבערן די ביהנע. עס איז איהם געווען וועניג צו געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון טעאטער־דירעקטארען, ער וויל ווערען א פאליטיקער און פיהלט, אז ער האט אלע אייגענשאפטען דערצו.

הערצל האט זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט דער יודענפראגע. די, וואס גלויבען, אז הערצל האט פלוצלינג איבער נאכט „געפאסט א פלאן” צו גרינדען דעם יודענשטאאט, האבען א גרויסען טעות. אזא פלאן שפרינגט נישט אין קאפ. אזא אידעע וואקסט זיך פונאיינאנדער אין דער נשמה, ביז זי בעהערשט אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים. דער מענש ווייסט אפילו נישט, ווען די אידעע איז ביי איהם געווארען געבוירען. אפט ליגט זי לאנג אין זיין אונטערבעוואוסטזיין, ביז עס קומט עפיס א ערייגניש, וואס בעלויכטעט בליצארטיג די געשאפענע לאגע, און די פערבארגענע אידעע ווערט א אקטיווער כח.

אזוי איז עס אויך געווען מיט הערצל'ן. דיסקוטירענדיג אמאל מיט א בעקאנטען מאלער איבער די לאגע פונ'ם יודענטום, ווערט ביי איהם געבוירען דער געדאנק אנצושרייבען א יודיש דראמא. הערצל פערשליסט זיך אויף 17 טעג און שרייבט אן דאס טעאטערשטיק: „דאס נייע געטא”. אבער קיין שום דירעקטאר האט נישט געוואלט דאס דאזיגע דראמא איפפיהרען, טראץ שניצלער'ס אינטערווענץ און טראץ דעם, וואס הערצל האט זיך אבגעזאגט פון א יעדען מאטעריעלען ערפאלג. די אידעע פון דעם „נייען געטא” האט אנגעווארפען א פחד אויף די אסימילירטע יודישע טעאטער־דירעקטארען.

אין דער זעלבער צייט קומט פאר ביי הערצל'ן דער ענדגילטיגער איבערברוך אין זיין איינשטעלונג צו דער יודישער פראגע. עס טויכט ביי איהם אויף די אידעע פון דעם יודענשטאאט.

דער ענין, וואס האט געגעבען דעם לעצטען שטויס צו דער נייער אידעע איז געווען דער דרייפוס־פראצעס אינ'ם יאהר 1894/95. אלס קארעספאנדענט פון דער נ. פר. פר. האט הערצל מיטגעמאכט אלע עטאפען פון דעם דאזיגען בלבול. הערצל האט געזעהען, ווי הונדערט יאהר נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע, נאכדעם ווי עס זענען געווארען פראקלאמירט די מענשהייטסרעכט, ווערט די גאס פערהילעכט פון דעם רוף: א טויט די יודען!

הערצל'ס עמפפינליכע נשמה האט נישט געקענט אריבער צו דער טאג־ארדנונג איבער דער דאזיגער עובדה. עס האט איהם געגעבערט אין מוח, אז עס מוז נעהמען איין פאר אלע מאל א סוף צו דער פערשאלטענער פראגע, וועלכע הייסט יודענפראגע. א יודישע מדינה — דאס איז די איינציגע שטאלצע און ראדיקאלע לעזונג פון דעם דאזיגען פראבלעם.

מיט א ציטעריגער נשמה הויבט ער אָן צו שרייבען זיין ווערק, טיעף ערעגט ביז צום סאַמע תוך פון זיין געמיט.

דעם 16 יוני 1895 שרייבט ער אזוי צו שניצלער'ן: „אין די דאָזיגע טעג האָב איך אָפט מורא געהאַט פאַר א שגעון, אזוי האָבען זיך איבערגעשטירצט די געדאַנ־קען אין מיין נשמה מיט שטורם און דראַנג".

און ווייטער:

„איך גלויב, אז עס האָט זיך אויפגעהערט פאַר מיר דאָס לעבען און עס האָט זיך אָנגעהויבען די וועלטגעשיכטע".

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט הערצל:

„איך דערמאָהן מיך נישט, אז איך זאָל האָבען וואָס עס איז געשריבען אין אזא געמיטשטימונג ווי דאָס דאָזיגע בוך. היינע זאָגט, אז ער האָט געהערט רוישען איבער זיין קאָפּ דאָס שווינגען פון אָדלער, בעת ער האָט געשריבען מאַנכע גערדיכטען. אויך איך האָב געגלויבט צו הערען עפּיס ווי א רוישען איבער מיין קאָפּ, בעת איך האָב געשריבען דאָס ביכעל. טאָג פאַר טאָג האָב איך געאַרבייט, ביז איך בין געווען גאַנץ ערשעפּט. מיין איינציגע אונטערהאַלטונג איז בעשטאַנען דערינען, וואָס איך האָב אין די אָווענדען געהערט די וואַגנערישע מוזיק, בעזונדערס „טאַנהויזער", א אָפּער, וואָס איך האָב אזוי אָפט געהערט, ווי אָפט מען האָט זי געשפּילט. נור אין יענע אָווענדען, וואו מען האָט נישט געשפּילט קיין אָפּער, האָב איך געצווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פון מיינע געדאַנקען".

מען קען זיך גרייליך פאַרשטעלען, אז די מעכטיגע מוזיק פון דעם „פּילגער־צוג" אין טאַנהויזער איז געווען צוגעפּאַסט צו די ברויזענדיגע אידעען אין הערצל'ס נשמה, וועגען דעם גרויסען אויסצוג פון די יודען פונ'ם דריטען גלות...

ווען הערצל האָט שוין אָנגעשריבען די גרונדשטריכען פון זיין פּלאַן, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין מוט דאָס צו פערעפענטליכען. ער האָט צו זיך גערופען זיין בעסטען פריינד — לויט ברייגין איז דאָס געווען דר. שיף — און האָט איהם פאָר־געלעזען זיין בוך בון א' ביז ת'. נאָכדעם ווי הערצל האָט פערענדיגט, האָט ער דער־זעהען טרערען אין די אויגען פון זיין חבר. אין דעם ערשטען מאָמענט האָט הערצל געקלעהרט, אז דאָס ביכעל האָט זיין חבר געריהרט צו טרעהרען. ערשט שפּעטער האָט ער דערזעהען, אז זיין חבר האַלט איהם פאַר... משוגע. אוים גרוים רחמנות אויף הערצל'ן איז דר. שיף אוועקגעלאָפען. נאָך א שלאָפלאָזער נאַכט איז ער געקור־מען צו דר. הערצל און האָט איהם געבעטען, ער זאָל געהען צו א נערווען־דאָקטאָר און דאָס מאַנוסקריפּט זאָל ער ווייזען נאָרדוי'ן.

„איך וויל קיינעם נישט ווייזען, — האָט ערקלעהרט הערצל — אויב מיינע געדאַנקען מאַכען אזא איינדרוק אויף א אינטעליגענטען און קלוגען פריינד, אזוי וויל איך אויפגעבען מיין פּלאַן". מיניה וביה האָט אָבער דר. הערצל געזעהען, אז זיין חבר האָט זיך טועה געווען אין דעם צוזאַמענרעכענען פון עפּיס א חשבון.

דער דאָזיגער אונבעדייטענדער אינצידענט האָט געשטאַרקט הערצל'ן אין זיין פּלאַן — װעגען א יודישער מדינה.

אין דעם ערשטען שטאַדיום איז הערצל'ס בוך בכלל נישט געװען בעשטימט פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט. הערצל האָט געװאָלט זיך װענדען מיט זיין פּלאַן בלויז צו דער יודישער פּלוטאָקראַציע, בכדי זי צו געװינען פאַר זיין אידעע. לױט הערצל'ס מיינונג, װאָלטען די יודישע גבירים געקענט בעקומען אָהן רעש די נויטיגע פּאָליטישע קאָנצעסיעס און ערשט דאמאלס װאָלט זיך דאָס פאָלק א ריהר געטהון. דער „יודענשטאַאט" איז אלזאָ אין ערשטער רייה געװען בעשטימט פאַר דער יודי־שער פּלוטאָקראַציע.

בהסכם דערמיט האָט זיך הערצל צוערשט געװענדעט צום באַראָן הירש, װעל־כער האָט געפיהרט א קאָלאָניזאַטאָרישע ארבייט אין ארגענטיניען, און האָט איהם געבעטען אום א אודיענץ. „איך װיל מיט אייך פיהרען א פּאָליטיש געשפּרעך אי־בער יודען, װעלכער װעט אפשר נאָך װירקען אין א צייט, װאו נישט איך און נישט איהר װעלען לעבען" — שרייבט ער צום באַראָן הירש.

די דאָזיגע אודיענץ קומט אויך פאָר דעם 2 יוני 1895.

אין דעם געשפּרעך מאַכט הערצל אויפמערקזאם דעם באַראָן, אז דער הויפּט־אומגליק פון יודען בעשטעהט דערינען, װאָס יודען האָבען נישט קיין צ ע נ ט ר אַ־ ל ע פּ אָ ל י ט י ש ע ל י י ט ו נ ג. ערשט װען מיר װעלען שאַפען אזא לייטונג, װעלען מיר קענען אָנהויבען לעזען די יודענפראגע. מיר מוזען ערציהען א ניי דור, איידער מיר װעלען פיהרען די יודען אין דאָס געלאָבטע לאַנד.

„אייער פּרינציפּ — פיהרט װייטער אויס דר. הערצל — איז א פאַלש פּרינציפּ. איהר ערציהט נישט קיין מענשען, נור שנאָרער. און װאָס טהוט איהר אויף מיט דער קאָלאָניזירונג פון אָרימע יודען? װיפיל קענט איהר בעװייזען צו קאָלאָניזירען, 20.000 יודען? אין איין בעצירק אין װיען װאוינען מעהר...

דער װעג איז אלזאָ א פאַלשער. מיר מוזען הויבען דאָס ניװאָ פון יודען"...

„ניין, ניין, ניין! — אונטערברעכט העפטיג הירש הערצל'ן — נור נישט הויבען דאָס ניװאָ! דער אומגליק פון יודען איז, װאָס זיי האָבען צופיל אינטעליגענץ."

דער דאָזיגער צװישענרוף בעװייזט הערצל'ן, אז זייערע װעגען געהען זיך פונ־אייגאַנדער און ער זאָגט: „איך װעל געהען צום דייטשען קייזער, ער װעט מיך פער־שטעהען, איך װעל איהם זאָגען: לאָזט אונז געהען בויען אונזער לאַנד".

הירש אונטערברעכט איהם: „און װאו װעט איהר נעהמען געלד. ראָטשילד װעט אייך געבען פינפהונדערט פראַנק".

„געלד? — ענטפערט הערצל — איך װעל אויפברענגען א הלואה פון צעהן מיליארד מאַרק!".

„דאָס איז א פאַנטאַזיע! די רייכע יודען זענען שלעכט, זיי װילען גאָר נישט געבען פאַר זייערע ברודער" — זאָגט הירש.

„איהר רעדט װי א סאָציאַליסט" — ענטפערט הערצל.

„איך בין אויך איינער, שליסליך איז דאס נישט אונזער לעצט געשפרעך" — פּערענדיגט הירש.

און דאך איז דאס געווען זייער „לעצט געשפרעך".

נאך דער דאזיגער אונטערערדונג שרייבט נאך הערצל דעם באראן א בריעף, אין וועלכען ער וויקעלט איהם פונאיינאנד די הויפּטיסודות פון זיין אידעע.

„מ ע נ ש ע ן קען מען נור פיהרען מיט א אידעאל, מיט א פ א ה ן. וואס איז דאס א פאהן? א שטיק האלץ מיט א שמאטע? ניין, מיין הער, א פאהן איז מעהר. מיט א פאהן פיהרט מען די מענשען, וואוהין מען וויל, אפילו אין דאס געלאבטע לאנד".

און ווייטער:

„איך בין דער גייסטעס־יוד — איהר דער געלד־יוד".

הגם דאס געשפּרעך מיט'ן באראן הירש האט נישט געפיהרט צו קיין רעזול־טאטען, איז אבער הערצל געווען אזוי פערבונדען מיט זיין אידעע, אז נישט נור, וואס ער האט זי נישט געלאזט פאלען, נור ער האט זיך איהר איבערגעגעבען נאך מיט א גרעסערער התלהבות און ענערגיע.

הערצל זוכט איצט צו קומען אין בעריהרונג מיט'ן באראן ראטשילד. און מיט אנדערע „גדולי־הדור". ער מאכט אבשריפטען פון זיין שריפט און שיקט זי פונאיי־נאנד צו פערשידענע פערזענליכקייטען. עס איז לייכט צו פערשטעהען, אז כמעט אלע האבען נעגעבען א נעגאטיווען ענטפער. אפילו דער אויבערראבינער פון וויען, דר. גידעמאן, וועלכער איז צוערשט אפילו מסכים מיט די אידעען פון הערצל, ציהט זיך אבער באלד צוריק. ראטשילד האט הערצל'ן אפילו נישט געוואלט עמפּפאנגען.

טראצדעם ווערט הערצל דערפון נישט אבגעשרעקט. ער פאהרט קיין לאנדאן, כדי צו געווינען מאנכע ענגלישע יודען. אינ'ם זשורנאליסטישען קלוב ווערט פאר הערצל'ן פּארבערייטעט א שעהנער עמפּפאנג. ער בעקענט זיך מיט זאנגוויל'ן, לוסיען וואלף, קאלאנעל גאלדשמיט און דעם מאלער סאלאמאן. קיין ממשות'דיגע רעזול־טאטען האבען די דאזיגע געשפּרעכען נישט געבראכט. קאלאנעל גאלדשמיט, זייענ־דיג א אלטער חובבי־ציון, מאכט הערצל'ן אויפמערקזאם, אז יודען וועלען זיך קיינ־מאל נישט אבזאגען פון ארץ־ישראל און אז הערצל מוז צוליב דעם אויפגעבען זיינע מעריטאריאליסטישע פלענער, אויף וויפיל זיי האבען א שיכות צו אנדערע לענדער.

נור נארדוי האלט שטארק מיט הערצל'ן פון דעם ערשטען אויגענבליק.

זעהענדיג, אז דער דאזיגער וועג וועט נישט פיהרען צו קיין ציעל, מאכט איצט הערצל ענערגישע שריט, כדי צו פערעפענטליכען זיין בוך. אין פעברואר 1896 ערשיינט ענדליך אין דרוק דער „יודענשטאט".

דער איינדרוק פון דעם דאזיגען ביכעל איז געווען א קאלאסאלער. אין א פּאר חדשים זענען ערשינען א פּאר אויפלאגען און איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַ־כען. דאס ביכעל האט אנגעמאכט א רעוואלוציע אין די מוחות פון יודען און ציוי־ניסטען.

לאמיר זיך אקארשט בעקענען מיט זיין תמצית.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל:

„דער יודענשטאַט“.

אינ׳ם „פאָרוואָרט“ וועהרט זיך הערצל דאגעגען, אז זיין אידעע זאָל אויפגעפאַסט ווערהען אלס א אוטאָפּיע, אָדער א חלום. עס איז פאַרהאַנען א כח, וואָס איז מסוגל אין בעוועגונג צו זעצען די פון הערצל פאָרגעשטעלטע מאַשינעריע. דער דאָזיגער כח איז די נויט פון יודען. געוויס וואָלט דאָס געווען א משוגעת, ווען איין מענש וואָלט זיך אונטערגענומען צו פערווירקליכען די דאָזיגע אידעע. אָבער, אויב עס ווע‍לען א סך יודען באמת זיך דערצו נעהמען, דאַן איז די אידעע רעאַליזירבאַר. אָט אזוי קומט אויס, אז די פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם הענגט אָב פון דער צאָהל פון ציוניסטען.

דאדורך זאָגט הערצל: די יודען, וועלכע וועלען האָבען דערצו דעם רצון, וועלען בעקומען זייער מדינה און זיי וועלען זיך זי פערדינען. הערצל גופא האַלט זיין אויפגאַבע מיט דער פּובליקאַציע פון דער דאָזיגער שריפט פאַר פערענדיגט.

אין וואָס בעשטעהט, לויט הערצל׳ן, די יודענפראַגע? דער מהות פון דער יודענפראַגע בעשטעהט אין דעם יחס פון די פעלקער צו אונז יודען. דער אַנטיסעמיטיזם בעשטעהט אין אלע לענדער און אין אלע שיכטען. ער האָט נור פערשידענע פאָרמען און איז פערשידען פערפאַרבט. אין תוך איז דאָס אָבער א נאַציאָנאַלע פראַגע. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין לאָקאַלע ערשיינונג. איבעראַל, וואו עס וואוינען יודען אין א ענטשפּרעכענדער צאָהל, דאָרט מוז ענטשטעהען, מיט דער פּונקטליכקייט פון א נאַטורגעזעץ, א אַנטיסעמיטישע בעוועגונג. עמיגרירען יודען אין א לאנד, אזוי שלעפּען זיי מיט מיט זיך דאָס דאָזיגע חולאת. דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט היילבאַר. ער זיצט טיעף פערבאָרגען אין דער נשמה פון די פעלקער. דער בעסטער בעוויז דערצו, איז די לעגענדע און דאָס פאָלקסליד, וועלכע זענען אַנטיסעמיטיש. די דאָזיגע, אפשר נאַאיווע, אָבער יעדענפאַלס ספּאָנטאַנע פאָלקסשאַפונגען, זאָגען עדות אויף זיין מהות. אָבער כאָטש אזוי הייסט דאָס נישט, אז דער אַנטיסעמיטיזם האָט נישט קיין שום סבות. לויט הערצל׳ן זענען דאָס ווירטשאַפטליכע סבות, וועלכע האָבען ערצייגט דעם אַנטיסעמיטיזם.

די פעלקער האָבען פון אונז געמאַכט אין דעם גלות א מיטעלשטאַנדס-

פ אָ ל ק. דורך דעם גאַנצען מיטעלאַלטער האָבען מיר געהאַט די דאָזיגע פונקציע אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. מיט דער עמאַנציפּאַציע איז צוגלייך ענטשטאַנען א מורא'דיגע קאָנקורענץ צווישען די יודען און דער איינהיימישער בעפעלקערונג. פריהער אין מיטעלאַלטער האָט מען אונז געקענט און געמעגט בענזל'ען און פער־טרייבען. היינט קענען דאָס די פעלקער נישט טהון. ערשטענס, ווייל דאָס שטעהט אין סתירה צו דעם מאָדערנעם רעכטסבעוואוסטזיין, צווייטענס, ווייל דאָס וואָלט געטריבען אלע יודען צו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אָט די דאָזיגע אָהנמאַכט מצד פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג שטאַרקט נאָך די שנאה צו אונז. „דורך דער אונמעגליכקייט בייצוקומען די יודען, פערשטאַרקט און פערביטערט זיך די שנאה צו יודען".

און אפשר איז דער אַנטיסעמיטיזם א פועל יוצא פון דער עובדה, וואָס יודען ו ו י ל ע ן אויפרעכטערהאַלטען זייער זעלבסשטענדיגען קיום? ניין!

„מיר האָבען איבעראַל עהרליך פערזוכט אונטערצוגעהען אין דער איינהיימי־שער פאָלקסגעמיינשאַפט און נור צו בעוואהרען דעם גלויבען פון אונזערע אבות. מ'ען לאָזט אונז אָבער נישט. אומזיסט זענען מיר טרייע און אין מאַנכע ערטער אפילו איבערשוועננליכע פּאַטריאָטען. אומזיסט ברענגען מיר דיזעלבע קרבנות פון פערמעגען און בלוט, ווי אונזערע מיטבירגער. אומזיסט בעמיהען מיר זיך צו פער־גרעסערען דעם כבוד פון אונזער פאָטערלאַנד, דורך קונסט און וויסענשאַפט און זיין רייכטום, דורך האַנדעל און פערקעהר. אין אונזערע פאָטערלענדער, וואו מיר וואוינען שוין זייט יאָהרהונדערטע, ווערען מיר פערשריגען אלס פרעמדע... ווער עס איז א פרעמדער אינ'ם לאַנד, דעריבער קען נור די מעהרהייט ענטשיידען. דאָס איז א מאַכט־פראַגע, ווי אלעס אינ'ם פעלקערפערקעהר".

און ווייטער:

„וואָס לענגער דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט אויף זיך וואַרטען, אלס צאָרניגער מוז ער אויסברעכען".

לעזט מען די דאָזיגע שורות און דערמאָהנט מען זיך אז 37 יאָהר נאָך דער פּערעפענטליכונג פון דעם יודענשטאַאט, וועט קומען א היטלער־רעזשים פאַר די דייטשע יודען, אזוי מוז מען נור בעוואונדערען הערצל'ס טיפען, נבואי'שען בליק.

און אויב אזוי איז די יודענפראַגע „א נאַציאָנאַלע פראַגע, און כדי זי צו לעזען מוזען מיר זי מאַכען צו א פּ אָ ל י ט י ש ע ר ו ו ע ל ט פ ר א ג ע, וועלכע וועט ווערען גערעגעלט דורך ד ע ם ר א ט פ ו ן ד י ק ו ל ט ו ר פ ע ל ק ע ר. מיר זענען א פאָלק, א י י ן פאָלק".

אָט אין די דאָזיגע פּאָר שורות ליגט דער גאַנצער תמצית פון הערצל'ס שטה, פון דעם פּאָליטישען ציוניזם, ואידך פירושא היא, אלעס אנדערע איז נור די לאָ־גישע קאָנסעקווענץ פון דער דאָזיגער הנחה.

הערצל האָט פאָראויסגעזעהען, אז די יודענפראַגע וועט ווערען א אלוועלטליכע פראַגע און אז דער פ ע ל ק ע ר ב ו נ ד, וועלכער וועט ווערען געגרינדעט 22 יאָהר

נאָך דעם ערשיינען פון דעם יודענשטאַט, וועט זיך בעשעפטיגען מיט דער דאָזיגער פראַגע. דערינען ליגט הערצל׳ס גאונה׳שאַפט.

און אפשר איז דאָך מעגליך א אסימילאַציע פון יודען?

הערצל ווינשט נישט די אסימילאַציע פון יודען, אפילו ווען זי וואָלט געווען מעגליך. יעדע פאָלקספערזענליכקייט איז איהם טייער, ועל אחת כמה וכמה די יודי־שע, דאָך וואָלט ער נישט בעקלאָגט דעם אונטערגאַנג פון יודען. „ווער עס קען, וויל און מוז אונטערגעהען, זאָל אונטערגעהען. די פאָלקספערזענליכקייט פון יודען אָבער קען, וויל און מוז נישט אונטערגעהען. זי קען נישט, ווייל אייסערע שונאים האַלטען זי צוזאַמען; זי וויל נישט, דאָס האָט זי בעוויזען אונטער מורא׳דיגע ליידען במשך פון צוויי טויזענד יאָהר. זי מוז נישט — אט דאָס פערזוך איך פונאייננאַנדער־צוזעצען".

פארוואָזשע איז טאַקי נישט מעגליך דער „אונטערגאַנג פון דער יודישער פאָלקס־פערזענליכקייט"?

אסימילאַציע וואָלט — לויט הערצל׳ן — געווען מעגליך בלויז דורך געמישטע התונות. געמישטע התונות צווישען יודען און נישט־יודען קומען אָבער פאָר, אויב יודען דערגרייכען א גאָר הויכע סאָציאַלע מדרגה. די קריסטען לאָזען זיך גוט בע־צאָהלען פאר זייער יחוס. אזא הויכע מדרגה קענען אָבער די יודען אלס מינדער־הייט אין גלות נישט דערגרייכען, ווייל דאָס וואָלט בעדייט, אז יודען זאָלען בע־קומען אין זייערע הענד די גאַנצע מאַכט.

קומט אויס, אז עס איז א פשוט׳ער „קל וחומר": מה דאָך איצט, בשעת די יודען בעזיצען נישט קיין שום מאַכט, רופט ארויס זייער כלומרשטע מאַכט־שטעלונג אזא גרימצאָרן ביי די ארומיגע פעלקער, על אחת כמה וכמה, ווען די יודען זאָלען טאַקי פאַקטיש בעזיצען עפּיס א מאַכט!

און אפשר דארפען מיר זיך פערלאָזען אויף מענשליכען פּראַגרעס, אויף צדק און יושר? דער, וואָס בויט דערויף שרייבט אין דער אמת׳ן א אוטאָפּיע — לויט הערצל׳ן.

אט אזוי קומט אויס, אז מיר זענען א פאָלק, ווייל די שונאים אונזערע לאָזען אונז נישט אונטערגעהען. פון דער אנדערער זייט האָט נישט קיין שום צוועק צו בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם, אָדער צו וואַרטען אויף בעסערע צייטען. און אויב אזוי, איז נישטאָ קיין אנדערע לעזונג, ווי די גריינדונג פון א יודישער מדינה, אונטער דעם שוץ פון אלע פעלקער, וועלכע זענען פעראינטערעסירט צו לעזען ראַדיקאַל און ענדגילטיג די דאָזיגע אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע.

אט אין דער דאָזיגער דעפיניציע פון דעם „יודישען פאָלק" און פון אזא אוועק־שטעלען פון דער יודישער פראַגע, ליגט אויך בלי כל ספק דער שוואַכסטער פונקט פון הערצל׳ס שטה. אחד־העם האָט געקאַנט מיט ערפאָלג נאָכוויייזען, אז א פאָלק איז נישט קיין בר־קימא נור צוליב נעגאַטיווע מאָמענטען, ווייל אנדערע פעלקער ווילען אזוי, נור צוליב פּאָזיטיווע סבות. אמת, אויך הערצל רעדט

וועגען א פאָלקס־פּערזענליכקייט, נור פאר איהם איז דאָס נישט דער דעצידירענדער מאָמענט אין זיין שטה. הערצל לעגט דעם טראָפּ אויף אייסערע, נעגאַטיווע גורמים און אין דעם זין שטעלט ער אוועק די יודענפראגע. — נאָך לאנגע קאמפען וועט די ציוניסטישע בעוועגונג איבערווינדען דעמדאָזיגען שטאנדפונקט.

נור לאָמיר זיך אומקעהרען צום „יודענשטאאט".

אויב יאָ א יודישע מדינה, פרעגט זיך: וואו דארף מען זי גרינדען און ווי אזוי דארף מען דאָס אָרגאַנזירען?

אויף דער ערשטער פראגע ענטפערט הערצל, אז עס קען זיין אַרגענטיניען, אָדער ארץ־ישראל. פּונקט אזוי ווי פאר פינסקער'ן, איז אויך פאר הערצל'ן א"י נישט געוועזן די אונבעדינגטע פאראויסזעצונג פאר דער לעזונג פון דער יודענפראגע. ביי הערצל'ן איז דאָס זעהר פערשטענדליך. ער איז צו אונז געקומען פון דער אייסערער וועלט און איז נישט געווען פערבונדען, נישט מיט די יודישע מאסען און נישט מיט דער יודישער געשיכטע.

אמת, הערצל איז זיך בעוואוסט, אז א"י איז אונזערע „היסטאָרישע היימאט" און איז מסוגל ארויסצורופען די גרעסטע בעגייסטערונג ביי יודען. אויך וואָלטען מיר געקענט דורך דער סאנאציע פון די טערקישע פינאנצען ארויסבעקומען פון דער טירקיי וויכטיגע קאָנצעסיעס פאר אונז. אָבער אויך אַרגענטיניען מוז פאר אונז זיין צוגענגליך, ווייל אַרגענטיניען איז א רייך און א וויסט לאנד און די ארגענטי־נישע רעפּובליק איז פעראינטערעסירט צוצולאָזען די יודען צו א קאָמפּאַקטער קאָ־לאָניזאציע. בקצור, מיר דארפען נעהמען דאָס לאנד, וועלכעס מען וועט אונז געבען, אויב עס וועט דערצו מסכים זיין די עפענטליכע מיי־נונג ביי די יודען.

בלייבט נאָך די פראגע: וויאזוי צו גרינדען די יודישע מדינה.

אויף דער דאָזיגער פראגע זוכט הערצל צו געבען זעהר א אויספיהרליכען ענ־פער. בעת אלע אנדערע ציוניסטישע אויטאָרען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אַלגע־מיינע פראגען און נור זעהר וועניג מיט ממשות'דיגע אָנווייזונגען, פערנעהמט אָט דער פראקטישער טייל ביי הערצל'ן כמעט דריי פערטעל פון זיין בראשור.

הערצל אונטערשטרייכט, אז ער פערשטייפט זיך נישט אויף פּרטים. א סך איינצעלהייטען זענען טאקי געוואָרען אָבגעפרעגט דורך דעם לעבען. אָבער דאָס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז דער פּרינציפּ, דער גרונדצוג און דאָ קענען מיר רוהיג בעהויפּטען, אז דער ציוניזם ווערט פערווירקליכט אין אַלגעמיינע אומריסען, לויט דעם פּלאַן, ווי עס האָט איהם הערצל סקיצירט. די גרונדציגע פון הערצל'ס פּלאַן זעהען אויס אָט וויאזוי:

עס ווערען געשאפען צוויי גרויסע אָרגאנען, די Society of Jews די „פער־איינִיגונג פון יודען" און די Jewish Company די „יודישע געזעלשאפט".

„דאָס, וואָס די „סאָסייטי" בערייטעט פאר ווּיסענשאַפטליך און פּאָליטיש, דאָס פיהרט די „קאמפּאני" אויס פּראקטיש".

וואָס איז דאָס אזוינס די „סאָסייטי“?

לויט דער רעמישער רעכטס־אויפפאַסונג קומט אויס, אז אויב עמיצער זעהט א פרעמדר חפץ אין א סכנה, דארף ער צוטרעטען און איהם רעטען. צוואר האָט ער פון קיינעם נישט בעקומען קיין אויפטראַג דערצו, אָבער דאָס איז אויך נישט נויטיג. עס איז א העכערע נויטווענדיגקייט, וועלכע צווינגט איהם צו ווערען דער פערוואַלטער פון פרעמדע געשעפטען. נעהמט אָבער עמיצער איבער די פערוואַלטונג פון א פרעמדען חפץ, אזוי ווערט ער דער „ג ע ס ט א ר“ פון פרעמדע געשעפטען און ווערט פעראַנטוואָרטליך פאר דער דאָזיגער פערוואַלטונג. דאָס זעלבע גילט אויך אינ'ם פעלקערלעבען. די מלוכה ענטשטעהט דורך דעם לעבענסקאַמף פונ'ם פאָלק. ביים דאָזיגען קאַמף איז נישט מעגליך יעדען צו פרעגען זיין דעה. „די אינערע פאַרטיי־דיפערענצירונג וואָלט געמאַכט וועהרלאָז דאָס פאָלק לגבי זיינע אייסערע נויטען. אלע קעפּ קען מען נישט ארונטערלעגען אונטער איין הוט — זאָגט א גלייכוווערטעל, — דאָדורך טהוט זיך אָן דער געסטאָר דעם הוט און געהט פאָראויס“.

און אויב דער דאָזיגער גרונדזאַץ גילט ביי אלע פעלקער, מוז ער דאָך לגבי יודען, א פאָלק, וואָס איז צערשטרייט אויף אלע שבעים ימים אודאי געלטען. הערצל שלאָגט פאָר, אז ענגלישע יודען (אינטערעסאַנט איז, אז הערצל אָריענטירט זיך שטאַרק אויף ענגלאַנד!) זאָלען בילדען די דאָזיגע „סאָסייטי“. „דער דאָזיגער געסטאָר — זאָגט הערצל — טאָר נישט זיין קיין איינצעלנער אינדיווידיאום. דער געסטאָר מוז זיין אין יעדען זין א מאָראַלישע פערזענליכקייט“. כדי די „סאָסייטי“ זאָל האָבען א גרעסערע אויטאָריטעט, זאמלען זיך ארום איהר אלע יודען, וואָס ווילען האָבען א אייגענע מדינה.

וואָסזשע פאַרא אויפגאַבען האָט די דאָזיגע „סאָסייטי“?

ווי יעדע מלוכה האָט זי פּאָליטישע, אָבער אויך וויסענשאַפטליכע אויפגאַבען. אין ערשטער רייה מוז זי פערהאַנדלען מיט פערשידענע רעגירונגען אינ'ם נאָמען פון יודען, כדי צו בעקומען א לאַנד. אויב זי וועט דאָס דערגרייכען, דארף זי דאָרט שיקען א עקספּעדיציע פון עקספּערטען, כדי אויסצופאָרשען, צי דאָס לאַנד איז געאייגנעט פאר א יודישער קאָלאָניזאַציע. די „סאָסייטי“ מוז אויך אויסאַרבייטען א פּלאַן פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע לכל פרטיה ודקדוקיה. די „סאָסייטי“ שאַפט אויך לגבי פנים די אלע מלוכה'שע איינריכטונגען, אוים וועלכע עס זאָלען זיך שפּעטער פונאייננאַנדערוויקלען די אינסטיטוציעס פון דער יודישער מדינה.

אזוי ארום בילדעט שוין די „סאָסייטי“ די קיימצעלע פון דער קומענדיגער מלוכה גופא.

ווי מיר זעהען, האָט הערצל נישט געהאַט אין זינען צו שאַפען א דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, ווי ער האָט זי שפּעטער פּאַקטיש געשאַפען. די דאָזיגע מיינונג שטעהט אין הסכם מיט דעם אַריסטאָקראַטישען גרונדזאַץ פון הערצל'ס נשמה. „פּאָליטיק — זאָגט הערצל — ווערט געמאַכט פון אויבען“, פון די פיהרער הייסט עס. די „סאָסייטי“ שטיצט מאָראַליש די צווייטע אָרגאַניזאַציע, די „דזשויאיש

קאמפאני". די דאזיגע געזעלשאפט וועט זיין א ריין סוחרישע אקציענגעזעלשאפט, וועלכע דארף פינאנסירען און טעכניש דורכפיהרען די גאנצע קאלאניזאציע. דער הויפטזיץ פון דער דאזיגער געזעלשאפט וועט זיין אין לאנדאן און זי דארף אונטערליגען די ענגלישע געזעצען.

פארוואס דארף דאס זיין גראד א ענגלישע געזעלשאפט? ווייל ענגלאנד איז א גרויסמאכט און איז נישט אנטיסעמיטיש. כדי צו קענען פינאנסירען אזא גרויס קאלאניזאציע־ווערק, מוז די געזעלשאפט האבען א סך געלד, א מיליארד מארק. וואו וועט אבער די קאמפאני דאס געלד נעהמען? דורך איינעם פון די דריי אופנים, ענטפערט הערצל: אין ערשטער רייה דורך די גרויסע באנקען. וועלען דערצו די דאזיגע אינסטיטוציעס מסכים זיין, אזוי איז אפילו נישט נויטיג, אויף איינמאל אויפצוברענגען דעם גאנצען סכום. די יודישע פינאנץ־מאכט איז גענוג שטארק און פערפיגט איבער דעם נויטיגען קרעדיט. וועלען זיי אבער נישט מסכים זיין, אזוי וועט מען זיך מוזען ווענדען צו די מיטלערע בענק. די דאזיגע בענק וועלען זיך מוזען ארגאניזירען געגען די גביראקראציע, כדי צו ווערען א גרויסער כח. די מיטלערע בענק וועלען מוזען אויפברענגען דאס גאנצע קאפיטאל און דאס וועט נאטירליך מוזען דויערן א געוויסע צייט.

און אויב די קליינע קאפיטאליסטען וועלען אויך נישט וועלען צושטעהען? צי דען זאל מען אויפגעבען צוליב דעם אונזער בעפרייאונגס־געדאנק? „ניין, דאמאלס ערשט רעכט נישט!".

עס איז נאך פארהאנען א דריטער וועג. די „סאסייטי אף דזשויעש", וועלכע איז דאך נישט קיין געשעפטליכע אינסטיטוציע, וועט אויסשרייבען א גרויסע פאלקס־הלואה. הערצל שטעלט זיך פאר, אז נישט נור יודען, נור אויך נישט־יודען, וועלען זיך בעטייליגען אין דער דאזיגער הלואה. עס וועט זיין א פלעביסציט אין א גאנץ אייגענארטיגער פארם. מיר זעצען נאטירליך פאראויס, אז די רעגירונגען וועלען דערצו געבען זייערע הסכמה.

וועט די „קאמפאני" אויפברענגען דעם נויטיגען סכום און וועט די „סאסייטי" ערווערבען א פאסענד לאנד פאר דער קאלאניזאציע, אזוי וועט איצט די „קאמפאני" זיך מוזען אנהויבען צו בעשעפטיגען מיט דער ליקווידאציע פון די יודישע געשעפטען אין די גלות־לענדער.

די דאזיגע ליקווידאציע וועט האבען צוויי פאזען. אין דער ערשטער צייט וועלען די קריסטען גערן אבקויפען די יודישע פערמעגענס. דאמאלס וועט די „קאמפאני", וועלכע וועט האבען איהרע פיליאלען אויף גאר דער וועלט, זיין בלויז א פערמיטלערין צווישען דעם קונה און דעם מוכר. עס איז אבער מעגליך, אז נאך א געוויסער צייט וועלען די פערמעגענס פאלען אינ'ם פרייז און קיין קונה וועט נישט זיין, דאן וועט די „קאמפאני" איבערנעהמען די יודישע פערמעגענס אין אייגענער פערוואלטונג. בעשטרעבענדיג זיך, אז יודען זאלען נים ליידען צוליב דער ירידה פון פרייזען און אז קריסטען זאלען סוף כל סוף קענען ערווערבען די יודישע פערמעגענס

ביי גינסטיגע בעדינגונגען. אין דערזועלבער צייט וועט אָבער אויך די „קאָמפּאַני“ אָנהויבען צו קאָלאָניזירען דאָס ערוואָרבענע לאַנד. אַזויאַרום וועט זי זיין אימשטאַנד צו מאַכען מיט מאַנכע יודען חלוף־געשעפטען: פאַר א הויז אין גלות וועט זי געבען א הויז... אין דער יודישער מדינה.

הערצל ענטוויקעלט א גראַנדיעזען פּלאַן מיט אַלע פּרטים, וויאַזוי עס דאַרף זיך ענטוויקלען דער אויפבוי פון׳ם לאַנד. נישט דאָ איז דער אָרט זיך אָבצושטעלען אויף די אַלע פּרטים. עס איז גענוג, ווען מיר וועלען אונטערשטרייכען, אַז לויט הערצל׳ן דאַרף דער אויפבוי, די עמיגראַציע, די ליקווידאַציע א. אַ. וו. זיין פּולקאָמען פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט, אַזוי אַז מען בעקומט דעם איינדרוק, אַז הערצל האָט געוואָלט איינפיהרען דאָס, וואָס מען רופט היינט אָן א „פּלאַנווירטשאַפט“.

דאָס סאָציאַלע לעבען פון דער יודישער מדינה דאַרף טראָגען א פּאָרטשריטליכען כאַראַקטער. עס זאָל איינגעפיהרט ווערען דער זיבען־שעה׳דיגער ארבייטס־טאָג, פרעמדע אָלען געניסען פון דיזלבע רעכט, ווי די איינהיימישע א. אַ. וו.

טראָצדעם איז אָבער הערצל אויך צוגלייך א אָנהענגער פון א צימליך רעאַקציאָנערער מלוכה־פאָרם: פון א א ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ש ע ר רעפּובליק. מיט גרויס פעראַכטונג רעדט הערצל איבער פּאַרלאַמענטאַריזם, דעמאָקראַציע און דעם אונוועזען פון פּאָליטישע פּאַרטייען. לעזענדיג די דאָזיגע שורות קען מען בעקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט געשריבען א פערטרעטער פון דער „סאַנאַציע“ אין דער פּוילישער רעפּובליק...

דער עקר־חסרון פון הערצל׳ס שריפט איז אָבער זיין אונקענטניס פון דעם יודישען מאַסענמענש און פון זיין פערקריפּעלטער נשמה. הערצל זוכט נישט איבערצובויען די יודישע נשמה און ווידער אויפצולעבען א עכטע, געזונטע, יודישע קולטור, כדי זי צו מאַכען רייף פאַר דער פולער בעפרייאונג. פערקעהרט, הערצל וויל אריבערפיהרען די יודען אין דער יודישער מדינה, אַזוי ווי זיי זענען, מיט זייערע מנהגים, אפילו מיט זייערע „זעעלזאָרגער“ און דוקא אין „אָרטסגרופּען“, אַזוי אַז דער יוד, וואָס פאָהרט אריבער אין דעם יודענשטאַט, זאָל אפילו נישט פיהלען, אַז עס האָט זיך געענדערט עפּיס אין זיין לעבען.

פון דעם שטאַנדפּונקט אויס וועלען מיר פערשטעהען הערצל׳ס יחס צו דער שפּראַכען־פראַגע. לויט הערצל׳ן דאַרף יעדער אין דער יודישער מדינה רעדען אין ד ע ר שפּראַך, אין וועלכער ער האָט גערעדט ביז איצט. און העברעאיש? „ווער פון אונז, — פרעגט הערצל — קען אַזויפיעל העברעאיש, ער זאָל קענען פערלאַנגען א באַהנבילעט אויף העברעאיש?“. מיט רעכט האָט אחד־העם געקענט אָנווייזען אין א בייסענדער קריטיק, אַז איהר קענט געפונען אין דעם „יודענשטאַט“, וואָס איהר ווילט, נור נישט קיין זכר פון... יודישקייט.

אָבער כאָטש אַזוי, איז דער „יודענשטאַט“ ד אָ ס קלאַסישע בוך פון׳ם ציוניזם. נישטאָ קיין פראַגע, אויף וועלכער הערצל האָט נישט אָנגעוויזען, כמעט מיט א וואונדערבאַרער אינטואיציע און פאָראויסזיכט. ביים היינטיגען טאָג, בעת מיר

שטעהען אינ'ם סאַמע מיט פון דעם רעאַליזירונגספּראָצעס פונ'ם ציוניזם, פיהלען מיר, ווי נויטיג מיר וואָלטען געהאַט מאַנכע אינסטיטוציעס, וועלכע הערצל האָט **געוואָלט** שאַפען. ווען מען בעדענקט, אז עס איז נישטאָ ביים היינטיגען טאָג קיין ציוניסטישע ליקווידאַציע־געזעלשאַפט פון יודישע פערמעגענס, ווען מען בעדענקט, אז דער קאַפּיטאַל געהט קיין א"י כאַאָטיש און נישט אָרגאַניזירט, אז טראָץ זיינע גרויסע אויפטהוען, רופט ער אָבער אויך ארויס מאַנכע נעגאַטיווע ערשיינונגען, ווי א איינזייטיגע ווירטשאַפט, באָדענספּעקולאַציע א. א. וו. — אזוי מוזען מיר בעוואונדערען די גאונישע אינטואיציע פון הערצל'ן, וואָס האָט געוואָלט שאַפען יענע אָרגאַנען, וואָס וואָלטען לגמרי בעזייטיגט די אויבען דערמאָהנטע נעגאַטיווע ערשיינונגען.

דאדורך איז קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס דאָזיגע ביכעל האָט געמאַכט אזא געוואַלטיגען איינדרוק. די יודישע יוגענד האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז ענדליך איז געקומען **דער** „פיהרער", צו וועלכען זיי האָבען געהאָפט און געחלומט. ארום הערצל'ן האָבען זיך אָנגעהויבען צו זאמלען פיעל יודישע סטודענטען, בעזונדערס די וויענער חברים פון „אדמת ישורון" און „קדימה", פעריינען, וואָס זענען געוואָרען געגרינדעט דורך סמאָלענסקין. הערצל האָט אָנגעהויבען צו בעזוכען זייערע פערזאמלונגען און האָט געוואונען פיעל אָנהענגער און טרייע, איבערגעבענע מיטארבייטער, אונטער אנדערע אויך דעם דר. שאַליט, וועלכער האָט אלס ערשטער געמאַכט הערצל בעקאַנט מיט דער חובבי־ציון־בעוועגונג און מיט דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. הערצל האָט דערפון גאָרנישט געוואוסט. אין זיינע טאָגביכער שרייבט ער, אז ווען ער וואָלט געווען געלעזען פינסקער'ס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", וואָלט ער נישט געווען פערעפענטליכט דעם „יודענשטאַט"... אָט אזוי איז הערצל געוואָרען פּאַוואָלי, פּאַוואָלי אריינגעצויגען אין דער בעוועגונג.

זיבעצעהנטער קאפיטעל.

דער דערנערוועג...

אָבער נישט נור בעגייסטערונג, דער „יודענשטאַט" האָט אויך ארויסגערופען א שטאַרקע געגנערשאַפט צו הערצל'ס אידעען. אָט זענען געקומען ליבעראַלען, קאָס־מאָפּאָליטען מכל המינים און האָבען געטענה'ט: „דו ווילסט נאָך פערגרעסערען די צאָהל פון די נאַציעס און מלוכות אויף דער וועלט, בעת דער „פּראָגרעס" פאָדערט, אז די בעשטעהענדע נאַציעס זאָלען אונטערגעהען..."

זיי צו הילף איז געקומען די אסימילאַציע: „וואָס, מיר זאָלען שאַפען א אָל־וועלטליך יודענטום, בעת מיר זענען בלב ונפש פערבונדען מיט די נאַציעס, אונטער וועלכע מיר לעבען".

זענען ווידער געקומען די דייטשע ראַבינער, די פּאַטענטירטע פּערזאָרגער פון דער „איזראַעליטישען קאָנפעסיאָן" און האָבען געפרעגט א קלאָץ־קשיא: „צי דען איז מעגליך, צו זיין א גוטער דייטשער פּאַטריאָט און צוגלייך א — ציוניסט?"

האָבען זיך אויך באַלד אָבגערופען די אָרטאָדאָקסישע רבנים פון רוסלאַנד: „דו ווילסט ברענגען די יודען קיין א"י מיט מענשליכער הילף? דאָס שטעהט דאָך אין א סתירה צו דער רעליגיע: אם ד' לא יבנה בית, לשוא עמלו בוניו!

אפילו די חובבי־ציון האָבען געשטעלט הערצל'ן א געוויסען ווידערשטאַנד, מורא־האָבענדיג, אז הערצל'ס פּאָליטישע בעשטרעבונגען קענען ברענגען אין א סכנה די בעשטעהענדע קאָלאָניזאַציע.

אָבער איבער די קעפּ פון די צווייפלער און געגנער האָט הערצל געפונען דעם וועג צום פאָלק, צו די מאַסען און צו די מחות פון... מאַנכע מלוכה־מענער. אָט אזוי הויבט זיך אָן זיין גרויסער דערנערוועג, וועלכער דויערט ס. ה. אכט יאָהר. אויף דעם דאָזיגען וועג האָט הערצל פערלוירען נישט נור זיין גאַנץ פערמעגען, נור אויך זיין געזונדהייט און לעבען. ער האָט אָבער געפונען די כתר מלוכה פון דער יודישער בעפרייאונגס־בעוועגונג.

הערצל'ס ארבייט געהט אין דריי ריכטונגען: 1) דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנד־לונגען מיט די מלוכות און פּאָליטיקער מכח א יודענשטאַט; 2) די שאַפונג פון א אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל איהם געבען א כח־הרשאה און אויטאָריטעט

ביי די פּאָליטישע פערהאַנדלונגען; 3) די שאַפונג פון יענע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלען זיין מסוגל אַנצוהויבען דעם בנין הארץ.

די ערשטע שריט זענען פּאָליטישע.

אַפּריל 1896 געלונגט הערצל'ן צו בעקומען א דאנק דער פערמיטלונג פון א ענגלישען גלח, העכלער — אגב א בעגייסטערטער אַנהעננער פון דער ציוניסטישער אידעע — א אוידיענץ ביים גרויסהערצאָג פון באַדען. דער דאָזיגער אַלטיטשקער דייטשער פירשט איז געשטאַנען פון דער ערשטער מינוט אָן אונטער דעם איינפלוס פון הערצל'ן.

הערצל האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם פערשאַפען א אוידיענץ ביים דייטשען קייזער, כדי צו פערזיכערען די הילף פון דייטשלאַנד פאר'ן ציוניזם. דער גרויסהערצאָג האָט צוגעזאָגט הערצל'ן זיין הילף און איז געוואָרען פון איצט א זעהר גוטער פריינד פון דעם ציוניזם.

צוריקקומענדיג קיין וויען, האָט הערצל געפונען דעם וועג צו מאַנכע טערקישע בעאַמטע און האָט זיי בעאיינפלוסט לטובת דעם ציוניזם. איינער פון זיי, א געוועזער נעוולינסקי, א געוועזענער פוילישער פּאָליטיקער, וועלכער איז אָבער דאַמאָלס געשטאַנען אינ'ם טערקישען דינסט, האָט זיך פערבונדען מיט הערצל'ן און האָט איהם געלייסטעט וויכטיגע פּאָליטישע ארבייט. די דאָזיגע בעאַמטע האָבען דאָס נאַטירליך נישט געטהון אומזיסט. ווער עס האָט געקענט דעם גאַנצען קאָרומפּירטען טערקישען הויף, האָט געוואוסט, אז מען קען אין דער טירקיי נישט מאַכען איין שריט אָהן א גרעסערען אָדער קלענערען „באַקשיש". הערצל האָט נאַטירליך געמוזט געהען אויף דעמזעלבען וועג...

צוגלייך זוכט הערצל אויך א קאָנטאַקט מיט דעם רוימישען פּויבסט. דעם 19 מאַי 1896 האָט ער א געשפּרעך מיט'ן נונציוס אַליאַרדי אין וויען. הגם הערצל האָט פון דער ערשטער מינוט אונטערגעשטראָכען, אז דורך דעם ריקקעהר פון יודען קיין א"י וועט נישט אויף איין האָר בעריהרט ווערען דאָס רעכט פון די קריסטען אויף די הייליגע מקומות, פּיהלט הערצל שוין ביים סאַמע אָנהויב, אז דער פּויבסט וועט שטעלען א ווידערשטאַנד דער ציוניסטישער בעוועגונג. דער דאָזיגער איינדרוק איז ליידער געווען א ריכטיגער...

דעם 15 יוני 1896 פּאָהרט הערצל, אין דער בעגלייטונג פון נעוולינסקי, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די בולגארישע ציוניסטען, וועלכע זענען געוואויר געוואָרען, אז הערצל פּאָהרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבען איהם געמאַכט אין סאָפיא א זעהר שעהנעם עמפּפאַנג. אונטער דער פיהרונג פון דר. ראובן ב י ר ע ר, האָבען זיי איהם בעגריסט אויף דעם באַהנהאָף און מיט בעגייסטערונג פערזיכערט, אז זיי זענען גרייט צו פאָלגען זיין רוף. הערצל האָט טיעף געריהרט געענטפערט, אז ער וועט ווידמען אלע זיינע כחות לטובת דעם געמיינשאַפטליכען אידעאַל.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט הערצל געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די העכסטע טערקישע מלוכה־מענער. וויסענדיג, אז דער רוסישער איינפלוס איז דאַמאָלס

געווען זעהר גרויס אין קאנסטאנטינאפאל, האט הערצל בעזוכט דעם רוסישען פער־טרעטער יאקאבלעוו, וועלכער זאגט איהם צו זיין הילף. אין דער ערשטער פאזע פון הערצל'ס אונטערהאנדלונגען האט הערצל געפאדערט ביים סולטאן, אז ער זאל יודען פערקויפען א"י און אזויארום סאנירען זיינע פינאנסען. נישט דער ערשטער שטאטסעקרעטאר איצעט בעי, נישט דער גרויסוועזיר קאליל רופאט פאשא און נישט דער סולטאן האבען נישט געוואלט הערען פון דעם דאזיגען פארשלאג. דער סולטאן האט געלאזט הערצל'ן פשוט ענפערן, אז פאלעס־טינא איז נישט זיין אייגענטום און ער קען דאס לאנד נישט פערקויפען. דאס לאנד געהערט דעם טערקישען פאלק און כל זמן ער לעבט, וועט ער נישט צולאזען צו דער אויפטיילונג פון דער טירקיי.

הערצל האט זיך געזעהען אלזא געצוואונגען צו מאדיפיצירען זיין פארשלאג. אין דער צווייטער פאזע האט ער פערלאנגט, אז דער סולטאן זאל אויפפאדערן אויף א פייערליכען אופן אלע יודען, אז זיי זאלען צוריקקעהרען אין דעם לאנד פון זייערע אבות און דא בילדען א אויטאנאם געמיינשאפטסוועזען, מיט א אייגענער פערוואלטונג אונטער דער אויבערהערשאפט פון דער טירקיי. דאפאר זענען זיך די יודען מתחיב צו צאהלען א גרעסערען טריבוט יאהר־יעהרליך. אויף גרונד פון דער דאזיגער התחיבות, וועט די טירקיי קענען תיכף בעקומען ביי די יודישע באנקירען א גרעסערע הלואה, וועלכע וועט ראדיקאל סאנירען די טערקישע פינאנסען.

הגם דער סולטאן האט אויך נישט געוואלט מסכים זיין אויף דעם דאזיגען פארשלאג, האט אבער די אומגעבונג פון דעם טערקישען הויף געגעבען הערצל'ן צו פערשטעהען, אז זיין פארשלאג איז דאך דיסקוטאבעל. די פינאנציעלע לאגע פון דער טערקישער מלוכה איז דאמאלס געווען אזוי שווער, אז די טערקישע מלוכה־מענער זענען געווען גרייט אויפצונעהמען דעם דאזיגען אנטראג. טראצדעם וואס הערצל האט זיך בעשטרעבט צו בעקומען א אודיענץ ביים סולטאן, האט אבער דער סולטאן נישט געוואלט הערצל'ן אויפנעהמען, כדי נישט צו געבען קיין פתחון־פה, אז ער איז מסכים אויף הערצל'ס אנטראג.

דאך איז הערצל ארויסגעפאהרען פון קאנסטאנטינאפאל מיט א געוויסער סא־טיספאקציע. ער האט געפיהלט, אז אויב עס זאלען צו איהם צושטעהען די יודישע גבירים מיט גרויסע געלד־מיטלען, וועט ער קענען ארויסבעקומען פון דער טירקיי די נויטיגע קאנצעסיעס. צו יענער צייט האט הערצל געגלויבט, אז כדי צו דערגרייכען זיין ציעל, איז נישט נור נישט נויטיג צו שאפען א גרויסע פאלקסארגאניזאציע, נור אז אזא ארגאניזאציע מיט'ן פארטייגעפילדער קען איהם נאך שאדען ביי די פערהאנדלונגען מיט דער טירקיי.

באלד וועט ער זיך איבערצייגען, אז ער האט געהאט א טעות.

צוריקקומענדיג פון קאנסטאנטינאפאל פאהרט ער קיין לאנדאן, כדי צו גע־ווינען יודען מיט קלינגענדיגע נעמען און מיט א סך געלד. דא אין לאנדאן איז ער

אויפגעטרעטען אין א עפענטליכען מיטינג און ביי די „מאקאבעער“. די פרטים פון זיין אינטערוועניץ ביים סולטאן האט ער איבערגעגעבען בלויז א פאר מענשען, אלטע חובבי־ציון. אין די קרייזען פון די חובבי־ציון האט אבער הערצל'ס ארבייט ארויסגערופען א געוויסע דעבאטע. זיי האבען זיך געוואלט בעגנוגען מיט א קליינער, בהדרגה'דיגער קאלאניזאציע, אויף וועלכער הערצל האט ווידער נישט געקאנט מסכים זיין.

די ענגליש־יודישע גבירים זענען געווען גרייט אריינצוטרעטען אין דעם פון הערצל'ן פארגעשלאגענעם קאמיטעט (דערמאהנט אייך: די „דזשואיש־סאסייטי“), אונטער דריי בעדינגונגען: 1) הערצל זאל בעקומען די הסכמה פון די מלוכות צו זיין פלאן; 2) אויב דער פאנד פונ'ם באראן הירש וועט שטעלען הערצל'ן צו פערפיגונג א גרעסערע געלד־סומע; 3) אויב דער פאריזער באראן ראטשילד וועט צוטרעטען צו דעם קאמיטעט.

כדי צו געווינען דעם באראן ראטשילד פאהרט הערצל קיין פאריז. דעם 18 יולי 1896 קומט פאר הערצל'ס אונטעררעדונג מיט'ן באראן ראטשילד. איצט האט דער באראן מסכים געווען צו עמפפאנגען הערצל'ן. אבער דער ענטפער פונ'ם באראן איז געווען א נעגאטיווער. ערשטענס האט דער באראן נישט געגלויבט, אז די טירקיי וועט איינגעהען אויף הערצל'ס פלענער. צווייטענס, האט דער באראן געטענה'ט, אז אויב אפילו די טירקיי וועט מסכים זיין, וועט זיך אנהויבען א כאאטישע עמיגראציע קיין א"י, עס וועלען אריין אין לאנד א הונדערטפופציג טויזענד קבצנים און ווער וועט זיי קענען ערהאלטען? הערצל'ס געגענארגומענטען זענען געבליבען אהן א רעזולטאט.

דאך האט הערצל נישט פערצוייפעלט. צוריקקומענדיג קיין וויען זוכט הערצל צו געווינען די רייכע וויענער יודען. אין נאוועמבער 1896 האלט ער א רעפעראט אין דער „אוניאן“, וואו ער אונטערשטרייכט נישט שטארק דעם „יודענשטאט“, כדי נישט אבצושרעקען די גבירים, אבער אהן יעדען ערפאלג. שפעטער פערזוכט הערצל צו געווינען די „אליאנס“. אין דער יעהרליכער גענעראל־פערזאמלונג פון דער אליאנס ערשיינט הערצל, ערגרייפט דאסווארט און קריטיקירט שארף דאס סיסטעם פון די דאזיגע קרייזען. זיי האבען אויסגעהערט הערצל'ס מוסר־רייד, די יוגענד האט געהאט הנאה איבער דעם מאראלישען ערפאלג, אבער קיין פראקטישע רעזולטאטען האט דאס נישט געבראכט.

אט אזוי שרייבט ציטראן דעריבער: „דאס איז געווען א אפענער געראנגעל צווישען דעם יונגען ריז, דעם נייען יוד און צווישען דער צדקה־הערשאפט פון די וויענער גדולים, צווישען דער נאציאנאלער פארדערונג און דעם שטרעבען צו דער אסימילאציע“.

עס איז נישטא קיין שלום צווישען אזעלכע וועלטען. הערצל, זעהענדיג, אז ער וועט גאר נישט פועלן ביי די יודישע גבירים, האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צו

די ברייטע פאָלקסמאַסען, צו שאַפען א גרויסע פאָלקס־ארגאַניזאַציע און אזויאַרום איבערגעבען דעם גורל פון דעם יודישען פאָלק אין זיינע אייגענע הענד.

אין דער דאָזיגער ארבייט האָבען איהם געהאָלפען די חברים פון דער וויענער „קדימה". זיי האָבען געזאַמעלט טויזענדער אונטערשריפטען מיט פולער צושטימונג און בעגייסטערונג פאַר הערצל'ן און דעם יודענשטאַט. פון איבעראַל, בעזונדערס פ ו ן ג א ל י צ י ע ן, אונטער דער לייטונג פון א ד א ל ף ש ט א נ ד, ט ה א ן, ד ר. ז א ל ץ, האָט הערצל בעקומען טאָג פאַר טאָג צעהנדליגער בריעף, וואו מען האָט איהם געבעטען ער זאָל זיך שטעלען אין דער שפּיץ פון דער בעוועגונג.

די ערשטע טהאַט איז געווען, וואָס הערצל האָט אָנגעהויבען צו מאַכען, בהסכם מיט די עצות פון זיינע פריינד, אלע פאָרבערייטונגען, איינצובערופען א אלוועלט־ליכען קאָנגרעס פון די אלע, וואָס זענען מסכים מיט הערצל'ס אידעען. צו דעם צוועק האָט ער איינגערופען אויף מערץ 1897 א פאָרקאָנפערענץ קיין וויען, כדי פעסטצושטעלען דעם אָרט און די צייט פון'ם קאָנגרעס. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען בעשלאָסען איינצובערופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס קיין מינכען, אויגוסט פון דעמזעלבען יאָהר.

נאָך דעם שלום פון דער פאָרקאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבען א פיבערהאַפטע טעטיגקייט לטובת פון דעם קאָנגרעס. צעהנדליגער אַגיטאַטאָרען זענען ארומגעפאָהרען אין די שטעט און געדרופען די יודען זיך צו בעטייליגען אין דעם קאָנגרעס. נאַטירליך האָט געמוזט די דאָזיגע אגיטאַציע ארויסרופען א שטאַרקע רעאַקציע. עס איז ארויס הערמאַן אדלער, דער אויבערראַבינער פון ענגלאַנד, מיט א שריפט געגען דעם יודישען נאַציאָנאַליזם בכלל און ציוניזם בפרט. אויך דר. גידעמאַן, דער אויבער־ראַבינער פון וויען, וועלכער איז געווען בעפריינדעט מיט דר. הערצל און וועלכער איז צוערשט געווען אפילו בעגייסטערט פון הערצל'ס אידעען, האָט פערעפענטליכט א פאַמפלעט געגען הערצל'ן. הערצל האָט איהם געענטפערט אין א שאַרפען ארטיקעל אין בלאָכ'ס וואָכענשריפט. דער דאָזיגער ארטיקעל א. ד. ט. „דר. גידעמאַנס נאַציאָנאַל־יודענטום", איז א מייסטערשטיק פון א אנשטענדיגער, אָבער שאַרפער פּאָלעמיק. אויך מאַנכע קרייזען פון חובבי־ציון, בעזונדערס אין ענגלאַנד, האָבען זיך ענטגעגענגעשטעלט דער אידעע פון א ציוניסטישען וועלטקאָנגרעס. זיי האָבען געאַרבייט האַנד אין האַנד מיט די קרייזען פון'ם באַראָן ראָטשילד, וועלכע האָבען אינטריגירט געגען הערצל'ן, אפילו ביים טערקישען הויף.

אָבער דער דאָזיגער קאַמף פון אלע זייטען האָט נישט נור נישט אָבגעשוואַכט, נור האָט נאָך געשטאַרקט הערצל'ס ארבייט און איבערגעבענקייט. די בעוועגונג האָט זיך איצט געגויטיגט אין א בעזונדערען אָרגאַן, וואו הערצל זאָל קענען אויפקלעהרען פאַר דער גאַנצער וועלט, דעם עקר־געדאַנק פון דעם יודענשטאַט און ריכטיגשטעלען די בעהויפטונגען פון די פערשידענע שונאי־ציון. הערצל גרינדעט מיט זיין אייגען געלד א וואָכענאָרגאַן א. ד. ט. „די וועלט".

דעם 3 יוני 1897 ערשיינט די ערשטע נומער פון דער „וועלט" מיט הערצל'ס א פראגראם־ארטיקעל: „אונזער וואכענשריפט איז א יודענבלאט".

„מיר נעהמען אויף — שרייבט הערצל — דאס דאזיגע ווארט, וועלכעס זאל זיין א שימפווארט און ווילען מאכען דערפון א ווארט פון כבוד. די „וועלט" וועט זיין דער ארגאן פון יענע מענער, וועלכע ווילען ארויספיהרען דאס יודענטום פון דער היינטיגער אין א בעסערער צייט".

די „וועלט" האט געהאט א געלען אומשלאג, צום צייכען פון דעם „געלען פלעק".

דער בעשלוס פון דער וויענער פארקאנפערענץ, איינצובערופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס קיין מינכען האט ארויסגערופען פון איין זייט א גרויסע בעגייסטערונג, פון דער אנדערער זייט אבער שארפע פראטעסטען, בעזונדערס פון די דייטשע אסימילאטארישע קרייזען. די ראבינער פייגענבוים און פאגעלשטיין האבען פערעפענטליכט א ארטיקעל אין דער „אלגעמיינער צייטונג", אין וועלכען זיי האבען געשריבען: „מיר פראטעסטירען געגען דעם, אז די איינבערופער פונ'ם קאנגרעס רעדען אינ'ם נאמען פונ'ם יודענטום. מיר זענען איבערצייגט, אז דאס דייטשע יודענטום וועט נישט נעהמען קיין אנטייל אינ'ם קאנגרעס. און זאל די וועלט אויך וויסען, אז דאס דייטשע יודענטום האט נישט קיין שום שיכות מיט די ציוניסטישע טענדענצען". ווי גרויס איז אבער געוועזען זייער ענטוישונג, ווען זיי האבען געלעזען א פאר טעג שפעטער דעם שארפען ענפער פון דר. רילף, דעם ראבינער פון מעמעל, אויף זייערען ארטיקעל.

אויך די קהלה פון מינכען האט שארף פראטעסטירט געגען דעם קאנגרעס. עס זענען זיך צוזאמענגעקומען די ראבינער: דר. מייבוים (בערלין), דר. האראוויץ (פראנקפורט), דר. גוטמאן (ברעסלוי), דר. אויערבאך ((האלבערשטאט) און דר. ווערנער (מינכען) און האבען פערעפענטליכט א „ערקלעהרונג" אינ'ם „בערלינער טאגבלאט" לאמר, אזוצוזאגען:

„1) די בעשטרעבונגען פון די אזויגערופענע ציוניסטען, צו גרינדען אין א"י א יודיש־נאציאנאלע מדינה, שטעהט אין א סתירה צו דעם משיח־צוזאג פונ'ם יודענטום, ווי ער איז דערהאלטען אין דער הייליגער שריפט און אין די שפעטערע רעליגיעזע קוועלען.

2) דאס יודענטום איז מחיב זיינע בעקענער צו דינען מיט דער גאנצער איבערגעבענקייט דעם פאטערלאנד, צו וועלכען זיי געהערען און צו שטיצען מיט'ן גאנצען הארץ און מיט אלע כחות זיינע נאציאנאלע אינטערעסען.

3) מיט דער דאזיגער התחיבות שטעהען אבער נישט אין א סתירה אלע יענע איידלע בעשטרעבונגען, וועלכע בעצוועקען די קאלאניזאציע פון פאלעסטינא דורך יודישע אקערפויערים, ווייל זיי האבען נישט קיין שום שיכות צו דער גרינדונג פון א נאציאנאלער מלוכה".

די דאזיגע נאבלע ערקלעהרונג, וועלכע האט שוין געשמעקט מיט א פשוטער מסירה (פונקט צוויי) האט פעראנלאסט הערצל'ן זיי צו ענפערן אין א שארפען

ארטיקעל, וועלכער איז ערשינען אין „דער וועלט" דעם 10 יולי 1897 אונטער דעם טיטעל: „די פראָטעסטראַבינער". פונקט פאַר פונקט צערשלאָגט הערצל די טענות פון די דאָזיגע „פּראָטעסטאַנטען"... און ווייזט זיי נאָך מאַנגעל פון לאָגיק און פשוטער, פּאָליטישער עהרליכקייט.

אויך די אמעריקאנישע רבנים האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם קאָנגרעס. „הערצל געהט שאַפען א קאָנגרעס פאַר די אונטערדרוקטע יודען. מיר לעבען ב"ה אין אמעריקא בשלום ובשלוה" — האָבען געטענה'ט די דאָזיגע שפּיסבירגער.

„זיי זיצען אין זיכערע שיפלעך און שלאָגען מיט די שטאַנגען איבער די קעפּ פון יענע, וואָס טרענקען זיך" האָט אויף זיי געשריבען נאָרדוי.

די גאַנצע אגיטאַציע געגען דעם קאָנגרעס האָט נישט נור נישט אָבגעשוואכט, נור האָט נאָך געמאַכט פּאָפּולער זיין אידעע ביי די ברייטע פאָלקסשיכטען. מאַנכע רבנים זענען געווען בעגייסטערטע אָנהענגער פון דעם קאָנגרעס־געדאַנק, אזוי ר' שמואל מאָהיליבער, דר. גאַסטער פון לאָנדאָן, ר' צדוק כהן פון פראַנקרייך און נאָך.

הערצל האָט זיך דאָך ענטשלאָסען איינצובערופען דעם קאָנגרעס, נישט קיין ריינבען, נור קיין באַזעל.

איינער פון יענע אָבער, וועלכע זענען געשטאַנען פון דעם ערשטען מאָמענט טריי ביי דער זייט פון הערצל'ן, האָבען איהם געהאָלפען אין די דאָזיגע שווערע שעה'ן און האָבען אפילו נאָך זיין טויט הויך געהאַלטען די פאָהן פון דעם ריינעם „הערצליאַניזם" איז געווען מ אַ ק ס נ אָ ר ד ו י.

אכטצעהנטער קאפיטעל.

מאַקס נאָרדוי.

מאַקס נאָרדוי איז געבוירען געוואָרען 1849 אין בודאַפעסט. זיין פאָטער זידפעלד איז געוועזן א פרומער יוד און האָט אויך ערצויגען זיין זוהן על התורה והעבודה. ביז צו זיין זעכצעהנטען לעבענסיאָהר איז נאָרדוי געוועזן א פרומער יונגער מאַן. זיינע עלטערן זענען געוועזן געבראָטענע אָרימע לייט און, כדי צו קענען שטודירען מעדיצין, צו וועלכער נאָרדוי האָט געפיהלט א גרויסע אנציהונג, האָט ער אָנגעהויבען צו ארבייטען אין פערשידענע צייטונגען.

בעת ער האָט בעזוכט די אוניווערזיטעט האָט ער זיך שטאַרק אָנגעליטען. ביי טאָג האָט ער געלערנט און ביי נאַכט פלעגט ער צו שרייבען אין די צייטונגען. באַלד האָט ער אויך ענטוויקעלט זיין גאַנצען שרייבערישען טאַלענט, אזוי, אז נאָך דעם ענדיגען פון זיין שטודיום, בעשליסט ער צו ווערען א שריפטשטעלער. מיט דער הסכמה פון זיין פאָטער און פון די בעהערדען ענדערט ער זיין נאָמען פון זידפעלד אויף נאָרדוי.

כדי זיך צו פערפולקאָמנען און קענען צו לערנען מענשען און פעלקער, מאַכט נאָרדוי א זעקס־יעהריגע רייזע איבער מערב־אייראָפאַ. דאמאלס איז שוין נאָרדוי געוועזן בעקאַנט און געפייערט אלס בעריהמטער שריפטשטעלער. זיין גלענצענדער סטיל, זיין שאַרף אויג, זיין אונברחמנות'דיגע ליבע צום ריינעם אמת, האָבען איהם פערשאַפט אין איירָאפא א גרויסען נאָמען.

אינ'ם יאָהר 1883 ערשיינט זיין וויכטיגסטעס ווערק: „די קאָנווענציאָנעלע שקרים אין דער מענשליכער געזעלשאַפט“, וועלכעס רופט אַרויס א שטורם אין דער גאַנצער ליטעראַטען־וועלט. אויך זיין ביכעל „ענטאַרטונג“ האָט גורם געוועזן א רעוויזיע פון מאַנכע אָנגענומענע אמת'ן. אינ'ם יאָהר 1885 גיט ער ארויס זיין ביכעל „פאַראַדאָקסען“, וועלכע האָבען א בלייבענדען ווערט אין דער וועלט־ליטעראַטור. א חוץ דעם פערעפענטליכט נאָרדוי א גאַנצע רייה פון פילאָזאָפישע, וויסענשאַפטליכע ווערק און דראַמען.

אָט די דאָזיגע ארבייטען מאַכען איהם פאַר דעם פאָפולערסטען שריפט־שטעלער אין יענע יאָהרען.

נאָך דעם ערשיינען פון דעם יודענשטאַט ווערט נאָרדוי א בעגייסטערטער אָנהענגער פון דעם פּאָליטישען ציוניזם און א הייסער פערעהרער פון הערצל. מיט א אונערשיטערליכען גלויבען האלט ער פעסט אין דער אונשטערבליכקייטס־טעזע פון דעם יודישען פאָלק און פון זיין נאָהנטער גאולה. ער איז שטענדיג געווען דער אָפיציעלער רעפערענט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסען, וועגען דער לאגע פון דעם יודישען פאָלק אויף גאָר דער וועלט. די דאָזיגע רעפעראַטען פלעגען זיך אויסצייכנען נישט נור דורך זייער מייסטערהאַפטער פאָרם, נור אויך דורך זייערען טיפען תוכן. זיינע ציוניסטישע שריפטען ערשיינען אין „דער וועלט" און דאָן אין „העולם". אויך האָט נאָרדוי פערעפענטליכט א ציונס־דראמא: „דר. קאָהען". עס וועט אונז מסתמה נישט איינמאָל אויסקומען צו בעריהרען די טע־טיגקייט פון דר. נאָרדוי.

ניינצעהנטער קאַפּיטעל.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל. 29—31 אויגוסט 1897.

ענדליך נאָך גרויסע חבלי־לידה איז זיך צונויפגעקומען אין באַזעל דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, פון 29 ביז 31 אויגוסט 1897. עס זענען געווען אַנוועזענד 197 דעלעגאַטען פון פערשידענע לענדער און הונדער־טער געסט. אונטער די געסט איז אויך געזעסען א שווייגענדער... אחד־העם.

א פּאָר טעג פאר דער ערעפנונג פונ'ם קאָנגרעס, איז הערצל געקומען קיין באַזעל און האָט אכטונג געגעבען, אז דער קאָנגרעס זאָל אויספאַלען וואָס פייער־ליכער, וואָס אימפּאָזאַנטער. הערצל האָט אפילו פאַרגעשריבען די קליידער פון די דעלעגאַטען. טראָץ נאָרדוי'ס ווידערשטאַנד, איז ער דארויף בעשטאַנען, אז אַלע דעלעגאַטען זאָלען טראָגען א פראַק ביי דער ערעפנונג...

וועגען דער ערעפנונג גופא פונ'ם קאָנגרעס דערצעהלט בן־עמי אַט ווי אזוי:

„עס איז געקומען דער גרויסער היסטאָרישער טאָג, דער מאָרגען פונ'ם ער־שטען ציוניסטישען קאָנגרעס. אינערליך ערעגט בין איך געגאַנגען אינ'ם קאַסינאָ־זאַל. מיינע קני האָבען געציטערט און די נשמה האָט אויפגעברויזט... די פער־זאַמעלטע בעגריסען זיך מיט א גרויסער ליבשאַפט און מיט א פרעהליך פנים. זיי שמועס'ן שטיל און זענען פול שפּאַנונג און האָפנונג. אַט דערנעהנטערט זיך דער גרויסער מאָמענט, די הערליכע מינוט.

און עס איז געוואָרען שטיל. א טיפע רוהע האָט בעהערשט דעם זאַל — א מאַיעסטעטישע שטילקייט. אויף דער טריבונע ערשיינט דער אַלטיטשקער דר. ליפּא פון יאַסי, טהוט זיך אָן דאָס היטעל אויף זיין גרייז־גראָהען קאָפּ, און מיט א ציטריגער שטים, מיט גרוים התלהבות זאָגט ער די ברכה „שהחינו". א ציטער געהט דורכ'ן זאַל. אין פילע אויגען פונקלען טרעהרען. פון הינטער מיר הער איך א שטיל געוויין. און עס הויבען אָן צו צאַפּלען אונזערע הערצער. איינער קוקט אויף דעם אנדערען מיט פערוואונדערונג און אונרוה. דר. ליפּאס רעדע איז פער־ענדיגט. לאַנגזאַם געהט ארויף אויף דער טריבונע הערצל. איך קוק איהם אָנגע־

שטרעגט אָן. אָבער ווער איז דאָס? דאָס איז דאָך נישט יענער הערצל, וואָס כ׳האָב איהם געקענט ביז איצט, וואָס כ׳האָב איהם נור וואָס געזעהען. א הערליכע און ערהאַבענע געשטאַלט איז ער פאַר אונז דערשינען, ווי א קעניג. זיין בליק איז שטאָלץ און קאָנצענטרירט, פול מיט טרויער און שטילקייט. דאָס איז נישט מעהר יענער עלעגאַנטער הערצל פון וויען, נור עס איז פאַר אונז דערשינען איינער פון דוד המלך׳ס קינדער אין זיין גאַנצער פּראַכט און לעגענדאַרישען גלאַנץ. דורך דעם זאָל געהט אדורך א ציטער, גלייך ווי עס וואָלט געשעהען פאַר אונזערע אויגען א גרויסער נס. און צי דען איז עס נישט געווען קיין וואונדער?

דורך פולע פיפצעהן מינוט האָט דער גאַנצער זאַל גיפּילדערט, געלאַרמט און געקלאַטשט מיט גרוים התלהבות בראַוואָ: עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אז עס איז מקוים געוואָרען א צוויי־טויזענדיעהריגער חלום פון א אלט פאָלק, אז עס איז פאַר אונז ערשינען משיח בן דוד און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט א גרויסער חשק צו בערוהיגען אָט א דעם שטורם אין מיר דורך איין אויסרוף:

„זאָל לעבען דער קעניג!“

און הערצל האָט געזאָגט ביי דער ערעפנונג: „מיר געהען לעגען דעם גרונד־שטיין פון אונזער הויז“. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אונז פערלעצט ביז׳ן סאַמע תוך פון אונזער נשמה. גראָד מיר, וועלכע זענען געווען דורכגענומען מיט דער אייראָפּעאישער קולטור, גראָד מיר זענען געוואָרען אָם מייסטען געטראָפען דורכ׳ן אַנטיסעמיטיזם. און אויב אזוי מוזען מיר צוריק בעקומען א היים. און דער ציוניזם איז די היימקעהר צום יודענטום נאָך פאַר דער ריקקעהר צום יודישען לאַנד. מיר ווילען — זאָגט ווייטער הערצל — פונאייגאַנדערוויקלען די יודישע פראַגע פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר ווילען נישט האָבען קיין געהיימען אינטערנאַציאָנאַלען פעריין, נור א אָפענע אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיע איבער דער יודענפראַגע. מיר מוזען זיך אליין העלפען.

און בנוגע דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאַציע אין א״י און אין אַרגענטיניען? מיר זענען דאַנקבאַר פאַר די ביזאיצטיגע לייסטונגען, אָבער זיי זענען נישט קיין לעזונג פון דער יודענפראַגע. די באַזיס פון דער קאָלאָניזאַציע קען נישט זיין די טאָלעראַנץ, די דולדונג, נור דאָס רעכט. מיר קענען זיך נישט אריינשמוגלען קיין ארץ־ישראל. די ערשטע צעהנטויזענד יודען וועלען גורם זיין, אז עס וועלען גע־שלאָסען ווערען די טויערען פון א״י. און זאָלען זיי ווערען געשלאָסען! ווייל דער צופלוס פון יודען בעדייטעט א שטאַרקונג פון דער טערקישער מלוכה — אָהן א געגענווערט. מיר אָבער ווילען פערהאַנדלען מיט דער טירקיי, ווילען זי שטאַר־קען פינאַנציעל, נור זאָל זי אונז געבען אונזער רעכט.

און זאָל דער קאָנגרעס אויך זאָרגען פאַר זיין דויער. זאָל ער שאַפען יענע אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר בעדאַרפען פאַר אונזער קיום. און זאָל דער קאָנגרעס זיין ערנסט און הויך, פאַר די אומגליקליכע א וואוילטאַט, קיינעם נישט צום טראָץ, פאַר די יודען א כבוד און ווירדיג פאַר דער פערגאַנגענהייט.

דער גאנצער זאל שטעהט אויף און מאכט הערצל׳ן א שטורמישע אוואציע.

אלס פרעזידענט ווערט געוועהלט הערצל, צום וויצעפרעזידענט נארדוי.

דאס ווארט בעקומט נארדוי צו זיין רעפעראט איבער דעם „אלגעמיינעם מצב פון די יודען אויף גאר דער וועלט“.

דער דאזיגער רעפעראט איז נישט נור א מייסטערשטיק פון אראטאריק און א פראדוקט פון טיפער בעאבאכטונגסגאבע, נור איז א בלייבענדער דאקומענט אין דער ציוניסטישער און יודישער געשיכטע. קיינער האט נאך נישט אזוי קאנקרעט און קאנטיג פארמולירט די יודישע פראגע. אבער מעהר נאך: עס איז א ווידוי פון א הויכגעשטעלטער אינטעלעקטועלער פערזענליכקייט, וועלכע האט זיך ענטפרעמדעט פון דעם יודישען לעבען, וועלכע האט חרטה, וואס זי האט פערלאזט דאס יודענטום צוליב דער „קולטור“ און וועלכע קעהרט זיך איצט צוריק, געלייטערט און געריינינגט, צו איהר נאציע, צוריק צום אור־שורש, דורכגעדרונגען צוגלייך מיט א אינערען רצון, אויפצוהויבען אט די דאזיגע נאציע אויף א הויכער מדרגה, צו שאפען פאר איהר אזעלכע בעדינגונגען, אז איהרע מאסען זאלען נישט אויסגעהען פאר הונגער, און איהרע גייסטער זאלען נישט פערלאזען דאס פאלק און זוכען בעפרידיגונג וואו אנדערש.

נארדוי זוכט צו ערקלעהרען דאס ענטשטעהען פונ׳ם אנטיסעמיטיזם אין די מערב־לענדער. די פעלקער האבען אונז געגעבען די גלייכבערעכטיגונג, נישט א דאנק דעם, ווייל עס איז פארגעקומען אין זייער געפיהלסלעבען א איבערברוך בנוגע צו די יודען, נור א דאנק א לאגישער פארמולע, א דאנק דעם ראציאנאליזם. מען האט אויפגעשטעלט פאלגענדען לאגישען זאץ: אלע מענשען האבען גלייכע רעכט. די יודען זענען מענשען, אלזא קומט זיי די גלייכבערעכטיגונג.

אבער דאס געגוגט נאך נישט אינ׳ם פעלקער־לעבען. די פעלקער האבען צו אונז נאך אלץ די איינשטעלונג, ווי צו בירגער פון דער צווייטער מדרגה. די עמאנציפאציע האט אבער געענדערט די נאטור פון די יודען. זיי האבען זיך דערווייטערט פונ׳ם געטא און זיך דאך נישט צונויפגעגאסען פולקאמען מיט דער אייראפעאישער קולטור. טא פערלירען די יודען דעם באדען אונטער די פיס און זייער נשמה ווערט צעקאליטשעט, פערקריפעלט, צעריסען און ענטוואורצעלט.

„דאס איז — זאגט נארדוי — די זיטליכע יודעננויט, וועלכע איז נאך ביטערער, ווי די קערפערליכע“.

ווי מיר זעהען, איז נארדוי׳ס קוק אויף׳ן מערב־יודענטום א גאנץ עהנליכער, ווי דער קוק פון אחד־העם. מיר האבען אויבען געזעהען, אז אחד־העם רופט דאס אן די יודענטומס - פראגע, אין געגענזאץ צו דער פראגע פון דער יודענהייט. פאר נארדוי איז דאס איין פראגענקאמפלעקס און דער ציוניזם אלס אזעלכער איז א ענטפער אויף דער גאנצער יודענפראגע.

נארדוי׳ס רעדע האט נאטירליך געמאכט א ערשיטערנדען איינדרוק. אלע

דעלעגאטען האָבען דערפיהלט דעם גרויסען אמת אין נאָרדוי'ס ווערטער און אלע הערצער האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען לויט איין טעמפּאָ.

איצט שטעהען אויף די פערטרעטער פון גאליציען, ענגלאַנד, אלזשיר, רומע־ניען, עסטרייך, בוקאָווינא, דייטשלאַנד, בולגאַריען, אונגאַרן, אמעריקא און יעדער שילדערט די לאגע פונ'ם יודענטום אין זיין לאַנד. די דאָזיגע שילדערונגען זענען א דעמאָנסטראַציע צו דר. נאָרדוי'ס רעפעראַט. מיט'ן אויסנאַהם פון אונגאַרן און ענגלאַנד, ווערט די לאַגע פון די יודען געמאָלען אין די שוואַרצעסטע פאַר־בען. די דאָזיגע רעפעראַטען בעדייטען די אינטערנאַציאָנאַלע אויפטרייסלונג פון דער יודישער פראַגע. דאָס איז דער גרויסער „זשאַקי!" פון דעם יודישען פאָלק לגבי די אומות העולם: „נאַ, זעהט, וואָס איהר האָט געמאַכט פון אונז".

דאַן בעגרינדעט דעם ציוניזם דר. נתן בירנבוים פונ'ם נאַציאָנאַל־קולטורעלען און דר. דוד פאַרבשטיין פון ציריך פונ'ם סאָציאַל־ווירטשאַפטליכען שטאַנדפּונקט. דיביידע זעהר גייסטרייכע רעפעראַטען ווייזען אָן אויף דעם ציוניזם אלס אויף א פּראָצעס, וואָס דאַרף מאַכען געזונד דאָס יודיש נאַציאָנאַל־קולטורעלע און סאָציאַל־ווירטשאַפטליכע לעבען, וואָס איז אונגאָרמאַל און קראַנק, א דאַנק פון א גאַנצער רייה היסטאָרישע סבות.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פונ'ם קאָנגרעס איז אָבער, די פעסטזעצונג פון א אָפיציעלען ציוניסטישען פּראָגראַם. צו דעם צוועק האָט דער קאָנגרעס געוועהלט א אויסשוס, וועלכער האָט די דאָזיגע פראַגע לאַנג און בּרייט ארומדיסקוטירט. אלס רעזולטאַט דערפון האָט דער אויסשוס פאָרגעשלאָגען פאָלגענדען פּראָגראַם־נוסח:

„דער ציוניזם שטרעבט צו דער שאַפונג פון א רעכטליך געזיכערטער היימ־שטעטע פאַר'ן יודישען פאָלק אין ארץ־ישראל".

דער דאָזיגער פּראָגראַם־ענטוואורף האָט ארויסגערופען א געוויסע דעבאַטע. עס זענען אויפגעטרעטען רעדנער, וועלכע האָבען בעהויפּטעט, אז דער דאָזיגער נוסח איז צו וועניג „פּרעציז", דרוקט נישט אויס דאָס, וואָס מיר ווילען. מיר ווילען דאָך עפּיס מעהר ווי א „ר ע כ ט ל י ך געזיכערטע היימשטעטע". מיר ווילען דאָך א י ו ד ע נ ש ט אַ ט! די דאָזיגע רעדנער האָבען געפאָדערט, אז אינ'ם פּראָגראַם זאָל כּאָטשבי שטעהען „א פ ע ל ק ע ר־רעכטליך געזיכערטע היימשטעטע". דאָס דאָזיגע וואָרט „פעלקער־רעכטליך" איז שוין א אָנזאָג פון דעם שטרעבען צו זעלבּס־שטענדיגען מלוכה'שען קיום.

ל ע אָ מ אָ צ ק י ן האָט גערעדט אינ'ם נאָמען פון די אָפּאָנענטען, נ אָ ר ד ו י אינ'ם נאָמען פון דעם אויסשוס. דאָ האָט הערצל ערגריפען דאָס וואָרט און האָט געבעטען, אז מען זאָל אָבזעהען פון דעם וואָרט „פעלקערעכטליך", ווייל „צו וואָס זאָל מען ערשווערען דער עקזעקוטיווע איהר אויפגאַבע, צוליב א צו פּרעציזען אויסדרוק" און הערצל האָט אלס קאָמפּראָמיס פאָרגעשלאָגען דאָס וואָרט „עפענט־

ליך רעכטליך". מיט דעם דאָזיגען וואָרט זענען געוועזן צופרידעןביידע צדדים און דאָס „באַזעלער פּראָגראַם" איז געוואָרען אָנגענומען איינשטימיג.

34 יאָהר שפּעטער, בעת די בעוועגונג וועט זיך געפינען אין איהר פערוויר־קליכונגס־פּעריאָד, וועט ווידער ענטשטעהען א דעבאַטע איבער דער צילזעצונג פון'ם ציוניזם. דאָס וועט פּאַרקומען אויף דעם זיבצעהנטען קאָנגרעס און אויך... אין באַזעל. דאַמאַלס וועט אויפטרעטען א מאַן, וועלכער וועט פאָרדערן, אז דער ציל פון ציוניזם זאָל אזוי ווערען פאָרמולירט: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפען א יודישע מלוכה אין א"י אויף ביידע זייטען פון'ם ירדן".

דער דאָזיגער מאַן וועט זיך — ווי מיר זעהען מיט אונרעכט — בערופען אויף הערצל'ן. און ווידער וועט אויפשטעהען דער פּ ע ר ז א נ ט ו ו א ר ט ל י כ ע ר לייטער פון דער עקזעקוטיווע און וועט זאָגען: שאַפט נישט צוליב א אויסדרוק א שארפען מצב פאר דער בעוועגונג...

דער לייטער פון דער עקזעקוטיווע וועט הייסען ח י י ם ו ו י י צ מ א ן, זיין אָפּאָנענט — ו ו ל א ד י מ י ר ז ש א ב א ט י נ ס ק י.

דאָס ענדגילטיגע „באַזלער פּראָגראַם" לויטעט אַלזאָ אזוי:

„דער ציוניזם שטרעבט צו דער שאַפונג פון א עפענטליך רעכטליך געזיכער־טער היימשטעטע פאר'ן יודישען פאָלק אין א"י.

דער קאָנגרעס בעשטימט פאָלגענדע מיטעל צו דער דערגרייכונג פון דעם דאָזיגען צוועק:

1) די צוועקמעסיגע קאָלאָניזאַציע פון א"י מיט יודישע פּויערים, האַנד־ווערקער און געווערבעטרייבענדע;

2) די אָרגאַניזירונג און צוזאַמענפאַסונג פון אַלע יודען אין ערטליכע און אַלגעמיינע פעריינען, בהסכם מיט די לאַנדעס־געזעצען;

3) די שטאַרקונג פון די יודישע פאָלקס־געפיהלען און פאָלקס־בעוואוסטזיין;

4) פאָרבערייטענדע שריט, צו ערלאַנגען פון אזעלכע רעגירונגס־צושטימונ־גען, וועלכע זענען נויטיג, כדי צו ערייכען דעם ציל פון ציוניזם".

כאַראַקטעריסטיש איז, אז דער באַזעלער פּראָגראַם דערמאָהנט נישט מיט איין וואָרט מכח דער העברעאישער שפּראַך. די פראַגע פון דער העברעאישער שפּראַך איז געוואָרען בעריהרט אין א רעפעראַט פון ע ה ר ע נ פ ר י י ז, אין דער צוועלפ־טער שעה פאר'ן שלום פון'ם קאָנגרעס. מען האָט אָבער געפיהלט, אז דער דאָ־זיגער רעפעראַט איז געוועזן בלויז א „שעהנהייטס־פלאַסטער", אָבער נישט קיין אינטעגראַלער טייל פון'ם קאָנגרעס.

א ווייטערע פּרינציפּיעלע פראַגע פון'ם ערשטען קאָנגרעס איז געוועזן דער יחס צו דער בעשטעהענדער קאָלאָניזאַציע אין א"י. און דאָ מוז בעמערקט ווערען אָט וואָס: דער ציוניזם האָט בעצם צוויי אויפגאַבען: 1) ער איז די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אויפלעבונגסבעוועגונג פון'ם פאָלק; 2) ער האָט די אויפגאַבע צו קאָ־לאָניזירען א"י, ווידער אויפצובויען דאָס לאַנד. איין אויפגאַבע איז ענג פערבונדען

מיט דער צווייטער. נישטאָ קיין אויפלעבונג פונ׳ם פאָלק אָהן א״י, פונקט אַזוי ווי א״י קען נישט ווערן אויפגעבויט אָהן דעם בעפרייטען פאָלק. אָבער עס האָט נישט געהערשט תמיד א האַרמאָניע צווישען די ביידע מאָמענטען. עס איז אָפט געקומען צו א קאָנפליקט צווישען דעם קאָלאָניזאַטאָרישען און אויפלעבונגס־מאָמענט אינ׳ם ציוניזם.

און נאָך מעהר: דער דאָזיגער פראַגענקאָמפלעקס, דער יחס צווישען דעם אויפבוי פונ׳ם לאַנד און דער אויפלעבונג פונ׳ם פאָלק, בילדעט יענעם פונקט, ארום וועלכען עס וועט זיך דיפערענצירען די ציוניסטישע בעוועגונג. עס וועלען ענטשטעהען פאַרטייען און טענדענצען אין ציוניזם, וואָס וועלען אונטערשטרייכען דעם פּרימאַט פון דער אויפלעבונגס־בעוועגונג. זיי וועלען זיך אַנשטויסען אָן א ווידערשטאַנד פון אַנדערע פאַרטייען, וועלכע וועלען פאָרדערען דעם פּרימאַט פון דער פּראַקטישער א״י־אַרבייט. די ערשטע וועלען זיך גרופּירען אין יענע יאָהרען ארום הערצל׳ן און וועלען זיך אָנרופען „פּאָליטישע" ציוניסטען. די אַנדערע וועלען זיין דירעקטע נאָכפאָלגער פון די „חובבי ציון" און וועלען זיך אָנרופען „פּראַקטישע" ציוניסטען. באַלד וועט זיגען די ערשטע, באַלד די צווייטע טענדענץ.

אמת, אויף דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס שפּילען נאָך די דאָזיגע טענדענצען א גאָר שוואַכע ראָלע. אַלע שטעהען אונטער דעם בעצויבערנדען איינדרוק פון הערצל׳ן. אָבער דאָך געפונט די דאָזיגע דיפערענציאַציע א געוויסען אָבקלאַנג אין דעם יחס פון די פערשידענע גרופּען צו דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאַציע און אין דער פראַגע, צי דאַרף מען פיהרען א קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבייט, איידער מען האָט בעקומען די פּאָליטישע קאָנצעסיעס, צי נישט.

דר. יעקב בערנשטיין כהן פון קישענעוו, האָט אונטערגעשטראָכען די מעלות פון דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאַציע, רעדענדיג פון די חסרונות נור דרך אגב. ער האָט צוליב דעם געפאָדערט די פאָרטזעצונג פון דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאַציע. לויט זיין מיינונג וועט מען אַזוי גיך נישט בעקומען קיין פּאָליטישע קאָנצעסיעס. טאָ זאָל מען דערוויילע ווייטער קאָלאָניזירען. די קאָלאָניזאַציע, וויאַזוי זי איז מיט איהרע חסרונות וועט וועקען דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין ביי יודען און וועט שטאַרקען אונזער פּאָליטישע פּאָזיציע אין דער וועלט און אין דער טירקיי. די פּראַקטישע אַרבייט אין א״י איז די באַזיס פאַר אונזערע פּאָליטישע שטרעבונגען און... דערגרייכונגען. כהן רעדט אויך וועגען דער ווידעראויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און וועגען א „גייסטיגען צענטער".

א פונקט פערקעהרטען שטאַנדפּונקט האָט איינגענומען דר. שנירער פון וויען. אין זיין רעפעראַט „איבער דער קאָלאָניזאַציע אין א״י" האָט ער אונטערגעשטראָכען אין ערשטער רייהע די נעגאַטיווע מאָמענטען אין דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאַציע, הגם ער האָט צוגעגעבען אויך איהרע פּאָזיטיווע לייסטונגען. זיין קריטיק פון דעם ביזאיצטיגען קאָלאָניזאַציע־סיסטעם דעקט זיך מיט דער קריטיק פון אחד־העם (זעה אויבען זייט 77). שנירער איז אָבער א פּרינציפּיעלער געגנער

פון א עליה און א ווייטערער קאָלאָניזאַציע־טעטיגקייט. דאָס „איינשמוגלען“ זיך קיין א״י וועט נישט נור נישט ברענגען קיין שום ממשות'דיגע לעזונג פון דער יודענפראַגע, נור, וועט, פערקעהרט, נאָך שוואַכען אונזער פּאָזיציע. די טירקיי וועט בעקומען מענשען און קאַפּיטאַל — אָהן א יעדע פּאָליטישע קאָנצעסיע. צוליב וואָס זאָל זי דאַן נאָך בכלל אונטערהאַנדלען מיט די ציוניסטען? עס דאַרפען בלויז סאַנירט ווערען די ביזאיצטיגע קאָלאָניעס, און מען מעג שאַפען קאָלאָניעס אין א״י, אָבער בלויז פון די יודען, וואָס וואוינען שוין אין לאַנד.

ווי בעמערקט איז הערצל געווען דער אַנהענגער פון דער נור וואָס ציטירטער אנשויאונג.

כדי נישט צו שאַפען א איינדרוק, אז די ציוניסטען זענען מסכים מיט דעם ביזאיצטיגען פילאַנטראָפּישען סיסטעם פון דער קאָלאָניזאַציע, האָט הערצל נישט געלאָזט שיקען א בעגריסונגס־טעלעגראַם דעם באַראָן ראָטשילד, הגם ער האָט ריכטיג אָבגעשאַצט ראָטשילד'ס גוטען ווילען און זיינע מעשים.

עס איז אויך קלאָהר, אז דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט האָט געזיגט אויף דעם קאָנגרעס.

אויף דעם קאָנגרעס האָט אויך הערמאַן שאַפּירא פאָרגעשלאָגען די גרינדונג פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. וואָלטען די פריהערע דורות — האָט ארגומענטירט שאַפּירא — געזאַמעלט בלויז די קלענסטע בעטרעגע פאַר א נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָלטען מיר היינט געקענט לייכט אָבקויפען א״י. צוויי דריטעל פון דעם געזאַמעלטען פאָנד דאַרף פערווענדעט ווערען אויף באָדענקויף, וועלכער זאָל בלייבען דאָס אייגענטום פונ'ם יודישען פאָלק, און איין דריטעל אויף איריגאַציע. דער קאָנגרעס האָט אָבער נאָך נישט בעשלאָסען די גרינדונג פון אזא נאַציאָנאַלפאָנד.

איבער פינאַנציעלע פראַגען האָט רעפערירט ה' מאָזעס פון קאַטאָוויץ. ער האָט פאָרגעשלאָגען די גרינדונג פון א באַנק אויף גענאָסענשאַפטליכע יסודות.

איצט איז דער קאָנגרעס צוגעטרעטען צו דעם בעשלוס פון א פּראָוויזאָרישען אָרגאַניזאַציע־סטאַטוט און צו דער וואַהל פון א לייטונג. אלס גרונדלאַגע פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע זענען געשאַפען געוואָרען די בעזונדערע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דאַרפען ווערען געשאַפען בהסכם מיט די לאַנדעס־געזעצען אין די פערשידענע לענדער. יעדער יוד וואָס איז מסכים מיט דעם באַזעלער קאָנגרעס דאַרף אויסקויפען א שקל (1 קראָנע, מאַרק, פראַנק). 100 שקל־צאָהלער וועהלען איין דעלעגאַט אויף דעם קאָנגרעס, וועלכער ווערט איינגערופען איינמאָל אין יאָהר.

עס איז אויך געוועהלט געוואָרען א לייטונג (אַקציאָנס־קאָמיטעט) פון 23 חברים, דערפון האָבען געמוזט וואוינען אין וויען פינף (דער „ענגערער אַקציאָנס־קאָמיטעט“). אלס פּרעזידענט פון דעם אקציאָנס־קאָמיטעט און פון דער גאַנצער בעוועגונג איז געוועהלט געוואָרען איינשטימיג, ביי א גרויסער התלהבות־דיגער שטימונג דר. הערצל. אין דעם וויענער אַקציאָנסקאָמיטעט זענען גע־

ווארען א חוץ דעם געוועהלט דר. שנירער, דר. קאקעש, קרעמענעצקי און נתן בירנבוים. דער לעצטער האט נישט אנגענומען די וואהל. שטאט איהם איז אריין דר. מינץ, וועלכער איז אבער באלד ארויסגעטרעטען פון דער ארגאניזאציע.

די שלוסרעדע האלט הערצל: „מיר זענען ביים שלום פון אונזער ארבייט. איך גלויב, אז דער ציוניזם דארף זיך נישט שעמען מיט זיין ערשטען קאנגרעס. מיר קענען נאך היינט נישט וויסען, ווי עס וועט זיך געשטאלטען די צוקונפט. מיר האבען זיך פערזאמעלט, כדי צו שאפען ארבייט פאר די וואס ליידען. אין דעם טאג אבער, אין וועלכען דער יודישער פויער וועט האלטען דעם אקעראייזען אין זיין האנד איז די יודישע פראגע געלעזט".

אין א פייערליכער שטימונג שליסט הערצל דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס.

וואס איז אבער געווען דער וויכטיגסטער אויפטהו פון דעם קאנגרעס? הערצל אליין בעצייכענט אין א פאר ארטיקלען, וועלכע זענען דערשינען אין דער „וועלט", אז די וויכטיגסטע עובדה פון דעם קאנגרעס איז געווען דאס, וואס ער האט פעריי־ניגט יודען פון פערשידענע לענדער פון פערשידענע אנשויאונגען און „מענטאלי־טעטען" אונטער דער נאציאנאלער פאהן און אז ער האט געשאפען א פעסטע אר־גאניזאציע מיט א קלאהרען פראגראם.

כאראקטעריסטיש איז פאלגענדער זאץ אין הערצל'ס ארטיקעל אונטער דעם קעפיל: „ערגעבנים פונ'ם קאנגרעס":

„פון פערשידענע יחידים איז געמאכט געווארען דער פערזוך אין דער פער־זאמלונג, פארצושטעלען די בעוועגונג, ווי א סאציאל־דעמאקראטישע. דער פאר־זיצער האט צוריקגעוויזען דעם דאזיגען פרוב, מיט דער צושטימונג פון דער מעהר־הייט פונ'ם קאנגרעס. דער ציוניזם אומפאסט אלע פארטייען און ער קען נישט בעפארצוגען נישט קיין פאליטישע און נישט קיין רעליגיעזע ריכטונג, ווייל ער שטעלט פאר די נאציע, די גאנצע נאציע.

דאס איז אבער דאס גרעסטע ערגעבנים פונ'ם קאנגרעס: ער האט געוויזען, אז דער יודיש־נאציאנאלער געדאנק פערמאגט דעם פעראייניגענדען כח, צוזאמענ־צופאסען צו א איינהייטליכער מאסע די שפראכליך, סאציאלפאליטיש און רעליגיעז דיפערענצירטען".

אין זיינע טאגביכער שרייבט הערצל: „אין באזעל האב איך געגרינדעט די יודישע מלוכה".

הערצל האט אריינגעבראכט דעם פאליטישען קוק אין דער יודענפראגע און אינ'ם ציוניזם. ער האט אפילו אין דער בעציהונג אריבערגעכאפט די מאס. דאס זעהט מען בולט פון דעם פאלגענדען ציטאט, וועלכער דרוקט אויס א פאלשען געדאנק, לויט אונזער היינטיגער מיינונג און... ערפאהרונג.

אין דעם ארטיקעל: „דער באזלער קאנגרעס" שרייבט הערצל:

„א לאנד, וועלכעס געהערט לויט דעם עפענטליכען רעכט צו די

יודען, וועלכעס געהערט אָבער ביז צו דער לעצטער פּאַרצעלע לויט דעם גרונד־בוך צו די נישט־יודען, בעדייטעט די לעזונג פון דער יודענפראגע אויף אייביג".

די געשיכטע נאָך דער מלחמה וועט אונז בעווייזען, אז נישט דער רעכטס־מיטעל איז וויכטיג, נור דער פּאַקטישער בעזיץ דורך ארבייט.

דער קאָנגרעס האָט אָבער ארויסגערופען ביי די יודישע מאַסען די גרעסטע בעגייסטערונג. זיי האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט, אז עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייער בלאַט אין דער יודישער געשיכטע.

ווי אזוי האָט דעריבער געשריבען דר. טהאָן? „צוערשט זענען געווען ציוניסטען, אָבער נישט קיין ציוניזם, ציוניסטישע פעריינע, אָבער נישט קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ציוניסטישע פיהרער, אָבער נישט קיין ציוניסטישע לייטונג".

ווי האָט אָבער אָבגעשאַצט דעם קאָנגרעס און דעם פּאָליטישען ציוניזם דער „לעהרער", אחד־העם?

ער האָט געוואָרענט מען זאָל נישט אריינפאַלען אין א התפעלות. נאָכ'ן קאָנגרעס האָט ער פערעפענטליכט אין „השלוח" א ארטיקעל, אין וועלכען ער האָט געשריבען:

„אויך אין באַזעל בין איך געזעסען איינזאַם צווישען מיינע ברודער, ווי א אבל צווישען מחותנים; אָבער אויך איצט וועל איך חלילה נישט פערלייקענען דעם אמת. זאָלען אנדערע זאָגען, וואָס זיי ווילען, אָדער צוליב נאַאיוויטעט, אָדער צוליב ערגערע סבות, אָבער איך וועל נישט אויפהערען צו רופען: זייט פאָרזיכטיג. די סכנה איז נאָהנט און באַלד קען קומען די רעאַקציע. אויך די דאָזיגע בעגייסטערונג קען לייכט ברענגען ענטוישונג".

פון א בריעף, וואָס אחד־העם האָט געשריבען א יאָהר שפּעטער צו דר. טשלענאָוו, דערוויסען מיר זיך וועגען די בעגעגנישען און שמועסען, וואָס אחד־העם האָט געהאַט מיט הערצל'ן אין באַזעל, בעת'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס:

„צוויי געשפּרעכען — דערצעהלט אחד־העם — האָב איך געהאַט מיט הערצל'ן וועגען ציוניזם. דעם ערשטען — פאַר'ן קאָנגרעס און דעם צווייטען נאָכ'ן קאָנגרעס. צום ערשטען מאָל בין איך, פערשטעהט זיך, נישט אריין אין סאַמע תוך פון דער פראגע. איך האָב נור בעריהרט דעם ענין אויבערפלעכליך. איך האָב מיך נישט געקענט בעפרייען פון דעם געדאַנק, אז א „פּאָליטאַניסטישער" גייסט האָט געשוועבט איבער די געדאַנקען און מיינונגען וועגען ציוניזם.

דאָן איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראגע פון'ם „נאַציאָנאַל־פאָנד". די פיהרער האָבען געשטעלט די פראגע פאַר'ן קאָנגרעס נישט נור טעאָרעטיש נור אויך פּראַקטיש. און אז איך האָב געפרעגט הערצל'ן, ווי שטעלען מיר זיך איין צו בעריהרען אזא וויכטיגע פראגע עפענטליך, אָהן נויטיגע פאָרבערייטונגען, און וואָס וועלען מיר טהון, אז מיר וועלען בלויז שאַפען פאַר'ן פאָנד א קליינען נישטיגען סכום, וואָס וועט זיין א בזיון אָנצורופען איהם מיט אזא גרויסען נאָמען?

עס וועט דאָך זיין א חרפה! דערויף האָט ער מיר געענטפערט: „איז וואָס? אויב די סומע וועט זיין גאָר א קליינע, וועלען מיר וועגען דעם קיינעם נישט דערציילען, און עס וועט בלייבן אונזערער א סוד". עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז נישט קיין גענוגענדער ענפער אין אזא וויכטיגער פראגע. דערווייל איז געוואָרען אונזער געשפרעך איבערגעריסען צוליב עפּיס א סבה.

אָט די פראגע איז געוואָרען געבראכט פאר דעם קאָנגרעס, בלויז אלס טעאָרעטישער פאָרשלאג, און נישט אלס א זאך, וואָס דאַרף באלד ווערען רעאליזירט. איך ווייס נישט, צי אונזער געשפּרעך האָט דערצו געבראכט, אָדער אנדערע סבות האָבען גורם געווען דערצו, אָבער דאָס האָב איך בעמערקט, אז זייט דאַן דרעהט זיך ארום הערצל פון מיר. און אז איך האָב איהם אויפ'ן צווייטען טאָג פונ'ם קאָנגרעס געבעטען צו בעשטימען פאר מיר א צייט פאר א ספּעציעלען שמועס וועגען א וויכטיגער פראגע, האָט ער עס מיר צוגעזאָגט און נישט געהאלטען וואָרט. אָבער איך האָב בעשלאָסען צו בעשטעהען דאָס מאָל אויף דאָס מייניגע און האָב איבערגעחזרט מיין בקשה אויך דעם דריטען טאָג. הערצל האָט ווידער צוגעזאָגט, אז באלד נאָך דער זיצונג וועט ער מיך איינלאַדען צו זיך און ווידער האָט ער נישט געהאלטען וואָרט. איך האָב שוין געמיינט, אז מיר וועט נישט געלונגען מיט איהם צו רעדען, אָבער צופעליג האָב איך איהם בעגעגענט דעמזעלבען טאָג פאַרנאַכט, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער פערשטאַנען פון מיין אויסדרוק, אז זיין יחס וואונדערט מיך, האָט ער דאַן געבעטען ביי מיר, איך זאָל איהם מוחל זיין, וואָס ער האָט נישט געקאָנט האלטען וואָרט. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען, איך זאָל מיט איהם אזוי געהען אין גאַס און זאָל איהם פאָרלעגען די פראגען, וואָס איך וויל. האָב איך מסכים געווען און מיר זענען אזוי ביידע געגאנגען. האָב איך צו איהם געזאָגט: מיין הער, אלס מיטגליד פונ'ם חובבי־ציון־קאָמיטעט אין רוסלאַנד, מוז איך, ווען איך וועל צוריקקומען, אָבגעבען א בעריכט וועגען דעם אלעם, וואָס האָט זיך דאָ געטהון. איז וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך דאָ פאר מיינע אויגען, פרעג איך גאָר נישט. איך זעה אלץ און איך וועל וויסען, וואָס צו זאָגען. איך דאַרף נישט דערצו קיין פירושים. אָבער אויב די חברים וועלען מיך פרעגען, וואָס האָט דר. הערצל געטהון, כדי אויסצווווירקען אויף דער טירקיי, און אויף וואָס איז ער זיך סומך אין זיין האָפנונג, אז די טירקיי וועט ערפולען אונזערע שטרעבונגען? וואָס זאָל איך זיי ענפערן אויף דער דאָזיגער פראגע?

דאַן — שרייבט אחד־העם — האָבען זיך אויפגעעפענט די קוואלען פון „דיפּלאָמאַציע" און במשך פון א פּאָר מינוט האָב איך בעוויזען צו הערען און אלץ צו פערשטעהען... פון דעם אלעמען, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, האָב איך קלאָהר פערשטאַנען, אז ער האָט באמת נישט קיין שום וויכטיגע זאך מיר מודיע צו זיין... דאָס אלץ האָב איך געזאָגט נאָך יענעם אָווענד צו אייניגע פון מיינע בעקאַנטע, און צווישען זיי איז אויך געווען, דאכט זיך, אונזער פריינד אוסישקין".

דער אַנטאַגאָניזם צווישען אחד־העם'ן און הערצל וועט נאָך וואַקסען און וואַקסען.

צוואנציגסטער קאפיטעל.

די צייט צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען ציוניסטישען קאָנגרעס. 1897/1898.

נאָך דער יום־טוב׳דיגער קאָנגרעס־שטימונג האָט זיך אָנגעהויבען דער גרויער טאָג־טעגליכער קאַמף און די שווארצע ציוניסטישע ארבייט. הערצל האָט זיך אָנגעשטויסען נישט נור אויף געוויסע פאָליטישע שוועריגקייטען, נור קודם־כל אויף דער טרעגהייט פון די ציוניסטישע מאסען. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געטראָגען אויף זיינע פלייצעס דעם שווערען עול פון דער בעפרייאונגס־בעוועגונג. אין זיינע טאָגביכער קלאָגט ער זיך דערויף, אז דער וויענער אקציאָנס־קאָמיטעט האָט איהם וועניג וואָס געהאָלפען. די איינצעלנע מיטגלידער האָבען צוואר געוואָלט זיין „אינפאָרמירט" וועגען אַלץ און האָבען זיך ענטגעגענגעשטעלט הערצל׳ס אליינהערשאפט, אָבער אויב עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען פשוטער ארבייט — האָט קיינער נישט געהאַט קיין „צייט".

תיכף נאָך דעם קאָנגרעס האָט דער פויבסט אָנגעהויבען צו אינטריגירען געגען דעם ציוניזם. הערצל האָט אונטערגענומען פערשידענע פאָליטישע אקציעס, כדי ענטגעגענצווווירקען דער דאָזיגער אינטריגע. דער ערפאָלג איז געווען א קליינער.

אויך פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען אָנגעקומען נישט קיין פרעהליכע ידיעות. די טירקיי האָט בעקומען א פראנצויזישע הלואה און איז ארוים אויף א קורצער צייט פון די פינאַנציעלע שוועריגקייטען. דאדורך איז דער יחס פון דעם טערקישען הויף צום ציוניזם געוואָרען שטארק אָבגעקיהלט. אין דער בעאַרבייטונג פון דער אַפּיניע פון די טערקישע אָפיציעלע קרייזען האָט זיך הערצל בעדינט מיט מענער, וועלכע האָבען געוואָלט דערביי מאכען געשעפטען, האָבען איהם צוגעזאָגט הרים וגבעות און האָבען ביי הערצל׳ן בלויז געשאפען פאלשע אילוזיעס. הערצל האָט אָבער געהאַט א זעהר עמפפינדליכע נאַטור און יעדע ענטוישונג האָט אויף איהם שטארק געווירקט.

ביי דעם אלעמען איז אויך נישט געווען קיין געלד אין דער קאַסע. די „וועלט" האָט געבראַכט דעפיציטען, וועלכע הערצל האָט געדעקט פון זיין אייגענער קעשענע. הערצל האָט אָבער פערשטאַנען, אז די פערווירקליכונג פון ציוניזם נויטיגט

זיך אין א פינאנץ־אינסטרומענט, וואס זאל נישט נור פינאנסירען דעם אויפבוי פונ׳ם לאנד, נור זאל אויך קענען מאכען א גרעסערע אפערטע דער טערקישער מלוכה־קאסא, כדי אויסצופועל׳ן ביי דער טירקיי קאנצעסיעס פאר יודען. בהסכם מיט די ענטוויקעלטע פלענער אינ׳ם „יודענשטאט״, שלאגט הערצל פאר די גרינדונג פון א „קאלאניאל־באנק״, וועלכע דארף ענטשפרעכען דעם מהות פון דער „דזשואיש קאמפאני״, מיט א קאפיטאל פון צוויי מיליאן פונט.

כדי צו בעקומען די דאזיגע סומע, זוכט הערצל אין ערשטער רייה נושא־חן צו זיין אין די אויגען פון די יודישע גבירים. אין צוזאמענהאנג דערמיט טויכען אויף פערשידענע פלענער. ער וויל, אז די י. ק. א. זאל איבערנעהמען די פערוואלטונג פון דער באנק. הערצל איז גרייט, אפילו אבצוזאגען זיך צוליב דעם פון דער אנפיהרערשאפט פון דער בעוועגונג. די י. ק. א. זאגט אבער אב.

נארדוי און צדוק כהן פון פאריז מאכען אנשטרענגונגען ביי ראטשילד, צוצוהעלפען צו דער גרינדונג פון דער באנק, אבער ערפאלגלאז. עס ענטשטעהט א געוויסע שפאנונג צווישען די ראטשילד׳ס און הערצל׳ן. הערצל פלאנט צו מאכען א אפאזיציע ראטשילד׳ן צוליב דעם דאזיגען אבזאג. אויך אין ענגלאנד ווערען געמאכט פערשידענע פרובען דורך וואלפזאהנען, צוצוציהען געוויסע יודישע קאפיטאליסטען — אבער אויך אהן ערפאלג.

אט אזוי זעהט הערצל צום צווייטען מאל, אז די יודישע גבירים סאבאטירען זיין אקציע און עס בלייבט פאר איהם דער איינציגער וועג, זיך צו ווענדען צו די ברייטע יודישע מאסען.

צו דעם צוועק, ווי אויך כדי ארומצורעדען דעם סדר־היום און די פראבלעמען פון דעם צווייטען ציוניסטישען קאנגרעס, רופט הערצל איין, אויף דעם 23, 24, 25 אפריל 1898 א פארקאנפערענץ קיין וויען, וואו מען האט א. א. אויך בעשלאסען צו גרינדען די יודישע „קאלאניאל־באנק״ און מען האט אויפגערופען די יודען צו צייכענען אקציעס פאר דער דאזיגער באנק. מען האט איבערגעלאזט דעם קאנגרעס צו בעשליסען איבער די סטאטוטען פון דער באנק. דערמיט האט אויך הערצל געוואלט שאפען א געגענגעוויכט געגען דער יודישער פלוטאקראציע.

הערצל האט אויך אונטערגענומען שריט, כדי צו בעקומען א אודיענץ ביים דייטשען קייזער. פאר דעם צווייטען קאנגרעס, איז איהם אבער דאס נישט געלונגען.

דאגעגען איז זיך אבער די בעוועגונג גופא שטארק פונאיינאנדער געוואקסען. עס האבען זיך אנגעשלאסען אן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע גרופען, וואס זענען געשטאנען ביז איצט פון דערווייטענס, אזוי למשל די אמעריקאנישע און שפעטער די ענגלישע חובבי־ציון גרופען. אבער עס ענטוויקלען זיך שטארק אויך די שוין בעשטעהענדע גרופען, בעזונדערס אין רוסלאנד. ביים ערשטען קאנגרעס זענען געוועז טעטיג 117 ציוניסטישע גרופען, ביים צווייטען שוין 913 גרופען. אין איין יאהר זענען צוגעקומען 796 נייע גרופען. דאס איז געשעהען צוליב דער

בריטער מינדליכער און שריפטליכער אגיטאציע, וואס איז געווארען דורכגעפיהרט דורך דעם אקציאנסקאמיטעט. דער אקציאנסקאמיטעט האט ארויסגעגעבען א גאנצע רייה בראשורען און זיי פערשפרייט אין טויזענדער עקזעמפלארען. די וויכטיגסטע זענען: די רעדעס פון הערצל און נארדוי אויף דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס, א רעדע פון נארדוי געהאלטען אין בערלין איבער „די געגנער פון ציוניזם", א בראשור פון יארק שטיינער א. ד. ט. „דער סוף פון דער יודענגוויט" און א בראשור אין פראנצויזישער, העברעאישער און אראבישער שפראך, פאר די אריענטאלישע יודען. דער אקציאנסקאמיטעט האט אויך דורכגעפיהרט מיט ערפאלג די שקל-אקציע, אזוי אז דער צווייטער ציוניסטישער קאנגרעס איז שוין בעשטאנען פון געוועהלטע דעלעגאטען.

עס זענען געווען פארהאנען מאמענטען אין הערצל'ס לעבען אין דעם דאזיגען פעריאד, ווען ער האט זיך געפיהלט מיד און אבגעשפאנט. אויך האט ער געזעהען די שווערע ארבייט פאר זיך און די קליינע מיטעל, וועלכע עס האט איהם צו פערפיגונג געשטעלט דאס יודישע פאלק. דאן האט זיין הארץ אנגעהויבען שלעכט צו פונקציאנירען... אין אזעלכע מאמענטען פאלט הערצל אריין אין א יאוש-שטימונג. און וועלענדיג שאפען גיכע הילף פאר'ן יודישען פאלק, איז ער גרייט, אויפצוגעבען א"י און צו זוכען א אנדערע טעריטאריע, וועלכע איז נישט פערבונדען מיט אזויפיל שוועריגקייטען, ווי ארץ-ישראל.

דעם 1 יולי 1898 שרייבט הערצל אזוי אין זיינע טאגביכער: „איך קלעהר צו געבען דער בעוועגונג א נאהנטערען טעריטאריאלען ציל און בייבעהאלטען ציון אלס ענדציל. די ארימע מאסען נויטיגען זיך אין תיכף'דיגער הילף און די טירקיי איז נאך נישט אזוי פערלוירען, אז זי זאל מסכים זיין אויף אונזערע וואונשען. מיר קענען אפשר פערלאנגען ציפערן פון ענגלאנד אדער דרום-אפריקא, אדער א קלעהר טהון וועגען אמעריקא — ביז צו דער אויפלעזונג פון דער טירקיי".

אודאי זענען געווען פארהאנען אין הערצל'ס לעבען אויך אנדערע מינוטען, וואו ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן פעסטען גלויבען, אז אט אט קומט די ישועה און דאמאלס איז ער זיך אין גאנצען מקריב פאר ציוניסטישער ארבייט, פול מיט שאפונגסקראפט און שאפונגספרייד. נור מענשען, וואס גלויבען שטארק אין זייערע אידעאלען שאפען ג ע ש י כ ט ע, אבער גראד זיי האבען צייטען פון צווייפעל און יאוש.

עס מוזען נאך קומען נאך גרעסערע ענטוישונגען פאר הערצל'ן פון איין זייט און די פאגראמען פון קישענעוו פון דער אנדערער זייט, אז די יאוש-כחות זאלען שטארקער ווערען ביי הערצל'ן, ווי זיין אפטימיזם — און דאמאלס וועט ווערען געבוירען — אוגאנדא.

אײן און צװאַנציגסטער קאַפּיטעל.

דער צװײטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל.

28—31 אויגוסט 1898.

דעם 28 אויגוסט 1898 האָט הערצל געעפענט דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל. אין זײן ערעפנונגסרעדע האָט ער אָנגעװיזען אויף די שװיריגקײטען, אָן װעלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסען די יונגע ציוניסטישע בעװעגונג. אונטער אנדערעם האָט ער אָנגעװיזען אויף די „אָפיציעלע קרײזען" אין'ם יודענטום, װעלכע האָבען איהם געלעגט שטײנער אויף זײן װעג. דאדורך װארפט ער די לאָזונג צו די ציוניסטען: ע ר א ָ ב ע ר ט ד י ק ו ל ט ו ס ג ע מ ײ נ ד ע ן ! זאָלען ציוניסטען װערען אָפיציעלע פערטרעטער פונ'ם יודישען פאָלק און זאָלען די אינסטיטוציעס העלפען דעם ציוניזם.

הערצל דערצעהלט אויך װעגען די סימפּאַטיעס, װאָס דער ציוניזם האָט ערװאָרבען בײ די נישט־יודען און ער פערזיכערט, אז מיר װעלען זיך פערדינען די דאָזיגע סימפּאַטיעס, „װײל מיר װעלען אויפבויען, נישט נור א נײע געזעלשאַפט, נור אויך א גערעכטערע".

עס ערגרײפט דאן דאָס װאָרט צו זײן רעפעראַט „איבער דער לאַגע פון דעם יודישען פאָלק אויף גאָר דער װעלט" מ א ק ס נ א ָ ר ד ױ : מיר האָבען נישט צו דערצעהלען קײן גוטע בשורות. די לאַגע פון די יודען האָט זיך לגמרי נישט געבעסערט. אין מאנכע לענדער איז זי געװאָרען א ערגערע. נאָרדױ דערמאָהנט דעם דרײפוס־פאַל אין פראנקרײך און קומט צום רעזולטאַט, אז נור דער ציוניזם איז די ענדגילטיגע און ראַדיקאַלע לעזונג פון דער יודענפראַגע. נאָרדױ אנאַליזירט דאן די באַדענקלאַזיגקײט פון דעם װירטשאַפטליכען לעבען בײ יודען, אָנרופענדיג דעם יוד „ל ו פ ט מ ע נ ש". דער דאָזיגער רעפעראַט האָט געמאַכט א אונגעהויערען רושם.

דעם ר ע כ ע נ ש א פ ט ס ב ע ר י כ ט ערטײלט דר. ש נ י ר ע ר פון װיען. ער װײזט אָן אויף דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקײט פונ'ם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויף זײן פּראָפּאַגאַנדא־ און אגיטאַציע־ארבײט אין װאָרט און שריפט און רעדט איבער דעם װאַקסטום פון דער בעװעגונג. ער דערצעהלט איבער די

געלונגענע שקל־אקציע און איבער דעם בעשלוס פון׳ם אקציאָנסקאָמיטעט, צו גרינדען א קאָלאָניאַל־באַנק. איבער די פּאָליטישע טעטיגקייט שווייגט ער כמעט לגמרי. ווי מיר ווייסען, האָט דער אקציאָנסקאָמיטעט נישט געהאט צו דערצעהלען קיין וויכטיגע נייעס אויף דעם דאָזיגען געביט.

ה׳ מאָזעס גיט אָב דעם פינאַנציעלען רעכענשאַפטסבעריכט, פון וועלכען עס איז ערזיכטליך, אז די הכנסות זענען געווען גרעסער, ווי די הוצאות מיט 61.000 פראַנק.

איבער די רעפעראַטען ענטוויקעלט זיך א דעבאַטע, וועלכע ווערט פולקאָמען ריכטיג פון הערצל׳ן בעצייכענט אלס א „פערלוירענע און הינקענדיגע“. די דיסקוסאַנטען ווארפען נישט אויף קיין שום נייע און פרינציפּיעלע געזיכטספּונקטען, נור שטעלען זיך אָב אויף לויטער קליינינגקייטען און דעטיילס. מאַנכע האָבען טענות, הלמאי דער פינאַנציעלער רעכענשאַפטסבעריכט דערצעהלט נור וועגען א אלגעמיינעם עודף פון 61.000 פראַנק, נישט אויסרעכענענדיג די איינצעלנע פּאָזיציעס פון הכנסה און הוצאה. אנדערע ווידער לויבען זעהר שטארק די טעטיגקייט פון דעם אקציאָנסקאָמיטעט, וועלכער האָט געלייסטעט גרויסע זאכען, הגם ער האָט נישט געהאט קיין פרוטה אין טאַש. די דאָזיגע גוטע און נאאיווע רייד רופען ארויס הערצל׳ס גרימצאָרן און פערזעצען איהם אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. אויף דער גאַלעריע זיצט נעוולינסקי, א מאַן, מיט וועלכען הערצל האָט זיך בעדינט ביי די אונטערהאַנדלונגען מיט דער טירקיי, און עס טויג הערצל׳ן נישט, אז ער זאָל געוואויר ווערען, אז דער אקציאָנסקאָמיטעט האָט נישט קיין געלד. דיזעלבע מעשה חזר׳ט זיך איבער אויך מיט בערנשטיין כהן. ער לויבט שטארק דעם אקציאָנסקאָמיטעט און זיינע לייסטונגען, ביי זיין אָרימקייט. הערצל שיקט איהם צו צעטלען, ער זאָל דעריבער נישט רעדען. ער חזר׳ט עס אָבער איבער א פּאָר מאָל, אזוי, אז הערצל זעהט זיך געצוואונגען איבערצורייסען די זיצונג.

אויף דעם קאָנגרעס איז אויך פּאָרגעקומען פאָלגענדער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט. דער דעלעגאַט אשכנזי דעלין שטעלט פאָלגענדען אנטראג: אזויווי דער רוסישער צאַר האָט דעם 28 אויגוסט 1898 פאָרגעשלאָגען אלע מלוכות, איינצובערופען א קאָנפערענץ, אין וועלכער מען זאָל בעשליסען א אלגעמיינע ענטוואפנונג, כדי צו זיכערען דעם אייביגען שלום, זאָל דער ציוניסטישער קאָנגרעס בעגריסען די דאָזיגע איניציאַטיווע און צוגלייך פּאָרלעגען דער קאָנפערענץ פון אלע מלוכות א מעמאָראַנדום, אין וועלכען עס זאָלען ווערען געפאָדערט די רעכט פון יודען. דער דאָזיגער אנטראג האָט ארויסגערופען א שטורם ביים „לינקען פליגעל“, וועלכער איז געווען פערטרעטען דורך סירקין, לאַנדוי און דר. פּאַרבשטיין. צו בעגריסען די איניציאַטיווע פון דעם בלוטיגען צאַר — איז פאַר זיי געווען א צו גרויסע צומוטונג. הערצל האָט זיך זעהר געערגערט איבער דער אָפּאָזיציע פון דעם לינקען פליגעל. דער גאַנצער אנטראג האָט דאָך געהאט דעם זין, כדי שפּעטער צו געפונען א דערנעהנטערונג צום צאַר, וועלכער

האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — און דאָ מאַכען איהם די לינקע קאַליע, דורך זייערע צווישען־רופען, דעם גאַנצען פּאָליטישען שפּיל. ערשט באַדענהיימער האָט דורך אַ טאַקטישען טריק צוריקגעפיהרט דעם קאָנגרעס אויף זיין ריכטיגען וועג.

עס רעפערירט דאַן דר. מאַנדעלשטאַם איבער דעם „פּאָליטישען ציוניזם". ער ווייזט אָן אין זיין גייסטרייכער רעדע, אַז אַלע אַנדערע פּרובען, צו לעזען די יודענפראַגע קענען נישט געלונגען. אויך דער חובבי־ציוניזם פיהרט נישט צום ציל. דער חובבי־ציוניזם רופט זיך אָן אַ פּראַקטישער ציוניזם. פאַקטיש איז ער אָבער זעהר אונפּראַקטיש, ווייל ער וויל דורכפיהרען די קאָלאָניזאַציע אָהן עפענטליכע רעכט. מאַנדעלשטאַם איז געגען דער וויטערער קאָלאָניזאַציע אָהן פּאָליטישע פּראַאויסזעצונגען. דערוויל זאָל די בעוועגונג גרינדען די באַנק און דורכפיהרען אַ ברייטע פּאָליטישע און קולטורעלע אויפקלעהרונגס־ארבייט צווישען די יודישע מאַסען.

מאַצקין רעפערירט איבער „די לאַגע אין א"י און דעם שטאַנד פון דער ביזאַיצטיגער קאָלאָניזאַציע". מאַצקין איז געוואָרען געשיקט פון'ם אַקציאָנסקאָמיטעט קיין א"י, כדי דאָרט גענוי אויסצופאָרשען די לאַגע און צו רעפערירען אויף דעם קאָנגרעס. מאַצקין האָט ערפילט זיין אויפגאַבע בשלמות. זיין רעפעראַט איז אַ מייסטערשטיק פון טיפער בעאָבאַכטונגסגאַבע. עס איז בעצם אַ פערניכטענדע קריטיק פון דעם ביזאַיצטיגען פילאַנטראָפיש - פּאַטריאַרכאַלישען קאָלאָניזאַציע־סיסטעם. ער כאַראַקטעריזירט איהם מיט פאָלגענדע ווערטער:

„די ביזאַיצטיגע קאָלאָניזאַציע פיהרט צו:

א) דער בערייכערונג פון די שכנות'דיגע אַראַבישע דערפער;

ב) דער פעראַכטונג פון די יודען מצד פון די אַנדערע בעפעלקערונגס־טיילען, צוליב דער הכנעה, וואָס יודען דערליידען צוליב דער „אינפילטראַציע";

ג) דער אַדמיניסטראַציע־ווירטשאַפט און דאַדורך צו קריכעריי;

ד) אַ מוטלאָזיגקייט אין די רייהען פון די קאָלאָניסטען;

ה) פּלאַנלאָזיגקייט און צופאַל. דאַדורך ווערען קאָלאָניזירט קראַנקע מקומות, ווי חדרה, ווייל עס איז נישט פאַרהאַנען קיין אַלגעמיינער ראַציאָנעלער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן. גוטע פּראָיעקטען פאַלען דורך און שלעכטע ווערען בעשטעטיגט;

ו) דער שאַפונג פון קליינע קאָלאָניעס, וועלכע זענען שוואַך און פעראורזאַכען גרויסע הוצאות;

ז) דער „אַראַבּיזירונג" (ד. ה. לויט מאַצקין צו דעם זינקען פון דעם מאָראַלישען ניוואָ) ביי אַ טייל יודען".

דאַן געהט מאַצקין איבער צו דעם קולטורעלען מצב פון די יודען אין א"י. אויך אויף דעם געביט איבט מאַצקין אַ שאַרפע קריטיק און איז פול פון בעוואָרענישען.

בהסכם מיט די דאָזיגע אויספיהרונגען האָט דער קאָלאָניזאַציע־אויסשוס פאָרגעשלאָגען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

„1) אונטער דער „צוועקמעסיגער בעזידלונג" פון א"י (ציטאַט פונ'ם באַזעלער פּראָגראַם, י. מ.) פערשטעהט מען די קאָלאָניזאַציע, וועלכע דאַרף ווערען דורכ־געפיהרט, נאָכדעם ווי מען וועט בעקומען א ערלויבנים פון דער טערקישער רעגי־רונג, לויט א פּלאַן און אונטער דער לייטונג פון א קאָמיסיע, וועלכע דאַרף גע־וועהלט ווערען דורכ'ן קאָנגרעס.

2) די קאָמיסיע דאַרף בעשטעהען פון 10 חברים און איהר זיצאָרט איז לאָנ־דאָן. אין דער קאָמיסיע שיקען: ענגלאַנד דריי, רוסלאַנד צוויי, דער אַקציאָנס־קאָמיטעט צוויי, גאַליציען, דייטשלאַנד און רומעניען צו איין מיטגליד. דריי מיט־גלידער מוזען שטענדיג וואוינען אין ענגלאַנד.

3) די ערשטע קאָלאָניזאַציע־שריט דאַרפען ווערען אונטערגענומען דורך יודען, וואָס וואוינען אין דער טירקיי.

4) די קאָלאָניאַלבאַנק דאַרף העלפען צו בעקומען א ערלויבניש פון דער טער־קישער רעגירונג.

5) דער קאָנגרעס פערפּליכטעט אלע חברים, אויסצואיבען זייער איינפלוס אויף די בעשטעהענדע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטען, צו ארבייטען בהסכם מיט דעם דאָזיגען פּלאַן.

6) דער קאָנגרעס פאָדערט אויף דעם אַקציאָנסקאָמיטעט דורכצופיהרען א וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונג מכח דער רעכטליכער לאַגע פון די יודען אין דער טירקיי בכלל און אין א"י בפרט".

דער דאָזיגער רעפעראַט ווי אויך די רעזאָלוציעס האָבען ארויסגערופען א גע־נוג שאַרפע דעבאַטע. אַט איז אויפגעטרעטען ראַבינאָוויטש פון ענגלאַנד און האָט געזאָגט, אז דער אקציאָנסקאָמיטעט וועט נישט אזוי גיך בעקומען די ער־לויבניש פון דער טערקישער רעגירונג, אז דערווייל זאָל מען נישט אָבשטעלען די קאָלאָניזאַציע־טעטיגקייט. די וויטערע קאָלאָניזאַציע־ארבייט דאַרף ווערען אָנגע־פיהרט אויך אויף להבא זעלבשטענדיג דורך די ביזאיצטיגע פעריינען, ווייל עס איז נאָך נישט געקומען די צייט זיי זאָלען זיך פערשמעלצען מיט'ן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

פינעלעס און בויעס פון רומעניען האָבען געטענה'ט, אז די רומע־נישע יודען קענען נישט וואַרטען ביז מען וועט בעקומען די עפענטליך רעכטליכע זיכערהייט.

באַמבוס האָט אָנגעוויזען דערויף, אז מאָצקינ'ס קריטיק איז נישט בע־רעכטיגט און האָט געפאָדערט נישט נור א לאַנדווירטשאַפטליכע, נור אויך א אינ־דוסטריעלע קאָלאָניזירונג פון א"י.

בירקענשטיין האָט פאָרגעשלאָגען, זיך צו ווענדען צו דר. הערצקא

(דעם מחבר פון דער סאָציאַלער אוטאָפּיע „פּריילאַנד”), כדי אָנצווענדען אין א"י דאָס גענאָסענשאַפטס־פּרינציפּ.

לבסוף זענען געוואָרען... נאַטירליך אָנגענומען די רעזאָלוציעס פון דעם קאָלאָניזאַציע־אויסשוס.

וואָלפזאָהן און באָדענהיימער רעפערירען איבער דער קאָלאָניאַלבאַנק. נאָכדעם ווי זיי האָבען אָנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען פינאַנץ־אינסטרומענט, האָבען זיי פאָרגעשלאָגען פאָלגענדען סטאַטוט:

§ 1.

אונטער דעם נאָמען „יודישע קאָלאָניאַלבאַנק” ווערט געגרינדעט א באַנק, וואָס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון א קערפּערשאַפט, וועלכע וועט ווערען געוועהלט דורכ'ן קאָנגרעס.

די דאָזיגע באַנק האָט די אויפגאַבע, צו אונטערשטיצען און צו בעגרינדען פאָלגענדע אונטערנעהמונגען, אויב זיי שטעלען אין אויסזיכט א געוויסע רענטאַבּיליטעט:

א) שאַפונג פון אינדוסטריען, פערזיכערונגס־ און שיפפאַהרטס־געזעלשאַפטען אינ'ם אָריענט, ביי דער הערהאַנציהונג פון יודישער ארבייט;

ב) אונטערשטיצונג פון יודישע אַקערבוי־קאָלאָניעס דורך הלואות, דורך קויף און פאַרצעלאַציעס א. א. וו.;

ג) די אָרגאַניזאַציע פון איין־ און אויספוהר אין סיריען און א"י, דורך אונטערשטיצונג פון סוחרישע אונטערנעהמונגען;

ד) ערווערבען פון קאָנצעסיעס פאַר באַהן־ און בערגבוי;

ה) די עריכטונג פון באַנק־אַנשטאַלטען פאַר די אויבען דערמאָהנטע צוועקען.

§ 2.

אויסער דעם איז די באַנק בערעכטיגט, דערווייל צו אינוועסטירען איהרע מיטעל אין אונטערנעהמונגען, אַזוי, אַז די מיטעל זאָלען נישט ווערען פעסטגעלעגט אויף א לענגערער צייט.

§ 3.

אלע ספּעקולאַציע־געשעפטען זענען אויסגעשלאָסען.

§ 4.

די באַנק עפענט פיליאַלעס לויט בעדערפניש און מעגליכקייטען אין אלע לענדער.

די באַנק ווערט בעגרינדעט מיט א קאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן פונט דורך אַקציעס פון איין פונט.

§ 5.

לאָנדאָן איז דער זיץ פון דער באַנק.

§ 6.

די פערפאַסונג און געשעפטספיהרונג פון דער באַנק וועט דורכפיהרען די

פאַרבעריַיטונגס־קאָמיסיע לויט מעגליכקייט, בהסכם מיט די וואונשען פונ׳ם קאָנ־גרעס און פונ׳ם אַקציאָנסקאָמיטעט".

דער דאָזיגער ענטוואורף האָט ארויסגערופען א לעבהאפטע דעבאַטע. א ו ס י ־ ש ק י ן, מ אַ צ ק י ן און אנדערע דעלעגאטען האָבען פערלאַנגט, אז עס זאָל ער־זעצט ווערען אינ׳ם ענטוואורף דאָס וואָרט „אָריענט" (§ 1, פונקט א) דורך דעם וואָרט „סיריען און פּאַלעסטינא", מורא׳האָבענדיג, אז די באַנק זאָל נישט וועלען ארבייטען ערגיץ אנדערש.

פון דער לינקער זייט האָט דר. פ אַ ר ב ש ט ײ ן אָנגעוויזען אויף דער שעד־ליכקייט פון דער גרינדונג פון א אקציען־באַנק. אקציעס קענען ערווערבען אויך נישט־ציוניסטען און אזוי ווי דער דעה־זאָגער אין א אקציענגעזעלשאַפט איז דאָך די גענעראַל־פערזאַמלונג פון די אַקציאָנערען, קומט אויס, אז דער קאָנגרעס זאָגט זיך אָב פון זיין השפעה איבער דעם איינציגען און וויכטיגסטען פינאַנץ־אינסטרו־מענט. פאַרבשטיין האָט פאָרגעשלאָגען דעם גענאָסענשאַפטס־פּרינציפּ.

דאָס זעלבע פאָדערט אויך ס י ר ק י ן: „מיר ווילען, אז די קאָלאָניזאַציע זאָל ווערען דורכגעפיהרט אויף א נייען ווירטשאַפטליכען פּרינציפּ, אויפ׳ן פּרינציפּ פון דער גענאָסענשאַפט און דאדורך בין איך געגען דעם דאָזיגען ענטוואורף".

איהם האָט געענטפערט מ אַ ר מ אָ ר ע ק: מ י ר א נ ע ר ק ע נ ע ן נ י ש ט ק י י ן צ י ו נ י ס ט ע ן א ו י ף ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן. אזוי ווי די מאַיאָריטעט איז געגען דעם גענאָסענשאַפטס־פּרינציפּ, מוז זיך די לינקע דערמיט רעכענען און טאָר נישט ווארפען דעם גט פאר די פיס.

ווי מיר זעהען, האָט שוין דער צווייטער קאָנגרעס געהאט זיין „סאָציאַליס־טישע" דעבאַטע, וועלכע האָט אויף מאַנכע שטעלען אָנגענומען אזא שארפע פאָרם, אז דר. מאַנדעלשטאַם האָט געשטעלט דעם משונה׳דיגען אַנטראַג „אויסצושליסען אַלע סאָציאַליסטען פונ׳ם קאָנגרעס". נאַטירליך לאָזט הערצל נישט צו אפילו דע־ריבער צו רעדען.

דר. ז אַ ל ץ פון קראָקע האָט געפאָדערט, אז די באַנק זאָל נישט טאָרען מאכען קיין זייטיגע געשעפטען, אין סתירה צו § 2 פונ׳ם ענטוואורף.

אנדערע האָבען ווידער פאָרגעשלאָגען, אָבצולעגען די גרינדונג פון דער באַנק אויף איין יאָהר.

לבסוף זענען געוואָרען אָנגענומען אלע פארשלאגען פון וואָלפזאָהן—באָדענ־היימער. נור 1 § פונקט א׳ האָט בעקומען פאָלגענדען צוזאץ: „...אָריענט, אינס־בעזונדערע און אין ערשטער רייה אין סיריען און אין א"י...". דער דאָזיגער צו־זאץ איז בעקאַנט אלס „לעקס אוסישקין" (דאָס געזעץ פון אוסישקין). געגען דעם ענטוואורף האָבען געשטימט 5 דעלעגאַטען.

ע ה ר ע נ פ ר י י ז, ג אַ ס ט ע ר און ק אָ ה ן האָבען רעפערירט איבער דער ק ו ל ט ו ר אַ ר ב י י ט. אויך די דאָזיגע עובדה, וואָס נור רבנים האָבען געהאט

דאָס קולטור־רעפעראט, האָט ארויסגערופען א ווידערשטאנד מצד פון די לינקע, אינסבעזונדערע פון סירקין.

די רעפערענטען האָבען געפאָדערט די פערברייטונג פון דער העבּרעאישער שפּראך און קולטור, די שאפונג פון א העבּרעאישען שפראך־פעריין מיט'ן זיץ אין וויען, די גרינדונג און אונטערשטיצונג פון שולען אין א"י א. א. וו.

כדי צו בערוהיגען די אָרטאָדאָקסע קרייזען האָבען די רעפערענטען פאָרגע־שלאָגען און דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„דער ציוניזם שטרעבט אָן נישט נור די עקאָנאָמישע און פאָליטישע, נור אויך די גייסטיגע ווידערגעבורט פונ'ם יודישען פאָלק, שטעהענדיג אויף דעם באָ־דען פון דער מאָדערנער קולטור, און האַלטענדיג זיך פעסט אין איהרע דעראָבּעּ־רונגען. דער ציוניזם נעהמט גאָר נישט אונטער, וואָס שטעהט אין א סתירה צו די רעליגיעזע געזעצען פונ'ם יודענטום".

אָבער רעזאָלוציעס שאפען נישט אָב קיין געזעלשאפטליכע פראגען. נישט איינמאָל וועלען נאָך אויפשווימען אויפ'ן סדר היום פון ציוניסטישע קאָנגרעסען פראָבּלעמען וואָס בעריהרען די רעליגיע און נישט איינמאָל וועט אונז נאָך זיין בעשערט צו האָבען א „קולטור־דעבאטע".

צולעצט איז געוואָרען געוועהלט א „ענגערער אקציאָנסקאָמיטעט", אין וועל־כען עס זענען אריין דר. הערצל אלס פרעזידענט, שנירער, קאַקעש, מאַרמאָרעק און קאָהן אלס מיטגלידער און א ברייטער אַקציאָנסקאָמיטעט מיט פערטרעטער פון פערשידענע לענדער.

אין א מידער אָבער דאָך געהויבענער שטימונג האָט הערצל האַלב 5 א זייגער אין דער פריה, נאָך א גאַנצער נאַכטזיצונג, געשלאָסען דעם קאָנגרעס.

צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

צווישען דעם צווייטען און דריטען קאָנגרעס.

.1898—1899

די דאָזיגע צייט קען אם בעסטען אזוי ווערען כאראקטעריזירט: גרויסע האָפ־נונגען און גרויסע ענטוישונגען, אונגעהוירע אָנשטרענגונגען און קאמפען — מיט קליינע בערך'דיגע רעזולטאַטען; א צייט פון „אור וחושך משמשים בערבוביה" און דאָס האָט גורם געווען, וואָס הערצל איז באַלד געווען „הימעלהויך יאוכצענד" און באַלד „צום טאָדע בעטריבט" — ווי דער דייטש וואָלט געזאָגט.

נור לאָמיר רעגעסטרירען די פאַקטען אין זייער רייהענפאָלגע:

א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג:

תיכף נאָכ'ן שלום פון דעם צווייטען קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבען די פּאָ־ליטישע „סעזאָן" מיט געוויסע גוטע סמנים. שוין די עובדה, וואָס דער סולטאַן האָט געענטפערט אויף דעם בעגריסונגס־טעלעגראם פונ'ם קאָנגרעס, מיט א צימ־ליך ווארעמען טאָן, איז געווען א אָנזאָג, אז דער טערקישער הויף בעציהט זיך צום ציוניזם מיט געוויסע סימפּאַטיעס.

דעם 3 סעפּטעמבער האָט הערצל געהאַט א אוידיענץ ביים גרויסהערצאָג פון באַדען. דער גרויסהערצאָג האָט הערצל'ן דערצעהלט, אז דער דייטשער קייזער, ווילהעלם דער צווייטער, פאָהרט באַלד קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אז ער אינטע־רעסירט זיך מיט'ן ציוניזם. ווייטער האָט ער איהם מודיע געווען, אז דער גראַף אוילענבערג, דער דייטשער באָטשאַפטער אין וויען, האָט בעקומען דעם אויפטראַג אויסצואַרבייטען א רעפעראַט איבער'ן ציוניזם. הערצל האָט, וועלענדיג, אז דייטשלאַנד זאָל אויסאיבען איהר איינפלוס אויף דער טירקיי לטובת דעם ציוניזם, פאָרגעשלאָגען דעם גרויסהערצאָג, אז דייטשלאַנד זאָל איבערנעהמען דאָס פּראָ־טעקטאָראַט איבער די יודישע קאָלאָניזאַציע, און האָט אָנגעוויזען דערויף, אז די יודען זענען פערבונדען מיט דער דייטשער קולטור און אז דער ציוניזם שאַפט א געגענגעוויכט געגען די אומשטורץ־פּאַרטייען ביי יודען. אַלזאָ, האָט הערצל גע־פאָדערט די פולע אויפמערקזאַמקייט און הילף פון דער דייטשער רעגירונג. דער גרויסהערצאָג האָט צוגעזאָגט זיין הילף.

דעם 16 סעפטעמבער האָט הערצל א אונטערדרעדונג מיט׳ן גראף אוילענבערג, אין וועלכער ער האָט דעם באָטשאַפטער ערקלעהרט דעם מהות פון ציוניזם, און פאר איהם פונאייננאַנדערגעוויקעלט זיין פלאַן מכח דעם פּראָטעקטאָראַט פון דייטשלאַנד. הערצל האָט אוילענבערג׳ן געבעטען, ער זאָל איהם פערשאַפען א אויריענץ ביים דייטשען קייזער, וועלכער וועט קומען דעם 18 סעפטעמבער קיין וויען. דער באָטשאַפטער האָט איהם געראָטען, זיך קודם כל צו פערשטענדיגען מיט בילאָוו׳ן, וועלכער וועט אויך ווײלען אין וויען, צוזאמען מיט׳ן דייטשען קייזער.

דעם 18 סעפטעמבער איז פאָרגעקומען הערצל׳ס ערשטער געשפּרעך מיט בילאָוו׳ן. דער דאָזיגער געשפּרעך האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבען. „מיר האָבען בלויז געפּלוידערט“, שרייבט הערצל אין זיינע טאָגביכער. די אוידיענץ מיט׳ן דייטשען קייזער איז נישט פאָרגעקומען.

דעם 21 סעפטעמבער שרייבט הערצל א בריעף דעם גראף אוילענבערג, אין וועלכען ער זעצט איהם פונאייננאַנד די טעזיסען פון ציוניזם און די פאָרטיילען, וועלכע דער ציוניזם וועט ביטען אלע פעראינטערעסירטע צדדים. ער ווייזט אויך אָן אויף דער אינערער שוואכקייט פון פראַנקרייך, אזוי, אז פראַנקרייך וועט נישט מאכען דייטשלאַנד קיין שום שוויריגקייטען, אויב דייטשלאַנד זאָל איבערנעהמען דאָס פּראָטעקטאָראַט איבער א״י. הערצל בעט דעם באָטשאַפטער נאָך אמאָל, ער זאָל איהם פערשאַפען א אוידיענץ ביים דייטשען קייזער.

אינצווישען פאָהרט הערצל קיין פאריז און לאָנדאָן אין אנגעלעגענהייטען פון דער קאָלאָניאַלבאַנק. אויף דעם וועג, אין אמשטערדאם, בעקומט הערצל דעם 1 אָקטאָבער די פרעהליכע ידיעה, אז דער דייטשער קייזער וויל עמפּפאַנגען הערצל׳ן אין ירושלים.

די דאָזיגע ידיעה מאכט אויף הערצל׳ן א אונגעהוירען רושם. איצט — מיינט הערצל — מוז מען גיך גרינדען די קאָלאָניאַלבאַנק, כדי צו זיין פאָרבערייטעט צו דער, לויט הערצל׳ס מיינונג, בעפאָרשטעהענדער קאָלאָניזאַציע פון א״י.

מאנכע ענגלישע ציוניסטען, נישט וויסענדיג, וואָס דאָ געהט פאָר, זענען געווען געגען דער זאָפּאָרטיגער גרינדונג פון דער באַנק, צוליב טעכנישע סבות. די דאָזיגע עובדה האָט הערצל׳ן פערשאַפט גרוים עגמת נפש.

איבער הערצל׳ס געמיטסצושטאַנד בעווייזט אם בעסטען פאָלגענדער פאַקט: דעם 4 אָקטאָבער האַלט הערצל אין לאָנדאָן א עפענטליכע רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אז נאָך קיינמאָל איז דער ציוניזם נישט געשטאַנען אזוי נאָהנט פאַר זיין פערווירקליכונג ווי איצט. מאָצקין האָט הערצל׳ן צוליב דער דאָזיגער רעדע שטאַרק אָנגעגריפען. ווי קען מען — האָט ער געטענה׳ט — שאַפען אזעלכע אילוזיעס פאַר׳ן פאָלק. הערצל האָט זיך פערענפערט דערמיט, אז פּסיכאָלאָגיש איז דאָס א פערשטענדליכע זאַך, אז א פיהרער גיט א מאָל א צו אָפּטימיסטישע אָבשאַצונג פון דער לאַגע, אויב ער בעקומט א גוטע און פרעהליכע ידיעה. הגם פּאָליטיש איז די רעדע נישט געווען אין אָרדנונג.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט בילאָוו, אוילענבערג און דעם גרויס־הערצאָג האָט מען בעשלאָסען, אַז דער דייטשער קייזער זאָל אויפנעהמען הערצל׳ן אויף א אודיענץ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אויסערדעם א ציוניסטישע דעפּוטאַציע אין ירושלים. דערויף האָט הערצל געמאַכט אַלע פּאָרבערייטונגען צו די געשפּרעכען מיט׳ן דייטשען קייזער. אין דער דעלעגאַציע זענען געוואָרען בעשטימט פאָלגענדע פּערשוינען: וואָלפזאָהן, באָדענהיימער, שנירער און אינז. זיידענער.

דעם 16 אָקטאָבער איז הערצל געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. געוויסע כחות האָבען געאַרבייט, אַז די אודיענץ זאָל נישט קומען צושטאַנד. דאָך איז זיי דאָס נישט געלונגען. דאָס געשפּרעך איז פּאָרגעקומען דעם 18 אָקטאָבער און עס האָט געדויערט אַנדערטהאַלב שעה, בעת וועלכען מען האָט געשטרייפט פערשידענע פראַגען. דער אַנוועזענדער בילאָוו האָט זיך בעמיהט אָבצושוואַכען הערצל׳ס איינדרוק דורך פערשידענע בעמערקונגען, וועלכע ער האָט געלאָזט פאַלען פון צייט צו צייט.

אַזוי האָט ער אָנגעדייטעט, אַז הינטער הערצל׳ן שטעהט נישט קיין שום מאַכטפאַקטאָר, אַז אפילו הערצל׳ס אָרגאַן, די נ. פר. פּרעסע שרייבט נישט איבער׳ן ציוניזם. „א גרויסע צייטונג איז דאָך נור א געלדפראַגע״ — האָט הערצל דערויף געענטפערט. עס בלייבט אָבער אויף יעדען פאַל א היסטאָרישער פאַקט, אַז דער יחס פון דער נ. פר. פּרעסע צום ציוניזם אונטער בענעדיקט׳ס לייטונג, האָט געבראַכט א שטאַרקען שאָדען דער בעוועגונג אין א ענטשיידענעם מאָמענט.

טראָצדעם האָט הערצל בעקומען דעם איינדרוק, אַז דער דייטשער קייזער בעציהט זיך סימפּאַטיש צו הערצל׳ס פּלאַן. אויף דער פראַגע, וואָס דער דייטשער קייזער זאָל פערלאַנגען ביים סולטאַן, האָט הערצל געזאָגט: „א קאָנצעסיאָנירטע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט פאַר יודען (א טשאַרטער! י. מ.) אונטער דעם שוץ פון דייטשלאַנד״. דאָס האָט איהם דער קייזער צוגעזאָגט. דאַן האָט מען נאָך אַרומגערעדט די פּרטים וועגען דעם עמפּפאַנג פון דער דעפּוטאַציע אין ירושלים. הערצל האָט צוגעזאָגט צו שיקען בילאָוו׳ן דעם טעקסט פון זיין אַנשפּראַכע צו צענזור...

אין אַלגעמיינעם איז הערצל געווען פון דער אודיענץ צופרידען. דאַן איז הערצל געפאָהרען קיין א״י. אין א״י האָט הערצל בעזוכט די קאָלאָניעס ראשון לציון, רחובות א. א. וו. די קאָלאָניסטען האָבען איהם אויפגענומען מיט גרויסער בעגייסטערונג. דאַגעגען האָבען די אַדמיניסטראַטאָרען פון׳ם באַראָן געלאָזט אַרויספיהלען הערצל׳ן זייער גאַנצען נעגאַטיווען יחס צו זיין ארבייט און האָבען אפילו אינטריגירט געגען איהם ביי די טערקישע בעהערדען. הערצל, הערענדיג, אַז דער דייטשער קייזער וועט דורכפאָהרען פון יפו קיין ירושלים דורך מקוה־ישראל, האָט בעשלאָסען איהם צו מאַכען אין מקוה־ישראל א שעהנעם עמפּפאַנג. ער האָט פערזאַמעלט שולקינדער אויף דעם שטראָס און געלאָזט זיי זינגען „הייל דיר אים זיגעס־

קראַנץ״, בעת דער קייזער איז דורכגעפאָהרען. דער קייזער האָט זיך בעגריסט מיט הערצל׳ן פריינדליך און איז געוועזן שטאַרק צופרידען מיט דעם עמפּפאַנג.

דעם צווייטען נאָוועמבער 1897, פּונקט 20 יאָהר פאַר דער באַלפור־דעקלע־ראַציע, האָט דער דייטשער קייזער אויפגענומען הערצל׳ן מיט זיין דעפּוטאַציע אין ירושלים. אין זיין, טיילוויז דורך בילאָוו אויסקאָרוגירטער אנשפּראַכע, האָט הערצל אָנגעוויזען אויף דער צוגעבונדענקייט פון די יודען צו א״י, איבער דער נויטיגקייט אריינצוברענגען קולטור אינ׳ם לאַנד פון איין זייט, און צו העלפען די יודישע מאַסען פון דער אַנדערער זייט. דער ציוניזם איז נישט אויסען צו שעדיגען די אינטערעסען פון וועמען עס איז, אינסבעזונדערע נישט די טערקישע אינטע־רעסען. די ציוניסטישע בעוועגונג וויל בלויז שאַפען א לאַנדגעזעלשאַפט צו קאָלאָ־ניזירען א״י. און מיר האָפען, אז דער דייטשער קייזער וועט נעהמען אין שוץ די דאָזיגע געזעלשאַפט און וועט אויסווירקען פאַר איהר געוויסע רעכט ביי דער טערקישער רעגירונג.

דער קייזער האָט נישט געזאָגט יאָ און נישט געזאָגט ניין; ער האָט בלויז אונטערגעשטראָכען, אז א״י נויטיגט זיך אין וואַסער און שאָטען...

דערפון האָט הערצל בולט ארויסגעפיהלט, אז עס איז עפּיס קאַליע געוואָרען און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז בילאָוו האָט פערדאָרבען די גאַנצע זאַך... ביי דער דאָזיגער אודיענץ האָט די דעפּוטאַציע איבערגעגעבען דעם קייזער ווילהעלם א אַלבום מיט פאָטאָגראַפיעס פון די א״י׳דיגע קאָלאָניעס.

דער ווייטערער אויפענטהאַלט אין פּאַלעסטינא איז געוועזן פאַר הערצל׳ן זעהר אונאַנגענעהם און הערצל האָט געזוכט די ערשטע געלעגענהייט צוריקצופאָהרען קיין אייראָפּאַ.

איבער די ירושלימער אודיענץ האָט דאָס קאָרעספּאָנדענצביוראָ ארויסגעלאָזט פאָלגענדען קאָמוניקאַט:

„ירושלים, 2 נאָוועמבער. קייזער ווילהעלם האָט עמפּפאַנגען אין ירושלים א יודישע דעפּוטאַציע, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען א אַלבום פון די יודישע קאָלאָניעס. אויף דער אנשפּראַכע פונ׳ם פיהרער פון דער דעפּוטאַציע, האָט גע־ענטפערט קייזער ווילהעלם, אז אַלע די־יעניגע בעשטרעבונגען קענען רעכענען אויף זיין „וואָהלוואָלענדעס אינטערעסע״, וועלכע האָבען דעם ציל, צו הויבען די לאַנד־ווירטשאַפט אין א״י צום וואוויל פון דער טערקישער מלוכה, ביי דער פולער רע־ספּעקטירונג פון דער סוווערעניטעט פונ׳ם סולטאַן״.

אָט אַזוי האָבען די אָפיציעלע קרייזען פון דער דייטשער פּאָליטיק — וואָהרשיינליך בילאָוו — פערדרעהט דעם אמת׳ן זאַכפערהאַלט און צו נישט גע־מאַכט הערצל׳ס בעשטרעבונגען. די דאָזיגע עובדה האָט אריינגעבראַכט הערצל׳ן און זיין נאָהנטעסטע סביבה אין א שווערען מצב הרוח.

נאָך דער ריקקעהר קיין ווין האָט הערצל ווייטער פאָרטגעזעצט זיינע גוטע בעציהונגען מיט׳ן גרויסהערצאָג און דעם גראַפען אוילענבערג. ער האָלט אונטער

א געגוג לעבהאפטע קארעספאנדענץ מיט די ביידע מלוכה־מענער. אין דער דא־זיגער בעציהונג איז בעזונדערס וויכטיג א בריעף, וועלכען הערצל האט געשריבען דעם גרויסהערצאג דעם 15 דעצעמבער 1897. אין דעם דאזיגען בריעף זאגט הערצל זעהר דייטליך, אז אויב דייטשלאנד וועט נישט איבערנעהמען דאס פראטעקטאראט איבער דער יודישער קאלאניזאציע, מוז ער זיך ווענדען קיין ע נ ג ל א נ ד, ווייל נור איינע פון די דאזיגע מלוכות קומען אין בעטראכט פאר יודען. הערצל האט געבעטען א ווייטערע אודיענץ ביים דייטשען קייזער, וועלכע איז אבער נישט צושטאנד געקומען.

אין די דאזיגע טעג האט הערצל געפיהלט, אז די טאטזאך, וואס די קאלאניאל־באנק ווערט נאך נישט געגרינדעט, בעדייטעט א אונגעהויערע פערשלעכטערונג פון אונזער פאליטישער פאזיציע. די באנק־גרינדונג האט זיך אבער נאך אלץ אנ־געשטויסען אויף גרויסע שוועריגקייטען.

דעם 29 דעצעמבער שרייבט הערצל אין זיינע טאגביכער: „דער שטאנד פון אונזער זאך איז ממש א פערצווייפעלטער. דעריבער קען איך מיך נישט טוישען. נאך דעם ערפאלג פון דער א״י־רייזע איז די אונפעהיגקייט פון אונזערע באנק־און פינאנץ־כחות פשוט קאטאסטראפאל...“.

כדי ארויסצורייסען זיך פון דער קלעם זוכט הערצל צו בעקומען די הסכמה פון צאר צום ציוניזם. צו דעם צוועק שרייבט ער דעם 18 יענער 1899 א בריעף צו דער באראנין סוטנער, אין וועלכען ער ערקלעהרט איהר די צילען פונ׳ם ציוניזם און בעט זי, זי זאל איהם פערזארגען א אודיענץ ביים רוסישען צאר. **די אודיענץ** איז אבער דערווייל נישט פארגעקומען.

בלית ברירה ווענדעט זיך איצט הערצל צום גרויסהערצאג מיט א געענדערטען פלאן: עס זאל צוערשט געשאפען ווערען א „יוריסטישע פערזאן“ אין ענגלאנד, וועלכע זאל קויפען באדען אין א״י, און שפעטער זאל די דאזיגע געזעלשאפט ווערען בעשטעטיגט פ ר י ו ו א ט ר ע כ ט ל י ך אין קארלסרוהע, אונטער דעם שוץ פון דעם גרויסהערצאג. דער גרויסהערצאג איז מסכים דערצו, פערלאנגט אבער נאך די הסכמה פון דעם דייטשען קייזער. צו דעם צוועק שרייבט הערצל א לענגערען בריעף צום דייטשען קייזער, אין וועלכען ער מאכט איהם בעקאנט מיט זיין נייען פלאן, און בעט, צו ערטיילען איהם א אודיענץ. הערצל אונטערשטרייכט, אז אויב דער דייטשער קייזער וועט איהם נישט בעשטעטיגען די אודיענץ, זעהט ער דער־רינען א סימן, אז דייטשלאנד איז נישט גענייגט צו אונטערשטיצען דעם ציוניזם, אפילו אויף אזא נ י י ט ר א ל ע ן אופן. עס איז אנגעקומען א ענפער, אז דער דייטשער קייזער ק ע ן נישט עמפפאנגען הערצל׳ן, ער זאל זיך ווענדען צו ביי־לאוו. הערצל שרייבט איצט א בריעף בילאוו׳ן, אין וועלכען ער זאגט איהם גאנץ אפען, אז ער ווייס דערפון, אז בילאוו איז א געגנער פון ציוניזם, אז דער ציוניזם וועט אבער טראָץ דעם ווערען פערווירקליכט, אז אנדערע מלוכות וועלען איהם אונטערשטיצען, אויב דייטשלאנד וועט דאס נישט וועלען טהון. הערצל איז גרייט

נאָך אַלץ צו אונטערהאַנדלען מיט בּילאָוו'ן און בּילאָוו זאָל איהם רופען, אויב ער האָט פאַר איהם אַ קאָנקרעטען פּלאַן. בּילאָוו האָט הערצל'ן נישט גערופען.

הערצל זעצט נאָך אַלץ פאָרט די קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן גרויסהערצאָג, אָבּער די פּאָליטישע „סעזאָן" איז בּיז צום דריטען קאָנגרעס פערענדיגט.

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער גאַנצער אַרבּייט איז פּראַקטיש געווען אַ נישטיגער, אָבּער דאָך איז געשטאַרקט געוואָרען דורך איהר דער פּרעסטיזש פונ'ם ציוניזם. די בּעוועגונג איז געוואָרען אַ מאַכטפאַקטאָר, הן לגבי פנים, הן לגבי חוץ, און מען האָט אָנגעהויבּען, מעהר ווי בּיז איצט, זיך צו אינטערעסירען מיט'ן ציוניזם. דאָס האָט געשאַפען יענע אינפּאָנדעראַבּיליען, וואָס האָבּען געמאַכט דעם ציוניזם מסוגל — ווייטער צו זוכען אַ נ ד ע ר ע כחות, וואָס זאָלען איהם פערהעלפען צו זיין ציל.

ב) א י ן א י נ ע ר ל י ך - פּ אָ ל י ט י ש ע ר ב ע צ י ה ו נ ג:

דער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט פערווענדעט די גרעסטע ענערגיע, אויף צו גרינדען די קאָלאָניאַל-בּאַנק. ווי מיר האָבּען אויבען בּעמערקט, האָבּען זיך די בּעשטרעבּונגען, צו געווינען די יודישע גרויסע בּענק, נישט איינגעגעבּען. האַדורך האָט זיך דער בּאַנק-קאָמיטעט געמוזט ווענדען צו די בּרייטע ציוניסטישע מאַסען. די סובּסקריפּציע האָט זיך אָבּער אָנגעשטויסען אויף גרויסע שוועריגקייטען. די יודישע בּענק האָבּען זיך אָבּגעזאָגט, אפילו אָנצונעהמען געלד פאַר דער סובּסקריפּציע פון די אַקציען. אין רוסלאַנד ווידער האָט די רעגירונג פערבּאָטען אַריבּערצושיקען געלד קיין לאָנדאָן פאַר דעם דאָזיגען צוועק. אַ חוץ דעם האָט אויסגעפעהלט אפילו דער קליינער סכום, וואָס איז געווען נויטיג, כדי צו דעקען די גרינדונגס- און סובּסקריפּציע-קאָסטען. הערצל און וואָלפזאָהן האָבּען געמוזט דעקען דעם רוב הוצאות פון אייגענע געלדער. ענדליך איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניאַלבּאַנק אין לאָנדאָן, דעם 20 מערץ 1899, אונטער דעם נאָמען:

„Jewish Colonial Trust Ltd."

מיט אַ אַקציענקאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן פונט.

די סובּסקריפּציע האָט געבּראַכט, נאָך אַ לענגערער אַגיטאַציע 300.000 פונט. די צאָהל פון די אַקציאָנערען האָט בּעטראָפען 140.000. דער אַריינגעבּראַכטער סטאַטוט האָט נישט אין גאַנצען ענטשפּראָכען די וואונשען פונ'ם צווייטען קאָנגרעס. דאָס וועט פיהרען צו אַ בּרייטער בּאַנק-דעבּאַטע אויף דעם דריטען קאָנגרעס. כדי צו זיכערען דעם אייביגען איינפלוס פון דער ציוניסטישער בּעוועגונג אויף דער בּאַנק האָט מען איינגעפיהרט די אַזויגערופענע „גרינדער-אַקציעס". די בּעזיצער פון 100 גרינדער-אַקציעס האָבּען שטענדיג אין דער גענעראַלפערזאַמלונג פון די אַקציאָנערען 50 פּראָצענט פון אַלע שטימען. די גרינדער-אַקציעס ליגען שטענדיג אין די הענד פון דעם אויפזיכטסראַט. מיטגלידער אין דעם אויפזיכטסראַט קענען אָבּער זיין נור חברים פון דעם אַקציאָנסקאָמיטעט. אַזויאַרום איז געוואָרען געזיכערט די השפעה פונ'ם קאָנגרעס אויף דער בּאַנק.

די באנק, וועלכע באזירט אויף ריין געשעפטליכע יסודות, וועט נישט פער־נעהמען יענעם ארט אין דער געשיכטע פונ'ם ציוניזם, וועלכען מען האט ערווארטעט פון איהר. די פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם וועט אננעהמען אין זיין אנפאנגס־שטאדיום אנדערע פארמען, ווי הערצל האט זיך פארגעשטעלט, און צוליב דעם וועלען נאך מוזען ווערען געשאפען גאנץ אנדערע פינאנציעלע אינסטרומענטען.

אין דער דאזיגער צייט האט דער אקציאנסקאמיטעט ווייטער פארטגעזעצט ענערגיש די מינדליכע און שריפטליכע אגיטאציע. עס זענען געווארען ארויס־געגעבען א גאנצע רייהע בראשורען, אזוי די קאנגרעסרעדעס פון הערצל, נארדוי, מאנדעלשטאם, גאסטער א. א. וו. דער אקציאנסקאמיטעט האט אונטערשטיצט דעם פערלאג „אחיאסף" צו זיין ארויסגאבע פון א יודיש־ציוניסטישען ארגאן: „דער יוד" און ער האט געגרינדעט פאר די אריענטאלישע יודען א צייטונג אונטער דעם נאמען „על פראגרעסא".

הערצל, נארדוי, וואלפזאהן, גאסטער, סטיפען וויז א. א. האבען געהאלטען גרויסע רעפעראטען אין צעהנדלינגער שטעט, וועלכע האבען געמאכט א דויערנדען איינדרוק אויף די צוהערער. א דאנק אט א די אלע מיטלען איז איבעראל שטארק געשטיגען די צאהל פון די ארגאניזירטע ציוניסטען: אין רוסלאנד מיט 30%, אין אנדערע לענדער מיט 25%. די צאהל פון ארגאניזירטע ציוניסטען האט בע־טראפען ביים דריטען קאנגרעס 100.000.

אויך זענען צוגעטרעטען צו די „קאנגרעס־ציוניסטען" חובבי־ציון־גרופען אין מאנכע לענדער. אזוי אין רומעניען האבען זיך די חובבי־ציון געענציליך ליקווידירט און האבען געבילדעט מיט די „פאליטישע" ציוניסטען א י י ן איינהייטליכע אר־גאניזאציע. מען פיהלט שוין דאמאלס, אז דער שווערפונקט ליגט בי די „קאנגרעס־ציוניסטען" און אלעס אנדערע וועט מ ו ז ע ן פאוואלי, פאוואלי, אהין גראוויטירען.

דאס בעדייטעט אבער נישט, אז די חובבי־ציון זענען געווארען לגמרי פאסיוו. פונקט פערקעהרט. אין די יאהרען 98/99 לאזט זיך מערקען ביי זיי אפילו א גע־שטייגערטע אקטיוויטעט. אין מערץ 1899 קומט פאר א קאנפערענץ פון די חובבי־ציון אין פאריז, אויף וועלכער מען האט זיך פערנומען הויפטזעכליך מיט פראק־טישע קאלאניזאציע־פראבלעמען. די חובבי־ציון זעהען אין דעם באראן ראטשילד זייערע צענטראלע פיגור, און אין דער פונ'ם באראן קאנטראלירטער י. ק. א. ד י אינסטיטוציע, וואס שפילט די וויכטיגסטע ראלע ביים אויפבוי פונ'ם לאנד. און אין דער אמת'ן איז זיי געלונגען שטארק צו פעראינטערעסירען די י. ק. א. מיט דער קאלאניזאציע פון א"י. ווי מיר וועלען זעהען וועט דאס האבען א גרויסע בע־דייטונג פאר דעם ק א ל א נ י ז א צ י ע ־ ס י ס ט ע ם פון א"י.

די דאזיגע ארבייט פון די חובבי־ציון איז אבער געמאכט געווארען אין א גע־וויסער פיינדליכער איינשטעלונג צו דר. הערצל און צו דעם ציוניסטישען קאנגרעס, אזוי, אז פערשידענע שונאי־ציון האבען ערלעבט א אנגענעהם שויספיל... אין דער קאנפערענץ פון חובבי־ציון האבען אויך גענומען אנטייל מאנכע „קאנגרעס־ציוניס־

טען“, וועלכע האבען זיך ענטטוישט אינ'ם פאליטישען ציוניזם, אדער וועלכע זע־נען אויסגעטרעטען פון דער ארגאניזאציע צוליב פערזענליכע סבות, אזוי למשל דר. זאלץ פון קראקע, באמבוס א. א.

די שארפע שטעלונג פון דעם צווייטען קאנגרעס לגבי דעם לינקען פליגעל, האט גורם געווען פון דער אנדערער זייט, אז מאנכע „ציוניסטען־סאציאליסטען“ האבען זיך אבגערוקט אן א זייט. אזוי האט נחמן סירקין פערעפענטליכט דעם 10/2. 1889 א ערקלעהרונג אין דער „וועלט“, אין וועלכער ער זאגט, אז ער „אלס סאציאליסטישער ציוניסט האט נישט קיין שום שיכות מיט'ן ציוניזם פונ'ם צווייטען באזעלער קאנגרעס“.

אין אלגעמיין איז געווען דער פעריאד 1898/99 א צייט פון פארטשריט פאר'ן ציוניזם.

דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דער דריטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל

15—18 אויגוסט 1899.

אויך דער דריטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געוואָרען איינגערופען קיין באַזעל. אויף דעם דאָזיגען קאָנגרעס זענען נישט געקומען מאַנכע איבערצייגטע אנהענגער פונ'ם פּראַקטישען ציוניזם, ווי באַמבוס און א טייל גאַליצישע חובבי־ציוניסטען. זיי האָבען געזעהען, אז דער קאָנגרעס שטעהט דערוויייל געשלאָסען הינטער הערצל'ס פּאָליטישער קאָנצעפּציע, האָבען זיי זיך דערווייטערט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג (זעה אויבען זייט 135). די דאָזיגע עובדה ווי אויך די טאַטזאַך, אז דער דריטער קאָנגרעס האָט נישט געהאַט, צוליב צייטמאַנגעל, קיין קאָלאָניזאציע־רעפעראַט, האָט גורם געווען, אז מיר וועלען נישט האָבען קיין ויכוח צווישען די „פּראַקטישע" און „פּאָליטישע" ציוניסטען.

אין זיין ערעפענונגסרעדע האָט הערצל אונטערגעשטראָכען די בעדייטונג פון זיין אונטעררעדונג מיט'ן דייטשען קייזער. ער האָט נאָך אמאָל קלאָהר געשטעלט זיין נעגאַטיווע בעציהונג צו דער ביזאיצטיגער קאָלאָניזאציע און האָט פאָרמולירט די אויפגאַבע פונ'ם מאָדערנעם ציוניזם אָט וויאזוי: „אונזערע בעמיהונגען זענען דערויף געריכטעט, צו בעקומען א טשאַרטער פון דער טערקישער רעגירונג, א טשאַרטער אונטער דער סוווערעניטעט פונ'ם סולטאַן. ערשט ווען מיר וועלען זיין אינ'ם בעזיץ פונ'ם טשאַרטער, וועלכער מוז ענטהאַלטען די נויטווענדיגע עפענטליך רעכטליכע זיכערהייטען, וועלען מיר קענען אָנהויבען א גרויסע פּראַקטישע קאָלאָניזאציע".

כדי צו בעקומען דעם טשאַרטער, האָבען מיר געמוזט שאַפען די קאָלאָניאַל־באַנק. אָבער די קאָלאָניאַלבאַנק אליין וועט נאָך נישט קענען פינאַנסירען די גאַנצע קאָלאָניזאציע. ערשט ווען מיר וועלען בעקומען דעם טשאַרטער, וועלען מיר גרינדען א „לאַנדגעזעלשאַפט" מיט א פיל גרעסערען קאַפּיטאַל. הערצל האָפט, אז דאָס דאָזיגע קאַפּיטאַל וועט קאָנען ווערען אויפגעבראַכט.

ער בעדויערט, וואס דער קאנגרעס נעהמט נאך נישט ארום אלע גרופען און דרוקט אוים די האפנונג, אז דאס וועט מיט דער צייט געשעהען.

דאן ערגרייפט דאס ווארט נ א ר ד ו י צו זיין רעפעראט איבער דער „ל א ג ע פ ו נ׳ם י ו ד ע נ ט ו ם א ו י ף ג א ר ד ע ר ו ו ע ל ט“. לײדער דאס אלטע ליד. די אסימילאנטען מיינען, — זאגט נארדוי — אז אויב עם פערגעהט א יאהר אהן פאגראמען, אדער אנדערע יודענפיינדליכע אקטען, מעגען מיר גאנץ רוהיג איבערלאזען די יודענפראגע. דאס איז פאלש. מיט א אונאיבערטרעפליכער איראניע, דערבײ אבער מיט צווינגענדער לאגיק האט נארדוי ממש „ערלעדיגט“ די דאזיגע טענות. ער וויקעלט פונאייננאנדער דעם ציוניסטישען געדאנק און קומט צום אויספיהר, אז אונזער גרעסטער מאכטפאקטאר איז די הויכע עטיק פון ציוניזם און אונזער פאלקסווילען. ער האפט, אז די רבנים וועלען איינגרייפען מיט זייער אויטאריטעט אין דעם בעפרייאונגספראצעס און דאס גאנצע פאלק וועט זיך זאמלען ארום דער ציוניסטישער פאהן.

א ס ק א ר מ א ר מ א ר ע ק גיט אב דעם רעכענשאפטסבעריכט פונ׳ם אקציונסקאמיטעט. ער רעכענט אוים די ארגאניזאציאנעלע ארבייטען פון דער לייטונג, ער דערצעהלט וועגען דער גרינדונג פון א העברעאישען שפראך־פעריין, גיט א אלגעמיינע איבערזיכט איבער דער גרינדונג פון דער קאלאניאלבאנק און קומט צום אויספיהר, אז דער ציוניזם איז אין דעם בעריכטס־פעריאד געוואקסען, הן בנוגע דער נומערישער ענטוויקלונג, הן בנוגע דער אינטענזיוויטעט פון דער ארבייט.

דר. ק א ק ע ש ערטיילט דעם פינאנציעלען בעריכט. לויט דעמזעלבען קומט אוים, אז דער עודף פון די הכנסות איבער די הוצאות האט אויסגעמאכט 15.000 פראנק. נור קליינע געלדמיטעל זענען געווארען דעם א. ק. געשטעלט צו פערפיגונג.

איבער דעם בעריכט ענטוויקעלט זיך א קלײנליכע, פוסטע גענעראל־דעבאטע, וועלכע איז געשטאנען בדרך כלל בשפל המדרגה. די דעלעגאטען ווארפען פאר דעם א. ק., הלמאי ער האט נישט ציטירט אינ׳ם בעריכט די טעטיגקייט פון זייערע לאנדעס־ארגאניזאציעס, הלמאי דער בעריכט האט נישט אנגעגעבען די צאהל פון די פעריינען אין יעדעם לאנד א. א. וו. נור דר. ו ו ע ר נ ע ר אינטערפעלירט הערצל׳ן, צי איז נישט זיין פארמולירונג פון דער אויפגאבע פונ׳ם מאדערנעם ציוניזם, זיין ט ש א ר ט ע ר - ל א ז ו נ ג, א פערשמעלערונג פונ׳ם פאליטישען תוכן פונ׳ם באזעלער פראגראם. הערצל ענפערט, אז דער טשארטער געהערט צו די נ א ה נ ט ס ט ע פאליטישע אויפגאבען, בעדייטעט אבער נישט דעם ענדציל פון ציוניזם.

דר. וו ע ר נ ע ר פרעגט ווייטער: צי זענען מיר פאליטישע ציוניסטען, ד. ה. צי מענשען, וואס זענען אנהענגער פון דער תיכף׳דיגער פראקטישער א״י־ארבייט האבען פלאץ אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע? אויף דער פראגע בעקומט ער נישט קיין תשובה.

ראַבינער סעף פון רומעניען מיינט, אז עס דארף געשאפען ווערען א סינטעז צווישען פראקטישע און פּאָליטישע ציוניסטען.

חיים וויצמאַן בעקלאָגט זיך, אז דער ענגערער אקציאָנסקאָמיטעט איז נישט געשטאַנען אין א ענגען קאָנטאַקט מיט אלע חברים פונ'ם ווייטערען אקציאָנסקאָמיטעט און אז די קולטורארבייט ווערט בעהאנדעלט שטיפמוטערליך.

טשלענאָוו רעדט אין דעמזעלבען זין.

מאַצקין שטעלט זיך אָב איבער הערצל'ס רעדע אין לאָנדאָן (זעה אויבען) און איז בכלל נישט צופרידען מיט דער ארבייט פונ'ם א. ק., אינסבעזונדערע, וויל דער א. ק. האָט אריינגעבראכט אנדערע סטאטוטען פון דער קאָלאָניאלבאנק ווי דער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען.

אויף די פּאָרוואורפען ענפערט הערצל: עס איז נישט אמת, אז דער א. ק. האָט נישט אויפרעכטערהאַלטען א ענגערען קאָנטאַקט מיט חברים פונ'ם גרויסען א. ק. עס זענען געוואָרען געשיקט במשך פון דער צייט 400 בריעף און צירקולאָרען. וואָס עס איז נוגע די קולטורארבייט, אזוי דארפען מיר אויסשיידען פונ'ם קאָנגרעס אלע פראגען, וואָס קענען פיהרען צו א מחלוקת מיט דער אָרטאָ־דאָקסיע. וואָס עס איז נוגע די סטאטוטען פון דער קאָלאָניאלבאנק, האָט דער א. ק. אלעס געטהון, כדי צו ענטשפּרעכען די וואונשען פון דעם קאָנגרעס, אָבער ענגלישע יוריסטען האָבען זיך געזעהען געצוואונגען די סטאטוטען אנדערש צו פאָרמולירען, צוליב רעכטליכע טעמים.

נאָכדעם ווי דער פינאַנץ־אויסשוס האָט בעשטעטיגט דעם פינאַנציעלען בע־ריכט האָט דער קאָנגרעס ערטיילט דעם א. ק. איינשטימיג דאָס אַבסאָלוטאָריום.

וואָלפזאָהן רעפערירט איבער דער „קאָלאָניאלבאנק". די בעוועגונג בע־קומט א פולע השפעה אויף דער באנק צוליב די „גרינדער־אקציעס", וועלכע שטע־לען פאַר 50% שטימען אויף א יעדער גענעראל־פערזאמלונג און וועלכע ליגען אין דער האנד פון דעם אויפזיכטסראט, אַלזאָ פון א קערפערשאפט, וואָס ווערט געוועהלט דורכ'ן קאָנגרעס. די שוויריגקייטען ביי דער באַנק־גרינדונג, הן די פי־נאנציעלע, הן די רעכטליכע זענען געווען זעהר גרויס און עס איז אונז געלונגען די דאָזיגע שוויריגקייטען צו איבערווינדען, נור א דאנק דער קרבנות־פולער אר־בייט פון מאנכע יחידים. זיי קומט אויך דער גרעסטער דאנק פונ'ם יודישען פאָלק.

דער דאָזיגער רעפעראט האָט ארויסגערופען זעהר א לאנגע און אָפּטמאָלס א שארפע דעבאטע.

די רוסישע דעלעגאטען זענען נישט געווען צופרידען מיט די סטאטוטען פון דער באנק. אין די סטאטוטען איז געוואָרען געזאָגט, אז די באנק קאָן „בעטרייבען אינדוסטריען" איבעראל, אויף גאָר דער וועלט. דאגעגען האָבען זיי געפאָדערט, בהסכם איבריגענס מיט די בעשלוסען פון דעם צווייטען קאָנגרעס, אז די באנק זאָל נור מעגען ארבייטען אינ'ם אָריענט „און אין ערשטער רייה, אין סיריען און א"י".

די פראָ־רעדנער האָבען אָנגעוויזען, אז לויט די ענגלישע געזעצען, קאָן דאָס

געריכט צומאכען יעדע אקציענגעזעלשאפט, אויב זי נעהמט נישט אויף ביז א יאהר איהר טעטיגקייט. וועט די באנק — אזוי האבען זיי געטענה'ט — מעגען ארבייטען נור אינ'ם אריענט, אזוי ענטשטעהט א סכנה, אז דאס ענגלישע געריכט וועט מאַכען א סוף צו דער באנק, ווייל ווער וויים, צי וועלען ביז א יאהר די פאליטישע בעדינגונגען ערלויבען דער קאלאניאלבאנק, אנצוהויבען איהר טעטיגקייט אינ'ם אריענט.

דאך האט זיך געפונען א מעהרהייט פאר די אויסבעסערונגען פון די רוסישע דעלעגאטען און עס איז געווארען אנגענומען אין דעם זין א רעזאלוציע.

א ווייטערע שארפע דעבאטע האט ארויסגערופען די עובדה, וואס הערצל האט צוגעזאגט יעדען גרינדער פון דער באנק, דאס זענען וואלפזאהן, קאהן, הייַמאן, באראש, לוריע און ראזענבוים, צו איין „גרינדער־אקציע", אלס דאנק פאר זייער ארבייט. דאגעגען איז שארף אויפגעטרעטען מאצקין: „די גרינדער־אקציעס זענען די איינציגע גאראנציע, בנוגע דער ארבייט פון דער באנק. טא, וויאזוי קאנען און מעגען מיר זיך אבזאגען פון א טייל פון אונזער רעכט לטובת יחידים, מעגען זיי האבען נאך אזעלכע פערדינסטען פאר'ן ציוניזם. דער קאנגרעס זאל אויסדרוקען זיין דאנקבארקייט לגבי דידאזיגע מענשען אויף א אנדערען אופן, אבער ער טאר נישט פערציכטען פון זיין רעכט!".

מאנכע האבען פארגעשלאגען א קאמפראמיס: זאלען זיי ווערען געשענקט די אקציעס אויף א בעשטימטער צייט. אנדערע ווידער האבען געוואלט אבלעגען די גאנצע אנגעלעגענהייט אויף דעם קומענדיגען יאהר. אבער הערצל האט נישט געוואלט איינגעהען אויף קיין קאמפראמיס. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט ער געשטעלט א פערטרויענסוואטום. אזוי ארום איז צום ערשטען מאל ענטשטאנען א ריכטיגע „קאבינעטס־פראגע". נאטירליך האט גענומט דער קאנגרעס בעשטעטיגען אהן ווידערשפרוך דעם צוזאג פון הערצל'ן.

אנדערע אויסבעסערונגען צום סטאטוט זענען געווארען איבערגעגעבען א קאמיסיע, אין וועלכער עס זענען געוועהלט געווארען: הערצל, קאקעס, באדענהיימער, בעלקאווסקי און ראזענבוים.

איבער ארגאניזאציאנעלע פראגען האבען רעפערירט קאהן, קלעע און קאקעס. זיי האבען פארגעשלאגען א ארגאניזאציעסטאטוט, וועלכער האט בעדארפט שטארקער צונויפפאסען די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע. לויט דעם דאזיגען ענטוואורף האט געקענט ווערען א מיטגליד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע יעדער יוד „וואס אנערקענט דעם באזעלער פראגראם, און וואס קויפט אויס א שקל". באדענהיימער האט דערצו פארגעשלאגען א צוזאץ: „און וועלכער איז א חבר אין דער ציוניסטישער לאנדעס־ארגאניזאציע". דער דאזיגער צוזאץ איז נישט געווארען אנגענומען.

איבער דער קולטור־פראגע האבען רעפערירט: גאסטער, קאהן, ריינעס און סאקאלאוו. קאהן און סאקאלאוו האבען אזוי פארמולירט די

קולטור־פראגע: קולטור הייסט פארטשריט. ביז איצט איז פארגעקומען די קולטור־ענטוויקלונג מחוץ פון דעם יודענטום. דאדורך האבען מיר פערלוירען די בעסטע אינטעלעקטועלע כחות. עס איז איצט די אויפגאבע פונ'ם ציוניזם צו שאפען א סינ־טעז צווישען יודענטום און קולטור, צווישען פארטשריט און יודישען גייסט.

ריינעס דאגעגען — דער גרינדער פון דער שפעטערער „מזרחי־פראקציע" — איז בכלל דאגעגען, אז דער קאנגרעס זאל זיך בעשעפטיגען מיט קולטור־פראגען, ווייל זיי שטעהען אין א סתירה צו די רעליגיעזע פאסטולאטען.

ווי מיר זעהען, האבען מיר שוין געהאט אויף דעם דריטען קאנגרעס א א נ ז א ג פון א „קולטור־קאמף" אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. קיין פרינציפיעלען בעשלוס האט דער קאנגרעס אין דער דאזיגער פראגע נישט געפאסט. די אנגענו־מענע רעזאלוציע טראגט א אלגעמיינעם כאראקטער און דרוקט אוים די נויט־ווענדיגקייט צו פערשפרייטען די העברעאישע שפראך א. א. וו.

דער קאנגרעס הערט נאך אויס די פארשלאגען פון דעם ק א ל א נ י ז א צ י ע־א ו י ס ש ו ס, וועלכע ווערען רעפערירט דורך ט ש ל ע נ א ו ו'ן. צוליב צייט־מאנגעל ווערען זיי נישט אנגענומען, נור איבערגעגעבען דעם א. ק. בעצם האבען די פארשלאגען בלויז איבערגעחזרט דעם אלטען פרינציפ, אז כל זמן מיר האבען נישט קיין טשארטער, זאל מען קאלאניזירען בלויז די יודען, וואס וואוינען אין פאלעסטינא.

ד ו ד ט ר י ט ש האט פארגעשלאגען, אז מען זאל „דערווייל" קאלאניזירען די אינזעל ציפערן, וועלכע שטעהט אונטער דער ענגלישער הערשאפט. די דאזיגע קאלאניזאציע אין די שכנות־לענדער פון א"י, האט ער אנגערופען „גרויס־א"י". דער רוב דעלעגאטען, בעזונדערס אבער פון רוסלאנד, האבען געזעהען אין דעם אנטראג גופא א פעראט לגבי דעם ציוניזם, און האבען נישט צוגעלאזט טריטש'ן צום ווארט. דער אנטראג איז אראב פון סדר היום.

צום שלוס האט נאך דער קאנגרעס געוועהלט פערשידענע קאמיסיעס און א לייטונג. אינטערעסאנט איז, אז א ח ד ־ ה ע ם איז געוועהלט געווארען אין דער קולטור־קאמיסיע... צום ענגערען א. ק. זענען געוועהלט געווארען דיזעלבע חברים, וואס אין דער פריהערער קאדענץ. אינ'ם גרויסען א. ק. זענען געווארען געוועהלט פערטרעטער פון פערשידענע לענדער.

אין א געהויבענער שטימונג האט הערצל געשלאסען דעם קאנגרעס.

פיר און צוואנציגסטער קאפּיטעל.

צווישען דעם דריטען און פערטען קאָנגרעס

.1899/1900

א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג:

אויף דעם שטח פון דער אויסענפּאָליטיק האָבען מיר נישט צו פערצייכענען אין דעם דאָזיגען פּעריאָד קיין שום פרעהליכע נייעסען. אַלע וועגען, וואָס האָבען געפיהרט צום סולטאַן זענען געוואָרען פערשלאָסען אויף זיבען שלעסער. הערצל האָט געקעמפּט, ווי א לייב געגען די שוויריגקייטען, אָבער זיי זענען נישט געוואָרען קלענער. די בעוועגונג האָט זיך אָנגעשטויסען אין א מויער, וועלכע האָט נישט געוואָלט איינזינקען, אפילו מיט'ן כח פון הילעכדיגע שופר־קולות פון דער אַגיטאַציע...

באַלד נאָכ'ן קאָנגרעס האָט הערצל פערזוכט צו ערווירקען א אוידיענץ ביים רוסישען צאַר דורך דעם גרויסהערצאָג פון באַדען. דעם 27 אָקטאָבער שרייבט ער איהם א לענגערען בריעף אין דעם דאָזיגען ענין. דעם 12 נאָוועמבער בעקומט ער פונ'ם גרויסהערצאָג א נעגאַטיווען ענפער. דער רוסישער צאַר איז שוין אפילו געווען גרייט דערצו, אָבער מוראַיעוו האָט געקרייצט הערצל'ס פּלענער. דער גרויסהערצאָג האָט געראָטען הערצל'ן צו פערפאַסען א מעמאָריאַל אין פראנצויזישער שפּראַך און איבערצורייכען דעם צאַר. הערצל טהוט דאָס — אָבער מאָמענטאַן אָהן א יעדען ממשות'דיגען ערפאָלג.

הערצל זוכט צו געווינען חן וחסד אין די אויגען פונ'ם סולטאַן דורך זייטיגע מענשען. עס איז אפילו געווען א מאָמענט סוף דעצעמבער 1899, אין וועלכען הערצל האָט געגלויבט, אז אָט אָט וועט זיין וואונש מקוים ווערען. דעם 27 דעצעמבער האָט הערצל קאָנפערירט מיט'ן עסטרייכישען אמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, שטרויס. דער אַמבאַסאַדאָר זאָגט איהם אָפען, אז די טירקיי וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין אוועקצוגעבען א"י צו די יודען, מורא־האָבענדיג פאַר'ן פּראָטעסט פון די קירכען, דאגעגען וואָלט א שטרעבען, צו בעקומען מעזאָפּאָטאַמיען פאַר יודען, זיך נישט געקאָנט אָנשטויסען אויף אונאיבערווינדבאַרע שוויריגקייטען.

מערץ 1900 האָט פּלוצלינג די טירקיי ערלויבט די אימיגראַציע פון באַל־

קאנישע יודען אין דער טירקיי, וועלענדיג בעקומען ביי זיך א ריהרעווודיג עלעמענט, כדי אביסעל צו סאנירען איהרע גענוג קראנקע פינאנסען. דערינען זעהט הערצל א גוטען סימן פאר זיך. דעם 5 מערץ 1900, שרייבט הערצל א לענגערען בריעף צום גרויסהערצאָג. אין דעם דאָזיגען בריעף האָט הערצל געבעטען, אז דער דייטשער קייזער זאָל איצט אינטערוועניערען ביי דער טירקיי לטובת דעם ציוניזם. הערצל האָט אָנגעוויזען אויף דער גוטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָניונקטור פאר דעם דאָזיגען שריט. ענגלאַנד איז פערנומען מיט'ן דרום-אפריקאנישען קריג, און פראַנקרייך איז זעהר אָבגעשוואַכט און וועט נישט וואַגען איצט צו פערייסען זיך מיט דייטשלאַנד. וועט דייטשלאַנד איצט ערגרייפען די געלעגענהייט און וועט בעקומען דאָס פראָטעקטאַראַט איבער דער יודישער קאָלאָניזאַציע, אזוי וועט דאָס זיין א „עובדה קימת", א פולצאָגענע טאַטזאַך, און קיין מענש וועט קיין פיפס נישט טהון...

אין דער אוידיענץ, וואָס דער גרויסהערצאָג האָט ערטיילט הערצל'ן דעם 18 אפריל, האָט איהם דער גרויסהערצאָג איבערצייגט, אז זיין אָבשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע איז א פאַלשע. פונקט פערקעהרט: די עובדה, וואָס ענגלאַנד ערליידעט מפלות אויף דעם דרום-אפריקאנישען פראָנט ערפולט דייטשלאַנד מיט א געוויסער זאָרג. דייטשלאַנד האָט מורא, אז ענגלאַנד וועט זיך צוריקציהען פון דעם דאָזיגען פראָנט, כדי צו פערפאָלגען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד, וועלכע ווערט פון טאָג צו טאָג געפעהרליכער פאר ענגלאַנד. דייטשלאַנד האָט אָבער נאָך נישט קיין גענוג שטאַרקע קריגספלאָטע. „ערשט אין 15 יאָהר ארום וועלען מיר זיין גענוג שטאַרק, כדי זיך צו קאָנען ענטגעגענשטעלען ענגלאַנד". דערפון האָט הערצל געזעהען, אז בילאָוו האָט מורא בעקומען פאר ענגלאַנד'ס קריגס-שיפען, און וועט גאָר נישט טהון, וואָס קאָן שאַפען קאָמפּליקאַציעס צווישען די דאָזיגע מלוכות.

מאָמענטאַן איז אַלזאָ דורכגעפאַלען די „דייטשע אָריענטאַציע".... קיין אנדערע איז אָבער נישט געווען.

ב) אין איגערליך פּאָליטישער בעציהונג: איז אויף דעם אויסענפּאָליטישען שטח די לאַגע געוואָרען וואָס אמאָל ערגער, אזוי האָבען מיר צו פערצייכענען אויף דעם אינערען פראָנט א גרויסען אויפשוואונג און וואַקסטום פון דער בעוועגונג. שוין אין אויגוסט 1899 האָבען זיך אָרגאַניזירט די יודישע האַנדעלס-אנגעשטעלטע אין עסטרייך און האָבען געבילדעט דאָס ערשטע קעמערל פון א ציוניסטישער ארבייטער-בעוועגונג. זיי האָבען אין אויגוסט אָבגעהאַלטען אין ברין א „האַנדעלס-געהילפען-טאָג" און האָבען אָנגענומען, נאָך א לענגערער דיסקוסיע, פאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריסטישע רעזאָלוציע:

„עס איז נישטאָ קיין אנדערע לעזונג פון דער יודענפראַגע, ווי דורך דער פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם. דער האַנדעלס-געהילפען-טאָג גיט צוליב דעם זיין הסכמה צום באַזעלער פראָגראַם פון די ציוניסטען".

„אזויווי אָבער דער ציוניזם איז נור א הילף גענגען דער יודענגויט און האָט אַלזאָ קיין שום שיכות נישט צו דער פּאָליטיק פון די בעזונדערע לענדער, ערקלעהרט דער האנדעלס-געהילפען-טאָג די פּאָליטישע איבערצייגונג פון א יעדען ציוניסט אלס פּריוואַטזאַך און האלט, אויס טאַקטישע טעמים, אז די ציוניסטישע האנדעלס-אנגעשטעלטע דארפען אונטערשטיצען, הן אין ווירטשאַפטליכע און הן אין פּאָליטישע ענינים, בלויז יענע פּאַרטייען, וועלכע זענען גרייט ענערגיש צו אונטערשטיצען די יודישע ארבייטער-אינטערעסען אלס אזעלכע".

לעזט מען די דאָזיגע רעזאָלוציע, מאַכט דאָס א גענוג נאַאיווען און אונבעהאָלפענעם איינדרוק, אָבער די דאָזיגע רעזאָלוציע איז א אָנזאָג אויף דער קומענדיגער ענטוויקלונג פון דער ציוניסטישער ארבייטער-בעוועגונג. עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך ברייטער אָבצושטעלען אויף דעם דאָזיגען ענין.

דעם 3 און 4 אַפּריל 1900 איז שוין פאָרגעקומען די צווייטע קאָנפערענץ פון די האנדעלס-אנגעשטעלטע אין וויען. פון די רעפעראַטען איז ערזיכטליך, אז די בעוועגונג האָט זיך שטארק פערגרעסערט במשך פון דעם פערגאנגענעם יאָהר, בעזונדערס אין גאַליציען, און אז די אָרגאַניזאַציע האָט שוין אָנגענומען א פיל פעסטערען כאַראַקטער. א סך רעדנער האָבען אָנגעוויזען דערויף, אז די עסטרייכישע סאָציאַלדעמאָקראַציע בעשטרעבט זיך נאַציאָנאַל צו דעקלאַסירען דעם יודישען ארבייטער, וועלכער האָט אויסצושטעהען גרויסע צרות, מעהר צוליב זיין יודענטום, אלס צוליב דער אלגעמיינער לאַגע. די דעבאַטע ארום דעם יחס צום ציוניזם איז געווען א גענוג לעבהאַפטע. צולעצט איז געוואָרען אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעהמענדיג אין אכט, אז די סבות פון דער יודענגויט ליגען אין דער עובדה, וואָס די יודען בילדען א מינאָריטעט דאָ אין לאנד; ארויסגעהענדיג ווייטער פונ'ם שטאַנדפּונקט, אז די יודישע האנדעלס-אנגעשטעלטע, ווי בכלל די יודישע ארבייטער, ליידען פיל מעהר אונטער דעם דרוק פון דער יודענגויט ווי פון דער אלגעמיינער ווירטשאַפטליכער נויט, ערקלעהרט דער צווייטער פּאַרטייטאָג פון די יודישע האנדעלס-אנגעשטעלטע, אז עס איז נישטאָ קיין אנדערע לעזונג פון דער יודענגויט, ווי די פערווירקליכונג פונ'ם פּאָליטישען ציוניזם, ד. ה. די גרינדונג פון א רעכטליך געזיכערטער היימשטעטע".

אין דער צווייטער העלפט פון דער רעזאָלוציע זענען געוואָרען פאָרמולירט דיין „פּראָלעטאַרישע" פּאָסטולאַטען, ווי די פערקירצונג פון דער ארבייטסצייט, לוינפערבעסערונג, אַלטערס- און קראנקען-פערזיכערונג א. א. וו.

הערצל איז געקומען אלס גאַסט צום פּאַרטייטאָג און מען האָט איהם געמאַכט א שטורמישע אָוואַציע.

פון סאָציאַליזם, מאַרקסיזם, קלאַסענקאַמף ר"ל — מאן דכר שמיה...

אויך אין א"י הויבען זיך אָן די ארבייטער צו אָרגאַניזירען. א דאַנק דעם, וואָס די י. ק. א. האָט איבערגענומען די קאָלאָניעס אין אייגענעם רשות, און א דאַנק דער נייער אָרדנונג, וואָס די י. ק. א. האָט זיך בעשטרעבט אריינצופיהרען, איבער-

געהענדיג פון דער פלאַנצונגסווירטשאַפט צו געטריידע־בוי זענען געוואָרען א סך ארבייטער ארבייטסלאָז און זייער לאַגע ממש א פערצווייפעלטע. די ארבייטער האָבען געשאפען א גענאָסענשאפט און א ארבייטער־פערבאנד אונטער דעם נאָמען „פעולה". דער דאָזיגער פערבאנד האָט ארויסגעלאָזט אין דער „וועלט" נר. 26, 1900 א פלאַמענדיגען אויפרוף צו אלע ציוניסטען, אז מען זאָל זיי פערשאפען ארבייט, כדי זיי זאָלען נישט פערלאָזען די פאָזיציעס, וועלכע זיי האָבען עראָבערט נאָך אזויפיל מיה... דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון א א"י'דיגער ארבייטער־בעוועגונג.

א געוויסע בעלעבונג הערשט אויך ביי די „חובבי־ציון". דעם 26 און 27 מערץ 1900 איז פאָרגעקומען זייער קאָנפערענץ אין פראנקפורט. אין דער קאָנפערענץ האָבען אנטייל גענומען נישט נור די פערטרעטער פון די „חובבי־ציון" אין רוס־לאנד א. א. וו., נור אויך א אָפיציעלער פערטרעטער פון דער „אַליאַנץ" אין פאַריז און וויען, פון דער „עזרה", אפילו א פערטרעטער פון דער „חלוקה". מען האָט אויף דער קאָנפערענץ ארומגערעדט א סך פראַקטישע פראַגען, בעזונדערס האָט מען שטאַרק דעבאַטירט איבער דעם שולוועזען אין א"י. אוסישקין האָט קריטיקירט דעם פראַנצויזישען גייסט, וואָס הערשט אין די שולען פון דער „אַליאַנץ" און אין ראָטשילדס קאָלאָניעז. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען א גאַנצע רייה פון פראַקטישע רעזאָלוציעס.

אָבער אָם שטאַרקסטען זענען געוואַקסען די ציוניסטישע פעראיינען אויף גאָר דער וועלט: אין רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניען, דייטשלאַנד א. א. וו. בכלל איז געווען די אָביעקטיווע לאַגע אין יענעם פעריאָד גינסטיג פאַר דער פערשפרייטונג פון דער ציוני. אידעע א דאַנק דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפען די רומענישע יודען.

די רומענישע רעגירונג האָט פערשטאַרקט דעם דרוק געגען די סיי ווי ענט־רעכטעטע רומענישע יודען און זיי זענען געוואָרען געצוואונגען אין מאַסען צו עמיגרירען. אלע הילפס־ און פילאַנטראָפּישע פעראיינען זענען געווען הילפלאָז. ווי געהעצטע חיות האָט מען געטריבען די דאָזיגע אונגליקליכע מענשען פון גרעניץ צו גרעניץ, וועלענדיג פון זיי וואָס גיכער פטור ווערען.

די דאָזיגע עמיגראַציע איז געווען א לעבעדיגער מאַרש פון דער אַגיטאַציע פאַר'ן ציוניסטישען רעיון. מען האָט געפיהלט, אז דער ציוניסטישער אַנאַליז פון דער יודישער ווירקליכקייט ענטשפרעכט דעם אמת און במילא האָט מען שוין אָנ־גענומען די טעראַפּיע, וואָס דער ציוניזם האָט אָנגעוויזען.

כדי אויסצונוצען די דאָזיגע גינסטיגע קאָניונקטור פאַר דער ציוניסטישער אַגיטאַציע, האָט הערצל, נאָך געוויסע וואַקעלנישען, אָנגענומען דעם בעשלוס, איינ־צובערופען דעם פערטען ציוניסטישען קאָנגרעס קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן, דאָס „האַרץ פון דער וועלט" מוז ווערען ערָאָבערט פאַר'ן ציוניזם. הערצל האָט געהאָפט מיט־צורייסען אויך די רייכע ענגלישע יודען, צוליב דער אנציהונגסקראַפט, וואָס דער קאָנגרעס האָט געמוזט אויסאיבען.

ווי איז אָבער אויסגעפאַלען דער קאָנגרעס אייסערליך... און אינערליך?

פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

13—16 אויגוסט 1900.

בדרך כלל האָט דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס געהאַט אַ זעהר גוטע פּרעסע. נישט נור, וואָס די גרעסטע ענגלישע צייטונגען האָבען געבראַכט ידיעות איבערן קאָנגרעס און האָבען זיך צו איהם בעצויגען מיט סימפּאַטיע און אַכטונג, נור אפילו אַזאַ אסימילאַטאָריש וואָכענבלאַט, ווי „דזשואיש קראָניקל" האָט געפונען שענקען אַ פּאָר ווארימע ווערטער דעם קאָנגרעס, זעהענדיג די אַלגעמיינע שטימונג. די גאַנצע קולטורעלע וועלט איז געווען געשפּאַנט צו הערען, וואָס וועט דער קאָנגרעס, וואָס וועט אַ נ א ר ד ו י זאָגען אויף דער לאַגע פון'ם יודישען פאָלק אין ליכט פון די לעצטע ערלעבנישען פון די רומענישע יודען. און דער קאָנגרעס, צו וועלכען עס זענען געקומען 400 דעלעגאַטען מכל תפוצות הגולה, האָט געזאָגט זיין מעכטיג וואָרט.

די ערעפנונגסרעדע האַלט ה ע ר צ ל. הערצל, וועלכער איז געווען קראַנק און איז נור וואָס אויפגעשטאַנען פון'ם בעט האָט טראָצדעם געהאַלטען אַ שטאַרקע רעדע. ער האָט אָנגעוויזען דערויף, אַז ענגלאַנד, וואָס פיהרט אַזאַ ווייטזיכטיגע פּאָליטיק מוז פערשטעהען אונזער שטרעבען. מיר אָרגאַניזירען דאָס יודישע פאָלק, כדי צו שמידען זיין קומענדיגען גורל. הגם מיר האָבען נאָך נישט בעקומען דעם משאַרטער, האָבען מיר אָבער די בעסטע האָפנונג, אַז אונזערע גערעכטע תביעות וועלען ערפולט ווערען. די פערשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס שטעהען מאַכטלאָז לגבי דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען אויף די רומענישע יודען. זיי פערטיידיגען זיך דערמיט, וואָס זיי האָבען נישט געקענט פאָראויסזעהען דאָס דאָזיגע אומגליק. אָבער, צי דען האָבען זיי אַ רעכט, דאָס צו בעהויפּטען? צי דען האָבען מיר ציוניסטען נישט פאָרויסגעזעהן, אַז די אומנאָרמאַלע לאַגע פון'ם יודענטום מ ו ז פיהרען, ע"פ לאָגישער נויטווענדיגקייט, פון צייט צו צייט צו קאַטאַסטראָפעס?

נור מיר, דער ציוניזם, ברענגט די אמת'ע לעזונג פון דער יודענפראַגע און מיר וועלען ברענגען די גרעסטע קרבנות, כדי איהם צו פערווירקליכען.

איבער „דער לאגע פונ׳ם יודישען פאָלק אויף גאָר דער וועלט“ רעפערירט נאָרדוי. ער ווייזט דערויף אָן, אז דער אנטיסעמיטיזם איז איבעראל געוואקסען אינ׳ם פערגאנגענעם יאָהר. ער דערמאָהנט די געשעהענישען אין דייטשלאנד און בעהמען, וואו עס איז ווידער אויפגעשטאנען תחית המתים דער אלטער בלוט־בלבול געגען יודען. געווים האָבען זיך די רעגירונגען א עצה געגעבען מיט דעם פערוויל־דערטען המון. מיט באַיאָנעטען האָט מען געשיצט די יודישע בעפעלקערונג. אָבער גראָד די דאָזיגע עובדה כאַראַקטעריזירט אפשר אָם בעסטען די אונגאָרמאַלע לאַגע פון די יודען צווישען די פעלקער. די שנאה צו יודען איז אזוי גרויס, אז נור מיט באַיאָנעטען קען מען שיצען די יודען געגען דעם באַרבאַרישען אויסברוך. אָבער באַיאָנעטען בעזייטיגען נישט די שנאה, נור פערשטאַרקען זי נאָך מעהר. זאָל קומען א רעגירונג, וואָס וועט נישט וועלען פערקעהרעוועון די באַיאָנעטען געגען איהרע אייגענע בירגער — דאמאלס וועט ווערען די לאַגע פון די יודען האָפנונגסלאָז. — (אז עס קען אמאָל קומען א רעגירונג און גראָד אין דייטשלאנד, וואָס וועט ריכטען די באַיאָנעטען געגען יודען — דאָס האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלען אפילו אזא גייסט ווי נאָרדוי).

דער שטאַרקסטער טייל פון נאָרדוים רעדע איז נוגע די רומענישע קאַטאַ־סטראָפע. נאָרדוי פערגלייכט די געשאפענע לאַגע מיט גירוש שפאַניען. זיין רעדע איז געווען די שטאַרקסטע אנקלאַגע געגען דעם באַרבאַריזם פון רומעניען. נישט א פוסטע דעמאָנסטראַציע, נישט געקלאָגט און געוויינט איבער דעם ביטערען גורל האָט נאָרדוי, נור מענליך מוטיג און ווירדיג האָט ער דערצעהלט פאַקטען. זאָל די וועלט וויסען און משפט׳ן און זאָל זי מאַכען א סוף נישט נור צו דער קראַנקהייט, נור אויך צו די סבות, וואָס האָבען ארויסגערופען די דאָזיגע קראַנקהייט.

גרינבערג רעפערירט איבער די לאַגע פון די יודען אין ענגלאַנד. אין ענגלאַנד הערשט נישט קיין אנטיסעמיטיזם. אויב מען הערט אפילו פון צייט צו צייט שימפּפווערטער געגען יודען, אזוי זענען דערינען שולדיג די גבירים, וועלכע זענען כאַראַקטערלאָז און אונפערשעהמט אין זייער עקספּלאָאַטאַציע פון אָרימע.

מאַרמאָרעק רעפערירט איבער די לאַגע פון די יודען אין רומעניען. ער ווייזט אָן אויף דער ענטוויקלונג פון דעם רעכטליכען מצב פון יודען אין רומעניען זייט דעם בערלינער קאָנגרעס. רומעניען האָט זיך אַלץ ארויסגעדרעהט פון איהר התחיבות, צו געבען די יודען די פולע גלייכבערעכטיגונג. 18.000 מענשען האָבען געמוזט פערלאָזען זייער „היימאַט“ און זוכען דעם אונזיכערען מאָרגען אויף דער עמיגראַציע. פערשידענע מלוכות האָבען געמאַכט גרויסע שוועריגקייטען די עמי־גראַנטען. נור די ענגלישע רעגירונג האָט זיך צו זיי בעצויגען מענשליך און דאַ־דורך זענען מיר איהר דאנקבאַר.

איבער די „לאַגע פון די יודען אויפ׳ן קויקאַז“ רעפערירט דר. שלאַפּאשניקאָוו; אין בולגאַריען — דעל. הערבסט; אין דייטשלאַנד — דר. קויפמאַן; אין דער בוקאָווינא און גאַ־

ליציען — דר. מענטשעל; אין אַמעריקא — פּראָפ. גאָטהייל; אין ארץ־ישראל — שיינקין.

דר. אָסקאַר מאַרמאָרעק ערטיילט דעם רעכענשאַפטסבעריכט פונ׳ם א. ק. ער ווייזט אָן אויף דעם קאָלאָסאלען וואוקס פון דער ציוניסטישער בעוועגונג אויף גאר דער וועלט; אויף דער ברייטער אגיטאציע, וועלכע דער א. ק. האָט אדורכגעפיהרט אינ׳ם פערגאנגענעם יאָהר. מען פיהלט, אז דער דופק פון דער בעוועגונג שלאָגט לעבעדיגער און אז ס׳הערשט א גינסטיגע שטימונג פאר׳ן ציוניזם אויף דער יודישער גאַס. די יודישע אויסגאַבע פון דער „וועלט“, וועלכע דער א. ק. האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעבען, איז געוואָרען א שטארקער כלי־זין אין דער אגי־טאציע.

דר. קאָקעש ערטיילט דעם קאַסא־בעריכט. לויט דעמזעלבען קומט אויס, אז דער עודף פון די הכנסות איבער די הוצאות האָט בעטראָפען 86.000 פראנק.

עס הויבט זיך אָן א דעבאַטע איבער דעם רעכענשאַפטסבעריכט.

שלאַפּאשניקאָוו ווארפט פאָר דעם א. ק., הלמאי ער האָט נישט גע־ניג געווירקט, אז עס זאָל קומען צו א פעראייניגונג מיט די חובבי־ציון־פעריינען און אז עס זאָל ווערען געשאפען א קאָנטאקט מיט דער י. ק. א.

שיינקין דערצעהלט וועגען די אויפטהוען פון דעם אָדעסאער קאָמיטעט אויף דעם געביט פון שולוועזען.

לעווין רעפערירט איבער דעם וואקסטום פון דעם ציוניזם אין רוסלאנד, א דאנק די שולען, וואָס די ציוניסטען האָבען געעפענט.

דר. לאַנדוי פערטיידיגט דעם א. ק.

דר. ראָזענהעק פון קאָלאָמיי דאנקט דעם א. ק. פאר זיין קרבנות־פולער ארבייט און פערלאנגט א אויפקלעהרונג איבער דער פּאָליטישער לאגע.

הרב ראַבינאָוויטש אינאויגורירט א „קולטור־דעבאַטע“ און זאָגט: כדי צו פערשפרייטען דעם ציוניזם מוז מען געווינען די רבנים, דאָס קען אָבער נור דאן געשעהען, אויב מען וועט זיי איבערצייגען, אז דער ציוניזם שטעהט נישט אין סתירה צו דער רעליגיע.

פינעלעס פון רומעניען זוכט טיילוויז צו רעהאביליטירען די רומענישע בעהערדען אונטער א העפטיגען ווידערשפרוך פונ׳ם קאָנגרעס.

הרב לאַנדוי פון באָטושאַני: דער א. ק. האָט נישט געפונען דעם ריכטיגען וועג. די קולטורפראגע אין איהר היינטיגער פאָרם שרעקט אָב די ברייטע אָרטאָדאָקסע מאַסען. דער א. ק. האָט נישט געזאָלט פונאייגאנדערוויקלען בכלל די דאָזיגע פראגע. דאגעגען טהוט מען ווייניג אויף אויף דעם געביט פון דער העברעאי־שער שפראך. די ענטוויקלונג פון דער העברעאישער שפראך אין רוסלאנד קומט פאָר לויט דעם אינערען דראַנג פון די דאָרטיגע ציוניסטען. דער א. ק. האָט נישט קיין ברעקיל חלק דערינען.

עלמאַן פּאָלעמיזירט מיט פינעלעס: נישטאָ אין רומעניען קיין אָרט, וואו מען זאָל בעהאַנדלען דעם יוד אַלס מענש און גלייכבערעכטיגטען בירגער.

דר. ווייצמאַן: עס איז נישט אמת, אַז די יודישע מאַסען האָבען זיך נישט אָנגעשלאָסען אָן דעם ציוניזם צוליב דער קולטורפראַגע דאַדורך, ווייל דער ציוניזם שטעהט אין אַ כלומרשטער סתירה צו דער רעליגיע. די יודישע מאַסען וועלען בלייבען אַזוי לאַנג אינדיפערענט, כל זמן דער א. ק. וועט נישט לייסטען קיין פּאָזיטיווע מעשים*).

לעווי פון ענגלאַנד האָט צוטרויען צום א. ק. מען קען זיך נישט פעראייניגען מיט די „חובבי־ציון" אַזוי לאַנג זיי אַנערקענען נישט די ציוניסטישע פּרינציפּיען.

מאַצקין האָט אויך צוטרויען צום א. ק. עס איז נישט אמת, אַז די רבנים האָבען אַזאַ השפּעה ביי די מאַסען. די מאַסען פערשטעהען זעהר גוט, וואָס דער ציוניזם וויל. טראָץ דער קולטור־אַרבייט שטעהט דער ציוניזם נישט אין קיין שום יחס צו דער רעליגיע. די רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך פון יעדען יחיד.

דר. בריינין רעדט אַלס גענעראַלרעדנער געגען דעם א. ק. דער א. ק. האָט גאָר נישט געלייסטעט. לכה"פ ווייסען מיר גאָר נישט דערפון. אויב פּאָליטישע טעמים דערלויבען נישט צו דערצעהלען, זאָל מען דאָס קלאָהר זאָגען. און אויב דער א. ק. האָט נישט געקענט מעהר לייסטען, צוליב די פערהעלט־ניסע, פאַרוואָס איז ער זיך דערינען נישט מודה?

דר. מענטשעל פערטיידיגט אַלס גענעראַלרעדנער דעם א. ק. די קריטיק, וועלכע מען האָט דאָ געהערט איז נישט בערעכטיגט. אויך דער א. ק. וואָלט געקענט קריטיקירען די טעטיגקייט פון די פערשידענע פעריינע. מען מוז האָבען צוטרויען צום א. ק., אַז ער טהוט אַלעס, כדי צו רעאַליזירען אונזערע פּאָסטולאַטען. דער רעדנער מיינט, אַז אַ יעדע קולטור־דעבאַטע איז שעדליך פאַר'ן ציוניזם.

דר. הערצל ענטפערט די אָפּאָנענטען. דער א. ק. האָט געטהון אַלעס, וואָס ער האָט נור געקענט. ער האָט נישט געשפּאָרט קיין מיה און קיין כח. שוין די עובדה, וואָס ער האַלט צונויף, מיט די קליינע מיטעל, וואָס שטעהען איהם צו פערפיגונג, אַזאַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, איז אַ גוטע לייסטונג. אריבערגעהענדיג צו דער קולטורפראַגע זאָגט הערצל: דאָס וואָס מיר טהון קאָן נישט אַרויס־

*) מיר מאַכען בעזונדערס אויפמערקזאַם אויף דער דאָזיגער רעדע, ווייל דערינען ליגט נישט נור דער תמצית פון דער שפּעטערער „ראַדיקאַל־דעמאָקראַטי־שער פראַקציע", נור עס וועט זיך נאָך אויסווירקען אין דער שפּעטערער טעטיגקייט פון ווייצמאַן גופא. אין בערך 20 יאָהר אַרום וועט ווייצמאַן פערנעהמען דעם אָרט פון דעם פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע און דאַמאָלס וועט ער זוכען צו פער־ווירקליכען אַט אַ דעם שטאַנדפּונקט: דורך פּאָזיטיווע מעשים שאַ־פען פּאָליטישע בעדינגונגען פאַר דער פערווירקלי־כונג פון'ם ציוניזם.

רופען ביי קיינעם קיין חשד, אז מיר זענען אויסען צו פערלעצען די רעליגיעזע געפיהלען פון וועמען עס איז. פון דעם ערשטען מאָמענט אָן האָבען מיר געגעבען דיסציפּלינירטע פערזיכערונגען. פון דער אנדערער זייט קומט מען אלע מאָל און מען טענה'ט, רק אז „מען האָט מורא" און מען פערלאַנגט „פערזיכערונגען". דאָס איז אונאויפריכטיג. דאָס טהוט מען נור לשם אגיטאַציע. זאָל מען ענדליך אָבלאָזען פון דער „קולטור־דעבאַטע". לאָמיר נישט פערלירען די צייט אויף פּוסטע מחלוקת'ן, נור לאָמיר אלעם טהון, כדי, אויב עס וועט קומען דער גרויסער מאָמענט, צו זיין גרייט!

דער קאָנגרעס מאַכט הערצל'ן א שטורמישע אָוואַציע.

איבער „די קערפּערליכע געזונדונג פון יודען" רעפערירט מאַנדעלשטאַם. הגם דאָס טעמא איז לכאורה זעהר „אונדאַנקבאַר", האָט דאָך דער רעפערענט פערשטאַנען צו לייסטען א ערשטקלאַסיגע מוסטערגילטיגע ארבייט. ער ווייזט דערויף אָן, אז די יודען זענען, בעזונדערס אין מזרח, נידריגער אין וואוקס, שמעלער אין דעם ברוסטאומפאַנג, ווי זייערע שכנים. דאָך איז די שטערבליכקייט ביי יודען בערך א קלענערע, ווייל די יודען זענען נישט קיין אַלקאָהאָליקער און לעבען ע"פ טהרת המשפחה. די קערפּערליכע שוואַכקייט פון יודען נעהמט זיך נישט פון זייער „נידריגערער ראַסע", נור איז א פּועל יוצא פון די אונגעזונטע סאָציאַלע בעדינגונגען, אונטער וועלכע יודען לעבען. די רעגענעראַנס פון יודען איז נור מעגליך דורך דער בעזייטיגונג פון די בעדינגונגען גופא, ד. ה. אין א זעלבסשטענדיגען א"י. דאָ אין גלות קענען מיר דורך פּאַליאַטיוו מיטעל פיל אויפטהון — אָבער א ענד־גילטיגע לעזונג פון דעם פּראָבלעם קענען מיר אין גלות נישט ברענגען.

איבער „אָרגאַניזאַציע און אגיטאַציע" רעפערירט דר. באָ־דענהיימער. דער רעדנער מיינט, אז עס מוז ווערען דורכגעפיהרט א שטרענ־גערע צענטראַליזאַציע פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז דאַגעגען, אז עס זאָלען עקזי־סטירען אין איין לאַנד מעהר ווי איין צענטראַלע, און שלאָגט פאָר בהסכם דערמיט א ענדערונג פון דעם אָרגאַניזאַציע־סטאַטוט. כדי צו אקטיוויזירען די אגיטאַציע דאַרפען ווערען איינגעריכטעט שטענדיגע בקורים דורך וואַנדערערדנער. עס דאַרף ווערען ארויסגעגעבען א בוך איבער'ן „א'ב פון ציוניזם". דער רעדנער ענדיגט מיט דער האָפנונג, אז דער קאָנגרעס וועט בלייבען א שטענדיגע אינסטיטוציע און וועט טאַגען אין ירושלים.

איבער דעם דאָזיגען טעמא ענטוויקעלט זיך א לעבהאַפטע דעבאַטע. מאַנכע רעדנער טרעטען אויף דאַגעגען, אז מען זאָל אלע מאָל ענדערן דעם סטאַטוט. אַנדע־רע ווידער מיינען, אז די ציוניסטישע פעריינען דאַרפען זיין פריי און טאָרען נישט ווערען געצוואונגען זיך אָנצושליסען אין איין „פעדעראַציע".

קרעמענעצקי פּלעדירט שטאַרק פאַר דער תיכף'דיגער גרינדונג פון דעם נאַציאָנאַלפאָנד.

די רעזאָלוציע וועגען דער צוואַנגס־צענטראַליזאַציע איז נישט דורכגעגאַנגען.

בנוגע דעם נאציאָנאַלפאָנד האָט מען בעשלאָסען, אַז דער א. ק. זאָל מאַכען דערצו די נויטיגע פאָרבעריייטונגען.

מאַנכע רעדנער האָבען פאָרגעשלאָגען איינצובערופען דעם קאָנגרעס אַלע צוויי יאָהר. נישט ענטשיידענדיג די דאָזיגע פראַגע פּרינציפּיעל, האָט מען בעשלאָסען איינצובערופען אויף דעם קומענדיגען יאָהר דעם פינפטען ציוניסטישען קאָנגרעס.

איבער דער „קולטורפראַגע“ האָבען רעפערירט: דר. גאַסטער, סאָ־קאָלאָוו און ל. קאָהן. נאָכדעם ווי די רעדנער האָבען אונטערגעשטראָכען די נויטווענדיגקייט צו הויבען דעם קולטורעלען ניוואָ פון די יודישע מאַסען, האָט דער קולטור־אויסשוס פאָרגעשלאָגען פאָלגענדע רעזאָלוציע: „ביי דער פולער אכ־טונג פון יעדער איבערצייגונגסריכטונג, און נישט אויפשטעלענדיג קיין פעסטען פּראָגראַם פאַר די בעזונדערע גלות־לענדער, איז דער קאָנגרעס מחיב יעדען ציוניסט און די ציוניסטישע פעריינען, צו הויבען דעם גייסטיגען ניוואָ פון יודען אין רע־ליגיעזער, זיטליכער און נאַציאָנאַלער בעציהונג“.

די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט ווידער פּראָוואָצירט א „קולטור־דעבאַטע“. פון דער איינער זייט איז אויפגעשטאַנען ריינעס און אוואַניצקי און האָ־בען געטענה׳ט, אַז דער ציוניזם איז א פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע בעוועגונג און האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער קולטור. פון דער אַנדערער זייט האָבען וויי צ־מאַן, סאָקאָלאָוו, מאָצקין פאָרגעשלאָגען די שטרייכונג פון דעם וואָרט „רעליגיעזער...“, בעהויפּטענדיג, אַז דער ציוניזם איז א נאַציאָנאַלע בעוועגונג און האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער רעליגיע.

הערצל האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פאָרגעשלאָגענע שטרייכונג בעדייטעט נישט קיין שום אַקט געגען דער רעליגיע, נור עס איז א פאָרטזעצונג פון דער ביז־איצטיגער ליניע, לויט וועלכער עס וועלען נישט בעהאַנדעלט ווערען אויף דעם קאָנגרעס אַזעלכע פּריוואַטע פראַגען.

פּראָפ. בעלקאָווסקי האָט רעפערירט איבער די קאָלאָניאַל־באַנק“. די קאָלאָניאַלבאַנק האָט נאָך נישט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט, ווייל לויט׳ן סטאַטוט מוזען ווערען איינגעצאָהלט צוערשט 250.000 פונט. עס פעהלען אָבער נאָך 100.000 פונט. כדי אויפצוברענגען דעם דאָזיגען סכום האָט זיך גע־בילדעט דער Jewish Colonial Trust-Shares Club, פון וועלכען מען ערוואַרט א וועזענטליכע הילף אין דער דאָזיגער בעציהונג. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די באַנק וועט אָנהויבען באַלד איהר טעטיגקייט. די ערשטע אויפגאַבע פון דער באַנק וועט זיין, צו בעקומען וויכטיגע קאָנצעסיעס אין א״י.

עס ענטוויקעלט זיך א נודנע, אונפּראָדוקטיווע דיסקוסיע, וואו פערשידענע רעדנער זוכען דורך אנטרעגע צו בעגליקען דאָס יודישע פאָלק. דר. ראָזענבוים מאַכט אויף מאָצקינס פראַגע אויפמערקזאַם, אַז די ענגלישע געזעצען האָבען נישט דערלויבט צו רעאַליזירען דעם בעשלוס פונ׳ם דריטען קאָנגרעס, לויט וועלכען עס טאָרען די גרינדער־אַקציען (א חוץ 7 שטיק) נישט געהערען צו קיין פּריוואַטע פּער־

זאָגען. מאָצקין בעגניגט זיך מיט א קאָנגרעס־בעשלוס אין דער דאָזיגער ריכטונג. גרינדעראַקציען פון דער קאָלאָניאַלבאַנק מוזען אלזאָ שטענדיג בלייבען אין די הענד פון דעם אויפזיכטס־ראַט, וועלכער ווערט געוועהלט דורכ'ן קאָנגרעס.

אינ'ם נאָמען פונ'ם קאָלאָניזאַציע־אויסשוס רעפערירט דעל. יאָפע. ער שלאָגט פאָר, אז דער קאָנגרעס זאָל ווייטער זיך האַלטען אין דער ביז־איצטיגער ליניע. עס זאָלען ווערען קאָלאָניזירט די יודען, וואָס וואוינען אינ'ם לאַנד און אין ערשטער רייהע די, וואָס זענען שוין טערקישע בירגער.

אין דער דיסקוסיע מאַכען פערשידענע רעדנער אויפמערקזאַם דעם קאָנגרעס איבער דער שלעכטער לאַגע וואָס הערשט אין א"י. שטאַט קיין א"י פאָהרען יודען ארויס פון א"י.

דר. הערצל וואָלט בעגריסט א געמיינשאַפטליכע אקציע פון די ציוניסטען מיט'ן אָדעסאער קאָמיטעט און דער י. ק. א., כדי אויפצובערענגען א הילפספאָנד פאַר די א"י'דיגע יודען. דר. גאַסטער בעקומט דעם אויפטראַג צו ווירקען אין דער דאָזיגער ריכטונג. די רעזאָלוציעס פונ'ם קאָלאָניזאַציע־אויסשוס זענען געוואָ־רען אָנגענומען.

אויף א אנטראַג פונ'ם פערמאַנענץ־אויסשוס ווערט געוועהלט א ענגערער אַק־ציאָנס־קאָמיטעט פון די חברים: הערצל — פרעזידענט, דר. שנירער, דר. קאָקעש, דר. קאהן און אָסקאַר מאַרמאָרעק; א „גרויסער א. ק.“ פון פערטרעטער פון פערשידענע לענדער און א גאַנצע רייהע קאָמיסיעס.

אין א געהויבענער שטימונג, אונטער א גרויסער בעגייסטערונג האַלט הערצל זיין שלום־רעדע. אלע דעלעגאַטען זענען מיד און דערמאַטערט, דאָך ווערען זיי בעהערשט פון א געפיהל פון עקשנות'דיגער האָפנונג, אז זייער אידעאַל וועט ווע־רען פערווירקליכט.

הערצל האָט נישט אין גאַנצען דערגרייכט זיין צוועק מיט'ן פערטען לאָנדאָנער קאָנגרעס. ער האָט געוואָלט עראָבערן דאָס ענגלישע יודענטום, בעזונ־דערס די רייכע יודען. דאָס איז איהם נישט געלונגען... און אָט אזוי זעצט ער וויי־טער פאָרט זיין דערנער־וועג — קערפערליך כמעט געבראָכען דאָך חלומענדיג וויי־טער זיין חלום וועגען „אלט־ניי־לאַנד“...

דער פערטער קאָנגרעס האָט אָבער בלי כל ספק א גרויסע בעדייטונג פאַר דער אינערליכער ענטוויקלונג פונ'ם ציוניזם. אין די ערשטע יאָהרען פון פאָלי־טישען ציוניזם, בעת מען האָט יעדע רגע געהאָפט צו בעקומען די נויטיגע קאָנצע־סיעס, האָט מען לגמרי אויסער אכט געלאָזען די ארבייט לטובת דער גייסטיגער און ווירטשאַפטליכער הויבונג פון די יודישע מאַסען. וואָס קלענער עס איז געוואָרען די אויסזיכט באַלד צו בעקומען דעם „טשאַרטער“, אלץ מעהר האָט מען אָנגעהוי־בען צו לענקען די אויפמערקזאַמקייט אויף דער ארבייט לטובת פונ'ם יודישען פאָלק אין די גלות־לענדער. דערצו איז נאָך צוגעקומען די קאַטאַסטראָפע פון די

רומענישע יודען. די ציוניסטישע ארגאניזאציעס האבען זיך נישט געקענט פער־שליסען די אויגען לגבי דער הערשענדער גלות־נויט. געווים האבען זיי געוואוסט, אז נור די איבערזידלונג פון יודען קיין א"י, איז די ראדיקאלע לעזונג פון דער יודענפראגע, אבער קאן מען נישט לעזען די פראגע ראדיקאל, טאר מען זיך דער־וויילע אויך נישט אבזאגען פון א פאליאטיוו־מיטעל, אומזא מעהר, ווייל די גייסטיגע און ווירטשאפטליכע הויבונג פון די יודישע מאסען בעדייטעט דאך די פארבערייטונג פון'ם פאלק צו זיין בעפרייאונג, אט אזוי הויבט אן די „געגענווארטס־ארבייט" צו פערנעהמען, וואס אמאל אלץ א גרעסערען פלאץ אין דער ציוניסטישער ארבייט, ביז זי וועט ווערען א אינטעגראלער טייל פון'ם ציוניזם. דערווייל רעדט מען בעקר וועגען „קולטור", וועניגער וועגען „ווירטשאפט". פון „פאליטישע רעכט" אין די גלות־לענדער — חלומ'ט מען אפילו נאך נישט. אבער דאס איז בלויז א צייטפראגע. די אינערע ענטוויקלונג פון'ם ציו־ניזם וועט דערצו פיהרען, אז אין מאנכע יאהרען וועט די „געגענווארטס־ארבייט" פערדרענגען די „ריין" ציוניסטישע, און דער פאליטישער קאמף פון יודען ארום נאציאנאלע רעכט אין די גלות־לענדער וועט פערנעהמען דעם ערשטן פלאץ אין דער „געגענווארטס־ארבייט".

זעקס און צוואנציגסטער קאפיטעל.

דער פעריאָד צווישען פערטען און פיפטען ציוניסטישען קאָנגרעס 1900/1901.

א) אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג:

אין אויסענפּאָליטישער בעציהונג געהערט דער דאָזיגער פעריאָד צו די זעהר בעדייטענדע און וואָגינע. די ציוניסטישע מאַסען זענען געוואָרען עלעקטריזירט פון אָנהויב דורך זעהר גינסטיגע ידיעות. עס איז ענטשטאַנען אַ האָפנונג, אז אָט אָט בעקומען מיר דעם טשארטער. אָבער וואָס גרעסער די האָפנונג און די אילוזיע, אַלץ גרעסער וועט שפּעטער זיין די ענטוישונג.

הערצל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ פערבינדונג מיט פערשידענע טערקישע „מאַכערס“, מעקלערס און בעאַמטען, וועלכע האָבען איהם געזאָלט פער־שאַפען אַ אוידיענץ ביים סולטאַן. אָקטאָבער 1900 בעקומט הערצל דורך זיי אַ ידיעה, אז דער טערקישער הויף נויטיגט זיך אין אַ הלואה פון 800.000 פונט שטער־לינג. הערצל האָט געפונען, דורך דער פערמיטלונג פון וואָלפזאָהן, אַ באַנקיר אין האָלאַנד, וואָס איז געווען גרייט צו ערטיילען דער טירקיי די דאָזיגע הלואה. הערצל איילט זיך און מאַכט דעם טערקישען הויף אַ אָפּערטע אויף זעהר גינסטיגע בעדינ־גונגען. די דאָזיגע אָפּערטע איז אָבער נישט געוואָרען אָנגענומען, דאַגעגען האָט די טערקישע רעגירונג בעשטעטיגט אַ אָפּערטע פון אנדערע צדדים — אויף פיל ערגערע בעדינגונגען.

די דאָזיגע עובדה נוצט הערצל זעהר געשיקט אויס. דורך זיין גוטען בעקאַנ־טען, אַ געוויסען וואַמבערי פון בודאַפּעסט, וועלכער איז געווען אַ יוצא ונכנס ביים סולטאַן, לאָזט ער דעם סולטאַן וויסען, אז ער ווערט בעטראָגען דורך זיינע בעאַמ־טען. אָט האָבען זיי — וואַהרשיינליך צוליב אַ „באַקשיש“ — אַקצעפּטירט אַ הלואה אויף גאָר שלעכטע בעדינגונגען, הגם הערצל האָט זיך ערקלעהרט בערייט צו פער־שאַפען אַזאַ הלואה אויף פיל בעסערע בעדינגונגען. אזוי־ווי הערצל בעקומט אָבער נישט קיין שום תשובה, דראָהט ער דעם סולטאַן צו אָרגאַניזירען געגען איהם אַ קאַמפּיין ביי דער עפענטליכער מיינונג פון אייראָפּאַ. אָבער דערוויַיל בלייבט דאָס אַלעס אָהן אַ יעדען ערפאָלג.

פערקעהרט, הגם די פערשידענע מעקלערס און מאכערס האבען אלע מאל פערזיכערט הערצל'ן, אז „זיין זאך שטעהט גוט". האבען דאך געוויסע סמנים גע־וויזען, אז די אפיציעלע טערקישע קרייזען האבען נישט קיין איבריגע סימפאטיע פאר'ן ציוניזם. אט אזוי האט די „פאליטישע קארעספאנדענץ" געבראכט דעם 27 דעצעמבער 1900 א ידיעה פון קאנסטאנטינאפאל, אז די טירקיי האט געגצליך פערבאטען די יודישע אימיגראציע קיין א"י און דעם באדענערוועגב דארט, צוליב דעם ציוניזם, צוליב די ציוניסטישע קאנגרעסען, מורא־האבענדיג, אז די יודען וועלען שאפען אין דער טירקיי „א מלוכה אין א מלוכה".

די דאזיגע ידיעה האט זיך ארויסגעוויזען פאר פאלש. די אימיגראציע קיין א"י איז געווען פערבאטען שוין זייט דעם יאהר 1882, און גראד דעם 3 יענער 1901 האט דער סולטאן ארויסגעגעבען א „ספעציעלע איראדע" (פעראָרדנונג), לויט וועלכער עס איז געווארען ערלויבט די יודען אויפצוהאלטען זיך אין א"י במשך פון דריי חדשים און דארט ערווערבען, הן דעם „מורי" (אקערלאנד, אייגענטום פונ'ם סול־טאן), הן דער „מולק" (אייגענטום פון דער שטאט־געמיינדע). אין דער איראדע ווערט געזאגט ווערטליך: „עס ווערט בעטאנט מיט דעם גאנצען נאכדרוק, אז די טערקישע רעגירונג מאכט נישט קיין שום גלויבענסאונטערשיד און די יודען קאנען געניסען פון דיזעלבע רעכט און פריווילעגיעס, ווי די גלויבענסגענאסען פון אנדערע קאנפעסיעס".

שוין דעם 1 מערץ 1901 וויים ווידער די „פאליטישע קארעספאנדענץ" צו מעלדען, אז די פראגע פון דער יודישער אימיגראציע איז נאך נישט „גערעגעלט". עס שיינט, אז איטאליען האט אויסגעאיבט איהר השפעה אין א יודענפיינדליכען זין. הגם אויך די דאזיגע ידיעה שיינט געוועזען צו זיין טענדעציעז, בעווייזען זיי אבער אויף יעדען פאל, אז געוויסע פיינדליכע כחות האבען שטענדיג געווירקט אין קאנסטאנטינאפאל געגען דעם ציוניזם.

דערווייל איז וועמבערי געפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל און איז צוריק־געקומען מיט דער גליקליכער ידיעה, אז דער סולטאן וויל אויפנעהמען הערצל'ן אויף א אודיענץ. הערצל'ן דעם איינפלוסרייכען זשורנא־ליסט, אבער נישט הערצל'ן דעם פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דעם 10 מאי 1901 איז הערצל געפאהרען אין דער בעגלייטונג פון וואלפזאהן און מארמארעק קיין קאנסטאנטינאפאל. א געוויסער טערקישער בעאמטער, דר. וועליש, א יוד, האט איהם דא אין א גרויסען מאס געהאלפען. הערצל איז געווארען עמפפאנגען מיט גרוים כבוד און פאראד. שוין דעם דריטען טאג האט ער בעקומען פון סולטאן די גרעסטע אויסצייכנונג, דעם „מעדזשידא"־ארדען. די אודיענץ גופא איז פארגעקומען דעם 18 מאי און האט געדויערט העכער צוויי שעה. אויף דער אודיענץ האט הערצל ארומגערעדט מיט'ן סולטאן די אקטועלע פראגען פון דער טירקיי. די טערקישע רעגירונג האט אויפגענומען, נאך א סך יאהרען פריהער,

א הלואה אין אויסלאנד. אט דידאזיגע הלואה האט זעהר געדרוקט דעם טערקישען מלוכה־אוצר און האט געשטעלט אין פראגע די פאקטישע פאליטישע זעלבסשטענדיגקייט פון דער טירקיי. א חוץ דעם איז די מלוכה־קאסא געווען פוסט און די טירקיי האט פשוט נישט געהאט קיין געלד אויף די נויטיגסטע מלוכה־הוצאות.

הערצל האט פארגעשלאגען דעם סולטאן צו סאנירען די טערקישע פינאנץ־ווירטשאפט, אויב די טירקיי וועט שענקען א געוויסע סימפאטיע פאר יודען. וויאזוי ער וויל סאנירען די טערקישע פינאנצען און וועלכע פארם די דאזיגע „סימפאטיע" דארף אננעהמען, האט הערצל דעם סולטאן נישט געזאגט. ער האט נור פערלאנגט דעם גאנצען מאטעריאל און נאכדעם ווי ער וועט האבען דורכשטודירט דעם גאנצען פראגען־קאמפלעקס, וועט ער קומען אין פערבינדונג מיט זיינע פריינד אין אויסלאנד און וועט אויסארבייטען א פלאן, וועלכען ער וועט פארלעגען דער רעגירונג צו א אפראבאטע.

דעם אנדערען טאג האט הערצל געהאט א געשפרעך מיט'ן גרויסוועזיר און מיט'ן פרעמיער פון דער רעגירונג. זיי האט ער שוין אנגעוויזען דעם גרונדצוג פון זיין פלאן בדרך משל. „למשל" די טירקיי וועט געבען א ערלויבנים פאר א גרעסערער צאהל יודען זיך צו בעזעצען אין א"י און סיריען. די יודען זענען א טיכטיג פאלק און וועלען דארט מסתמה ענטוויקלען אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט און האנדעל. די יודען זענען גרייט דאס צו טהון, אויב זיי וועלען בעקומען די נויטיגע פאליטישע קאנצעסיעס. דורך דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א"י און סיריען, וועלען די טערקישע שטייערן־הכנסות געוואלטיג שטייגען. עס קאן זיך אלזא שוין היינט בילדען א געזעלשאפט, וואס וועט געבען דער טערקישער רעגירונג א גרעסערע הלואה, ביז פינף מיליאן פונט, נעגען דעם משכון פון די קינפטיגע יודישע שטייערן. דערווייל נויטיגט זיך די טירקיי אין א הלואה פון אנדערט־האלב מיליאן פונט. הערצל איז זיך מתחיב אויפצוברענגען דעם דאזיגען סכום ביז אקטאבער, אויב מ'וועט צוערשט מושהו ווערען איבער די קאנצעסיעס, וואס יודען דארפען צו בעקומען.

ווי מיר זעהען, איז דאס דער „טשארטער־געדאנק", הגם הערצל האט זיך נישט בענוצט אין זיינע פערהאנדלונגען מיט'ן וואָרט: טשארטער.

דער דאזיגער פלאן האט נישט ארויסגערופען ביים הויף קיין גרעסערען ווידערשטאנד. אמת, א טייל בעאמטען האבען אינטריגירט געגען הערצל'ן, אבער בדרך כלל האט הערצל פערלאזט קאנסטאנטינאפאל מיט א גוטען איינדרוק. דער סולטאן האט געשענקט הערצל'ן א ברילאנטענע בראשעל אלס צייכען פון סימפאטיע און הערצל האט פעסט געגלויבט, אז די פערהאנדלונגען וועלען זיך ענדיגען „בכי טוב". הערצל האט געמאכט, אלס פערזענליכקייט א געוואלטיגען רושם אויף דעם סולטאן. „איך האב וועגען איהם געמוזט קלעהרען א גאנצע נאכט" — האט דער סולטאן געזאגט צו זיין סביבה, נאך הערצל'ס אודיענץ.

וואס פארא איינדרוק האט אבער געמאכט דער סולטאן אויף הערצל'ן?

אַט אזוי שרייבט ער אין זיינע טאגביכער: „מיין איינדרוק פונ׳ם סולטאַן איז גע־וועזן, אז ער איז א שוואכער, א פייגער אָבער בעצם דורך און דורך א גוטמיטיגער מענש. איך האַלט איהם נישט פאַר טיקיש און נישט פאר גרויזאַם, נור פאר א טיעף אונגליקליכען געפאנגענעם, אין וועמענס נאָמען עס בעגעהט די גרעסטע שענדליכ־קייטען, א רייבערישע, א געמיינע און א פערלומפטע קאַמאַרילאַ“.

צוריקקומענדיג קיין וויען, האָט הערצל נישט בעקומען קיין גינסטיגע ידיעות פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פערקעהרט, א געשפּרעך, וועלכען ער האָט געהאַט מיט א הויכען טערקישען בעאַמטען, האָט איהם געוויזען, אז אין דער טירקיי האָט מען נאָך אַלץ מורא פאר׳ן ציוניזם. דער דאָזיגער בעאַמטער האָט איהם געזאָגט, אז די טירקיי וואָלט אַקצעפּטירט הערצל׳ס פּלאַן, ווען די יודען זאָלען מסכים זיין צו קומען אין דער טירקיי, אָבער זיך נישט קאָנצענטרירען אויף איין שטח. א צ ע ר־ש ט ר י י ט ע קאָלאָניזאַציע וואָלט זיך נישט אָנגעשטויסען אין דער טירקיי אויף קיין שום ערנסטען ווידערשטאַנד. דאַגעגען גלויבט ער נישט, אז די טירקיי זאָל מסכים זיין אויף א קאָנצענטריטער יודישער קאָלאָניזאַציע, ומכל שכן אין א״י.

דאָך האָט הערצל געפיהלט, אז אַט ק ע ן קומען די היסטאָרישע שעה און ער האָט געוואָלט מאַכען אלע נויטיגע פּאָרבערייטונגען דערצו. צוערשט זוכט ער הילף ביים גרויסהערצאָג. ער בעט איהם צו פערשאַפען איהם א אוידיענץ ביים רוסישען צאַר, כדי די טירקיי זאָל נישט האָבען קיין ספקות אין דער דאָזיגער בע־ציהונג. דאַן וויל ער אויך זיין פינאַנציעל פּאָרבערייטעט. צו דעם צוועק פאָהרט ער קודם כל קיין פאַריז און בעשטרעבט זיך צו קומען אין קאָנטאָקט מיט ראָטשילד. ראָטשילד האָט אָבער נישט מסכים געווען צו עמפפאַנגען הערצל׳ן...

הערצל ווערט כמעט פערצווייפעלט. ער פאָהרט קיין לאָנדאָן און זוכט צו גע־ווינען די ענגלישע יודישע פּלוטאָקראַציע, אָבער אויך אָהן ערפאָלג. סער מאָנטע־פיאָרע האָט איהם געראָטען צו ערקלעהרען קריג אַט די יודישע פּלוטאָקראַציע און בעזונדערס, צו אָרגאַניזירען א קאַמפּיין געגען ראָטשילד. הערצל קען זיך אָבער דערצו נישט ענטשליסען.

וויאזוי האָט געמוזט ליידען אזא נאַטור ווי הערצל אין אזעלכע טעג! אַט, מיינט ער, וועט באַלד שלאָגען די היסטאָרישע שעה און ער שטעהט... מאַכטלאָז.

די היסטאָרישע שעה האָט אָבער נאָך נישט געשלאָגען...

די דאָזיגע פּאַסירונגען האָבען געהאַלטען אין שפּאַנונג די גאַנצע ציוניסטישע מחנה און געוועקט גרויסע האָפנונגען, וועלכע האָבען פערשטאַרקט דעם ציוניזם אומעטום.

ב) א י ן א י נ ע ר ל י ך פּ אָ ל י ט י ש ע ר ב ע צ י ה ו נ ג:

1) „ד י ג ע ג ע נ ו ו אָ ר ט ס אַ ר ב י י ט“. מיר האָבען שוין אויבען בע־מערקט, אז דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט טיילוויז ערווייטערט דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם. מען האָט אָנגעהויבען ערנסט צו טראַכטען מכח דער „קול־

טורעלער, ווירטשאפטליכער און קערפערליכער הויבונג" פון די יודישע מאסען אין די גלות־לענדער. מען האט אנערקענט, אז הגם דער ציוניזם גלויבט נישט אן דער מעגליכקייט, פאקטיש צו העלפען די יודישע מאסען אין גלות, טאר מען אבער נישט אריבערגעהען צום סדר־היום איבער די יודישע פאלקסנויטען און געדולדיג ווארטען, ביז עס וועט דער „טשארטער" אראפפאלען, ווי א געבראטענע טויב א דאנק די פאליטישע, אדער בעסער געזאגט, דיפלאמאטישע אנשטרענגונגען פונ'ם א. ק. מען האט ווייטער אנערקענט, אז דאס יודישע פאלק מוז ווערען גייסטיג, קערפערליך און ווירטשאפטליך צוגעגרייט צו דער שווערער אויפגאבע פון בנין הארץ.

אמת, נישט אלע האבען געגלויבט און אנערקענט די געגענווארטס־ארבייט. אזוי האט דר. פארבשטיין פון ציריך נישט נור ממש אויסגעלאכט די „קולטור־ציוניסטען", נור אויך יענע, וואס האבען געוואלט שאפען אינ'ם ראהמען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, אינסטיטוציעס, וואס זאלען זיך פערנעהמען מיט ווירטשאפטליכער הילף פאר יודישע מאסען, ווי גענאסענשאפטען, באנקען א. א. וו. פארבשטיין האט געטענה'ט, אז די גרונדטעזע פון ציוניזם זעצט פאראויס, אז די יודען מוזען האבען, כל זמן זיי לעבען אין גלות א ז א פרצוף אין גייסטיגער און ווירטשאפטליכער בעציהונג. דאדורך וויל דער ציוניזם בעזייטיגען אט דעם גלות. צו וועלען אבער שאפען אינסטיטוציעס, וואס בעזייטיגען נישט די אורזאכען און ווילען אבשאפען די פאלגען, הייסט אונלאגיש געדאכט און אנטיציוניסטיש געהאנדעלט. לעזט מען די דאזיגע אויספיהרונגען ביים היינטיגען טאג, בעקומט מען דעם איינדרוק, אז, הגם זיי זענען זעהר לעבענספרעמד, זענען זיי אבער לאגיש זעהר קאנסעקווענט. די צרה איז נור, וואס דאס לעבען לאזט זיך נישט אריינפרעסען אין א לאגישער פארמולע...

אבער א חוץ א קליינער מינדערהייט, האבען אלע מודה געווען אינ'ם פרינציפ פון דער געגענווארטסארבייט. דר. מ ע נ ט ש ע ל פון ט ש ע ר נ א װ י ץ האט אויפגעשטעלט א גאנץ דעטיילירטען פראגראם פון דער געגענווארטסארבייט, וועלכער איז געווארען פארבילדליך פאר דער טעטיגקייט פון פערשידענע פעריינען. אויך די עסטרייכישע ציוניסטישע קאנפערענץ אין אלמיץ, 25—24 מערץ 1901 — האט אנגענומען א קלאהר פראגראם פאר דער געגענווארטסארבייט. און בהסכם דערמיט האט זיך אויך געשטארקט די קולטורעלע ארבייט פון די ציוניסטישע פעריינען, בעזונדערס אין עסטרייך. אין א סך שטעט האט מען געגרינדעט טורנבעהאלעס, ביבליאטעקען, קורסען א. א. וו. דאס האט געשטארקט דעם פרעסטיזש פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דאגעגען האט מען אין יענע יאהרען, אונטער דעם בעגריף פון געגענווארטסארבייט נ י ש ט פערשטאנען די „פאליטישע ארבייט" פון יודען. פערקעהרט, די פראגע פון דער יודישער פאליטיק אין די גלות־לענדער האט ארויסגערופען שוין דאמאלס א גרויסען ויכוח אין ציוניסטישען לאגער.

דר. נ א ר ד ו י האט געעפענט די דיסקוסיע איבער דער לאנדעספאליטיק

אויף א גאר אָריגינעלען אופן. איינער א זשורנאַליסט האָט געפרעגט נאַרדוי'ן, צי איז ער דאפאר, אז יודען זאָלען בעקומען אין רומעניען פּאָליטישע רעכט. דער־רויף האָט נאַרדוי געענפערט: „ניין!". דער דאָזיגער ענפער האָט נישט נור ארויס־גערופען א ירגזון צווישען די רומענישע יודען, נור אויך א שטוינען אין דער ציוניסטישער מחנה. דר. נאַרדוי האָט געזוכט צו פערטיידיגען זיין שטעלונג אין א רייה ארטיקלען אין דער „וועלט". נאַרדוי האָט אזוי ארגומענטירט: אויב מען רעדט וועגען בירגערליכע רעכט, איז קלאָהר, אז יודען דארפען פון זיי גע־ניסען. עס איז א שקאַנדאַל פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אויב עמיצער פער־וויגערט די בירגערליכע רעכט פאר יודען. אָבער פּאָליטישע רעכט הייסט עפּיס מעהר. דאָס הייסט א שטרעבען צו בעקומען מאַכט. בעקומען מאַכט הייסט, אז עס איז דאָ עמיצער, איבער וועלכען מען געברויכט די דאָזיגע מאַכט, ד. ה. אונטערטאַנען. אויסצואיבען א מאַכט איבער אונטערטאַנען, איז אָבער נור מעגליך, אויב מען אידענטיפיצירט זיך מיט זיי. אידענטיפיצירען זיך מיט עמיצען, הייסט אָבער אויפגעבען זיין אייגען איך.

אלזאָ: „א יודישע פּאָלקספּאָליטיק, וועלכע שטרעבט אָן פּאָליטישע רעכט פאר יודען, איז א פּאָליטיק פון פּאָלקסאונטערגאַנג און פון פּאָלקסמאָרד, א הכחשה און א סתירה צו זיך גופא". נאַטירליך — שטרייכט נאַרדוי אונטער — דאָרט, וואו יודען האָבען שוין בעקומען פּאָליטישע רעכט, דארפען זיי זיך דערפון נישט אָבזאָ־גען, אָבער זיי מוזען זיין זעהר געשיקט און בעשיידען, טאָרען זיך נישט פאָרדרענ־גען און דער עקר: זיי טאָרען נישט פערלייקענען זייער יודענטום.

מיט די דאָזיגע אויספיהרונגען האָט פּאָלעמיזירט א געוויסער נידערלענדישער ציוניסט, פּאָליאַק. זיינע הויפּטארגומענטען לאָזען זיך אזוי פאָרמולירען: אויב עמיצער איז מודה אין דער נויטווענדיגקייט פון בעקומען בירגערליכע רעכט פאר יודען, מוז ער אויך מודה זיין אין דער נויטווענדיגקייט פון פּאָליטישע רעכט. פּאָליטישע רעכט זענען דאָס איינציגע מיטעל צו זיכערען זיך די בירגערליכע רעכט.

בקשר אָבער מיט די וואהלען צום עסטרייכישען פּאַרלאַמענט האָט די דאָזיגע פראַגע אָנגענומען א קאָנקרעטען און אקטועלען כאַראַקטער. עס ענטוויקעלט זיך א שאַרפע דיסקוסיע צווישען דר. עבנער און דר. מענטשעל, ביידע פון טשערנאָ־וויץ. דר. עבנער האָט געפאָדערט, אז די עסטרייכישע יודען זאָלען פיהרען אונטער דער לייטונג פון די ציוניסטען א זעלבסשטענדיגע פּאָליטיק. דעם ציל פון דער יודישער פּאָליטיק האָט ער פאָרמולירט אָט וויאזוי:

„די יודישע רעאַלפּאָליטיק וויל זאָרגען פאר א ענערגישער פערטרעטונג, לויט מעגליכקייט פון יודען גופא, פון די עסטרייכישע יודען און זייער פּאָלקסרעכט אינ'ם פּאַרלאַמענט, אינ'ם לאַנדטאַג, אין די געמיינדען און אלע אנדערע פערטרע־טונגסקערפּער, דורך א קלוגער אויסנוצונג פון אלע געגעבענע מאַכטפערהעלטנישען, בעקר דורך זעלבסשטענדיגע יודישע אָרגאַניזאַציעס. וואָס דארפען ווערען געשאַפען,

אָבער אויך דורך אָבמאַכען (מיט אנדערע פּאַרטייען), וועלכע דאַרפען ווערען גע־שלאָסען אויף דעם גרונדזאַץ פון „do ut des“.

מיט די דאָזיגע אויספיהרונגען האָט שטאַרק פּאָלעמיזירט דר. מענטשעל. א חוץ אַלגעמיינע טעמים, אז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין יודישע נאַציאָנאַל־פּאָליטיק, נור א סאָציאַלפּאָליטיק, האָט ער אויך אָנגעפיהרט דעמדאָזיגען „אַרגו־מענט“, אז די „בעצירקס־הויפּטלייטע“ (אין דעם היינטיגען פּאָליטישען זשאַרגאָן רופט זיך דאָס אָן: דער סטאַראָסטא, אָדער סתם דער פּריץ...) וועלען נישט דער־לאָזען צו א איינגענער יודישער פּאָליטיק אין די גלות־לענדער... זאָל מען זיך איבער דעם דאָזיגען ארגומענט נישט וואונדערן. 30 יאָהר שפּעטער וועלען נאָך עגזיסטי־רען פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער יודישער גאַס, בעזונדערס אין פּוילען, פאַר וועלכע דער רצון פון א „סטאַראָסטא“ וועט זיין הייליג...

די דאָזיגע פראַגע האָט אויך געפונען א אָבקלאַנג אויף דעם צוזאַמענפאָהר פון גאַליצישע ציוניסטען אין לעמבערג, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 16—17 יוני 1901. אין דער פראַגע פון דער לאַנדעספּאָליטיק האָבען זיך ענטוויקעלט דריי ריכטונגען. לעאָן רייך, דר. לעווענהערץ און דר. הויזמאַן זענען גע־וועזען אָנהענגער פון דער לאַנדעספּאָליטיק. ברוידע, שילער און דר. שריי־בער זענען געווען דאגעגען, די ערשטע צוויי, צוליב אַלגעמיינע טעמים; דר. שריי־בער צוליב דעם, ווייל לויט זיין מיינונג, וועט דער קלאַסענגעגענזאַץ צווישען יודען נישט דערלאָזען צו פיהרען א כלל־ישראל־פּאָליטיק... מאַרטין בובער האָט איינגענומען א קאָמפּראָמיסשטעלונג: אינ׳ם פּרינציפּ איז ער פאַר דער לאַנ־דעספּאָליטיק, אָבער דערוויילע זאָלען ציוניסטען פיהרען א אייגענע פּאָליטיק, נור ביחס צו די יודישע אינסטיטוציעס, ביז די פאָלקסמאַסען וועלען ווערען דער־צויגען.

2) דער אָדעסאער צוזאַמענפאָהר פון די חובבי־ציון.

אָנהויב מערץ 1901 איז געוואָרען צונויפגערופען א קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון קיין אָדעס, וועלכע איז געשטאַנען אין גאַנצען אונטער דעם איינדרוק פון דער שווערער לאַגע אין א״י.

ווי מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, האָט די י. ק. א., איבערנעהמענדיג בירושה ראָטשילדס קאָלאָניעס, זיך בעשטרעבט דורכצופיהרען א גרינדליכע רעפאָרם פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע. זי האָט איינגעשטעלט די ווייטערע קאָלאָניזאַציע און האָט אויסגעאיבט א דרוק אויף די איינצעלנע קאָלאָניסטען, זיי זאָלען איבער־געהען פון וויינבוי צו דער געטריידע־ווירטשאַפט. א סך ארבייטער זענען געוואָרען ארבייטסלאָז און עס איז ענטשטאַנען „א ארבייטער־פראַגע אין א״י“.

כדי צו לעזען די דאָזיגע פראַגע האָט די י. ק. א. בעשטימט דאָפאַר א געוויי־סען פאָנד. אין די אינסטרוקציעס צו דער א״י׳דיגער אדמיניסטראַציע, איז געוואָ־

רען געזאָגט, אז פון דעם פאָנד דאַרף מען שטיצען אַרבייטער, וואָס ווילען ווערען זעלבשטענדיג, אָדער מען זאָל די אַרבייטסלאָזע געבען געלד אויף הוצאות... פון א״י. די אָרטיגע אדמיניסטראַציע האָט נישט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון איינ־אָרדנען אין לאַנד, און, וועלענדיג פטור ווערען פון דאגות, האָט זי געגעבען יעדען אַרבייטסלאָזען, אָפט גרויסע סכומים, ער זאָל פערלאָזען דאָס לאַנד. שטאַט צו פי־נאַנסירען די קאָלאָניזאַציע, האָט די י. ק. א. אָרגאַניזירט א עמיגראַציע פון א״י.

די דאָזיגע עובדה האָט געמוזט אַרויסרופען אין דער גאַנצער ציוניסטישער מחנה, הן ביי די חובבי־ציון, הן ביי די פּאָליטישע ציוניסטען, דעם גרעסטען פּראָ־טעסט. און אונטער דעם צייכען פון די דאָזיגע פּאַסירונגען איז געשטאַנען די אָדע־סאער קאָנפערענץ.

אויף דער קאָנפערענץ האָט מען געליינט רעפעראַטען איבער דער לאַגע פון די אַרבייטער און קאָלאָניסטען אין א״י. די קאָלאָניסטען האָבען זיך געקלאָגט דע־ריבער, אז צוליב זייער אונזעלבסשטענדיגקייט קאָן זיך זייערע ווירטשאַפט נישט ענטוויקלען. די י. ק. א. בעטראַכט די קאָלאָניסטען בלויז אלס בעזיצער פון וויינ־טרויבען. זיי האָבען אָבער קיין שום דעה נישט איבער דעם פערקויף פונ׳ם וויין. די ביוראָקראַציע פון דער י. ק. א. פיהרט אָבער זעהר שלעכט דעם וויינפערקויף, אזוי אז די קאָלאָניסטען האָבען א גרויסען היזק דערפון.

די אַרבייטער ווידער האָבען געשילדערט זייער טרויריגע לאַגע. די י. ק. א. וויל זיי נישט מאַכען זעלבסשטענדיג, ווייל זייער צאָהל איז א גרויסע (500 מאַן) און עס איז כלומרשט נישט מעגליך צו קויפען באָדען אין א״י. דאָס איז אָבער נישט אמת. באָדען קען מען קויפען אין א״י און די אַרבייטער וואָלטען זיך בעד־גניגט מיט דער קליינסטער עקזיסטענץ־מעגליכקייט, אַבי נישט צו פערלאָזען דאָס לאַנד. צו די אינדוסטריען, וועלכע די י. ק. א. האָט זיי פאָרגעשלאָגען, ווילען זיי נישט איבערגעהען, ווייל זיי האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו דער לאַנדווירטשאַפט און ווייל זיי גלויבען נישט אין דער אינדוסטריעלער מעגליכקייט פון א״י.

אַלע רעדנער האָבען שאַרף פּראָטעסטירט געגען דעם פאָרגעהען פון דער י. ק. א. א חוץ אחד־העם. אויך אחד־העם איז נישט מסכים מיט דער קאָלאָניזאַציע פון די אַרבייטער, ווייל דער סכום פון א מיליאָן פראַנק, וועלכען דער צוזאַמענפאָהר האָט דאַפאַר בעשטימט, וועט גענוגען בלויז פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון 40 משפחות. דאַפאַר דאַרפען די אַרבייטער איבערגעהען צו אינדוסטריען און ווערען זעלבס־שטענדיג. די אַרבייטער, וואָס קענען נישט ווערען זעלבסשטענדיג זאָלען עמיגרי־רען פון א״י. די עמיגראַציע איז א מאָל אפילו געזונט פאַר דער קאָלאָניזאַציע...

ביחס צו די קאָלאָניסטען טרעט אחד־העם זעהר שאַרף אויף געגען דעם אפּיטראָפּסות פון דער י. ק. א. דאָס מוז פערשווינדען, אזוי אז עס זאָל „נישט בלייבען אפילו קיין שאָטען“.

אחד־העם׳ס אנטרעגע זענען מיט א קליינער מעהרהייט דורכגעפאַלען און עס זענען געוואָרען אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

„א) עס ווערט געוועהלט א דעלעגאציע פון 20 חברים: 8 רוסישע חובבי־ציון, 4 פאליטישע ציוניסטען, 6 פערטרעטער פון די קאלאניסטען, 2 פערטרעטער פון די ארבייטער;

ב) די דעלעגאציע זאל זיך ווענדען צום באראן ראטשילד, אדער צו דער י. ק. א., אדער צוביידע צוזאמען, לויט איהר איינזעהען;

ג) די דעלעגאציע האט צו פארדערן, אז דאס קאלאניזאציעווערק זאל אזוי ווערען פערפעסטיגט, אז קיין שום ארבייטער זאל נישט זיין געצוואונגען צו פער־לאזען דאס לאנד. מיט דעם סיסטעם פון אפיטרופסות מוז ווערען פולשטענדיג געבראכען. יעדער ארבייטער און קאלאניסט זאל זיך קענען איינארדנען, לויט זיין איינזעהען;

ד) עס זאל ווערען געשאפען א קאמיסיע אין א"י, וועלכע דארף בעשטעהען פון דריי גרופען: 1) פאליטישע ציוניסטען און חובבי־ציון; 2) קאלאניסטען און ארבייטער; 3) קאלאניזירענדע קערפערשאפטען (י. ק. א.). די בעשלוסען פון דער דאזיגער קאמיסיע דארפען זיין אבליגאטאריש פאר אלע;

ה) אין ערשטער רייה זאל מען טראכטען צו בעשעפטיגען די ארבייטער אין דער לאנדווירטשאפט. אויב דאס זאל נישט זיין מעגליך, זאלען זיי איינגעארדנעט ווערען אויף א אנדערען אופן, אבי זיי זאלען קענען בלייבען אין לאנד;

ו) אויב די דעלעגאציע וועט נישט דערגרייכען איהר ציל, קען זי אפעלירען צו דער עפענטליכער מיינונג פון איירָאפּא און בכלל אלעס טהון, כדי צו צווינגען די אין בעטראכט קומענדיגע קערפערשאפטען, נאכצוגעבען די אויבען דערמאהנטע פארדערונגען".

ווי מיר זעהען, איז דאס דאס ערשטע מאל, וואו חובבי־ציון האבען אונטערגעגר־מען א בשותפות'דיגע אקציע מיט די פאליטישע ציוניסטען. פון איצט אן וועט פאר־קומען, וואס אמאל אלץ א גרעסערע דערנעהענטערונג צווישען ביידע גרופען (אב־געזעהען נאטירליך פון דעם אוגאנדא־ע פ י ז א ד) — ביז זיי וועלען זיך צונויפ־גיסען אין איין איינהייטליכער בעוועגונג, נישט נור ארגאניזאטאריש, נור אויך גייסטיג. דאן וועט ענטשטעהען דער ס י נ ט ע ט י ש ע ר צ י ו נ י ז ם, וועלכער וועט במילא אין זיך ענטהאלטען דעם גייסטיגען באגאזש פון ביידע גרופען.

אין דער שפיץ פון דער דעלעגאציע איז געשטאנען ט ש ל ע נ א ו ו.

די פאליטישע ציוניסטען האבען ווארם אונטערשטיצט די בעשלוסען פון דער אדעסאער קאנפערענץ. נישט נור אין דער פרעסע. דער אלמיצער צוזאמענפאהר פון די עסטרייכישע ציוניסטען, די קאנפערענץ פון גאליציע, בוקאווינער און ענגלישע ציוניסטען האבען אנגענומען ענטשפרעכענדע רעזאלוציעס. נארדוי און דר. גאסטער האבען געהאלטען פייערדיגע רעדעס, לטובת פון די דאזיגע פארדע־רונגען.

אבער מיט וועלכען ערפאלג?

איבער דער טעטיגקייט פון דער דעלעגאציע האט טשלענאוו פערעפענטליכט

אין דער ציוניסטישער פרעסע דעם 19 מאַי 1901 א בעריכט, פון וועלכען מיר ברענגען דאַ דעם תמצית.

קודם קאָנסטאַטירט דער בעריכט, אז זייט דעם אָדעסאער צוזאַמענפאָהר האָט זיך די לאַגע טיילווייז געענדערט. אמת, דער פּרינציפּ פון אפּיטרופּסות איז נישט געוואָרען אָבגעשאַפט, אָבער די אַדמיניסטראַציע פון דער י. ק. א. איז געוואָרען געמילדערט. „דער מקור פון דער מאכט און דער לייטער פון דער א"י'דיגער זאַך, איז ווידער ראָטשילד" און דערפון נעהמען זיך אלע ליכט- און שאָטען־זייטען. „די מאַכטפערקערפּערונג אין איין פּערזאָן, פאַראורטיילען געגען די קאָלאָניסטען און די איבערצייגונג, אז דער אדמיניסטראַטיווער רעזשים איז א נויטווענדיגקייט" דאָס זענען די שאָטען־זייטען. די מילדערונג פון דער אפּיטרופּסות, דער קויף פון נייע ערדשטחים און דער צוזאָג פון א נייער קאָלאָניזאַציע אין א שפּעטערער צייט — דאָס זענען די ליכטזייטען.

די קרייזען פון דער י. ק. א. האָבען צוואָר אנערקענט, אז די „בעפּאָרמונדונג" פון די קאָלאָניסטען, איבט אויס א שעדליכען איינפלוס, אָבער זיי האָבען זיך נישט געוואָלט דערפון אָבזאָגען.

וואָס עס איז נוגע די ארבייטער־פראַגע, האָבען די קרייזען פון דער י. ק. א. נישט געוואָלט אויף זיך נעהמען קיין שום התחיבות, הגם זיי האָבען צוגעזאָגט די ארבייטער צו בעשעפטיגען, לויט מעגליכקייט, ביים טאַבאַק־בוי און זיידען־שפּינערייי. ראָטשילד האָט ווייטער צוגעזאָגט, אז, נאָכדעם ווי עס וועלען ערלעדיגט ווערען מאַנכע פאָרמאַליטעטען, וועט ער קאָלאָניזירען די ארבייטער אויף די 65.000 דונאָם באָדען, וועלכע ער האָט אָבגעקויפט אין חורן. אָט אזוי שטעהט די לאַגע.

פערגלייכט מען דעם רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ — זעצט ווייטער פאָרט דער בעריכט — מיט די רעזאָלוציעס פון'ם אָדעסאער צוזאַמענפאָהר, זעהט מען, אז די דעלעגאַציע האָט איהר ציל נישט דערגרייכט.

עס זענען אויך געווען דריי חברים צווישען דער דעלעגאַציע, וואָס האָבען געפאָדערט, אז די דעלעגאַציע זאָל עפענטליך פּראָטעסטירען געגען דער י. ק. א. דאָך האָט זיך דער רוב דערצו נישט ענטשלאָסען, מורא האָבענדיג פאר די פאָלגען פאר'ן ישוב און די דעלעגאַציע האָט אונטערבראָכען איהר טעטיגקייט אין פּאַריז.

3) די אָרגאַניזאַציע. אין דעם דאָזיגען פּעריאָד האָט זיך די אָרגאַניזאַציע שטאַרק ענטוויקעלט אין אלע לענדער. אין עסטרייך איז געשאַפען געוואָרען, א דאַנק דעם אָלמיצער צוזאַמענפאָהר — א פיל פעסטערע אָרגאַניזאַציע. אין וויען האָבען ציוניסטען ביי די קהלה־וואַהלען בעקומען עפּיס וועניגער ווי 50% שטימען.

אויך דער ארבייטער־פליגעל האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט. אין פעריין „ציון" אין וויען איז געוואָרען געשאַפען א בעזונדערע ארבייטער־סעקציע, דער „פערבאַנד פון די האַנדעלסאַנגעשטעלטע" האָט מיט ערפאָלג ענטוויקעלט א לעבהאַפטע טעטיגקייט.

אין דערזעלבער צייט איז פֿאָרגעקומען א גרויסער ויכוח צווישען די ציוניסטען און דער סאָציאַלדעמאָקראַציע. די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבען צוליב פּאָלגענ־דער עובדה. אין אויגוסט 1900 האָט געטאָגט אין פּאַריז דער II אינטערנאַציאָנאַל. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע לטובת אַלע אונטערדרוקטע פעלקער. דער „בונד" האָט אויך אריינגעטראָגען א רעזאָלוציע לטובת פון די יודען. די דאָזיגע רעזאָלוציע איז אפילו נישט געשטעלט געוואָרען צו אבשטימונג. וויק־טאָר אדלער און ראָזא לוקסעמבורג האָבען זיך ענטגעגענגעשטעלט די דאָזיגע רעזאָלוציעס, בעהויפּטענדיג, אז יודען זענען בכלל קיין נאַציע נישט.

די דאָזיגע עובדה האָט ארויסגערופען א שארפע פּאָלעמיק... און האָבען גע־שטאַרקט די ציוניסטישע ארבייטער־פערייגען.

מיר רעדען דאָ נאָך נישט וועגען דער זעלבסשטענדיגער ציוניסטי־שער ארבייטער־בעוועגונג, וועלכע איז אויך ענטשטאנען אין יענע יאָהרען. די דאָזיגע בעוועגונג נויטיגט זיך אין א בעזונדערע בעלויכטונג און עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך ברייטער אָבצושטעלען דערויף.

זיבען און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דער פינפטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל
26—30 דעצעמבער 1901.

טראָץ דער זעהר אונגינסטיגער צייט האָט אָבער דער פינפטער קאָנגרעס דאָך פערזאַמעלט א גרויסען עולם. 300 דעלעגאַטען פון די ווייטעסטע ווינקלען פון דער וועלט און 900 געסט. צוגלייך זענען פאָרגעקומען אין דעם טאָג פון דער ערעפנונג ציוניסטישע מאַניפעסטאַציעס אויף גאָר דער וועלט. אין טויזענדער שטעט און שטעטלעך האָט מען דעמאָנסטרירט לטובת דעם ציוניזם.

די ערעפנונגסרעדע האָלט הערצל. ער האָט אָנגעוויזען אויף דער וויכטיג־קייט פון דער ציוניסטישער אַרבייט. די ציוניסטישע בעוועגונג ערוואַרט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר אַכטונג נישט נור ביי יודען נור אויך ביי נישט־יודען. דאָס קומט דערפון, ווייל די ציוניסטען בענוצען זיך מיט גאַנץ אַנדערע מעטאָדען ווי ביז איצט. מען האָט געגלויבט, אז דאָס וויכטיגסטע איז דאָס געלד, אָבער דאָס איז נישט ריכטיג. א פאָלק בעפרייען קאָן מען נור דורך א אידעע.

אמת, מיר טאָרען נישט זיין הויכמוטיג אין דער קריטיק פון אונזערע פאָר־גענגער. מיר מוזען זיך בעציהען צו זיי מיט דער גרעסטער פּיעטעט, אזויווי צו א אַלטער מאַשין. אָבער די מאַשין מוז אריין אין מוזעאום. „די פילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבען — די נאַציאָנאַלע מוז געלונגען". „וועט מען אונז אָבער פרעגען, וואָס מיר וועלען טהון מיט אונזערע קאָלאָניסטען, אזוי וועלען מיר נישט זיין אין קיין שום פערלעגענהייט, מיר וועלען זיי מאַכען באָדענ־שטענדיג, צו אמת'ע פויערים. יעדע קאָלאָניע זאָל זיך אליין פערוואַלטען אלס א פּראָדוקטיוו־געגענזייטיגע געזעלשאַפט, לויט די גרונדזאַצען, וואָס גיט אונז שוין היינט די ערפאַהרונג און די וויסענשאַפט".

אָט אויף דעם דאָזיגען אונטערבוי פון א ארבייטענדער לאַנדווירט־שאַפטליכער בעפעלקערונג וועט זיך אויפהויבען שטאָלץ דער בנין פון'ם יודישען פאָלק און דאָס איז די אמת'ע לעזונג פון דער יודענפראַגע.

דער ציוניזם האָט זיך ערוואָרבען אַכטונג ביי פערשידענע רעגירונגען. אויך דער סולטאַן איז א פריינד פון יודען. ער האָט אונז בעפולמעכטיגט דאָס עפענטליך פעסטצושטעלען.

אַט אזוי — מיינט הערצל — שטעהען מיר ביים סוף פון דער ערשטער פּאַזע. עס איז געשאפען געוואָרען דער קאָנגרעס, די מעכטיגע טריבונע פון דעם יודישען פאָלק. עס איז געשאפען געוואָרען די אָרגאניזאציע, וועלכע נעהמט ארום אלע כחות אין יודענטום, וואָס שטרעבען נאָך דער גאולה און עס זענען געשאפען געוואָרען די אינסטרומענטען, וואָס וועלען דורכפיהרען די פערווירקליכונג: די קאָלאָניאַלבאַנק, וועלכע ווערט אַקציאָנספעהיג.

געוויס מוזען מיר נאָך אויסבעסערן אונזערע אינסטיטוציעס, אָבער די ערשטע אויפגאַבע איז ערפילט. „קיינער פון אונז איז היינט נישט מעהר אונענטבעהרליך". די בעוועגונג געהט ווייטער, מעג דער אָדער יענער פערשווינדען, אָדער ארויספאַלען פון אונזערע רייהען".

דער קאָנגרעס האָט אויסגעהערט הערצל'ס אויספיהרונגען מיט א פערכאַפּטען אָטעם און האָט איהם געמאכט א לאַנגע און שטורמישע אָוואציע.

דעם רעכענשאַפטסבעריכט איבער די טעטיגקייט פון א. ק. ערטיילט מאַרמאָרעק: אין דעם פערגאַנגענעם פעריאָד איז די בעוועגונג שטאַרק געוואַקסען. אין די פערוואָרפענסטע ווינקלעך פון דער וועלט, אין סיבּיריען, קאַנאַדאַ, טוניס, אויסטראַליען זענען ענטשטאַנען ציוניסטישע גרופּען. אין דייטשלאַנד האָט זיך די צאָהל פון די ציוניסטען פערדאָפּעלט. אין רוסלאַנד האָט זיך די בעוועגונג פערגרעסערט און פערטיפט.

בהסכם מיט'ן בעשלוס פונ'ם פערטען קאָנגרעס האָט דער א. ק. געשאַפען טוינבעהאַלעס, אונטערשטיצט די העברעאישע שול אין יפו און די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים. דער א. ק. האָט צונויפגעשטעלט א ביבליאָגראַפיע פון דער גאַנצער ליטעראַטור בנוגע א"י. די פּאַרטייפּרעסע האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט אין אַלע שפּראַכען. דער א. ק. האָט אָרגאַניזירט די „ציוניסטישע טעג", פון וועלכע עס זענען אָנגעקומען טויזענדער טעלעגראַמען צום קאָנגרעס און דאָס בעווייזט, אז דער ציוניזם האָט ערגריפען אונזער פאָלק.

דער פערזוך צו בעקומען אונטערשטיצונג פון די פילאַנטראָפּישע פעריינען פאַר די ארבייטסלאָזע אין א"י איז נישט געלונגען.

דעם קאַסאַבעריכט ערטיילט דר. קאַקעש. לויט דעם בעריכט קומט אויס, אז נאָך אַלע אויסגאַבען איז געבליבען אין דער קאַסא בערך 20.000 פראַנק.

אין דער דעבאַטע ווערט דער א. ק. כמעט בכלל נישט קריטיזירט, נור עס ווערט ערגענצט דער בעריכט פונ'ם א. ק. דאָך פערדינען מאַנכע אויספיהרונגען ציטירט צו ווערען.

דר. ראַפּאַפּאָרט פון גאַליציען פאָדערט, אז דער א. ק. זאָל זיך ווידמען אין ערשטער רייהה דער העברעאישער ערציהונג.

דעל. וואַרטסמאַן שטעלט דעם אנטראַג, אז די מיטגלידער פונ'ם א. ק. זאָלען זיין בעצאָהלט.

דר. ווייצמאַן שטעלט פעסט, אז דער בעריכט דערצעהלט גאָר נישט

איבער די שאָטענזייטען פון דער בעוועגונג, שולדיג דערינען איז נישט דער א. ק., נור די בעריכטערשטאַטער.

א כאראקטעריסטישע רעדע האלט סירקין אין העברעאיש: די געאָגראפיע מאכט נישט קיין שום אונטערשיד צווישען יודען. דער ציוניזם קען נישט קיין אָרטשאפטען, קיין קלאסען און קיין פראקציעס. אין אחדות ליגט זיין מאַכט.

אנדערע רעדנער דאנקען דעם א. ק. איבער דער הילף, וואָס זיי האָבען בעקומען און ערגענצען, ווי געזאָגט, דעם בעריכט.

די דיסקוסאנטען ענטפערט הערצל. ער איז אונצופרידען, וואָס מען האָט אזוי ווענינ קריטיקירט דעם א. ק. אונזער אויפגאבע איז צו זיין אונצופרידען מיט איינאנדער. דר. וויצמאַן ענטפערט ער, אז עס איז די אויפגאַבע פון דער אָפּאָזיציע, צו זוכען שאָטענזייטען אין דער ארבייט פונ'ם א. ק. „מיר קענען דאָך נישט זיין אָפּאָזיציאָנעלער פון דער אָפּאָזיציע".

הערצל איז מסכים מיט'ן פרינציפּ, אז די מיטגלידער פונ'ם א. ק. זאָלען זיין בעצאָהלט. ער האָפט, אז עס וועט אמאָל קומען אזא צייט — דאמאָלס וועט ער אבער נישט זיין אין א. ק. דער א. ק. וויל אָבער פון געלד נישט פערציכטען. זאָל מען שיקען געלד, און וואָס מעהר, און זאָל מען צווינגען דעם א. ק. אויסצוגעבען דאָס געלד פּראָדוקטיוו לטובת פון דער בעוועגונג.

אויף אנטראג פון דר. מאַלץ ווערט ערטיילט דעם א. ק. א אַבסאָלוטאָריום מיט א בעזונדערען דאנק פאר זיין טעטיגקייט.

אין דער נאַכטזיצונג רעפערירט מאָנטעפיאָרע איבער די קאָלאָניאַלבאַנק. ער האָט מודיע געווען, אז די באנק האָט שוין בעקומען 250 טויזענט פונט, א סכום וואָס גענוגט, לויט די סטאַטוטען, אז די באַנק זאָל ווערען אקציאָנספעהיג. די באנק וועט אָנהויבען צו ארבייטען אין א"י. מיר זענען איבערצייגט, אז עס איז נישט אמת דאָס, וואָס אונזערע שונאים זאָגען, אז א"י איז א אונפּרוכטבאר לאנד. נאַטירליך וועלען מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג אין אונזערע באַנקאָפּעראַציעס. דער אויפזיכטסראַט ציהט איצט אין בעטראכט פערשידענע פּלענער, וויאזוי צו אקטיוויזירען די באַנק.

עס ענטוויקעלט זיך א דעבאַטע, אין וועלכער עס ווערען בעריהרט די פראַגען, צי און וואו די באַנק דארף אָנהויבען איהר טעטיגקייט. אלע רעדנער זענען מסכים, אז די באַנק דארף זיין א מאָבילארע, ד. ה. אז דאָס קאַפּיטאַל דארף שטענדיג געהאלטען ווערען פליסיג. מאָצקין איז דאגעגען, אז די באנק זאָל שוין אָנהויבען איהר טעטיגקייט, מורא־האָבענדיג, אז די באַנק זאָל נישט פערלירען פאר איהרע אויגען איהר ציל צוליב די קליינע געשעפטען.

דעם אנדערען טאָג רעפערירט נאָרדוי איבער די „קערפערליכע, גייסטיגע אוןווירטשאפטליכע הויבונג פון די יודישע מאַסען". דער דאָזיגער רעפעראַט, וועלכער איז דער געלונגענסטער פון אלע רעפעראַטען פון נאָרדוי, וועט געוויס בלייבען א שטענדיגער אוצר אין דער געשיכטע פון ציוניזם.

אין אָנהויב פון זיין רעדע שטעלט נאַרדוי פעסט, אז אונזערע געגנער בעמיהען זיך לחלוטין נישט, גענוי אויסצופאַרשען די לאַגע פונ'ם יודענטום. אונזערע עלטערן האָבען אויך נישט געפונען פאר נויטיג צו קענען גענוי דאָס ווירטשאפטליכע לעבען פון יודען. מיר, ציוניסטען, קענען זיך נישט פערגינען אזא לוקסוס. מיר מוזען גענוי, סטאַטיסטיש ערפאָרשען דאָס יודישע לעבען פון אלע שטאַנדפונקטען. ליידער איז דאָס נישט מעגליך. אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, וואו עס ווערט געפיהרט א ריכטיגע סטאַטיסטיק וואוינען נישט קיין קאָמפּאַקטע מאַסען און אין פיל לענדער ווערט דאָרט נישט געפיהרט קיין „יודישע רובריק“. אין מזרח שטעהט די סטאַטיסטיק אויף א נידריגען ניוואָ. מיר אליין זענען אָבער צו אָרעם, כדי צו ערפאָסען סטאַטיסטיש דאָס יודישע לעבען. מיר מוזען אַלזאָ אורטיילען פון איינדרוקען, וועלכע זענען אָבער גענוג נאָהנט צום אמת.

און דער אמת איז זעהר א טרויריגער. מיר מוזען פעסטשטעלען, אז די יודען זענען דאָס אָרימסטע פאָלק אויף דער וועלט. דער יוד איז א לופטמענש, האָט נישט קיין פעסטען בערוף און קיין זיכערע בעשעפטיגונג. עס איז ממש א נס מן השמים, אויב דער יוד קומט א היים און ברענגט אביסעל געלד אויף פרנסה. דער יוד אונטערשיידעט זיך פון דעם טיפּ ליידיגגעהער, וועלכען מען טרעפט אויך ביי אַנדערע פעלקער דאדורך, וואָס דער יוד איז עהרליך, טיכטיג און ארבייטזאַם, נור ער ווערט קינסטליך אָבגעשטויסען פון אלע מקורות פון פרנסה.

מען רופט אונז א האנדעלספאָלק, אָבער אלס מאַסענערשיינונג איז דאָס נישט ריכטיג. דער יוד איז אָרים. ער איז אָנגעוויזען אויף קרעדיט. דורך זיין טיכטיגקייט שלעפּט ער זיך וויאזוי עס איז נישט נאָך ארום, אָבער קומט א קריזיס און ציהט מען איהם צוריק דעם קרעדיט, אזוי מוז ער דורכפאלען.

פונקט אזוי געהט עס אויך אונזערע האנדווערקער. זיי האָבען נישט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך גוט אויסצולערנען זייער פאַך. זיי מוזען זיין ממש געניאַל, כדי אויפצוקומען לגבי זייער קריסטליכער קאָנקורענץ.

צום יוד געהט מען נור, ווייל ער גיט ביליגער זיין סחורה, אָדער זיין ארבייטסקראַפט. אזוי ארום זענען מיר דאָס אם מייסטען אויסגעפלינדערטע, דאָס עקספּלאָאַטירטעסטע פאָלק פון דער וועלט.

און די יודישע יוגענד?

נישט האָבענדיג סיי ווי קיין אנדערע לעזונג הויבט זי אָן צו שטודירען. אָבער דאָס איז נישט קיין לעזונג פון דער פראגע. אויך די פרייע פּראָפעסיעס זענען איבערגעפולט. דאָס סטודיום, וועלכעס עס מאַכט דורך די יודישע יוגענד אונטער די שווערסטע בעדינגונגען, פיהרט נישט צום ציל. דער יוד איז אַלץ אָהן פרנסה און א קבצן, מיט א דיפּלאָם, צי אָהן א דיפּלאָם.

אָט אזוי געפונען מיר זיך אין א פערכישופטען ראָד. פון איין זייט איז קלאָהר, אז די יודענפראגע קען נור ווערען געלעזט אין א אייגענער היים. פון דער אנדערער זייט קענען מיר בעפרייט ווערען און בעקומען א אייגענע היים, אויב מיר וועלען

זיך ווירטשאפטליך שטארקען. מיר ציוניסטען מוזען דורכברעכען דעם דאָזיגען פערכישופטען קרייז. מיר מוזען ווירטשאפטליך שטארקען דאָס יודישע פאָלק, כדי עס צו מאכען פעהיג צו פערווירקליכען דעם ציוניזם.

פארהאנען אָבער קרייזען, וואָס זאָגען, אז די „געגענווארטס־ארבייט" געהערט נישט צו די אויפגאבען פון ציוניזם. דאָס איז נישט ריכטיג. איך אליין האָב מיט־געארבייט ביי דער שאפונג פון דעם באזעלער פראָגראם, און בין, מעהר ווי אנדערע, בערעכטיגט, צו אינטערפרעטירען דאָס דאָזיגע פראָגראם. דער פונקט 2 און 3 פונ'ם פראָגראם רעדט קלאָהר איבער דער געגענווארטסארבייט.

וואָס עס איז נוגע די קערפערליכע הויבונג פון די יודען, אזוי האָבען די א טעות, וואָס גלויבען, אז כל זמן די ווירטשאפטליכע בעדינגונגען ווערען נישט געענדערט, וועלען מיר קענען הויבען דעם קערפערליכען מצב פון די יודען. מ'איז א „לועג לרש", אויב מען פאָרדערט פון די יודען היגעניע, געזונטע וואוינונגען, ליכט און לופט. ענדערט די ווירטשאפטליכע פערהעלטניסען ביי יודען אזוי וועט איהר נישט מוזען פרעדיגען קיין קערפערליכע הויבונג. נאטירליך מוזען מיר שאפען דערווייל די נויטיגע שפּאָרט־פעריינען, כדי וואָס געזונטער צו מאכען דעם יודי־שען גוף. וואָס עס איז נוגע די ווירטשאפטליכע הויבונג פון די יודישע מאסען, אזוי מוזען מיר פעסטשטעלען, אז דאָס יודישע פאָלק איז „בעטעלארם" און עס וועט אזוי לאנג בלייבען, כל זמן מיר וועלען נישט ענדערן זיינע לעבענסבעדינגונגען. אלעס וואָס מיר טהון, איז א פאליאטיוומיטעל. דאָך טאָרען מיר זיך פון זיי נישט אָבזאָגען. מיר מוזען איבערפיהרען די יודען צו פראָדוקטיווע בערופען.

צי דען זענען אָבער פארהאנען ווייניג האנדווערקער צווישען יודען? — וועט מען פרעגען.

יאָ און ניין!

ביי די היינטיגע אונאָרגאניזירטע פערהעלטניסען זענען געווים דאָ צופיל האנדווערקער אונטער יודען. אָבער זאָלען זיך די האנדווערקער אָרגאניזירען. זאָלען זיי בילדען פראָדוקטיוו־גענאָסענשאפטען און אָרגאניזירען א עקספאָרט פון זייערע סחורות, דאן וועט נאָך זיין פלאץ פאר יודישע האנדווערקער, דאָס איז וויכטיגער ווי די עמיגראציע.

וואָס עס איז נוגע די גייסטיגע הויבונג פון די יודישע מאסען, אזוי איז דאָס געדראָשען שטרוי, כל זמן עס פעהלט אונז די פאראויסזעצונג צו א גרינדליכער אל־זייטיגער פאָלקסבילדונג: געלד. גייסטיגע פעהיגקייטען האָבען מיר. דערצו זענען מסכים אפילו אונזערע שונאים. אונז פעהלט עפּים אנדערש. „אם אין קמח אין תורה".

אָט אזוי בלייבט פאר אונז א געוואלדיג ארבייטספעלד פאר דער ווידערגעבורט פונ'ם יודישען פאָלק".

דער קאָנגרעס מאכט נאָרדוי'ן שטורמישע אָוואציעס.

דאָס ספּעציאלרעפעראט איבער די קערפערליכע הויבונג

פון יודען האלט דר. קארל יערעמיאש. מיט זעהר אינטערעסאנטע ציפערן בעווייזט דער רעפערענט, אז די פערמעהרונג פון יודען איז א גרעסערע ווי די פון אונזערע שכנים. אויך איז אונזער לעבענסדויער א העכערע. דאס נעהמט זיך פון דער קלענערער קינדערשטערבליכקייט ביי יודען. טראָץ דער דאָזיגער „צער־היקיים" פון אונזער ראסע, האָבען מיר מעהר משוגעים, מעהר טויבשטומע, מעהר בלינדע ווי אנדערע פעלקער. מיר מוזען די יודען ערציהען צו א גרעסערער היגעניע. אויך מוזען רעפאָרמירט ווערען די צדקה־חברות.

איבער „געשיכטע און וויסענשאפט" רעפערירט נ. סאָקאָלאָוו: די וויסענשאפט פונ'ם יודענטום, „חכמת היהדות", איז בעקר א פראָדוקט פונ'ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט. יאָסט, צונץ, גייגער, גרעץ א. א. האָבען געשאפען די דאָזיגע וויסענשאפט, וועלכע איז אָבער געווען אָבגעריסען פון דעם יודישען לעבען. דאדורך שטעהט זי היינט אויף א טיפען ניוואָ. פאר אונז האָט די וויסענשאפט נור א זין, אויב זי וואורצעלט אינ'ם פאָלקסלעבען. דער ציוניזם זעהט אין דער פראגע פון דער וויסענשאפט א נאציאָנאלע פאָרדערונג, און וויל שאפען די דאָזיגע וויסענשאפט אין אלע שפראכען פון די ציוויליזירטע פעלקער. זי וועט אָבער נישט זיין דאס אייגענטום פון א גרופע נור פונ'ם גאנצען פאָלק.

מארטין בובער רעפערירט טיעף און לעהררייך איבער דער יודישער קונסט.

ביים אָנהויב פון דער נעכסטער זיצונג לעזט הערצל פאָר, ביי דער גרעסטער שפאַנונג פונ'ם גאנצען זאל, א בעגריסונגסטעלעגראם פונ'ם סולטאן צום ציוניסטישען קאָנגרעס.

דר. מאָזעס רעפערירט איבער די ווירטשאפטליכע הויבונג פון יודען: דער יודישער ווירטשאפטליכער אָרגאניזם איז קראנק, אָבער זיין מעדיצין מוז געבראכט ווערען פון ווייטע מדינות. מיר האָבען מורא, אז דער גוף וועט נישט זיין אימשטאנד אזוי לאנג צו ווארטען, אויב מיר וועלען איהם נישט זאָפאָרט שטארקען. דאס איז דער זין און דער צוועק פון דער „געגענווארטסארבייט". קיינער זאָרגט נישט פארן גורל פונ'ם יודישען פאָלק. דאדורך מוזען מיר ציוניסטען דאס נעהמען אין אונזער האנד. מיר מוזען גרינדען ספעציעלע שולען פאר יודישע סוחרים, ווייל אויך דער סוחר מוז זיין א קוואליפיצירטער כח.

דער רעפערענט האָט געוויסע ספקות לגבי האנדווערקער־גענאָסענשאפטען. אזעלכע האָבען זיך אין ערגיץ נישט איינגעגעבען און זיי קענען אויך נישט אויסהאלטען די קאָנקורענץ פון דער גרויסאינדוסטריע. אויך דער איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט שטויסט זיך אָן אין די גלות־לענדער אויף גרויסע שוועריגקייטען, בעזונדערס צוליב דעם וואקסען פון אנטיסעמיטיזם אויפ'ן דארף. דאגעגען מוזען מיר גרינדען ארבייטס־פערמיטלונגסביוראָס, קאסען, באנקען א. א. וו.

דאן רעפערירען הערצל און באָדענהיימער איבער דעם נייעם אָרגאניזאציע־סטאטוט.

די וויכטיגסטע בעשטימונג פון דעם נייען סטאטוט, וואס וועט האבען שפעטער א ארגאניזאטאריש־היסטארישע אויסווירקונג, איז די, וואס 50 פעריינען, וועלכע האבען לכה״פ 5000 מיטגלידער, קענען בהסכם מיט׳ן א. ק. שאפען אין א בע־שטימטען לאנד א בעזונדערע „פעדעראציע״, וואס איז אונאבהענגיג פון דער לאנדעסארגאניזאציע. ווייטער בעשטימט דער פראיעקט, אז דער קאנגרעס ווערט איינגערופען איינמאל אין צוויי יאהר. אין דער צווישענצייט מוז נור פארקומען א זיצונג פונ׳ם גרויסען אקציאנסקאמיטעט („דער קליינער קאנגרעס״).

אוסישקין טרעט אויף אלס א קארעפערענט. לויט זיין מיינונג דארף דער קאנגרעס איינבערופען ווערען איינמאל אין דריי יאהר. דאס פאסיווע וואהל־רעכט דארפען האבען מענשען, וואס קויפען אוים שקלים במשך פון 3 יאהר.

קאקעש שלאגט פאר, אז פעריינע, וואס קויפען אוים שקלים פיער וואכען פאר׳ן קאנגרעס, זאלען נישט זיין שטימבערעכטיגט.

דאן רעפערירט שאליט איבער דער גרינדונג פון דעם נאציאנאל־פאנד (קרן קימת לישראל). אבער די עובדה, וואס דער א. ק. האט נישט געהעריג פארבערייטעט דעם דאזיגען ענין, וואס ער האט נישט בעשטימט די יורידישע פערזאן פון דעם פאנד, האט ארויסגערופען א גרויסע און ערעגטע דעבאטע. מאנכע רעדנער האבען געפאדערט אבצולעגען די גרינדונג פונ׳ם נאציאנאלפאנד ביז צום קומענדיגען קאנגרעס. דאנגען האט זיך הערצל שארף ארויסגעזאגט. צולעצט איז מיט א גרויסער בעגייסטערונג געווארען אנגענומען הערצל׳ס פארשלאג איבער דער תיכף׳דיגער גרינדונג פונ׳ם נאציאנאלפאנד, מיט דעם צוזאץ־אנטראג, אז ביז צום קומענדיגען קאנגרעס האט דער א. ק. צו זארגען דאפאר, אז עס זאל געשאפען ווערען די לעגאלע באזים פון א יוריסטישער פערזאן פאר׳ן ק. ק. ל.

די גרינדונג פונ׳ם נאציאנאלפאנד איז בלי ספק איינע פון די וויכטיגסטע אויפטהוען פון די ביזאיצטיגע קאנגרעסען. דער ק. ק. ל. וועט ווערען דער וויכטיג־סטער אינסטרומענט ביי דער רעאליזאציע פונ׳ם ציוניזם.

אין דער אווענדזיצונג האט זאנגוויל געהאלטען, ביי דער גרעסטער שפאנונג פונ׳ם קאנגרעס, א גרויסע וואונדערבארע רעדע געגען דער י. ק. א. דאס איז געווען מיט וויץ און איראניע, אבער צוגלייך מיט א גרויסען פאטאס געהאלטענע עפענטליכע אנקלאגע געגען די מאכטהאבער און די „צואה־פאלשטרעקער״ פון באר־ראן הירש מיליאנען, וועלכע געהען לאבוד, אויב זיי ווערען נישט פערוועגדעט פאר ציוניסטישע צוועקען. צולעצט האט זאנגוויל געשטעלט פאלגענדען אנטראג: „דער קאנגרעס פעראורטיילט דאס פארגעהען פון די טעסטאמענט־פאלשטרעקער פונ׳ם באראן הירש״.

הערצל האט נישט צוגעלאזט דעם דאזיגען אנטראג צו אבשטימונג. „דאס גע־הערט נישט צום ציונ. קאנגרעס. אבער עס זענען פארהאנען ווערטער, וואס געהען נישט פערלוירען. דאך זאל מען דעריבער נישט אבשטימען״.

עס ווערט פּאַרטגעזעצט די דעבאַטע איבער אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען און עס ווערט אָנגענומען דער פּראָיעקט פון׳ם א. ק. מיט אונוועזענטליכע שנויים.

דאַן ווערט פעדענדיגט די באַנק־דיסקוסיע. צוויי רעזאָלוציעס האָבען א גע־וויסע בעדייטונג: 1) פון אוסישקין: „די באַנק הויבט אָן איהר טעטיגקייט מיט האַנדעלסגעשעפטען אין א״י״.

2) דר. פאַרבשטיין: „די באַנק האָט שטענדיג גרייט צו האַלטען א גע־וויסען סכום פאַר׳ן א. ק., וואָס זאָל דינען וואָס גיכער צו בעקומען דעם טשאַרטער״.

אין דער שלוס־זיצונג איז נאָך פאָרגעקומען א אינטערעסאַנטער אינצידענט. אינ׳ם נאָמען פון׳ם קולטור־אויסשוס האָט רעפערירט מאַרטין בובער. געגען די אַנטרעגע פון׳ם קולטור־אויסשוס האָבען גערעדט די רבנים ראַבינאָוויטש און ריינעס, בעהויפּטענדיג, אַז די קולטור־אַגיטאַציע קען ארויסרופען א מיס־טרויען ביי די אָרטאָדאָקסע מאַסען.

הערצל, וועלענדיג פאַרבייגען א „קולטור־דעבאַטע״, האָט געשטעלט דעם פאָר־מעלען אַנטראַג, איבערצורייסען די דאָזיגע דעבאַטע און דורכצופיהרען קודם כל די וואַהל פון די פּאַרטייאינסטאַנצען. הערצל האָט אַביסעל מיט „דיקטאַטאָרישע״ מיטלען דורכגעזעצט זיין אַנטראַג. דאָס האָט געפיהרט צו געוויסע מיספערשטענד־נישען און א ירגזון ביי א טייל פון די יונגע רוסישע ציוניסטען, מיט כהן בערנ־שטיין, מאָצקין א. א. בראש. זיי האָבען געמיינט, אַז אַזויאַרום וויל הערצל בכלל דערוויטערן די קולטוראַרבייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג; זיי זענען געווען אויפגערעגט איבער הערצל׳ס „דיקטאַטור״ און האָבען, בערך 40 דעלעגאַ־טען, דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזט דעם זאַל.

טראָצדעם האָט הערצל דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער רוה די וואַהלען. צום ענגערען א. ק. זענען געוואָרען געוועהלט: הערצל, קאָקעש, מאַרמאָרעק, קאָהן, שנירער און קרעמענעצקי. אינ׳ם גרויסען א. ק. זענען געוואָ־רען געוועהלט פערטרעטער פון אלע לענדער.

אינצווישען האָט מען אויפגעקלעהרט די „דעמאָנסטראַנטען״ זייער טעות און זיי זענען צוריקגעקומען צום קאָנגרעס.

הערצל האָט נאָך פערזיכערט, אַז ער איז נישט געגען די „קולטור״, נור אַז פּאָליטישע פראַגען מוזען דאָ האָבען די „פּרעפערענץ״. קולטור שטעהט נאַטיר־ליך נישט אין קיין שום סתירה צו דער רעליגיע. דער קאָנגרעס האָט אָנגענו־מען די פאָרשלאַגען פון דער קולטור־קאָמיסיע.

די שלוסרעדע האַלט הערצל: עס איז געווען א גוטער קאָנגרעס. ער האָט געשאַפען דעם נאַציאָנאַלפאָנד; ער האָט געגעבען א נייען קורס פאַר דער באַנקטעטיגקייט; ער האָט פערפעסטיגט די אָרגאַניזאַציע. אָט אַזוי אַרבייטען אלע מיט א יוגענדליכען אייפער פאַר׳ן יודישען פאָלק.

עס הערשט א ערנסטע און בעגייסטערטע שטימונג. אלע מאַכען הערצל׳ן שטורמישע אָוואַציעס.

אכט און צוואנציגסטער קאפיטעל.

דער פעריאד צווישען דעם פיפטען און זעקסטען קאנגרעס 1901/1903.

א) אין אויסענפאליטישער בעציהונג:

אין דער דאזיגער צייט זענען פארגעקומען די וויכטיגסטע פאליטישע פאסי־רונגען פון דער גאנצער הערצליאנישער עפאכע. די דאזיגע געשעהענישען האבען נישט נור ארויסגעפיהרט דעם ציוניזם, פון זיין ענגען ווינקעל, אויף א ברייטערען שליאך פון דער פאליטישער טעטיגקייט, נור האבען אויך אריינגעבראכט אזא פערמענט אין דער אינערליכער ענטוויקלונג פונ׳ם ציוניזם, וועלכער האט כמעט צערזעצט און געשפאלטען די גאנצע בעוועגונג.

לאמיר רעיעסטרירען כראנאלאגיש די פאקטען: דעם 15 פעבער 1902 האט הערצל פלוצלינג בעקומען א טעלעגראם פון איבראהים, א הויכען טערקישען בע־אמטען, תיכף צו קומען קיין קאנסטאנטינאפאל. הערצל נעהמט מיט זיך מיט דעם ענגלישען ציוניסט קאוון און קומט דעם 25 פעבער קיין קאנסטאנטינאפאל. באלד בעקומט ער א אודיענץ ביי איזעט בעי, דעם פרעמיערמיניסטער און דער זעלבער שלאגט איהם פאר אט וואס: יודען זאלען גרינדען א געזעלשאפט צו עקס־פלאאטאציע פון מעטאלערצע אין דער טירקיי. די פערוואלטונג פון דער דאזיגער געזעלשאפט זאל בעשטעהען פון 50% יודען און 50% טירקען. א חוץ דעם זאלען יודען אויסקויפען דעם טערקישען מלוכה־חוב אויף גינסטיגע בעדינגונגען פאר דער טירקיי. דאפאר וועט די טירקיי ערלויבען, אז יודען זאלען שאפען — נישט קיין קאמפאקטע — זידלונגען אינ׳ם גאנצען לאנד, מיט אויסנאהם פון א״י. קיין א״י זאלען יודען נישט קענען קומען אין קיין גרעסערער צאהל.

הערצל הערט רוהיג אוים דעם דאזיגען פארשלאג און זאגט צו, צו געבען א שריפטליכען ענפער. אין דעם ענפער פערזוכט הערצל פונאייגאנדערצוזעצען, אז דער דאזיגער פארשלאג קען נישט ווערען אקצעפטירט, ווייל די דאזיגע גרויסע פינאנציעלע לייסטונג מצד פון די יודען, נויטיגט זיך אין א אינטענזיווער עפענט־ליכער פראפאגאנדא. די אויבען דערמאהנטע איינשרענקונגען מאכען אבער אזא

פראפאגאנדא אונמעגליך. דאס ערגעבנים וועט אלזא זיין לכל הפחות צווייפעל־האפט. הערצל פארדערט א אימיגראציע אָהן איינשרענקונגען.

דער סולטאן ענטפערט איהם, אז ער איז גרייט צו עפענען די טוירען פון זיין מלוכה פאר אלע יודען, וועלכע וועלען ווערען טערקישע בירגער. די אנזידלונגס־בעצירקען זאלען ווערען פון פאל צו פאל בעשטימט מצד פון דער רעגירונג. די יודיש־טערקישע געזעלשאפט זאל מעגען קאלאניזירען אין בבל, אשור, קליינאזיען, איבעראל נור נישט אין א״י.

הערצל גיט דערויף צו פערשטעהען, אז ער גלויבט, אז די פערהאנדלונגען וועלען צו גארנישט פיהרען, דאך וויל ער פארזעצען די פערהאנדלונגען מיט די טערקישע מלוכה־מענער. די דאזיגע הערען זוכען הערצל׳ן איינצורעדען, אז דאס וויכטיגסטע איז, אז יודען זאלען שאפען יענע אינסטיטוציעס, אין וועלכע די טיר־קיי נויטיגט זיך. „זאלען יודען נור קומען אין לאנד אריין, וועלען זיי שוין במילא ערייכען זייער ציל״.

בעת די פערהאנדלונגען האט הערצל געמאכט נאך א ווייטערע קאנצעסיע. ער איז געווען גרייט איינצושרענקען די צ א ה ל פון דער יודישער אימיגראציע. די אימיגראציע דארף צוואר ווערען רעגולירט דורך יודען, אבער הערצל איז זיך מתחיב, אז זי וועט נישט איבערשטייגען א געוויסע פעסטגעזעצטע צאהל.

„וויפיעל יודען ווילט איהר אריינברענגען?״ — פרעגען די אונטערהענדלער. דערויף האט זיי הערצל דערווייל נישט געוואלט געבען קיין תשובה.

עס איז ווייטער קלאהר געווארען הערצל׳ן, אז די טערקישע רעגירונג האט נישט קיין צוטרוי צו הערצל׳ס פינאנציעלע מעגליכקייט. „לאמיר דערווייל זעהען א שפיץ פון א מטבע״ — האבען אלץ געטענה׳ט די טערקישע מלוכה־מענער. דאדורך מאכט זיי הערצל פאלגענדע אפערטע. ער וועט, צוריקקומענדיג קיין וויען, דעפאנירען אין א פאר בענק א מיליאן ביז צוויי מיליאן פראנק אלס קויציע, וועלכע וועט איבערגעהען אין דעם טערקישען מלוכה־אוצר, אויב די טירקיי וועט געבען די יודען די נויטיגע קאנצעסיעס. די ט ע ר ק י ש ע א ו נ ט ע ר ה ע נ ד ל ע ר ה א ב ע ן ד ע ר ו י ף מ ס כ י ם ג ע ו ו ע ן.

א חוץ דעם זאגט זיי הערצל אויך צו, אז ער וועט זיך פעראינטערעסירען מיט דער „עקספלאאטאציע פון די מינען״, וועלכע האט פאר איהם אבער בלויז א גע־שעפטליכען און נישט קיין פאליטישען ווערט.

איצט האט דער סולטאן אונבעדינגט פערלאנגט, אז עס זאל אויפגענומען ווע־רען א שריפטליך פראטאקאל וועגען די דאזיגע פערטראקטאציעס. די כ ו נ ה פון דעם סולטאן פערשטעהען מיר נישט. יעדענפאלס איז דער דאזיגער פראטאקאל א גאר וויכטיגער היסטארישער דאקומענט און מיר ציטירען איהם דא ווערטליך. ער לייענט זיך אט וויאזוי:

„איך האב געהאט דעם כבוד צו בעקומען דורך איבראהים און איזעט פאל־גענדע פראפאזיציע פונ׳ם סולטאן:

ז. מ. דער סולטאן וועט דערלויבען א יודישע אימיגראציע אין זיינע פראווינ־צען קליינאזיען און מעזאפאטאמיען, אויב די עמיגראנטען וועלען בעקומען די ער־לויבניש פון זייערע רעגירונגען, אנצונעהמען די טערקישע מלוכה־בירגערשאפט. די אימיגראנטען דארפען אונטערליגען דעם טערקישען רעכט און זענען מחויב צו די־נען ביי מיליטער.

עס קען נישט פארקומען קיין מאסענאימיגראציע און קיין מאסענקאלאניזאציע, נור לויט די בעשלוסען און פעראָרדנונגען פון דער טערקישער רעגירונג און אין גע־גענדען, וועלכע די רעגירונג וועט אנווייזען.

אלס געגענלייסטונג פארדערט די רעגירונג פון ז. מ., די שאפונג פון א יודיש פינאנציעלען אינסטיטוט, וועלכער דארף מיטווירקען אין פאלגענדע אנגעלעגענ־הייטען:

1. שאפען א געזעלשאפט, וואס זאל עקספלאאטירען די מינעראלען אין דער גאנצער מלוכה, מיט א פערוואלטונג, וועלכע זאל בעשטעהען פון א העלפט מוזול־מענער און א העלפט טערקישע יודען;

2. שאפען א געזעלשאפט, וועלכע זאל ערלייכטערען די אוניפיקאציע פון דעם טערקישען מלוכה־אוצר אויף גינסטיגע בעדינגונגען;

3. צו געבען א הלואה דער טערקישער מלוכה אויף גינסטיגע בעדינגונגען, כדי זי זאל דורכפיהרען די נויטיגע עפענטליכע ארבייטען ביי זיך.

נעהמענדיג די דאזיגע פראפאזיציעס צו קענטניס, בין איך לוידער מודיע, אז די בעדינגונגען זענען נישט אקצעפטאבעל. איך בין אבער גרייט צו ווייטערע פער־טראקטאציעס. טעאָדאָר הערצל."

הערצל'ס אינטערוועניע אין דער טירקיי האט געמאכט א גרויסען רושם אויף דער גאנצער וועלט. מאנכע ענגלישע צייטונגען האבען געבראכט די ידיעה, אז הערצל האט שוין בעקומען דעם טשארטער. די דאזיגע ידיעה איז נאטירליך תיכף געוואָרען דורך הערצל'ן דעמענטירט.

אינטערעסאנט איז, אז דער וויענער א. ק. האט, אין געגענזאץ צו הערצל'ן גופא, נישט אויפגעפאסט הערצל'ס אקציע אלס א מאמענטאנען דורכפאל. זיי זע־נען געווען גרייט מסכים צו זיין אויף א קאלאניזאציע אין מעזאפאטאמיען.

הערצלווידמעט זיך איצט מיט'ן גאנצען ברען דער ווייטערער ארבייט אין דאפעלטער ריכטונג: 1) ער האלט ווייטער אויפרעכט זיינע בעציהונגען צו דער טערקישער רעגירונג; 2) ער זוכט מיט געוואלד צו ארגאניזירען א פינאנציעלען קאנ־סארציום — לעת מצוא...

דעם 22 II שרייבט הערצל דעם סולטאן א בריעף, אין וועלכען ער מאכט איהם נאך א ווייטערע קאנצעסיע. כדי צו פערווישען דעם שלעכטען איינדרוק, וואס יעדע איינשרענקונג פון דער אימיגראציע קען מאכען אויף יו־ען, זאלען צוואר די יודען בעקומען דאס רעכט צו רעגולירען זייער אימיגראציע, אבער דאס זאל זיין בלויז א פארמעל רעכט, כלפי חוץ... דאפאר וועלען די יודען לייסטען פינאנציעלע

הילף פאר דער טירקיי. אלס בעוויין דאפאר דעפאנירט הערצל דריי מיליאן פראנק אלס קויציע אין פערשידענע בענק לטובת דעם טערקישען מלוכה־אוצר.

ווי מיר זעהען האט הערצל פערציכטעט פון דער בעדינגונג, אז די יודען זאלען פאקטיש אליין רעגולירען זייער עמיגראציע.

און הגם עס זענען אנגעקומען שלעכטע ידיעות פון קאנסטאנטינאפאל, וואהר־שיינליך צוליב דעם, ווייל א פראנצויזישע פינאנץ־גרופע מיט׳ן פינאנץ־מיניסטער רוויע בראש, וועלכע האט אויך פערטראקטירט אין קאנסטאנטינאפאל, וועגען א פראנצויזישער הלואה, האט דערוועקט מעהר צוטרוי ווי הערצל, האט אבער הערצל דאך צונויפגערופען די פערוואלטונג פון דער קאלאניאלבאנק און האט דורכגעזעצט, נעגען אוסישקין, אז די קאלאניאלבאנק זאל דעפאנירען 3 מיליאן פראנק אלס קויציע פאר דער טירקיי, כפי המדובר.

באלד בעקומט אבער הערצל א ידיעה פון קאנסטאנטינאפאל, אז ער זאל תיכף צוריקציהען זיין קויציע פון 3 מיליאן פראנק, ווייל די גאנצע אנגעלעגענהייט בערוהט אויף א מיספערשטענדניס. הערצל, מורא האבענדיג, אז די דאזיגע ידיעה איז א פשוטע אינטריגע, האט דאס נישט געטהון... נור האט ווייטער אויפרעכט ערהאלטען א לעבהאפטע קארעספאנדענץ מיט די אפיציעלע קרייזען פון דער טער־קישער רעגירונג.

אינצווישען אבער איז פארגעקומען אט וואס: דער שטענדיגער וואוקס פון דער יודישער און נישט־יודישער אימיגראציע קיין ענגלאנד האט גורם געווען, אז דער ענגלישער פארלאמענט האט איינגעזעצט א ספעציעלע קאמיסיע, מיט דער אויפגאבע, אויסצופארשען די אימיגראציע־פראבלעמען פונ׳ם שטאנדפונקט פון די ענגלישע מלוכה־אינטערעסען, צי די אימיגראציע ברענגט ענגלאנד א שאדען, און אויב יא, זאל די קאמיסיע פארשלאגען א געזעץ, וואס זאל איינשרענקען די אימי־גראציע. טראץ ראטשילדס ווידערשטאנד האבען די ענגלישע ציוניסטען דורכגע־זעצט, אז די קאמיסיע זאל איינלאדען הערצל׳ן אלס „עקספערט" אין די פראגען פון דער יודישער עמיגראציע. די ענגלישע אסימילאציע איז געווארען אויפגעצי־טערט. וואס טהוט מען, אויב הערצל וועט זאגען דער קאמיסיע, אז יודען קענען נישט ווערען קיין ענגלענדער און וועט אזוי ארים פראוואצירען א „אנטי־אימיגרא־ציע ביל"? וואס וועלען טהון די ענגלישע צדקה־חברות?

נישט האבענדיג קיין ברירה האט ראטשילד צו זיך געלאדען הערצל׳ן אויף א געשפרעך. הערצל האט ערקלעהרט, אז ער וועט אפען ארויסזאגען דעם גאנצען אמת דער קאמיסיע: אין מזרח־אייראפא הערשט א אונגעהוירע נויט און א אונער־טרעגליכער פאליטישער דרוק. די מענשען האבען נישט קיין ברירה און מוזען עמיגרירען, אבער די עמיגראציע בעדייטעט נישט קיין פאקטישע לעזונג.

„און דאס ווילט איהר זאגען דער קאמיסיע — האט זיך ראטשילד דער־שראקען, — דאס וועט דאך פיהרען, אז ענגלאנד וועט פערמאכען די טוירען פאר יודען!"

„איך וויל נישט נור דאס זאגען, וואס קען פערמאכען די טוירען פאר יודען — האט געענפערט הערצל — איך וויל אויך פארלעגען א רעטונגספלאן: זאל ענגלאנד אונז געבען א טשארטער אויף דער האלב־אינזעל סיני, על־אריש און ציפערן!"

„פערלאנגט א וגאנדא" — האט געזאגט ראטשילד.

„ניין!" — האט געענפערט הערצל.

מניה וביה האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויך ראטשילד איז מסכים מיט אזא לעזונג און הערצל האט איהם געבעטען, ער זאל איהם העלפען אנצוקניפען דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט די ענגלישע מלוכה־מענער. לארד ראטשילד האט איהם דאס צוגעזאגט.

הערצל בעזוכט אויך דעם פארזיצער פון דער אימיגראציע־קאמיסיע, וויקעלט איהם פונאנדער זיין גאנצען קאנסטרוקטיווען פלאן, און בעט איהם, ער זאל העלפען אין דער פאליטישער ארבייט. עס איז געלונגען הערצל'ן צו בעקומען זיין הסכמה.

אט א דאנק ראטשילד'ן, די ענגלישע ציוניסטען (אין ערשטער רייה גרינבערג'ן) און דעם פארזיצער פון דער אימיגראציע־קאמיסיע קניפט הערצל שוין דאמאלס אן דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט די ענגלישע מלוכה־מענער. מיר וועלען באלד זעהען וואס פארא פאלגען דאס וועט האבען.

פון לאנדאן אוים האט הערצל ווייטער געפיהרט א לעבהאפטע קארעספאנדענץ מיט דער טערקישער רעגירונג. דער סולטאן האט פערלאנגט, אז הערצל זאל קאנקרעטיזירען זיין פלאן מכח א עווענטועלער פינאנציעלער לייסטונג מצד פון די יודען. הערצל האט געמאכט א אפערטע, וואס איז געווען גינסטיגער, ווי די אפערטע פון דער פראנצויזישער גרופע, האט אבער אונטערגעשטראכען, אז מען מוז נאך פערהאנדלען וועגען דעטיילפראגען. די טערקישע רעגירונג האט געפאדערט אויף א שטורמישען אופן, אז הערצל זאל קומען קיין קאנסטאנטינאפאל און דעם 22 יולי איז הערצל ווידער געפאהרען צוזאמען מיט וואלפזאהן צום סולטאן.

דעם 25 יולי האט הערצל פארגעלעגט זיין פלאן שריפטליך דעם סולטאן: די יודען זענען גרייט דורכצופיהרען די קאנווערזיע פון דער טערקישער מלוכה־שולד, אויף גינסטיגערע בעדינגונגען, ווי די גרופע פון רוויע, אויב דער סולטאן וועט דערלויבען א יודישע קאלאניזאציע אין „מעזאפאטאמיען, אין דער געגענד פון חיפה און אין אנדערע טיילען פון א"י".

הערצל האט אויך פערהאנדעלט מיט דעם גרויסוועזיר, וועלכער איז געווען א קלוגער פאליטיקער. דער סולטאן האט פערלאנגט, אז הערצל זאל צוריקציהען די קויציע פון דריי מיליאן פראנק, וועלכע ער האט דעפאנירט אין פערשידענע באנקען, ווייל די קויציע זעהט אוים ווי א „באקשיש". הערצל האט דאס נאטירליך געטהון.

דעם 30 יולי מעלדעט דער גרויסוועזיר הערצל'ן, אז דער סולטאן איז בעצם מסכים מיט הערצל'ס פלאן. הערצל איז שוין געווען

איבערצייגט, אז דאָס מאָל וועט ער דערגרייכן זיין ציל. אָבער ווער קען בויען אויף דער לוינע און די אינטריגעס פון אבסאָלוטיסטישע, אַזיאַטישע הערשער? באַלד האָט בעקומען די פראנצויזישע גרופע די איבערהאַנד און מען האָט הערצל'ן מודיע געווען, אז ער קען זיך געזעגנען און אוועקפאָהרען.

ווידער האָט דער סולטאן פערלאנגט, אז הערצל זאָל בעשטעטיגען די פער־טראַקטאַציעס אין א אָפּיציעלען דאָקומענט.

דער דאָזיגער צווייטער דאָקומענט לויטעט אזוי:

„זיינע עקסעלענץ, טאַזין ביי, דער פרעמיער פון ז. מ. און איבראַהים, דער צערעמאָניאַלמייסטער, האָבען מיר מודיע געווען אַט וואָס:

די יודען וועלען ווערען אויפגענומען און קאָלאָניזירט אין דער טערקישער מדינה, אונטער דער בעדינגונג, אז זיי וועלען זיך אָנזידלען נישט קאָמפּאַקט, ד. ה. נור צערשטרייט אין מקומות, וועלכע די רעגירונג וועט אָנווייזען און אין א צאָהל, וואָס וועט אויך קודם בעשטעטיגט ווערען פון דער רעגירונג. זיי וועלען ווערען טערקישע אונטערטאַנען און וועלען מוזען ערפילען אַלע בירגער־פליכטען, דערונ־טער, פערשטעהט זיך, אויך דינען ביים טערקישען מיליטער, און וועלען זיך אויך אונטערוואַרפען אַלע מלוכה־געזעצען אלס טירקען. איך האָב אַלעס גענומען צו קענטניס און וויל זיך פערשטענדיגען מיט מיינע פריינד. — דר. הערצל".

הגם הערצל האָט בשעת מעשה אויפגענומען די לעצטע ווענדונג פון דער טערקישער פּאָליטיק מיט דער גרעסטער איינערליכער רוה, האָט די עובדה, וואָס הערצל האָט זיך געמוזט אומקעהרען א היים מיט לעדיגע הענד, הגם ער איז שוין געווען אזוי נאָהנט צו זיין ציל, געמאַכט אויף הערצל'ן א קאָלאָסאַלען איינדרוק. ער האָט געפיהלט, אז ער קען נישט גובר זיין די שוועריגקייטען, יודען קענען דער־ווייל נישט בעקומען א"י און אויב אזוי — האָט ער זיך געטראַכט — צי דען מעג ער רוהיג צוזעהען ווי א פאָלק גוססט אין יסורים און פיין? פּאַוואָלי, פּאַוואָלי, קעהרט הערצל צוריק צו זיין ערשטער קאָנצעפּציע: אויב נישט א"י, זאָל זיין א אַנדער לאַנד. זאָלען זיין כאָטשבי די שכנות־לענדער פון א"י. און דאָ קניפּט הערצל צוריק אָן זיינע בעציהונגען מיט די ענגלישע פּאָליטיקער.

צו דירעקטע פערהאַנדלונגען צווישען הערצל און דער ענגלישער רעגירונג איז געקומען ערשט דעם 22 אָקטאָבער 1902. אין דעמזעלבען טאָג האָט הערצל געהאַט א אָפּיציעלע אונטערערדונג מיט'ן ענגלישען קאָלאָניאַלמיניסטער טשעמבערלעין. הערצל האָט פערלאַנגט די אינזעל ציפּערן, על־אריש און סיני־האַלב־אינזעל. טשעמ־בערלעין האָט ציפּערן אָבגעוואָרפען, ווייל די דאָזיגע אינזעל איז בעוואוינט דורך מאַכמעדאַנער און גריכען און זיי וועלען נישט צולאָזען קיין יודישע אימיגראַציע. דאַגעגען האָט טשעמבערלעין מסכים געווען אויף על־אריש און סיני, אויב דער הויך־קאָמיסאַר פון מצרים לאָרד קראָמער און דער אויסענמיניסטער לאַנדסדוין וועלען געבען דערצו זייער הסכמה.

דעם אַנדערען טאָג האָט הערצל פערהאַנדעלט מיט'ן אויסענמיניסטער לאַנדס־

דוין, וועלכער האט אינ׳ם פרינציפ אויך מסכים געווען, האט זיך געלאזט אריינשיקען א עקספּאַזע פון הערצל׳ן און האט נור געמאכט אַבהענגיג זיין ענד־גילטיגע הסכמה פון דעם פסק־דין פון לאָרד קראָמער.

דערויף האט הערצל געשיקט דעם ענגלישען ציוניסט גרינבערג קיין מצרים און אויך ער האט געבראכט גוטע ידיעות פון דעם הויך־קאָמיסאר. דעם 21 דע־צעמבער האט הערצל בעקומען א ידיעה פון דעם ענגלישען אויסען־מיניסטער, אז דער הויך־קאָמיסאר איז מסכים איבערצוגעבען על־אריש און סיני האלב־אינזעל פאר א יודישער קאָלאָניזאציע, אויב א קאָמיסיע וועט געפונען דאס לאנד פאר געאייגנעט פאר א מאסענקאָלאָניזאציע און אויב יודען וועלען ווערען טערקישע מלוכה־בירגער און לייסטען געוויסע אַבצאָהלונגען.

הערצל פאהרט איצט קיין לאָנדאָן כדי: 1) צו אונטערהאנדלען מיט דער רע־גירונג וועגען די קאָלאָניאלרעכט פאר יודען; 2) צונויפצושטעלען די קאָמיסיע, וואס דארף דאס לאנד אויספאָרשען; 3) צו מאָביליזירען פינאנציעלע מיטעל פאר דער יודישער קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט, וואס וועט מוזען ווערען געגרינדעט, אויב יודען וועלען בעקומען דעם טשארטער. אין לעצטער בעציהונג האט איהם שטארק געהאָלפען לאָרד ראָטשילד, וועלכער איז וואס אמאָל אַלץ מעהר געוואָרען א הייסער אַנהענגער פון הערצל׳ן. אויך די י. ק. א. האט צוגעזאָגט צו געבען געלד, אויב הערצל וועט בעקומען די קאָנצעסיעס.

נאָך א לאנגער מיה איז געלונגען הערצל׳ן צונויפצושטעלען די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע איז בעשטאנען פון: אינז. קעסלער, ארכיטעקט מארמאָ־רעק, קאָלאָנעל גאָלדשמיד, אינז. סטעפענס, פּראָפ. לוירענט, דר. מאָסקין, דר. הוליאסע און א פערטרעטער פון דער עגיפּטישער רעגירונג.

אַנהויב פעברואר 1903 איז די אויספאָרשונגסקאָמיסיע ארויסגעפאָהרען קיין קיירא. אויך גרינבערג איז נעפאָהרען קיין מצרים, כדי צו פיהרען ווייטערע פער־האנדלונגען מיט לאָרד קראָמער. נאָך געוויסע פערטראַקטאַציעס האט טאַקי גרינ־בערג ארויסבעקומען פון לאָרד קראָמער א דאָקומענט, לויט וועלכען יודען וועלען קענען קאָלאָניזירען על־אריש און סיני, אויב דאס לאנד וועט זיין פּאַסיג.

הערצל׳ן האט אָבער דער דאָזיגער דאָקומענט נישט בעפרידיגט, ווייל ער האט נישט ענטהאלטען קיין שום פּאָזיטיווע צוזאָגען, דאנעגען א סך נעגאַטיווע איינ־שרענקונגען. אויף א טשארטער, וויאזוי הערצל האט איהם ענטוואָרפען און לאָרד קראָמער בעשטעטיגט, האט די עגיפּטישע רעגירונג נישט געוואָלט מסכים זיין, כדי נישט צו דערצערנען דעם סולטאַן.

כדי זיך קלאָהר צו ווערען אין דער דאָזיגער קאָמפּליצירטער סיטואציע, מוז מען זיך פאר די אויגען האלטען, אז על־אריש איז דאמאָלס געווען אין בעזיץ פון דער עגיפּטישער רעגירונג. די מאכט אין מצרים און אין על־אריש האט געהאט ענגלאנד און דאס רעכט אויף על־אריש האט געהאט דער

סולטאן. הערצל האט פולקאמען ריכטיג אפגעשאצט די דאזיגע סי־טואציע און האט זי אויך געוואלט אויסנוצען פאר זיינע צוועקען. אזוי ווי דאס האט נור געקענט געשעהען דורך זעהר געשיקטע פאליטישע אונטערהאנדלונ־גען, האט זיך הערצל נישט געוואלט אויף קיינעם פערלאזען און איז סוף מערץ אליין געפאהרען קיין מצרים.

אין זיינע טאגביכער דערצעהלט הערצל, אז צוליב זיין שלעכטען געזונדהייטס־צושטאנד, איז ער נישט געווען אימשטאנד ריכטיג אויסצונוצען דאס דאזיגע שפיל. ער איז מודה, אז ער האט בעגאנגען אין די פערטראקטאציעס א סך פעהלערן.

דעם 27 מערץ איז די קאמיסיע צוריק געקומען קיין עגיפטען. איהר בעריכט האט געלויטעט, אז דאס לאנד איז קאלאניזירבאר, אויב מען וועט בעקומען גענוג וואסער פונ׳ם ניל. לארד קראמער האט פערוויזען הערצל׳ן צו דער עגיפטישער רעגירונג, וועלכע איז אליין געווען קאמפעטענט צו ענטשיידען אין דער דאזיגער פראגע: צי און וויפיל וואסער קען זי פונ׳ם ניל איבריג האלטען פאר על־אריש.

אזוי ווי די פערהאנדלונגען האבען זיך אנגעשטויסען אויף טעכנישע (און טייל־ווייז אויך פאליטישע) שוויריגקייטען און האבען זיך געצויגען אין דער לענג, האט הערצל איבערגעלאזט קאלאנעל גאלדשמיד אין מצרים צו ווייטערע פערהאנדלונגען און איז אליין געפאהרען קיין לאנדאן, כדי פון דאנען אויס צו בעזייטיגען אלע שוויריגקייטען.

אין א געשפרעך מיט טשעמבערלעין האט הערצל׳ן דערזעלבער אויפמערקזאם געמאכט, אז על־אריש איז א ארים לאנד, דאגעגען איז אוגאנדא זעהר פאסיג פאר א יודישער קאלאניזאציע. הערצל האט איהם געענפערט, אז על־אריש האט פאר איהם א גאנץ אנדערע בעדייטונג, וויל עס ליגט אין שכנות פון א״י. טשעמ־בערלעין האט צוגעזאגט אויסצואיבען אויף לארד קראמער דעם נויטיגען דרוק.

אבער דער גאנצער על־אריש־פראיעקט האט באלד געליטען א פולקאמענעם און ענדגילטיגען דורכפאל. דער ענגלישער אינז. גארשטין האט ארויסגעפונען, אז על־אריש נויטיגט זיך אין פינף מאל אזוי פיל וואסער, ווי די קאמיסיע האט פעסט־געשטעלט. די עגיפטישע רעגירונג האט נאטירליך נישט געוואלט ערלויבען אפצור־ציהען אזויפיל וואסער פונ׳ם ניל און דערמיט האט געגומען א סוף צו דער דאזיגער אנגעלעגענהייט.

אבער גראד דאמאלס האט זיך די לאגע פון די יודען מורא׳דיג פערערגערט, בעזונדערס אין רוסלאנד. אפריל 1903 זענען פארגעקומען בלוטיגע פאגראמען אין קישענעוו. א שטארקע אנטיסעמיטישע כוואליע האט מיט א עלעמענטארען כח פערפלייצט גאנץ רוסלאנד. איבער זעקס מיליאן יודען איז געפאלען א פחד און א מורא פאר דעם קומענדיגען טאג.

דר. הערצל, אלס פעראנטווארטליכער יודישער פיהרער איז ארומגעגאנגען אין גאנצען געבראכען און נידערגעשלאגען. צי דען מעג מען זיצען אין אזא עת צרה

מיט פערלעגטע הענד און וואַרטען? וואַרטען אויף א"י, און לאָזען דיינע ברידער אין א מצב פון יאוש און פערצווייפלונג; וואַרטען אויף דעם „געלאָבטען לאַנד" און רוהיג צוקוקען, ווי די יוגענד פון דיין פאָלק ווערט פערכאַפּט פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע הויבט אויף וואָס אמאָל אַלץ מעהר איהר קאָפּ?

און אין א מאָמענט פון ספקות, פון פערצווייפלונג האָט זיך הערצל ענטשלאָסען אויף א געוואַגטען שריט: אויב עס איז נישטאָ א"י, אויב עס איז נישטאָ קיין לאַנד אין שכנות פון א"י — זאָל זיין דאָס לאַנד, וואָס מען גיט, זאָל זיין אוגאַנדאַ. און הערצל האָט געגעבען אַ אויפטראַג גרינבערג'ן פאָרטצוזעצען די פערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. גרינבערג האָט דאָס געטהון און האָט פּאַקטיש צוגעפיהרט די פערהאַנדלונגען ביז צו געוויסע רעזולטאַטען. דעם 14 אויגוסט האָט גרינבערג בעקומען פון דעם ענגלישען אויסענמיניסטער פאָלגענדען בריעף:

„לאָנדאָן, 14 אויגוסט 1903.

סער קלימענט היל צו גרינבערג.

זעהר חשובער הער!

הער טשעמבערלעין האָט מודיע געווען דעם מאַרקיז לאַנדסדוין דעם בריעף, וועלכען איהר האָט צו איהם געשיקט דעם 13 פאָריגען חודש און וועלכער האָט ענטהאַלטען א ענטוואורף פון א פערטראַג, וועלכען דר. הערצל האָט פאָרגעשלאָגען אָבצושליסען צווישען דער רעגירונג פון זיינער מאַיעסטעט און דער יודישער קאָלאָניאַלבאַנק און וועלכער איז אויסען, צו שאַפען א יודישע זידלונג אין מזרח־אַפריקאַ.

זיין הערליכקייט האָט אויך געצויגען אין בעטראַכט די בעמערקונגען, וועלכע איהר האָט פאָרגעבראַכט דעם 6 ד. ח., בעת א אונטעררעדונג אין'ם אַמט פון באַרינגטען און הורסט.

איך האָב בעקומען דעם אויפטראַג פון זיין הערליכקייט צו זאָגען, אז ער האָט שטודירט די פראַגע מיט אזא אינטערעס, וועלכען די רעגירונג פון זיינער מאַיעסטעט מוז האָבען לגבי יעדען גוט אויסגעטראַכטען פּלאַן, וועלכער איז אויסען, צו פערבעסערן די לאַגע פון דער יודישער ראַסע. די צייט, איבער וועלכער ער האָט פערפיגט, איז געווען צו קורץ, אז עס זאָל איהם געווען מעגליך זיין, איינצוגעהען אויף אַלע איינצעלהייטען פון דעם פּלאַן, אָדער זיך צו בעראַטען וועגען איהם מיט דעם פערטרעטער פון זיינער מאַיעסטעט פאַר דעם מזרח־אַפריקאַנישען פּראָטעקטאָראַט. ער בעדויערט צוליב דעם, אז ער איז נישט אין דער לאַגע, אויסצודרוקען זיין ענדגילטיגע מיינונג איבער דעם דאָזיגען ענין.

לאָרד לאַנדסדוין נעהמט אָן, אז די באַנק וויל שיקען א פּאָר הערען אין דעם אָסט־אַפריקאַנישען שוץ־געביט, וועלכע זאָלען פערזענליך פעסטשטעלען, צי עס

איז דאָרט פאַרהאַנען א פריי לאַנד, וועלכעס איז גאַאייגנעט פאַר דעם נעפּלאַנטען צוועק. און אויב יאָ, וועט ער זיך שעצען גליקליך, צו געבען יעדע ערלייכטערונג, כדי איהר זאָלט האָבען די מעגליכקייט, צו פערהאַנדלען מיט דעם פערטרעטער פון זיינער מאַיעסטעט, ענטגעגענצוקומען די אנשויאונגען, וועלכע וועלען געפונען זייער אויסדרוק אויף דעם קומענדינען ציוניסטישען קאָנגרעס, ביחס צו די בעדינ־גונגען, אונטער וועלכע עס זאָל זיין מעגליך צו שאַפען א זידלונג.

אויב עס זאָל געפונען ווערען א שטח, וועלכער זאָל זיין גאַאייגנעט פאַר דער באַנק און פאַר דעם פערטרעטער פון זיינער מאַיעסטעט און וועלכער זאָל שיינען צו זיין פּאַסיג פאַר דער רעגירונג פון זיינער מאַיעסטעט, דאַן וועט לאָרד לאַנדסדוין זיין בעריית, גינסטיג אויפצונעהמען פאָרשלאָגען, צו בויען דאָרט א יודישע קאָלאָ־ניע, אָדער זידלונג, אונטער דער בעדינגונג, אז די מיטגלידער זאָלען האָבען די מעג־ליכקייט צו לעבען דאָרט לויט זייערע פאָלקס־מנהגים. צו דעם דאָזיגען צוועק וועט ער זיין געניינט, אויב עס וועט זיך געפונען א פּאַסיגער לאַנד־שטח, און אויב עס וועט דערצו מסכים זיין דער יועץ פון דעם שטאַטססעקרעטאַר פאַר מזרח־אַפריקא, צו פערהאַנדלען איבער א פּלאַן, וועלכער האָט פאָלגענדע הויפּטפּונקטען: צו פער־פיגונג שטעלען א גרויס שטיק לאַנד; צו ערנענען א יודישען בעאַמטען אין דער שפּיץ פון דער ערטליכער פערוואַלטונגסבעהערדע; צו געבען די פולע בעוועגונגס־פרייהייט ביחס צו דער מוניציפּיאַלגעזעצגעבונג, איינצואָרדנען אלע רעליגיעזע־און אויסשליסליך אינערע אנגעלעגענהייטען. דאָס דאָזיגע לאָקאַלע זעלבסטפערוואַלטונגסרעכט מוז אָבער לאָזען אונבעריהרט דאָס רעכט פון דער רע־גירונג פון זיינער מאַיעסטעט, אויסצואיבען א אלגעמיינע אויפזיכט.

עס איז מאָמענטאַן נישט נויטיג אין בעטראַכט צו ציהען אלע איינצעלהייטען פון די בעדינגונגען, אונטער וועלכע דאָס לאַנד זאָל ווערען בעוויליגט, צי דאָס וועט געשעהען אין דער פאָרם פון א פערקויף, צי פון א פּאַכט. אָבער זיין הערליכקייט איז דער מיינונג, אז קיין שום טייל פון די פערוואַלטונגסקאָסטען פון דער זידלונג וועט נישט פאַלען צו לאַסט פון דער רעגירונג פון זיינער מאַיעסטעט און די רעגירונג נעהמט זיך דאָס רעכט, צו נעהמען דאָס לאַנד צוריק אין בעזיץ, אויב עס זאָל זיך ווייזען א דורכפאַל פון דער זידלונג".

פון דער אַנדערער זייט האָט הערצל פערשטאַנען, אז עס איז זיין חוב צו קומען אין דירעקטען קאָנטאַקט מיט דער רוסישער רעגירונג. די רוסישע רעגירונג אליין מוז אנערקענען, אז די יודישע פראַגע אין רוסלאַנד נויטיגט זיך אין א ראַדיקאַלער לעזונג. טאָ, זאָל זי פון איהר זייט מיטהעלפען דעם ציוניזם און אזויארום אויך דער פערענפערונג פון דער יודישער פראַגע און זאָל דער עצם פאַקט פון דירעקטע פערהאַנדלונגען בערוהיגען די יודישע געמיטער. אין דעם זין האָט הערצל געשרי־בען א בריעף נאָך דעם 19 מאַי 1902 צו פלעווען און צו פּאָביעדאָנאָשעוו.

אין אויגוסט 1903 איז הערצל געוואָרען איינגעלאַדען אויף א אוידיענץ — נישט מיט'ן צאַר — נור מיט פלעווען קיין פּעטערבורג. דעם 8 אויגוסט האָט

הערצל געהאט זיין ערשטע בעשפרעכונג מיט פלעווען. פלעווע האט זיך פערטייידינט, אז די רוסישע רעגירונג איז נישט אנטיסעמיטיש און האט מודה געווען, אז די לאגע פון די יודען איז זעהר א שלעכטע. ער איז בערייט צו אונטערשטיצען די אסימילאציע... און די עמיגראציע פון יודען. דער ציוניזם, וועלכער שטרעבט צו שאפען א אייגענע יודישע היימשטעטע, איז איהם סימפאטיש נישט מאהבת מרדכי, נור משנאת המן... צוערשט — אזוי האט פלעווע אויסגעפיהרט — האבען זיך די ציוניסטען אבגעגעבען בלויז מיט א"י. זייט דער מינסקער קאנפערענץ (זעה וויטער) רעדט מען שוין מעהר פון קולטור, ארגאניזאציע, נאציאנאליטעט און דאס פאסט איהם נישט. פלעווע האט הערצל'ן געוויזען א דיק בוך, וואס די פאליטישע פאליציי האט צוגעשיקט דער רעגירונג וועגען דעם ציוניזם. דערביי האט ער בעוויזען, אז ער איז גענוי בעקאנט אין די שטרעמונגען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. ער האט אפילו אנגערופען די נעמען פון די, וואס מאכען הערצל'ן א אפאזיציע...

הערצל האט פארמולירט זיינע פארדערונגען צו דער רוסישער רעגירונג אין דעם געשפרעך מיט פלעווע, מיט דעם פינאנץ-מיניסטער וויטע און אין א מעמאראנדום, וועלכען ער האט צוגעשיקט דער רוסישער רעגירונג. דעם 9 אויגוסט. אין דעם דאזיגען מעמאראנדום האט הערצל פערלאנגט:

1) די רוסישע רעגירונג זאל אינטערווענירען ביים סולטאן, ער זאל געבען די יודען א טשארטער אויף א"י מיט'ן אויסנאהם פון די הייליגע מקומות;

2) צו פינאנסירען די יודישע עמיגראציע, בענוצענדיג צו דעם צוועק געלדער, וואס שטאמען פון יודען;

3) צו לעגאליזירען די ציוניסטישע ארגאניזאציע אויף גרונד פון דעם באזעלער פראגראם;

4) לויט מעגליכקייט פערגרעסערן דעם תחום המושב.

א פאר טעג שפעטער איז פארגעקומען א צווייט געשפרעך צווישען הערצל און פלעווע. פלעווע האט הערצל'ן געזאגט, אז ער האט גערעדט מיט'ן צאר, און אז ער איז גרייט צו אקצעפטירען הערצל'ס פארדערונגען. הערצל וועט אויך בעקומען פון דער רוסישער רעגירונג א שריפטליך דאקומענט אין דעם דאזיגען ענין.

דערביי האט פלעווע געגעבען הערצל'ן אנצוהערען, אז דער יחס פון דער רוסישער רעגירונג צום ציוניזם איז אבהענגיג פון דער שטעלונג פונ'ם קאנגרעס צו די רוסישע פאגראמען. עס איז געווען קלאהר, אז עס איז נישט געווען אנגענעהם דער רוסישער רעגירונג, צו ווערען דעמאסקירט פאר דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע, אלס א בארבארישע אינסטיטוציע, וואס האט אויף א טייוולאנישען אופן אליין ארגאניזירט די פאגראמען. און דאס איז געווען די סבה, צוליב וועלכער פלעווע איז געווען גרייט צו פערלירען כאטשבי א פאר שעהנע ווערטער פאר'ן ציוניזם.

הערצל האט אויך פאקטיש באלד בעקומען א שרייבען פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכעס לייענט זיך אזוי:

„בריעף פון הערן פּלעווע צו דר. הערצל

מיין הער!

איהר האָט אויסגעדרוקט דעם וואונש איבערצולאָזען שפּורען פון אונזער אונטערהאַלטונג. איך קום אייך גערן ענטגעגען אין דעם דאָזיגען וואונש, כדי אַלעס צו בעזייטיגען, וואָס קען לאָזען ענטשטעהען איבערטריבענע האָפנונגען, אָדער בעאונרוהיגענדע ספקות.

איך האָב געהאַט די געלעגענהייט אייך צו בעקענען מיט'ן געזיכטספּונקט, לויט וועלכען די רוסישע רעגירונג בעטראַכט היינט דעם ציוניזם. דער דאָזיגער געזיכטספּונקט קאָן איהר לייכט געבען די נויטווענדיגקייט, אויסצוטוישען איהר פּאָליטיק פון דולדונג, געגען מאַסרעגלען, וואָס זאָלען זיין פאַרגעשריבען פונ'ם שטאַנדפּונקט פונ'ם נאַציאָנאַלען זעלבסשוץ. כל זמן דער ציוניזם איז געוועז אויסען, צו שאַפען א אונאָבהענגיגע מלוכה אין א"י, און כל זמן ער האָט צוגעזאָגט צו אָרגאַניזירען די אויסוואַנדערונג פון א געוויסער צאָהל פון יודישע אונטערטאַנען פון רוסלאַנד, האָט די רוסישע רעגירונג געקענט זיין לגבי איהם גינסטיג געשטימט. אָבער אין דעם אויגענבליק, וואו עס שיינט, אז דער דאָזיגער הויפּטציל איז אויפגעגעבען (!?) און איז ערזעצט (?!) געוואָרען דורך א איינפאַכער יודיש נאַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדא, איז עס נאַטירליך, אז די רעגירונג קען אין קיין שום פאַל נישט דולדען אָט דעם נייען וועג פונ'ם ציוניזם. דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין שום ערגעבנים, ווי נור דאָס שאַפען פון א גרופּע פון מענשען, וועלכע זענען פרעמדע, אָדער אפילו פיינדליך (?!) לגבי די פּאַטריאָטישע געפיהלען, וואָס מאַכען אוים די שטאַרקייט פון א יעדער מלוכה.

דאדורך וואָלט דער ציוניזם געקאָנט האָבען דעם צוטרוי, נור אונטער דער בעדינגונג, אז ער זאָל זיך צוריקקעהרען צו זיין אלטען אַקציאָנספּראָגראַם. אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט ער געקענט תיכף רעכענען אויף מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג, ווייל זיינע מאַסרעגלען וואָלטען דאָך געדינט צו פערמינדערן די צאָהל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד.

די אונטערשטיצונג וואָלט געקענט בעשטעהען אין דעם פּראָטעזשירען פון דעם ציוניסטישען בעפאָלמעכטיגטען ביי דער טערקישער רעגירונג, אין דער ערלייכטערונג פון דער אויסוואַנדערונגס־געזעלשאַפט און אפילו אין דער סובסידיע פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט, זעלבסטפערשטענדליך נישט פון די מלוכה'שע מיטלען, נור פון געלדער, וואָס וועלען גענומען ווערען ביי יודען.

איך האַלט דאָס פאַר נויטווענדיג צוצוגעבען, אז די רוסישע רעגירונג, וועלכע איז מחויב צוצופּאַסען איהר האַנדלונגסווייזע אין דער יודענפראַגע צו די מלוכה'שע אינטערעסען, איז קיינמאָל נישט אָבגעוויכען פון די גרויסע פּרינציפּיען פון מאָראַל און מענשליכקייט (?). נאָך אין דער סאַמי לעצטער צייט האָט זי ערוויטערט דאָס וואוינרעכט אויף געביטען, וואָס זענען בעשטימט פאַר יודען און עס איז נישטאָ קיין שום מניעה צו האָפען, אז די ענטוויקלונג פון די דאָזיגע מאַסרעגלען וועלען

פיהרען צו דער פערבעסערונג פון די לעבענסבעדינגונגען פון די רוסישע יודען, א פשיטא שוין, אויב די אויסוואנדערונג וועט פערקלענערן זייער צאהל.

נעהמט ענטגעגען א. א. וו.

12 אויגוסט 1903. פלעווע.“

וואלט, ביים היינטיגען טאג, בעקומען א יודישער פערטרעטער פון א רעגירונג, נאך א מעשה קישענעוו, אזא צינישען און ברוטאלען דאקומענט, וואלט דאס געוויס ארויסגערופען דעם בערעכטיגטען פראטעסט פון דער יודישער בעפעלקערונג און פון דעם פיהרער גופא. אבער פערגעסען מיר נישט, אז דער קאלענדער ווייזט אן אויף דעם יאהר 1903, און דאמאלס האט נאך קיינער נישט ערצויגען די יודישע מאסען צו א ווירדיגער, זעלבסשטענדיגער יודישער פאליטיק, און דאדורך האבען די יודישע מאסען נאך נישט געקענט ריכטיג אבשאצען דעם מאראַלישען קלאפ, וואס זיי האבען דורך דעם דאזיגען דאקומענט בעקומען.

הערצל גופא איז געווען פון זיין אויפענטהאלט אין רוסלאנד שטארק צופרידען. ער, „א דזשענטעלמאן פון קאפ ביז פוס“, האט געגלויבט דער רוסישער רעגירונג און האט זיך צוגעזאגט הרים וגבעות פון איהר אינטערווענץ ביים סולטאן.

אין פעטערבורג איז הערצל געקומען אין קאנטאקט מיט די דארטיגע ציוניסטען. הערצל האט זיי אנגעוויזען, אז די עקר־ארבייט איז ביים איצטיגען מאמענט די ריין־ציוניסטישע, וועלכע מוז פערדרענגען אלע קולטורעלע און נאציאנאלע בעשטרעבונגען אין גלות. די דאזיגע רעדע האט ארויסגערופען א מיספערשטענדניס און א ווידערשטאנד מצד ברייטע ציוניסטישע קרייזען.

א וואונדערבארע אויפנאהמע האבען בערייטעט הערצל׳ן יודען און ציוניסטען, בעת זיין דורכפוהר דורך ווילנא, אויף דעם וועג קיין וויען. הונדערטער יודען זענען געקומען צום באהנהויף. די גאסען זענען געווען בעלאגערט פון טויזענדער מענשען. מ׳קאן זאגען, אז די גאנצע יודישע בעפעלקערונג, מקטון ועד גדול, איז ארויסגעלאפען, כדי אבצוגעבען כבוד דעם מאן, וואס האט אזוי טריי געדינט זיין פאלק.

נאטירליך האט דאס נישט געפאסט דער רוסישער פאליציי. קאזאקען האבען זיך מיט נאהייקעס געווארפען אויף דעם המון און האבען איהם צערטריבען. עס זענען אפילו פאראהאנען געווען גאסען, דורך וועלכע הערצל האט נישט געטארט דורכפאהרען. די פאליציי האט פערבאטען איינצוריכטען א באנקעט פאר הערצל׳ן. ערשט א געוויסער ציוניסט, בן יעקב איז געפאלען אויף א שפיצעל און האט איינגעריכטעט א שטילען באנקעט אין ווערקי, צוויי מיילען הינטער ווילנא. די יודישע יוגענד איז דערפון געוואויר געווארען און צוויי שעה שפעטער זענען אנגעקומען 50 יודישע יונגע לייט — מייסטענס ארבייטער און סטודענטען — וועלכע האבען אויסגעדרוקט הערצל׳ן זייער גאנצע בעוואונדערונג.

הערצל׳ס בעזוך אין רוסלאנד האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף די יודען און אפילו אויף מאנכע נישט יודישע פאליטיקער. אלע האבען עס בע

טראכט פאר א גרויסען מאראלישען נצחון פונ'ם ציוניזם. נור מאנכע „ראדיקאלע" קרייזען האבען געהאט גרויס תרעומות צו הערצל'ן, הלמאי ער איז בכלל געפאהרען צו אזא פאגראמטשיק און האט אבגעשלאסען מיט איהם א מין „אונאדא".

אבער מען מוז וויסען, אז די איינציגע אידעע, וואס האט בעהערשט הערצל'ן, איז געווען דער טשארטער. און הערצל איז געווען גרייט צו געהען אויף אלע וועגען, וואס האבען אונז נור געקענט דערנעהנטערן... צום געלאבטען לאנד.

ב) אין אינערליך פאליטישער בעציהונג:

1. די דיפערענציאציע פונ'ם ציוניזם. אין דער דאזיגער תקופה ווערט, טיילווייז א דאנק דעם נייען ארגאניזאציע־סטאטוט, וועלכען עס האט אנגענומען דער פיפטער ציוניסטישער קאנגרעס, געלעגט דער גרונדשטיין פאר דעם ענטשטעהען פון פראקציעס אינערהאלב פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אין דער דאזיגער צייט ווערט געשאפען אין רוסלאנד די מזרחי־בעוועגונג. אויך דער לינקער פליגעל ענטוויקעלט א שטארקע אגיטאציע ביז ער ווערט א זעלבסשטענדיגער כח. אזוי ווי די פראקציאניזירונג פונ'ם ציוניזם וועט שפעטער שפילען די וויכטיגסטע ראל אין דער אינערער ענטוויקלונג פונ'ם ציוניזם, קענען מיר זיך אויף איהר איצט נישט אבשטעלען. דאס וואלט אונז בלי ספק איבערגעריסען דעם פאדים פון די געשעהענישען, צום שאדען פון דער גאנצקייט פונ'ם בילד. דארורך וועלען מיר בעהאנדלען די דאזיגע פראגע צום סוף אין א בעזונדערען אבשניט.

אבער אויך אינערהאלב פונ'ם „אלגעמיינעם" ציוניזם (דאמאלס האט ער אזוי נישט געהייסען, נור פשוט: ציוניזם) האבען זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען וויכטיגע חלוקי דעות. עס זענען געווען פארהאנען הונדערט־פראצענטיגע פאליטישע ציוניסטען פון דעם שניט הערצל, מארמארעק, נארדוי, וועלכע האבען נור געגלויבט אינ'ם כח פון פאליטישע אנשטרענגונגען; פארהאנען זענען ווייטער געווען „פראקטישע ציוניסטען", וועלכע האבען געשעפט זייערע יניקה פון דער אלטער חובבי־ציון־בעוועגונג, און האבען נישט געגלויבט אין דעם עפעקט פון דער דיפלאמאטישער ארבייט פונ'ם ציוניזם, כל זמן מיר וועלען נישט ערָאבערן אין א"י די וויכטיגסטע עקאנאמישע פאזיציעס. פארהאנען זענען געווען ווייטער די קולטור־ציוניסטען, וועלכע האבען געזעהען די עקר אויפגאבע פונ'ם ציוניזם אין דער קולטורעלער ארבייט. דער גייסטיגער פאטער פון זיי איז געווען אחד־העם. אנדערע ווידער האבען געלעגט דעם טראפ אויף עקאנאמישער טעטיגקייט. מאנכע ציוניסטען זענען געווען אנהענגער פון דער „געגענווארטסארבייט", אנדערע ווידער שארפע געגנער דערפון.

א גרופע, וואס האט געזוכט טיילווייז צו שאפען א סינטעז צווישען די פערשידענע שטרעמונגען איז געווען די „ראדיקאל־דעמאקראטישע

פֿראַקציע", וועלכע איז געוואָרען געגרינדעט דורך מאַצקין און חיים ווייצמאַן.

אנערקענענדיג די וויכטיגקייט פֿון דער פּאָליטישער אַרבייט, האָבען זיי אָבער געלעגט א גרויס געוויכט אויף דעם פּראַקטישען אויפֿבוי פֿונ'ם לאַנד. צום ציוניזם זענען זיי נישט צוגעשטאַנען, אזוי ווי דער רוב פֿון די מערב־אייראָפּעאישע פּאָליטישע ציוניסטען, צוליבֿ אַנטיסעמיטיזם און אנדערע נעגאַטיווע מאָמענטען, נור צוליבֿ פּאָזיטיווע טעמים, ארויסגעהענדיג פֿונ'ם יודיש־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט. עס איז דאדורך נישט קיין וואונדער, וואָס זיי האָבען געהאַט א וואַרימע בעציהונג צו דער העבּרעאישער קולטור. עס איז אויך קלאָהר, אז די דאָזיגע קרייזען האָבען געמוזט זיין די שאַרפֿסטע געגנער פֿון דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט.

מיר האָבען אויבען געזעהען, אז הערצל איז אין זיין טבע נישט געווען קיין גרויסער חסיד פֿון דעמאָקראַטישע איינריכטונגען. זיין גאַנצע פֿיהרונג פֿון דער בעוועגונג האָט געטראָגען א „אויטאָקראַטישען" און „דיקטאַטאָרישען" כאַראַקטער. די „ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע" פֿראַקציע האָט שטאַרק בעקעמפֿט אָט די דאָזיגע „אויטאָקראַטיע" אין דער בעוועגונג.

די פֿערשידענע שטרעמונגען אין דער בעוועגונג און זייער געגענזייטיגער פּאָלעמיק איבער פּרינציפּיעלע און אַקטועלע פֿראגען, האָבען אויסגעמאַכט דאָס גאַנצע אינערע לעבען פֿון דער אָרגאַניזאַציע. און דאָס האָט געפֿונען זיין אויסדרוק נישט נור אין דער פּרעסע, נור אויך אויף פּאַרטיי־קאָנפֿערענצען און קאָנגרעסען.

2. צוזאַמענפֿאָהרען און קאָנפֿערענצען:

אין דער דאָזיגער תקופה זענען פֿאָרגעקומען א גאַנצע רייה צוזאַמענפֿאָהרען אין פֿערשידענע לענדער, וועלכע האָבען געהאַט א גרונדלעגענדע בעדייטונג פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿונ'ם ציוניזם און דאדורך מוזען מיר זיך אויף זיי אָבשטעלען.

א) דער רומענישער צוזאַמענפֿאָהר. דעם 23 אַפּריל 1902 קומט פֿאָר דער רומענישער פּאַרטייטאַג. אויף דעם דאָזיגען צוזאַמענפֿאָהר איז געוואָרען געלעגט דער גרונדשטיין פֿאַר דער נייער רומענישער פּאַרטיי, אין וועלכער עס האָבען זיך ענדגילטיג פֿעראייניגט די „חובבי־ציון" מיט די פּאָליטישע ציוניסטען.

ב) דער דייטשער צוזאַמענפֿאָהר. אינטערעסאַנטער איז אָבער שוין געווען דער דעלעגירטען־טאָג פֿון די דייטשע ציוניסטען אינ'ם 19 מאַי 1902. דאָרט טרעט שוין אויף די „דעמאָקראַטישע גרופּע", די אזויגערופֿענע „עמק־פּראַקציע" און שטרעבּט צו בילדען א אייגענע אונאָבהענגיגע פֿעדעראַציע אינ'ם דייטשען ציוניזם, וועלכע דאַרף עקזיסטירען אלס א שטענדיגע אָרגאַניזאַציע, און נישט בלויז אלס א פּאָליטישע גרופּירונג אויפ'ן קאָנגרעס. דער צוזאַמענפֿאָהר האָט אָנגענומען אין דעם דאָזיגען ענין פֿאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע רעזאָלוציע: „דער דעלעגירטען־טאָג פֿעראורטיילט יעדע בילדונג פֿון פֿראַקציעס, אויסערהאַלבּ פֿונ'ם קאָנגרעס און ערקלעהרט, אז אלע בעשטרעבּונגען, וועלכע זענען געריכטעט צו

פאָלקסאויפקלעהרונג א. א. וו. זענען געמיינגוט פון אלע ציוניסטען („וועלט" נר. 21, 1902).

ג) דער עסטרייכישער צוזאמענפאהר. אין דעמזעלבען חודש קומט אויך פאר דער דעלעגירטען־טאג פון די עסטרייכישע ציוניסטען אין ביעליץ. אויף דער דאזיגער קאנפערענץ האט מען ענדגילטיג געמאכט א אָרד־נונג מיט דער „גאליצישער" פראגע, דורך א גרינדליכער אָרגאניזאציאָנעלער רע־פאָרם. די דאזיגע רעאָרגאניזאציע האט גורם געווען, וואס דער ציוניזם האט זיך אנגעהויבען שטארק צו ענטוויקלען אין דעם דאזיגען לאנד.

אויף דעם צוזאמענפאהר האט מען אויך שטארק דיסקוטירט איבער דער פראגע פון דער „געגענווארטסארבייט". דר. לעדערער שטעלט אויף די טעזע, אז די ציוניסטען דארפען זיך אבגרעניצען פון אנדערע פאָליטישע פארטייען און פיהרען א אייגענע יודיש־נאציאָנאלע פאָליטיק. דר. פּאַרדעס פון לעמבערג איז א שטאר־קער געגנער פון דער לאנדעספאָליטיק. ל. רייך, וועלכער הויבט שוין אָן צו שפּילען א וויכטיגע ראלע אינ'ם גאליצישען ציוניזם, פערטיידיגט ענערגיש די לאנדעספאָליטיק און שטעלט דעם אנטראג, אז די ציוניסטען מוזען אויסאיבען א דרוק אויף די אוניווערזיטעטען, כדי זיי זאלען ערלויבען די יודישע סטודענטען אנצוגעבען זייער יודישע נאציאָנאליטעט אויף דער אוניווערזיטעט.

דער דאזיגער אנטראג ווי אויך דר. לעדערערס טעזען זענען געוואָרען אָנגע־נומען.

ד) דער רוסישער צוזאמענפאהר. אבער די וויכטיגסטע ראָלע, נישט נור פאר די לאָקאלע פערהעלטניסען, נור אויך פאר דער גאנצער ציוניסטישער בעוועגונג, האט געשפּילט דער צוזאמענפאהר פון די רוסישע ציוניסטען. פון 2—5 סעפטעמבער 1902 אין מינסק. די גאנצע רוסישע ליבעראלע, און טיילווייז אפילו די רעאקציאָנערע פרעסע, האבען געבראכט לענגערע בעריכטען וועגען דער דא־זיגער קאנפערענץ. אלע קרייזען פון דער רוסישער געזעלשאפט האבען געמוזט אָנער־קענען, אז דער וואקסענדער כח פונ'ם ציוניזם איז א בעוויז איבער די טיעפע פערענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין דעם רוסיש־יודישען פאָלקסאָרגאניזם.

האט די מינסקער קאנפערענץ געשפּילט א גרויסע ראָלע כלפּי חוץ, אזוי איז איהר בעדייטונג כלפּי פנים געווים נישט קיין קלענערע. געקומען זענען 500 דע־לעגאטען און הונדערטער געסט. אויף דער קאנפערענץ זענען געווען פערטרעטען 4 גרופּען: 1) א גרופּע פון 120 „מזרחי"־דעלעגאטען; 2) אלגעמיינע ציוניסטען — נומעריש די שטארקסטע גרופּע; 3) „יונגע ציוניסטען" אונטער דער פיהרונג פון מאצקין, וויצמאן; 4) די „אונאבהענגיגע עקאָנאָמישע רעפאָרמער" — א ארבייטער־גרופּע, נומעריש די שוואכסטע.

דער פאָרזיצער איז געווען דר. טשלענאָוו.

דר. ברוך האט געליינט דעם רעכענשאפטסבעריכט פון דער לייטונג, לויט

וועלכען עס איז אויסגעקומען, אז דער ציוניזם איז געוואָרען אין רוסלאנד א גרויסער זעלבסשטענדיגער כח אויף דער יודישער גאַס.

אין דער דעבאַטע האָבען פערשידענע רעדנער נעגירט די דאָזיגע אָפּטימיסטישע אָבשאַצונג פונ'ם רעפערענט. אינסבעזונדערע האָט מען קריטיקירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאר זיין פיינדליכער שטעלונג לגבי דער נור וואָס ענטשטעהענדיגער ארבייטערבעוועגונג „פועלי־ציון“.

דאָך האָט מען ערטיילט דעם צ. ק. א פערטרויענסוואָטום.

אוסישקין רעפערירט איבען דעם אָרגאַניזאַציע־סטאַטוט. ער פאָרדערט א אייזערנע דיסציפּלין פון אלע גרופּען לגבי דער צענטראַלע און א צענטראַליסטישע צוזאַמענפאַסונג פון דער בעוועגונג. אין הייסע ווערטער אַפּעלירט אויך אוסישקין צו דער ציוניסטישער יוגענד, זי זאָל געהען קיין א"י, פערווירקליכען דעם ציוניזם. אוסישקינ'ס רעפעראַט, אין וועלכען ער האָט צום ערשטען מאָל געשאַפען דעם בעגריף פון „חלוציות“, האָט געמאַכט א גרויסען רושם, דאָך זענען זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרשלאַגען נישט געוואָרען אָנגענומען.

ראָזענבוים רעפערירט איבער'ן נאַציאָנאַלפאָנד. דער רעפערענט האָט אויפגעשטעלט פאָלגענדע טעזען 1) דער נ. פ. דארף נור דינען צום אויסקויף פון באָדען אין א"י; 2) דער באָדען דארף בלייבען דאָס אייביגע אייגענטום פונ'ם יודישען פאָלק; 3) דער נאַציאָנאַלפאָנד דארף שטענדיג פערפיגען איבער א געוויסען רעזערווע־קאַפּיטאַל. נור דער עודף דארף ווערען פערווענדעט פאר ערד־קניות. די ערשטע צוויי פונקטען זענען געוואָרען אָנגענומען. דער דריטער פונקט האָט ארויסגערופען א שארפע דעבאַטע. אויף בעלקינד'ס אַנטראַג איז געוואָרען אָנגענומען א רעזאָלוציע, לויט וועלכער דער נ. פ. דארף תיכף צוטרעטען צו באָדען־קניות, נישט מוזענדיג לאָזען א געוויסען סכום אונבעריהרט.

דאָס קולטורפראָבלעם האָט געהאַלט אחד־העם: דער פּאָליטישער ציוניזם בעשעפטיגט זיך זעהר ווייניג מיט דער קולטור, דאָך מוז דער קאָנגרעס סאַנקציאָנירען די קולטורארבייט. דער יודישער גייסט, וועלכער איז געקומען צום פּאָרשיין, אינ'ם תנ"ך און תלמוד, מוז אויך איצט געפונען זיין אויסדרוק אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט. די „חכמת היהדות“ איז אונפּראָדוקטיוו, ווייל זי איז אויסגעגאַנגען פונ'ם שטאַנדפונקט, אז עס עקזיסטירט נישט קיין יודיש פאָלק. מיר זענען אויך געגען די „זשאַרגאָן“־ליטעראַטור. דאָס איז א קינסטליכע זאַך. אין בעסטען פאַל וועלען מיר האָבען צוויי טויטע שפּראַכען.

פּונקט אזוי ווי עס איז פאַרהאַנען א מאַטעריעלע, איז אויך פאַרהאַנען א גייסטיגע נויט ביי יודען. דער פּאָליטישער ציוניזם זוכט צו לעזען די מאַטעריעלע פראַגע. דער קולטור־ציוניזם, וועלענדיג שאַפען א „גייסטיגען צענטער“ אין א"י — פערענטפערט די גייסטיגע נויט פון יודען. פון דעם שטאַנדפונקט אויס איז איין יודישע אוניווערזיטעט מעהר ווערט ווי הונדערט קאָלאָניעס... כדי צו פערווירקליכען אונ־

זער ציל, מוזען מיר שאפען אינ׳ם ראהמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע א קולטורעלע אָרגאַניזאַציע.

אחר־העם לעגט פאַר פאָלגענדע טענות: 1) דער ציוניזם אלס בעוועגונג, וועלכע שטרעבט צו דער פרייער ענטוויקלונג פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַלי־טעט, מוז נישט נור זיין איינגעשטעלט אויף אונזערע מאַטעריעלע, נור לכל הפחות אינ׳ם גלייכען מאָס אויך אויף אונזערע גייסטיגע נויט; 2) פונקט אזויווי דער ציוניזם שטרעבט אָן א געזיכערטע היימשטעטע פאר׳ן היימאטלאָזען פאָלק, אזוי שטרעבט ער אָן דאָסזעלבע פאר דער יודיש־נאַציאָנאַלער קולטור; 3) צו דעם צוועק ווערט געשאפען א קולטורעלע אָרגאַניזאַציע אינ׳ם ראהמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; 4) די דורכ׳ן 5 קאָנגרעס אין פרינציפ אָנגענומענע פאָרדערונג פון נאַציאָנאַלער ערציהונג, איז פונקט אזוי נויטיג פאר אָרטאָדאָקסען, ווי פאר פרייע ציוניסטען.

מיט די אויספיהרונגען פון אחד־העם פאָלעמיזירט ס אָ ק אָ ל אָ ו : דאָס, וואָס דאָס יודישע פאָלק מוז האָבען איז באָדען אונטער די פיס און נישט קיין קולטור און גייסט; עס דארפען געמאכט ווערען די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו בעקומען א״י און נישט אויפ׳ן קולטורעלען געביט. סאָקאָלאָוו שלאָגט פאָר א גאַנצע רייהע פון פראַקטישע רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אויסען, ריכטיג צו אָרגאַ־ניזירען די קולטורעלע ארבייט.

כדי נישט צו דערפיהרען צו קיין גרעסערען מחלוקת מיט דער „מזרחי“, האָט די קאָנפערענץ געוועהלט צוויי קולטור־קאָמיסיעס: א מזרחיסטישע פאר רעליגיעזער ערציהונג און א אַלגעמיין ציוניסטישע פאר די „פרייע“. דער דאָזיגער זעהר טאָ־לעראַנטער און לאָיאַלער שריט האָט געפונען א אָנערקענונג אין דער גאַנצער ציוניס־טישער פרעסע.

א זעהר טיפען פ אָ ל ק ס ו ו י ר ט ש א פ ט ל י כ ע ן רעפעראַט האָט גע־האַלטען ג ו ר ע ו ו י ט ש. פונקט אזויווי די פאָליטישע ציוניסטען אונטערשטריי־כען בלויז די פאָליטישע זייט פון דער יודענפראַגע, פונקט אזוי לעגען די קולטור־ציוניסטען דאָס הויפטגעוויכט אויף דער קולטורעלער פראַגע. אָבערביידע צדדים פערגעסען אָן דער ו ו י ר ט ש א פ ט ל י כ ע ר לאַגע פונ׳ם יודישען פאָלק. דאָס ווירטשאַפטליכע פראָבלעם איז אָבער דאָס סאַמי וויכטיגסטע. מיט ציפערן ווייזט גורעוויטש נאָך, אז די לאַגע פון די יודען ווערט וואָס אַמאָל א ערגערע. אין מאַנכע צווייגען איז די לאַגע פון די יודען א האָפנונגסלאָזע. דער רעפערענט שלאָגט פאָר פאָלגענדע טענות: 1) די ציוניסטישע עקאָנאָמישע טעטיגקייט איז אויסען צו בע־פעסטיגען די ערשטערטע ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס פונ׳ם יודישען פאָלק און צו פערגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין ארבייט אין די לענדער, אין וועלכע ער לעבט; 2) די עקאָנאָמישע ארבייט בעשטעהט הויפטזעכליך אין דער גרינדונג פון עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וועלכע דארפען פערווירקליכען, אויסער דער פערבע־סערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון יודען, אויך די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע און ס אָ־

ציאַלע סאָלידאַריטעט, מיט אנדערע ווערטער, זיי מוזען בערוהען אויפ'ן פּרינ־ציפּ פון אסאָציאַציע און קאָאָפּעראַציע; 3) אזויווי די הויבונג פונ'ם עקאָנאָמישען מצב ביי יודען איז נישט קיין זעלבסטצוועק, און נישט קיין פּאַליאַטיוו, מוז מען נאָך אין בעטראַכט ציהען אָט וואָס: א) די עקאָנאָמישע טעטיגקייט מוז בלייבען אָהן א יעדען ערפאָלג, אויב זי וועט נישט שטעהען אין צוזאמענהאַנג מיט א שטענ־דיגער פּלאַנמעסיגער יודישער עמיגראַציע; ב) אז די דאָזיגע עמיגראַציע דאַרף פּאַוואָלי פיהרען צו דער רעאַליזירונג פון אונזער ציוניסטישען אידעאַל, ד. ה. אז זי דאַרף געלייטעט ווערען קיין א"י, אָבער אויך אין אזעלכע לענדער, וואו עס וועט זיין מעגליך צו גרינדען אונאָבהענגיגע יודישע זידלונגען אינ'ם סאָציאַלען זין.

מיט די דאָזיגע אויספיהרונגען, מיט'ן פּרוב, צו גרינדען א „עקאָנאָמישען ציוניזם", האָט פּאָלעמיזירט קאַראַלניק אין דער „וועלט". ער האָט אָנגעוויזען דערויף, אז די עקאָנאָמישע פראַגען האָבען א פּאָליטישען הינטערגרונד. די עקאָנאָ־מיק איז נור א טייל פונ'ם פּאָליטישען פּראָבלעם, וואָס הייסט יודענפראַגע. און במילא קומט אוים, אז די פּאָליטישע פּערענפּערונג פון דער יודענפראַגע מוז מיט זיך ברענגען אויך א פּערענפּערונג פון די עקאָנאָמישע נויטען.

די בעדייטונג פון דעם מינסקער צוזאמענפאָהר איז געווען גאָר א גרויסע. נישט נור מען האָט געוויזען דער וועלט דעם וואַקסענדיגען כח פון דער ציוניסטי־שער בעוועגונג, נישט נור מען האָט געשלאָסען אויף דער קאָנפערענץ א איינהייטס־פראָנט, וואָס האָט ארומגענומען אלע פּאַרטייען, פון לינקס ביז רעכטס, נור מען האָט אוועקגעשטעלט א סך וויכטיגע פּרינציפּיעלע פראַגען אויף דער ציוניסטישער טאָג־אָרדנונג און מען האָט בערייכערט דעם ציוניסטישען געדאַנק אויף גאָר דער וועלט.

ה) די ערשטע יאָהרקאָנפערענץ אין וויען 29 אָק־טאָבער 1902. בהסכם מיט'ן בעשלוס פונ'ם 5 קאָנגרעס, איינצובערופען אין די „קאָנגרעסלאָזע" יאָהרען דעם גרויסען א. ק., דעם אזויגערופענעם „קליינעם קאָנגרעס", האָט הערצל איינבערופען די ערשטע יאָהרקאָנפערענץ קיין וויען דעם 29 אָקטאָבער 1902.

די קאָנפערענץ האָט ערעפענט הערצל, וועלכער גיט אָב א פּאָליטי־שען דין וחשבון: הגם מיר האָבען נאָך אין דער טירקיי נישט אלעס דערגרייכט, מאַכען מיר אָבער אויף דעם געביט פאָרטשריטע און מיר מוזען קאָנסטאַטירען, אז די טערקישע רעגירונג בעציהט זיך צו אונז מיט א ענטשפּרעכענדער סימפּאַטיע. דערוויילע מוזען מיר נאָך ווייטער אויסבויען אונזער אָרגאַניזאַציע און די פינאַנ־ציעלע אינסטיטוציעס.

לעאָפּאָלד קאָהן האָט רעפערירט איבער דער לאַגע פון דער בעוועגונג אין אלע לענדער. דער רעפערענט האָט פעסטגעשטעלט, אז דער ציוניזם איז זיך שטאַרק פונאייניאַנדערגעוואַקסען הן אין מזרח, הן אין מערב און איז היינט דער שטאַרקסטער כח אינ'ם יודענטום.

דר. קאקעש האט ערטיילט דעם קאסאבעריכט. ער שטעלט פעסט, אז מיר האבען געהאט אין דעם יאהר די גרעסטע הכנסות פונ׳ם שקל, אין דער קאסא ליגען 15.000 פראנק.

אין דער דעבאטע האבען אלע רעדנער אונטערגעשטראכען דעם וואוקס פון דער ארגאניזאציע, און האבען אויסגעדרוקט זייער צופרידענקייט מיט דער פאליטישער ליניע און אויסגעצייכענטער פאליטישער ארבייט פונ׳ם א. ק.

דר. פארבשטיין האט רעפערירט איבער דער ארבייט פון דער נאציאנאל־פאנדס־קאמיסיע און שלאגט פאר פאלגענדע טעזען:

1) עס דארף ווערען דורכגעפיהרט די לעגאליזאציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע;

2) דער קאנגרעס זאל בעשטימען דעם סטאטוט פונ׳ם נאציאנאלפאנד;

3) דער צוועק פונ׳ם נ. פ. איז צו קויפען באדען אין א״י און סיריען;

4) דער סטאטוט זאל נישט בעשטימען, ווען מען זאל אנהויבען צו קויפען באדען;

5) דער סטאטוט זאל בעשטימען א סכום, וועלכער מוז דערגרייכט ווערען, איידער מיר וועלען צוטרעטען צו באדען־קניות;

6) אינ׳ם פרינציפ זאל דער סטאטוט בעשטימען די שאפונג פון א רעזערוו־פאנד, וועלכער זאל אויך פעסטגעשטעלט ווערען דורך דער קאנפערענץ. ווען זיך אנהויבען די גרויסע קאלאניזאציע, זאל מען אויך קענען פערווענדען געלדער פונ׳ם נ. פ. אויף אנדערע ציוניסטישע צוועקען;

7) די שווייץ זאל זיין דער זיץ פונ׳ם נ. פ.;

8) עווענטועל זאל דער נ. פ. לעגאליזירט ווערען, אלס א שטיפטונג פון דער קאלאניאלבאנק.

די מעהרהייט פון דער קאמיסיע האט בעשלאסען, אז דער נ. פ. זאל געגרינ־דעט ווערען יורידיש אלס א גענאסענשאפט — בהסכם מיט די שווייצערישע געזעצען — מיט׳ן זיץ אין ציריך. די מינדערהייט האט געשטעלט דעם אנטראג, אז דער נ. פ. זאל געשאפען ווערען, אלס א שטיפטונג ביי דער קאלאניאלבאנק, וועלכע איז שוין לעגאליזירט.

מאנכע רעדנער, אונטער אנדערע אויך אוסישקין, האבען געפאדערט, בהסכם מיט די בעשלוסען פון דער מינסקער קאנפערענץ, אז דער נ. פ. זאל תיכף צוטרעטען צו ערד־קניות. דער דאזיגער אנטראג, ווי אויך די פראגע וועגען דער ענדגילטיגער פארמולירונג פונ׳ם נ. פ.־שטאטוט, איז נישט געווארען ערלעדיגט, נור מען האט עס איבערגעלאזט דעם זעקסטען ציוניסטישען קאנגרעס.

וואלפזאהן ערטיילט דעם בעריכט איבער דער קאלאניאלבאנק: די קאלאניאלבאנק האט אויסגעצאהלט דאס לעצטע יאהר 3% דיווידענדען. אלס אנהויב איז דאס צופרידענשטעלענד.

ווייצמאן און בובער האבען רעפערירט אינ׳ם נאמען פונ׳ם קולטור־

אויסשוס איבער דער גרינדונג פון א העברעאישער אוניווערזיטעט און האָבען מודיע געווען, אז אין דער שווייץ איז געעפענט געוואָרען א ביוראָ, וועלכער שטודירט דעם דאָזיגען ענין.

אין דער דאָזיגער פראגע ענטוויקעלט זיך א אינטערעסאנטע דעבאטע. ווייצמאַן, בובער, כהן־בערנשטיין מיינען, אז מען זאָל גרינדען די אוניווערזיטעט, נישט דוקא אין א"י. ד"ר. פארבשטיין און אוסישקין זענען פאר דער גרינדונג פון דער אוניווערזיטעט נור אין א"י. זייער אנטראג איז אויך געוואָרען אָנגענומען. 16 יאָהר שפעטער וועט דערזעלבער ווייצמאַן לעגען דעם גרונדשטיין פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים און 23 יאָהר שפעטער וועט ווייצמאַן ערעפענען די אוניווערזיטעט, אויף א פייערליכען אופן, אויפ'ן הר־הצופים.

פאַדלישעווסקי האָט שטארק קריטיקירט די ציוניסטישע טאָלעראנץ. עס מוז קלאָהר געשטעלט ווערען דער יחס צו אחד־העם'ן. אחד־העם בעריהמט זיך אין „השלוח", אז ער קויפט נישט אויס קיין שקל, און טראָצדעם האָבען ציוניסטען געפונען פאר מעגליך, איהם צו געבען דאָס קולטור־רעפעראַט אויף דער מינסקער קאָנפערענץ. אויך קלעע און אנדערע רעדנער זענען אויפגעטרעטען געגען דער צווײדייטיגער שטעלונג פון אחד־העם.

נאָכדעם ווי עס איז געוואָרען בעשלאָסען דער בודזשעט האָט הערצל געשלאָסען די קאָנפערענץ מיט פאָלגענדע ווערטער:

„מיר האָבען זיך בעמיהט אין דער דאָזיגער קורצער צייט צו ערלעדיגען אלץ, וואָס עס איז נור געווען מעגליך. מיר האָבען פערשטאנען און פערשטעהען אויך היינט, אז עס איז אונזער חוב אויפרעכט צו האַלטען דעם אייפער פון דער בעוועגונג אין די דאָזיגע פינסטערע טעג, ביז עס וועט קומען דער טאָג, וועלכען מיר ערוואַרטען אלע און פאר וועלכען עס גליהען אונזערע הערצער".

ו) דער דריטער צוזאַמענפאָהר פון די עסטרייכישע ציוניסטען, יוני 1903, אין וויען:

סוף חודש יוני איז געוואָרען איינגערופען קיין וויען דער דריטער צוזאַמענפאָהר פון די עסטרייכישע ציוניסטען. די בעדייטונג פון דעם צוזאַמענפאָהר ליגט דערינען, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט א גענויען קהלה־פראָגראַם פונ'ם ציוניסטישען שטאַנדפונקט.

די וויכטיגסטע פונקטען פון דעם דאָזיגען פראָגראַם זענען:

1) די קהלה דארף בעפרידיגען אלע וועזענטליכע הצטרכות'ן פונ'ם יודישען פאָלק און נישט נור די רעליגיעזע;

2) די ציוניסטען דארפען שטרעבען, עס זאָל ענטשטעהען א קהלה־פערבאַנד אין דער גאַנצער עסטרייכישער מאָנארכיע. אזא אָרגאַניזאַציע פונ'ם גאַנצען עסט־

רייכישען יודענטום וועט האָבען נישט נור א אינערליכע בעדייטונג פאר יודען, נור וועט אויך פאָרשטעלען א וויכטיגען פּאָליטישען כלי־זין כלפי־חוץ.

דער דאָזיגער פּראָגראם האָט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער אגיטאַציע ביי די וואהלען צו די קהלות.

דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אויך ארויסגעזאָגט געגען דעם פּאַרטיקולאַריזם און פראַקציוניזם אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

ז) די ערשטע קאָנפערענץ פון די א״י'דיגע יודען, אויגוסט 1903, אין זכרון יעקב: נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם איז אוסישקין אָראָבגעפאָהרען קיין א״י, כדי איינצואָרדנען יודישע יתומים פון קישענעוו, אין א״י. אוסישקין איז געקומען קיין א״י, האָט דורכגעוואַנדערט דאָס לאַנד לארכה ולרחבה און האָט געוואָרפען די איניציאַטיוו, צו שאַפען א איינ־הייטליכע אָרגאַניזאַציע פונ'ם נייען ישוב, ד. ה. פון יענע יודען, וואָס לעבען נישט פון אונטערשטיצונג, נור פון זייער ארבייט אָדער קאַפּיטאַל. אין אויגוסט איז איינגערופען געוואָרען א קאָנפערענץ קיין זכרון־יעקב. עס זענען געקומען 70 דעלעגאַטען און 60 לעהרער. די פערזאַמלונג האָט געעפענט אוסישקין. אין פּרעזידיום זענען געוואָרען געוועהלט: גלוסקין, עטינגער, דר. ווייץ און יעלין.

אין זיין רעדע האָט אוסישקין ענטוויקעלט די פּרינציפּיען פון דער נייער אָרגאַניזאַציע: יעדער יוד, וואָס לעבט אין א״י נישט פון דער חלוקה, הן מענער, הן פרויען, זאָל האָבען דאָס וואהלרעכט צו דער קאָנפערענץ, אויב ער בעצאָהלט א געוויסען סכום (א פראַנק יעהרליך). די קאָנפערענץ וועהלט „דעם קליינעם סנהדרין" פון 23 חברים און א אקציאָנסקאָמיטעט פון 5 חברים. א״י ווערט גע־טיילט אין 6 דיסטריקטען און יעדער דיסטריקט שיקט א געוויסע צאָהל פערטרע־טער אין דעם „קליינעם סנהדרין", וועלכער קומט זיך צונויף לכל הפחות צוויי מאָל אין יאָהר. אלע אנגעלעגענהייטען, וואָס זענען נוגע דעם ישוב, ווערען ערלעדיגט בלויז בהסכם מיט'ן א. ק. דער יחס צו די אינסטיטוציעס, וואָס אונטערשטיצען די קאָלאָניזאַציע, ווי י. ק. א., עזרה, באַראָן ראָטשילד, ווערט פעסטגעשטעלט דורכ'ן א. ק. — אָט אַזאַ אָרגאַניזאַציע — מיינט אוסישקין — קען אונז דערנעהענטערן צו אונזער ציל.

דער דאָזיגער פּאָרשלאַג האָט ארויסגערופען א לעבהאַפטע דעבאַטע. אין רע־זולטאַט האָט דער צוזאַמענפאָהר אָנגענומען אוסישקינ'ס פּאָרשלאַג, נור איין פּונקט פון זיין פּראָיעקט האָט דער צוזאַמענפאָהר מיט 29 געגען 18 שטימען אָבגעוואָר־פען: דאָס וואהלרעכט פון פרויען...

פינעס האָט דאָן רעפערירט איבער די עלטערע קאָלאָניען, בן יהודה איבער די נייע און מיכלין איבער די ספרדישע יודען.

א גרעסערע דעבאַטע האָט ארויסגערופען די ערציהונגספראַגע. אין דער דאָ־

זיגער פראגע האָט מען נישט ערצילט קיין איינגונג, מען האָט נור אָנגענומען א אַלגעמיינעם בעשלוס, אז העברעאיש מוז ווערען די איינציגע אומגאַנגס־שפּראַך און אז דער יודישער גייסט מוז געפּלעגט ווערען אין די שולען.

זייענדיג אין א״י, האָט אוסישקין דורכגעפיהרט מאַנכע וויכטיגע ערד־קניות פאר דער אָרגאַניזאציע „גאולה“. שוין דאמאלס — ערצעהלט ער — האָט ער „געוואָרפען א אויג“ אויף׳ן עמק יזרעאל. צוואנציג יאָהר שפּעטער וועט דערזעלבער אוסישקין נישט נור ווערען דער „גואל־העמק“, נור ער וועט אויך מיט א אייזערנער ענערגיע אויסלייזען טויזענדער דונאַם פון פרעמדע הענד.

צוריקקומענדיג קיין אָדעס האָט אוסישקין אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגירען די פּראַקטישע א״י־ארבייט. „דעם טשאַרטער וועלען מיר בעקומען שפּעטער — פון אונטען ארויף“, איז געווען זיין בעליבט וואָרט. דאַכט זיך, אז מיר דארפען נישט צוגעבען, אז אוסישקין איז געווען איינער פון די פערביסענסטע געגנער פון׳ם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט.

אין דערזעלבער תקופה זענען אויך פאָרגעקומען צוזאַמענפאָהרען פון אמעריקאַנישע, ענגלישע, בולגארישע ציוניסטען ווי אויך פון די יודישע האנדעלס־אנגעשטעלטע אין גאליציען („אחוה“ צוזאַמען מיט׳ן „אחדות“). די דאָזיגע קאָנפערענצען האָבען אָבער געטראָגען א ריין לאָקאַלען כאראַקטער און האָבען נישט ארייגעבראַכט קיין שום וועזענטליכען מאַטעריאל, וואָס קען קומען אין בעטראַכט פאַר אונזער צוועק.

3. „אַלטניי־לאַנד“.

אינ׳ם יאָהר 1902 האָט הערצל ארויסגעגעבען זיין ציוניסטישען ראָמאַן „אַלטניי־לאַנד“. אין דעם דאָזיגען בוך האָט הערצל געשילדערט אויף א וויזיאָנערען אופן דאָס בילד פון דער יודישער מדינה אין א״י, נאָך צוואנציג יאָהר. נישט נור די אייסערע, נור אויך די אינערע ענטוויקלונג פונ׳ם לאַנד און פון די יודען, ווערט דאָרט זעהר לעבעדיג אָנגעצייכענט. הגם די געזעלשאַפטסאָרדנונג איז א קאַפּיטאַליסטישע, באַזירט אָבער דאָס לעבען אין אַלטניי־לאַנד אויף צדק ויושר. עס הערשט ממש א אידעאַלער יחס צווישען דעם ארבייטער און ארבייטסגעבער, צווישען דעם יודישען און נישט־יודישען מלוכה־בירגער, צווישען דער יודישער און נישט יודישער רעליגיע. אין אַלטניי־לאַנד שילדערט הערצל, וויאזוי יודען האָבען אָקופּירט דאָס לאַנד, וועלכע שוועריגקייטען האָבען זיי געמוזט בעזייטיגען, און וויאזוי עס איז זיי געלונגען דאָך צו שאַפען, נאָך גרויסע אנשטרענגונגען, די יודישע מדינה.

מאַנכע שטעלען לעזען זיך ממש ווי א נבואה. אָט די ראָל, וועלכע הערצל האָט צוגעשריבען חיפה, ווערט פאַר אונזערע אויגען היינט מקוים. פון דער אַנדערער זייט וועט רוטענבערג, מיט זיין גראַנדיעזער עלעקטריפיקאציע פונ׳ם לאַנד, פערווירקליכען א טייל פון הערצל׳ס חלום, הגם אין א מאָדיפיצירטער פאָרם.

„ווען איהר ווילט — איז עס נישט קיין באָבע־מעשה“ האָט געשריבען הערצל. ...און עס איז אויך נישט קיין באָבע־מעשה.

דאָס דאָזיגע ביכעל האָט ארויסגערופען ביי די מערב־איראָפּעאישע ציוניסטען א גרויסע בעגייסטערונג. דורך גאַנצע יאָהרען איז „אלטניי־לאַנד“ געווען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדא־ליטעראַטור.

אַנדערש אָבער איז געווען אין מזרח־איראָפּא. דאָ האָט א ח ד ־ ה ע ם ממש אויף א אכזריות'דיגען אופן בעהאַנדעלט הערצל'ס שריפט. זיין קריטיק איז געווען, — הגם אין געוויסע שטעלען זעהר אונגערעכט, דאָך פערניכטענד.

אַט אזוי וועט אויסזעהען דער יודענשטאַאַט? — פרעגט אחד־העם. וועט מען דאָרט רעדען דייטש? וועט מען בויען דאָס בית המקדש, נישט אויף זיין אָרט? וועט מען געהען אין א דייטשער אָפּער אין א״י? וועט מען שטאַט צו פּראַוועון דעם סדר, איינלאַדען צו זיך א קריסטליכען און מאַכמעדאַנישען גלח און וועט אויס־הערען עפּיס א פאָרטראַג דורך א גראַמאָפאָן? און וואו איז דער יודישער גייסט, די יודישע קולטור, די גאַנצע יודישע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט?

אחד־העם'ן האָט געענפערט נ א ר ד ו י אויף א שאַרפען און פּערזענליכען אופן. אחד־העם — זאָגט נאָרדוי — וואונדערט זיך אויף דער דייטשער שפּראַך פון אַלטניי־לאַנד, אָבער ער פערגעסט, אז הערצל האָט געשריבען זיין בוך אין דער דייטשער שפּראַך און האָט בלויז אריינגעלעגט אין מויל פון די פּערזאָנען, וואָס טרעטען דאָרט אויף, די שפּראַך, אין וועלכער דאָס בוך איז געשריבען. מיט דעמ־זעלבען רעכט—בעהויפּטעט נאָרדוי—וואָלט אחד־העם געקענט פרעגען שעקספּיר'ן, פאַרוואָס ער לאָזט די רוימער רעדען אין זיין „יוליוס קייזער“ ענגליש און נישט לאַטייניש. אחד־העם איז אויפגערעגט אויף דער איירָאָפּעאישער קולטור פון „אַלט־ניי־לאַנד“? אָבער דאָס ווילען מיר טאַקי: אריינברענגען ליכט און קולטור, דורך די יודען, קיין קליינאַזיען. אחד־העם איז א יוד פון גוי'ס געטאָ און פערשטעהט נישט, וואָס פרייהייט איז. זיין טעטיגקייט איז שעדליך פאַר'ן ציוניזם. „אחד־העם איז נישט קיין ציוניסט!“

אַט מיט די דאָזיגע שאַרפע ווערטער ענטפערט נאָרדוי אויף אחד־העם'ס קריטיק. נישט דאָ איז דער אָרט זיך אָבצושטעלען אויף דעם דאָזיגען פּראָבלעם, ווייל, לויט אונזער מיינונג געהערט דאָס גיכער אין א ליטעראַריש־קריטישער אָבהאַנדלונג. מיר האָבען בלויז אָנגעוויזען אויף דעם ויכוח פון אחד־העם—הערצל, נאָרדוי, ווייל דאָס וועט זיך שפּעטער אויך „פּאָליטיש“ אויסווירקען.

נײן און צוואנציגסטער קאפיטעל.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאנגרעס אין באזעל.
23—28 אויגוסט 1903.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאנגרעס, דער לעצטער קאנגרעס מיט הערצל׳ן, איז דער ווייטאויס וויכטיגסטער און דראמאטישסטער פון אלע ביז איצטיגע. קיין באזעל זענען געקומען הונדערטער יודען, אלס דעלעגאטען און געסט. אין דעם גרויסען פערהאנדלונגס-זאל האט מען נישט געקענט ממש קיין שפילקע ארייננואר־פען, עס הערשט א אונערטרעגליכע היץ.

טרויריג און ערנסט בעשטייגט הערצל די טריבונע. א שטורם פון אפלויז דערוועקט זיך ביי זיין ערשיינען. די אוואציעס ווילען נישט נעהמען קיין סוף. צי דען האט די גרויסע מאסע געפיהלט, אז זי הערט צום לעצטען מאל איהר פיהרער? און דאך בלייבט זי פולקאמען שטיל, אז הערצל רעדט, נור פון צייט צו צייט אונ־טערברעכט זי איהם מיט בעגייסטערטע צורופען. הערצל רעדט זעהר ערנסט, מענ־ליך און מיט א אייזערנער פעסטיגקייט. ער פיהרט אויס:

„די לאגע פון די יודען אויף גאר דער וועלט איז אין דער לעצטער צייט נישט געווארען בעסער. מאנכע האבען געגלויבט, אז עס קען שוין נישט ווערען ערגער. עס איז געווארען ערגער. מאנכע גלויבען, אז מ׳קען מילדערן די יודענגויט דורך פילאנטראפיע. דורך פילאנטראפיע קען מען נישט העלפען קיין פאלק. אינ׳ם סוף פונ׳ם נײנצעהנטען יאהרהונדערט האט מען געזעהען אין דער עמיגראציע דאס איינציגע מיטעל, צו לעזען די יודענפראגע. אבער די לענדער הויבען זיך אן אב־צושליסען געגען דער יודישער איינוואנדערונג, הגם אדער ו ו י י ל די יודישע נויט וערט אין מזרח וואס אמאל אלץ גרעסער.

מיר מוזען געדענקען אן ק י ש ע נ ע ו ו. נור לאמיר נישט פערגעסען, אז עס קענען זיין א סך קישענעוו׳ס און נישט נור אין רוסלאנד.

די רעגירונגען הויבען אן אונז וואס אמאל אלץ בעסער צו פערשטעהען. אונזער לעזונג איז געווארען ביים היינטיגען טאג א אלגעמיין בעדערפניש. דאך קומען פאר אונז אויך שווערע טעג און מאנכע פערלאזען אונז, די בעוועגונג פערלירט

גאָר נישט אין זיי און פאר די, וואָס בלייבען, איז קיין שום קרבן נישט צו גרויס. צו זיי קען איך רעדען און אָפען רעדען.

איך האָב געקלעהרט, אַז איך וועל אייך מוזען זאָגען, אַז אַלע אונזערע בעמי־הונגען זענען דורכגעפאַלען, דאָך איז עס נישט אַזוי. צוויי מאָל בין איך געווען ביים סולטאַן. דער סולטאַן איז גוט געזינט פאר יודען, אָבער די פערהאַנדלונגען זענען געבליבען אָהן א רעזולטאַט. מיר האָבען נישט געקענט מסכים זיין צו א זאַך, וועלכע שטעהט אין א סתירה צום באַזעלער פּראָגראַם, אינסבעזונדערע האָבען מיר נישט געקענט מסכים זיין צו א צערשטרייטער קאָלאָניזאַציע אויף פערשידענע טערקישע פּראָווינצען.

אַזויווי דער סולטאַן האָט זיך צו אונז בעצויגען מיט א סימפּאַטיע, און אַזויווי מיר קענען אויך נישט צווייפעלען אין דעם גוטען יחס פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד לגבי אונזערע פּלענער, קומט אויס, אַז רוסלאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד, וואָס האָט זיך ענטגעגענגעשטעלט אונזערע בעשטרעבונגען.

אַזויווי די יודישע נויט האָט געפאָדערט א תיכף'דיגע תשובה, האָבען מיר זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג מיט דער בקשה, אונז צו געבען א לאַנד־קאָנצעסיע אין על־אריש. מיר האָבען נאָך לאַנגע פערהאַנדלונגען בעקומען אַזא קאָנצעסיע. דאָך קענען מיר דערפון נישט מאַכען קיין שום געברויך, ווייל די עגיפּטישע רעגירונג האַלט, אַז זי קען אונז נישט געבען אַזויפיל וואַסער פון'ם ניל, וויפיל דאָס לאַנד נויטיגט זיך — לויט איהר שעצונג.

די ענגלישע רעגירונג האָט אונז תיכף אָפערירט א אנדער לאַנד. דאָס דאָזיגע לאַנד האָט נישט דעם געשיכטליכען, פּאַטעטיש־רעליגיעזען און ציוניסטישען ווערט, אפילו ווי די האַלב־אינזעל סיני, דאָך גלויבען מיר, אַז דער קאָנגרעס וועט געפונען מיטלען, צו מאַכען א געברויך פון דער דאָזיגער אָפערטע. דער פאָרשלאָג בעדייטעט א אויטאָנאָמע יודישע זידלונג אין מזרח־אפריקא מיט א יודישער לאָקאַלער רעגי־רונג, מיט א יודישען בעאַמטען אין דער שפּיץ, אונטער דער ענגלישער אויבער־הערשאַפט.

מיר האָבען נאַטירליך נישט אויף איין מינוט געלאָזט אין צווייפעל די ענגלישע רעגירונג, איבער אונזערע רעכט אויף א"י. אונזערע אַנשויאונגען איבער א"י בלייבען אונפערענדערט. גרייליך איז אוגאַנדאַ נישט ציון און קען קיינמאָל נישט ווע־רען ציון, אָבער ביי דער היינטיגער לאַגע פונ'ם יודישען פאָלק און ביי דעם דורכ־פאַל פון אַלע פילאַנטראָפּישע אונטערנעהמונגען, טאָר מען זיך נישט אָבזאָגען פון א קאָלאָניזאַציע אויף מלוכה־שער און נאַציאָנאַלער באַזיס.

אַזוי איז געווען די לאַגע, כמעט ביז אין די לעצטע טעג.

די לעצטע עראייגנישען אין רוסלאַנד האָבען געמאַכט נויטווענדיג, אַז מיר זאָלען קומען אין קאָנטאַקט מיט דער רוסישער רעגירונג. איך האָב אין פּעטער־בורג נישט אינטערוועגירט בלויז אלס פּאַרטיימאַן, נור לטובת אַלע יודען. איך האָב בעקומען די צוזיכערונג, אַז די רעגירונג וועט מאַכעס אונטערנעהמען, וואָס וועט

מאכען בעסער די לאגע פון די יודען אין רוסלאנד. וויכטיגער דערפון איז אבער די הילף, וואס די רוסישע רעגירונג האט צוגעזאגט דער ציוניסטישער בעוועגונג, אויב זי וועט ווייטער בעהאלטען איהר געזעצליכען און רוהיגען כאראקטער. די רוסישע רעגירונג איז גרייט מיטצווווירקען ביי דער פינאנסירונג פון דער יודישער עמיגראציע, און דאס וויכטיגסטע, זי וויל אינטערווענירען ביים סולטאן לטובת פון די יודען. מיר קענען נישט גענוג הויך איינשעצען אט דיראזיגע צוזיכערונג פון דער רוסישער רעגירונג. זאל די צוקונפט בעווייזען, וואס פארא ממשות'דיגע הילף מיר קענען ערווארטען פון דער דאזיגער זייט.

מאנכע וועלען זאגען, אז דאס איז נישט קיין טובה. די גרויסמאכטען ווילען אונז פטר'ן. ע"כ געבען זיי אונז קאנצעסיעס. זאל זיין אזוי. אין דעם לאנד פון אונזערע אבות וועלען מיר דערויף ענפערן... מיט א העבערער מענשליכער מאראל."

דער זאל מאכט הערצל'ן א שטורמישע אוואציע.

אין דעם פרעזידיום פונ'ם קאנגרעס זענען געווארען געוועהלט: דר. הערצל, נארדוי, מאנדעלשטאם, מאנטעפיארע און באדענהיימער.

דעם קאסאבעריכט ערטיילט קאקעש: די שקל־הכנסות האבען זיך אין דעם יאהר כמעט פערדרייפאכט. לויט דער בילאנץ קומט אויס, אז עס זענען צוגעקומען נעטא 20.000 פראנק. צוזאמען איז געווען אין דער קאסא 90.000 פראנק.

דעם רעכענשאפטסבעריכט ערטיילט מארמארעק: די לאגע פון די יודען ווערט וואס אמאל ערגער. די ציוניסטען קענען זיך נישט אבזאגען פון א ממשות'דיגער הילף פאר די, וואס ליידען, צי דאס איז אין רוסלאנד, צי אין גאליציען, אין מאראקא און אפילו אין אמעריקא. דער א. ק. בעקומט טויזענדער בריעף פון אלע עקען פון דער וועלט און ווי מיר קענען, העלפען מיר.

די הויפטאויפמערקזאמקייט פון אונזער טעטיגקייט לענקען מיר פון איין זייט אויף דער שטארקונג פון די ארגאניזאציעס און פון דער אנדערער זייט בעשטרעבען מיר זיך, צו בעקומען דעם טשארטער.

מיר האבען ארויסגעגעבען א גאנצע רייה בראשורען אין אונגארישער, טשעכישער, גריכישער, שפאניאלישער, סערבישער און אראבישער שפראך און מיר האבען צו פערצייכנען א אונגעהויערעס וואקסטום פון אונזערע ארגאניזאציעס. עס זענען נישט נור צוגעקומען נייע גרופען אין סקאנדינאוויען, קרעטא, כינא א. א. וו., עס זענען אויך געווארען געשטארקט די ביזאיצטיגע. אין דעם לעצטען יאהר זענען געשטיגען די שקל־צאהלער מיט 130% (נישט צו פערוועקסלען מיט די געלד־הכנסות פונ'ם שקל!).

די גרעסטע פארשריטע האט געמאכט די ארגאניזאציע אין רוסלאנד, אבער אויך אין אנדערע לענדער האבען מיר צו פערצייכנען א אקטיווע ציוניסטישע ארבייט אויף אלע געביטען. ביי די דאזיגע גינסטיגע בעדינגונגען האבען אויך גע־מוזט פראספערירען אונזערע אינסטיטוציעס. די באנק האט געארבייט צו אונ־

זער צופרידענהייט און איז שוין אין דער לאגע צו צאָהלען א געוויסע, ווען אויך א אונבעדייטענדע דיווידענדע. זי האָט געשאפען א טאָכטער־געזעלשאפט, די „אנגלא פאלעסטיין קעמפעני", וועלכע האָט געעפענט א פיליאלע אין יפו, צו דער צופרידענקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג. דער נאציאָנאַל־פאָנד ווידער איז געוואָרען א זעהר בעליבטע און פאָפולערע אינסטיטוציע און אר־בייט מיט גרויס ערפאָלג. די נ. פ.־קאָמיסיע וועט מאכען פאָרשלאָגען דעם קאָנ־גרעס וועגען א סטאַטוט פאר'ן נ. פ.

די פערשידענע פעריינע, וואָס ארבייטען אויף דעם גייסטיגען געביט האָבען ווייטער פאָרטגעזעצט זייער טעטיגקייט. רעאסומירענדיג, קענען מיר זאָגען: נישט נור די צוקונפט וועט אונז געהערען, שוין די געגענוואַרט געהערט אונז.

די ערשטע באמבע אין דער גענעראל־דעבאַטע איבער הערצל'ס עקספאָזע און דעם רעכענשאפטס־בעריכט וואָרפט אריין דוד טריטש: הערצל האָט אָבגעוואָרפען דעם על־אריש פראָיעקט, וועלכער איז אייגענטליך געווען מיין אויפטהו. (איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער, האָב אָנגעוויזען, אז מען דארף קאָלאָניזירען די שכנות־לענדער פון א"י, ווי סיני־האַלב־אינזעל, מעזאָפּאָטאַמיען, ציפערן) — ווייל עס איז דאָרט נישטאָ קיין וואסער פאר א גרויסער קאָלאָניזאציע. דאָס איז געווען א פעהלער. די שטאָדט על־אריש, וועלכע ליגט נאָהנט ביי דער גרעניץ פון א"י, האָט געהאט פאר הונדערט יאָהר טויזענד איינוואוינער, היינט לעבען דאָרט 5000 און עקספאָרטירען ירקות. אויב אזוי, איז דאָך מעגליך געווען צו מאכען א אנהויב, זאָל אויך זיין א קליינעם.

דאגעגען איז הערצל געגאנגען ביז קיין... מזרח־אפריקא. הערצל לאָזט זיך אויך אָפּנארען פון פלעווען און האָפט, אז רוסלאנד וועט אונז העלפען. דאָס איז א צווייטער פעהלער. הערצל האָט אָבגעוואָרפען די אָפערטע פונ'ם סולטאַן, וועל־כער האָט אונז געוואָלט לאָזען קאָלאָניזירען אין קליין־אזיען. אָבער צי דען האָט הערצל געהאט א רעכט דאָס אָבצוואַרפען? פארוואָס האָט ער נישט איינגערופען דעם קאָנגרעס, אזיווי ער טהוט דאָס אין דער אוגאנדא־פראַגע? אויף דער קאָנפע־רענץ אינ'ם יאָהר 1902 האָט הערצל געזוכט א התקרבות צו מיר און שפעטער, אז מען האָט געשאפען א פאָרשונגס־קאָמיסיע פאר על־אריש, האָט מען מיך אפילו דערפון נישט פערשטענדיגט, הגם מיינע ידיעות האָבען געקענט זיין ווערטפול פאר דער קאָמיסיע. (דער קאָנגרעס ברעכט אויס אין א איראָניש געלעכטער).

הערצל האָט קאַליע געמאכט א זיכערע זאך. ער האָט אָבגעלאָזט לענדער, וואָס ליגען אין שכנות פון א"י „און וואָס קענען אמאל ווערען ציון" און איז געגאנגען קיין מזרח־אפריקא. זאָל מען מיר און מיינע פריינד געבען די מאכט, וועלכע עס האָבען די היינטיגע פיהרער און מיר וועלען געפונען נאָהנט צו א"י בעסערע מקומות ווי אוגאנדא.

טריטש'ן ענטפערט שארף הערצל: מיר האָבען זיך נישט בעגניגט מיט א פאָר ארטיקעל איבער על־אריש. אויב טריטש מיינט, אז דער, וואָס שרייבט א פאָר אר־

טיקעל איבער על־אריש, ווערט אויך דערמיט זיין אויבערהאר, האט ער א טעות. מיר האבען ארגאניזירט א אויספארשונגס־קאמיסיע, וועלכע איז בעשטאנען פון די בעסטע און וועלטבעקאנטע פאכלייט און זייער אורטייל איז פאר אונז מאס־געבענד. טריטש האט תרעומות צום א. ק., פארוואס מען האט איהם נישט צוגע־צויגען צו דער ארבייט. אבער אונז ענטשפרעכט נישט דער אופן, ווי אזוי טריטש בעהאנדעלט געזעלשאפטליכע פראגען. אט האט טריטש ארגאניזירט א יודישע עמי־גראציע קיין ציפערן. מיר איז געלונגען אויפצונעהמען א פראטאקאל מיט א י י ן קרבן פון טריטש'ס ארבייט. לויט'ן פראטאקאל זענען געפאהרען, אויף דער פער־אנלאסונג פון טריטש, 52 פאמיליען פון גאלאץ קיין ציפערן. די עמיגראנטען זענען כמעט אלע צוגרונד געגאנגען, צוליב דעם לייכטזיניגען אופן, וויאזוי טריטש האט „ארגאניזירט" די דאזיגע „קאלאניזאציע". צי דען האבען מיר געהאט א רעכט, איבערצוגעבען אזא מענש אזא וויכטיגע ארבייט?

דער קאנגרעס בעשענקט הערצל'ן מיט א הילעכדיגען אפלויז.

געגען טריטש'ן טרעט אויך אויף פרידמאן, וועלכער שילדערט דעם קאנגרעס, אויף וואס פארא אופן טריטש האט געשטערט די ארבייט פון די דייטשע ציוניסטען.

די דאזיגע אונרוהיגע און געשמאקלאזע זיצונג האט זיך בעשעפטיגט, שטאט מיט וויכטיגע פראגען, רק מיט טריטש'ן, מיט זיינע בעהויפטונגען און ריכטיג־שטעלונגען.

דאס פ א ל י ט י ש ע רעפעראט האלט נ א ר ד ו י: דאס מאל האב איך גע־וואלט קומען צום קאנגרעס און ערגרייפען דאס ווארט, אויב דער גאנג פון די פער־האנדלונגען וועט מיך דערצו צווינגען. דאך האט מיר די לייטונג אויפגעטראגען, צו האלטען דאס פאליטישע רעפעראט.

די פאליטישע לאגע פונ'ם ציוניזם קען אזוי פארמולירט ווערען: די גרויס־מאכטען, וואס האבען די ממשלה אין דער וועלט, האבען אויסגעדרוקט זייער הסכמה צום ציוניזם, ד. ז. דייטשלאנד, ענגלאנד, רוסלאנד און אויך צפון־אמעריקא. אונזערע שונאים האבען שטענדיג חוזק געמאכט איבערן פונקט 4 פונ'ם באזעלער פראגראם, וואו עס רעדט זיך וועגען געווינען סימפאטיעס פון די רעגירונגען פאר'ן ציוניזם. נאך 6 יאהר ציוניסטישער ארבייט, האבען מיר דאך דאס ערייכט. דער פאליטישער אויפטהו פונ'ם ציוניזם וועט ערשט קענען שפעטער ווערען ריכטיג אבגעשאצט אין דער יודישער געשיכטע. ביז איצט האבען שטענדיג די פערטרעטער פון יודען איינגערעדט די רעגירונגען, אז זיי זענען צופרידען. ערשט דער ציוניזם האט אויפגעדעקט דעם גאנצען שקר פון אט אדי טענות. נ י י ן, מ י ר ז ע נ ע ן נ י ש ט צ ו פ ר י ד ע ן! די לאגע פון די יודען איז אונערטרעגליך. דאס דאזיגע אלטע פאלק פערדינט נישט צו זיין א בירגער פון דער צווייטער מדרגה. מיר ווילען צוריק זיין פולווערטיגע מענשען אין אונזער לאנד, אין א"י.

ביז איצט האט קיינער גאר נישט פערלאנגט אינ'ם נאמען פון יודען. אלזא האבען מיר גאר נישט בעקומען. מיר זענען געווען א מענשענשטויב. ערשט דער

ציוניזם האָט, שאַפענדיג א פערטרעטונג פונ'ם יודישען פאָלק. פערלאַנגט ביי די פעלקער: העלפט אונז צו לעזען אונזער פראגע.

מיר האָפען, אז אונזער פערלאַנג וועט דעם סולטאַן איבערצייגען, אויב נישט וועלען מיר ווארטען. מיר קענען ווארטען. עס וועלען קומען גינסטיגערע קאָניונקטורען פאר'ן ציוניזם און דאן וועלען מיר ערייכען אונזער ציל. ביז צו דער דאָזיגער צייט מוזען מיר שטארקען די מאַכטמיטעל פונ'ם ציוניזם, די פאָנדען, און מיר מוזען ווערען, דורך דער עראָבערונג פון די קהלות, א מאַיאָריטעט אינ'ם יודישען פאָלק.

ביז איצט איז נישט געווען פארהאַנען קיין יודישע פאָלקספּאָליטיק. עס זענען העכסטענס געווען רעפלעקסען, אונקאָאָרדינירטע פרובען, אָבצואָוועהרען דעם אַנטי־סעמיטיזם. ערשט דער קאָנגרעס האָט געשאַפען די פאָראויסזעצונג פאר א יודישער פאָלקספּאָליטיק. אויב עס איז געקומען א עת צרה פאר יודען האָבען אונזערע מיליאָנערען בעקומען א ווייך הארץ און האָבען געגעבען געלד. דאָס איז פונקט, ווי זיי וואָלטען געזאָגט צו אונזערע שונאים: „וואָס, איהר הרג'ט, איהר שענדעט, איהר צערשטערט? — אָט האָט איהר געלד און פערזאָרגט די אלמנות און יתומים...“ אָבער— ווי האָט דאָס געזאָגט הערצל? די פילאַנטראָפּיע קען נישט לעזען קיין פאָלקס־פראגע. און דאַדורך מוזען מיר, שטארקענדיג די מאַכטפּאָזיציעס פונ'ם ציוניזם, אויך זאָרגען פאר'ן ביטערען „היינט“ פון די יודישע מאַסען. פאר דעם ענדגילטיגען ציל פון א יודישער בעזעצונג פון א"י, מוזען מיר שאַפען א סטאַציע, אויף וועלכער עס זאָלען זיך קענען אונזערע ברידער דערווייל אויפהאַלטען. מיר מוזען שאַפען א נאַכטלעגער (א „נאַכטאַזיל“) פאר די, וואָס קענען מעהר נישט בלייבען אין גלות.

אזא נאַכטלעגער איז די קאָלאָניע, וועלכע עס אָפערירט אונז די בריטישע רעגירונג. דאָס איז אָבער א גאַנץ אייגענאַרטיגער „אזיל“, ווייל מיר בעקומען דאָרט ווייטגעהענדע זעלבספערוואַלטונגס־רעכט. מיר מוזען מאָביליזירען אַלע אונזערע כחות, כדי צו פערבייטען די נעגאַטיווע אייגענשאַפטען פונ'ם יודישען פאָלק אין פּאָזיטיווע. (לאַנגדויערנדער אַפּלויז).

אינ'ם נאָמען פון פערשידענע לאַנדסמאַנשאַפטען ווערט אויסגעדרוקט דער וואונש, צו טיילען די דעבאַטע, ד. ה. מען זאָל דערווייל רעדען בלויז איבער דעם רעכענשאַפטסבעריכט, און נישט בעריהרען די אוגאַנדא־פראגע. עס ווערט אויך אָנגענומען אזא פאָרמעלער אַנטראג.

ראָזענבוים: דער א. ק. האָט נישט קיין איינפלוס אויף די ארבייטען פון די פערשידענע קאָמיסיעס. אויך שטעהט דער א. ק. איבער אַלע פּארטייען און קאָאָרדינירט נישט זייער טעטיגקייט. אוודאי איז גוט, וואָס עס אָרגאַניזירט זיך א ארבייטער־פליגעל, א בעזונדערע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע, אָדער דער מזרחי. אָבער דער א. ק. לאָזט די דאָזיגע גרופּירונגען זיך סתם ענטוויקלען אָהן א איינגע־

רענץ פון זיין זייט. מען פרעגט שוין היינט נישט, צי איז דער און יענער ציוניסט פעהיג, נור צו וועלכער פארטיי ער געהערט. דאס איז א קראנקהאפטער צושטאנד.

נ א ס י ג: פארוואס האט זיך הערצל אזוי בעשטרעבט צו פערניכטען טריטש'ן? אויך הערצל האט געשאפען פאלשע האפנונגען און אילוזיעס פאר גרויסע מאסען, במשך פון 6 יאהר און האט גאר נישט פאר זיי געטהון. די דעלעגאטען האבען נישט בעקומען קיין שום מאטעריאל פאר דער ערעפנונג פונ'ם קאנגרעס. מיר זענען לגמרי אונפארבערייטעט. הערצל בעהויפטעט, אז דער אל־אריש פראיעקט איז אדורכגעפאלען. מיר גלויבען, אז עס איז נאך צו פריה דאס צו בעהויפטען. מען האט צוגעגעבען צו על־אריש אויך די „פעלוזישע עבענע" און פאר ביידע שטחים איז נישטא גענוג וואסער, סיידען פונ'ם ניל, אויף וואס די עגיפטישע רעגירונג וויל נישט געבען איהר הסכמה, דאגעגען האט על־אריש אליין גענוג וואסער פאר א בעשיידענער קאלאניזאציע. הערצל האט אבגעווארפען די אפערטע פון דער טירקיי צוליב דעם באזעלער פראגראם, אבער ער האט אקצעפטירט אוגאנדא, הגם אויך אוגאנדא שטעהט אין א סתירה צום באזעלער פראגראם. אויב הערצל האט צו וועהלען צווישען א קליינער קאלאניזאציע און א טשארטער, וועהלט ער דאס לעצטע. דאס איז זיין פעהלער. עס איז פארהאנען א קליינקאלאניזאציע, וואס פיהרט מיט דער צייט צו פאליטישע רעזולטאטען, אויב מען געהט פאר לויט א געוויסען פלאן און סיסטעם. איך בין א אנהענגער פון אט אזא קליינקאלאניזאציע.

ס י ר ק י ן: אויך איך בין אין דער אפאזיציע צום א. ק. אבער עס איז דא א אונטערשיד צווישען אונזער אפאזיציע און צווישען נאסיג און טריטש'ן. זייערע אנשויאונגען וועגען דער קליינקאלאניזאציע זענען רעאקציאנערע מיינונגען, וועלכע דער ציוניזם האט שוין לאנג איבערגעוואונדען. מיין פאליטישער טאקט דערלויבט מיר נישט צו רעדען איבער מאנכע פראגען, איבער וועלכע עס וואלט אפילו געווען בעסער, ווען דער פרעזידענט זאל זיי נישט געווען דערמאהנען. אבער עס מוז געזאגט ווערען, אז הגם מיר זענען נישט מסכים מיט אלץ, וואס הערצל און נארדוי האבען געזאגט, בעגריסען מיר דעם מזרח־אפריקא פראיעקט אלס א שריט פאראויס אין דער ענטוויקלונג פונ'ם יודיש מלוכה'שען געדאנק.

ק ל ע ע: די אפאזיציע פון סירקין אונטערשיידעט זיך אין פאזיטיווען זין פון דער אפאזיציע פון טריטש'ן און נאסיג. נישט וועלענדיג מאמענטאן דעריבער אורטיילען, צי דארפען מיר קאלאניזירען מזרח־אפריקא, צי נישט, מוזען מיר אבער בעמערקען, אז שוין די בלויזע אנערקענונג פון עפענטליכע רעכט פאר יודען אויף א נאציאנאלער באזע, איז מעהר ווערט ווי הונדערט צערשטרייטע קליינע קאלאניעס.

איצט גיבען אב די פערטרעטער פון די לאנדסמאנשאפטען א בעריכט, איבער דער לאגע פונ'ם ציוניזם אין זייערע לענדער.

פ י נ ע ל ע ס רעדט איבער דער לאגע אין רומעניען. דר. ז ל א צ י ס ט י איבער ד ײ ט ש ל א נ ד. ביידע שטעלען פעסט א פערשטארקונג פון דער ציוניס־

טישער ארבייט און א וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע. די רוסישע לאַנדסמאַנשאַפט וויל נישט אָבגעבען קיין דין וחשבון.

די דעבאַטע ווערט פאַרטגעזעצט.

פאַסמאַניק רעדט געגען נאַסיג און טריטש. דער ציוניזם, וועלכען אנדערע האָבען געשאַפען האָט זיי געמאַכט גרויס און איצט האָבען זיי דעם מוט צו זאָגען: זעצט אָב די אַלטע פיהרער, מיר וועלען עס מאַכען בעסער. זיי ווילען אריינברענגען א שפּאַלטונג אין דער בעוועגונג און דאַדורך זענען זיי שעדליך.

איבערגעהענדיג צום בעריכט פונ'ם א. ק. שטעלען מיר פעסט, אז מ'האָט נישט אויסגעגעבען קיין שום געלד פאַר א"י און פאַר דער אויספאָרשונג פונ'ם לאַנד. דער א. ק. פערשטענדיגט זיך נישט מיט'ן „גרויסען א. ק." איבער די וויכ־טיגסטע פראַגען. אין פעטערבורג האָט הערצל געזאָגט, אז איצט ברויכען מיר נישט קיין געגענוואַרטסאַרבייט און דאָך האָט דער פיפטער קאָנגרעס זיך בעשעפטיגט מיט פראַגען, וואָס האָבען צו טהון מיט געגענוואַרטספראַגען. מיין וואונש איז, אז דער א. ק. זאָל איינמאָל פאַר אלע מאָל בלייבען שטעהען אויף דעם דאָזיגען שטאַנד־פּונקט.

שלאַפּאַשניקאָף: קודם האָט מען זיך בעשעפטיגט מיט א"י, שפּעטער מיט על־אריש און צולעצט מיט מזרח־אַפריקא. לאָמיר זיך בעשעפטיגען מיט על־אריש און מזרח־אַפריקא ערשט דאַן, ווען א קאָמיסיע וועט פעסטשטעלען, אז מ'קען אין א"י גאָר נישט מאַכען.

ראַבינאָוויטש: מען האָט אויסגעגעבען א סך געלד און ענערגיע, כדי פעסטצושטעלען, אז על־אריש האָט נישט קיין וואַסער. דאָס וואָלט מען געקאָנט געפונען אין יעדען לעקסיקאָן. אונז האָט מען געגעבען געבונדענע מאַנדאַטען: צו פערהאַנדלען בלויז איבער א"י. מיר האָבען אפילו קיין רעכט נישט, צו ענטשיידען איבער מזרח־אַפריקא.

דר. נאָבעל: אין נאָמען פון דער מזרחיסטישער פראַקציע דרוקען מיר אויס אונזער צוטרוי און דאַנק פאַר'ן א. ק. מיר שטעלען פעסט, אז דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט בעדייטעט נישט קיין דורכבּרוך פונ'ם באַזעלער פּראָגראַם. מיר האָפען, אז דער קאָנגרעס וועט נישט פערגוואַלטיגען דאָס רעליגיעזע געפיהל צוליב דער קולטורפראַגע און אזוי לאַנג וועט א אָפּאָזיציע גאָר נישט אויפטהון.

וויצמאַן: אויך מיר זענען מסכים מיט דער שטעלונג פון סירקין, אז מאַנכע פראַגען וואָלטען נישט בעדאַרפט צו ווערען בעריהרט. מיר ווילען דערווייל נישט רעדען איבער מזרח־אַפריקא, „צו וועלכען מיר האָבען א פּאָ־זיטיווע בעציהונג" און ווילען פרעגען דעם א. ק., צי איז על־אריש אין גאַנצען דורכגעפאַלען? דער ערנסט פונ'ם ציוניזם פאָדערט פון אונז, אז מיר זאָלען די דאָזיגע פראַגע נאָך אַמאָל גרינדליך דורכשטודירען, ווייל די בּיזאיצטיגע אינפאָרמאַציעס גענוגען נישט.

הערצל האָט אויף א אַנדער אָרט געזאָגט, אז מ'מוז איצט עלימינירען די

קולטורארבייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. וואלט דאס געזאגט א געוועהנ־ליכער ציוניסט, וואלטען מיר געקענט אריבערגעהען דעריבער צום סדר היום, אבער א פיהרער פון א בעוועגונג איז נישט קיין פריוואטע פערזאן און אפילו א פשוטע רעדע טראגט א אפיציעלען כאראקטער. די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז היינט אזוי שטארק, אז זי ברויכט נישט קיין מורא צו האבען פאר סכנות, און דאדורך האלטען מיר, אז די קאנצעסיע, וואס הערצל האט געמאכט, צוליב א סכנה, וואס האט געקענט דראהען (געמיינט איז רוסלאנד, י. מ.) פאר אונבעגרינדעט.

ראזענבוים: פארוואס האט דער א. ק. נישט פערגלאסט, אז די באנק־קאמיסיע זאל רעפערירען איבער דער לאגע פון דער קאלאניאלבאנק און וואס האט דער א. ק. געטהון אלס אויפזיכטסראט?

שיינקין: פארוואס האט מען אויסגעלאזט אין דער „וועלט", וועלכע ער־שיינט בעת'ן קאנגרעס אין באזעל, דאס באזעלער פראגראם פונ'ם טיטעלבלאט? צי דען דאס איז א בלויזער צופאל?

הערצל ענטפערט די אפאנענטען און אינטערפעלאנטען: מיר האבען נישט קיין קאנטאקט מיט די בעזונדערע גרופירונגען, נור מיט די לאנדעס־ארגאניזאציעס, ע"כ שטעלען מיר אריין אין אונזער בעריכט נור דאס, וואס די ארגאניזאציעס בע־ריכטען אונז. ראזענבוים פרעגט, פארוואס די באנקקאמיסיע וועט נישט רע־פערירען איבער דער קאלאניאלבאנק. די באנקקאמיסיע ארבייט פאקטיש שוין צוויי יאהר נישט, ע"ב קענען מיר איהר נישט ערטיילען דאסווארט. אלס אויפ־זיכטסראט האט דער א. ק. געפיהרט א אויפזיכט. דאס דירעקטאריום האט איהם אלע מאל בעריכטעט איבער דעם גאנג פון די געשעפטען. מיר האבען אלעס אונטער־זוכט און געפונען אין דער בעסטער ארדנונג. דר. פאסמאניק איז נישט צו־פרידען מיט די קליינע אויסגאבען פאר א"י. אונטער דעם קאנטא „רייזעשפעזען" זענען געבוכט די סכומים, וואס זענען בעשטימט פאר א"י. וואס עס איז נוגע דעם יחס צווישען דעם ענגערען און גרויסען א. ק., אזוי איז דאס א אינערליכע אנגע־לעגענהייט צווישען ביידע אינסטיטוציעס און דאס וועלען מיר אליין אויסטראגען. שיינקין האט געפרעגט פארוואס די „וועלט" דרוקט זיך אהן דעם „פראגראם" אויפ'ן טיטעלבלאט. דאס האט א בלויזע טיפאגראפישע סבה. דא קען מען נישט מאכען אזא קלישע. איבערינענס וועלען מיר דאס אויסבעסערן. דר. ווייצמאן האט געפרעגט, צי און פארוואס על־אריש איז דורכגעפאלען. אזוי ווי די זידלונג קען נישט ווערען געמאכט אהן געגוג וואסער, האט די רעגירונג מורא, אז די קאַ־לאניסטען וועלען איהר פאלען צו לאסט. איבריגענס קענען מיר נישט דיריגירען קיין מענשען אויף ערטער, וואו עס איז נישטא קיין אויסזיכט אויף ערפאלג. נאסיג האט אונז געגעבען א עצה, אז מיר זאלען נעהמען בלויז א קליינעם טייל פון דער סיני־האלב־אינזעל און דערצו איז דא גענוג רעגענוואסער. מיר האבען ארא בגעשיקט א קאמיסיע פון די בעסטע פאכלייט און זיי האבען עפיס אנדערש קאנסטאטירט.

דא ענטוויקעלט זיך א געשמאקלאזע דעבאטע צווישען טריטש און נאסיג פון איין זייט און הערצל'ן פון דער אנדערער זייט, וועלכע האט נור בעוויזען וויאזוי שארף הערצל קען בעקעמפען זיינע געגנער.

צולעצט דערמאהנט הערצל סירקינען אלס א פאליטיש רייפען געגנער און פיהרט אויס, אז עס איז געקומען די צייט מיר זאלען פעראייניגען אלע כחות פאר אונזער אידעאל.

מען טרעט צו צו דער אבשטימונג איבער'ן פערטרויענסוואטום. מיט אלע שטימען געגען זעקס האט דער א. ק. בעקומען דאס פולע פערטרויענסוואטום מיט א בעזונדערען דאנק פאר זיין טעטיגקייט.

זאנגוויל רעפערירט דאן איבער דעם „ציוניזם און די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס“.

וואס איז דאס א פילאנטראפישע געזעלשאפט? א פילאנטראפישע געזעלשאפט איז א אייסערליכער סימן, אז א געוויסער סאציאלער ארגאניזם איז פעהלערהאפט. צו די אלע נעגאטיווע ערשיינונגען, וואס רופען ארוים ביי אלע פעלקער א נויטווענדיגקייט, צו שאפען פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, קומט צו ביי אונז דער הויפטפעהלער, וואס מיר האבען נישט קיין היים. וואלטען מיר געהאט א אייגען לאנד, וואלטען די פערשידענע צדקה־חברות נישט געווען נויטיג. די דאזיגע אינסטיטוציעס וועלען נאטירליך נישט אבשאפען די יודישע נויט. אבער מיר מוזען מגדה זיין, אז דערווייל איז זייער הילף א פיל גיכערע, ווי אונזערע. כל זמן זיי בעשרענקען זיך דערויף קענען מיר זיי טאלערירען. אבער, אויב זיי וועלען אנהויבען צו פיהרען א אנטי־עמיגראציע־פאליטיק, בעהויפטענדיג, אז די יודישע פראגע קען געלעזט ווערען אין יעדען לאנד בעזונדער, אדער אויב זיי וועלען ארגאניזירען א עמיגראציע פון א"י, וועלען מיר זיי בעקעמפען אויף לעבען און טויט.

מיר האפען אבער, אז אינסבעזונדערע די י. ק. א., וועט אונז שטעלען צו פערפיגונג איהר געלד, אויב מיר וועלען אנהויבען א ברייטערע קאלאניזאציע. דער רעפערענט רעדט נאך ארום די אונפראדוקטיוויטעט פון די פערשידענע חברות, וועלכע ארבייטען נישט סיסטעמאטיש און קאנקורירען זיך געגענזייטיג; ער גיט א גלענצענדען אנאליז איבער אלע יענע נעגאטיווע מאמענטען, וואס ווערען געשאפען ביים יודישען פאלק א דאנק דעם מאנגעל פון א אייגענער היים און פיהרט אויס, אז ווען מיר וועלען האבען א אנדער לאנד, ווי א"י, וועלען אויך אוועקפאלען א רוב פון פראבלעמען.

דר. עליאש: איך גלויב נישט, צי מיר וועלען קומען צו א טאלק מיט די פילאנטראפישע געזעלשאפטען. אונזערע פרינציפיען שטעהען אין א סתירה צו זייערע. זיי זוכען די לעזונג פון דער יודענפראגע דורך צערשטרייאונג און אסימילאציע, מיר דורך א נאציאנאלער קאנצענטראציע, דאך קענען מיר אויסאיבען א גרויסען איינפלוס אויף זיי, אויב יעדער ציוניסט זאל ערפולען זיין חוב. איך שלאג פאר אט וואס:

„דער קאָנגרעס איז מחיב אַלע ציוניסטען, וואָס זענען מיטגלידער פון די פּילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען, אויסצואיבען, לויט מעגליכקייט, א וואָס גרעסערע השפעה אויף זיי".

דר. נאָבעל פּראָטעסטירט אינ'ם נאָמען פון דער מזרחי געגען איינצעלנע שטעלען אין זאַנגוויל'ס רעדע וועגען יוחנן בן זכאי, וואָס קענען ווערען אויסגע־טייטשט אויף א אַנטירעליגיעזען אופן.

זאַנגוויל פערזיכערט, אז ער האָט נישט אין זינען געהאַט די רעליגיעזע, נור די פּאָליטישע זייט פונ'ם פּראָבלעם.

איצט טרעט צו דער קאָנגרעס צו דער „אוגאַנדאַ־דעבאַטע".

ראָזענבוים: ווער עס וויל שאַפען א נאַכטלעגער פאַר'ן יודישען פאָלק, פיהרט א פּילאַנטראָפּישע און נישט קיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אויב מיר זאָלען האָבען צו וועהלען צווישען א"י און אוגאַנדאַ, וועלען מיר געוויס וועהלען א"י. קומען אָבער צו געהען מענשען און זאָגען, אז מיר קענען נישט בעקומען א"י. לאָמיר נור אָרגאַניזירען דאָס פאָלק ארום א"י, לאָמיר נור אויפבערענגען דעם נויטי־גען סכום, אזוי וועלען מיר שוין בעקומען א"י. קומען אָבער צו געהען ווידער אַנ־דערע און טענה'ן, אז דאָס וואָלט געווען א אונדאַנקבאַרקייט לגבי ענגלאַנד, ווען מיר וועלען עס נישט אָננעהמען. מיר האָבען שוין אויף דעם קאָנגרעס געוויזען אונזערע געפיהלען לגבי ענגלאַנד. מיר מוזען אָבער פיהרען א אייגענע פּאָליטיק. הערצל האָט נעכטען דערמאהנט וועגען קרבנות פון א געוויסער קאָלאָניזאַציע. לאָ־מיר נישט צולאָזען, אז הונדערטער קרבנות זאָלען זיך מעלדען אויף אונזער אדרעס.

זולצבערגער: אין ענגלאַנד וואוינען אויף 40 מיליאָן ענגלענדער 10.000 יודען און דאָך האָט מען איינגעזעצט א קאָמיסיע געגען דער אימיגראַציע. ביים היינטיגען טאָג וואוינען אין ניו־יאָרק 540.000 יודען. עס מוז קומען דער טאָג, ווען די טירען פון אַמעריקא וועלען זיך פערמאַכען פאַר דער יודישער איינוואַנ־דערונג. אויב מיר וועלען אליין שליסען די טיר, וואָס א רעגירונג עפענט אונז, וועט אונז קיינמאָל מעהר קיין רעגירונג קיין טויערן נישט עפענען.

וואָרטסמאַן: פּרינציפּיעל בין איך נישט געגען מזרח־אפריקא, אָבער דער ציוניסטישער קאָנגרעס און די ציוניסטען מוזען זיך בעשעפטיגען בלויז מיט ארץ־ישראל.

לעווין: איך בין געגען דער וואַהל פון א קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָר־שען אוגאַנדאַ, ווייל דאָס איז דער ערשטער שריט פאַר'ן אָננעהמען פונ'ם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. מיר ווילען נישט פערציכטען פון א"י אפילו אויף איין מינוט. מ'קען נישט זיין צוגלייך א ציוניסט און א אָנהענגער פון אוגאַנדאַ.

פּאָסמאַניק: דאָס איז דער טראַגישסטער קאָנגרעס פון אלע, ווייל א יעדער מאַכט מיט א מורא'דיגען אינערליכען קאַמף. בעת מיר זענען געגאַנגען צום קאָנגרעס האָבען מיר וועגען מזרח־אפריקא גאָר נישט געוואוסט, ע"ב האָבען מיר איצט קיין רעכט נישט צו זאָגען יאָ אָדער ניין. מיר מוזען אָנפרעגען אונזערע

וועהלער. פון דער אנדערער זייט איז דער דאָזיגער פּראָיעקט גופא א פּאָליטישער כלי־זין אין אונזערע הענד. טאָ לאָמיר בלויז וועהלען א קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויס־פאָרשען דאָס לאַנד. די קאָמיסיע וועט נאַטירליך נישט האָבען קיין רעכט, צו ענט־שיידען איבער דער עצם־פראַגע. ערשט אויף גרונד פון די פּובליצירטע מאַטעריאַלען, וועלען מיר קענען פרעגען אונזערע וועהלער, צי זיי זענען פאַר, צי געגען אוגאַנדאַ.

טעמקין: מיר זענען דאַנקבאַר ענגלאַנד פאַר איהרען פאָרשלאָג, אָבער ליי־דער מוזען מיר קאָנסטאַטירען, אז אונזערע פיהרער זענען מעהר יודענשטאַטלער, ווי ציוניסטען. מיר ווילען ליבער די נאַקעטע שטיינער פון א"י, ווי דאָס רייכסטע לאַנד. אויב דער פּראָיעקט וועט ווערען אָנגענומען, וועט קומען צו א שפּאַלטונג אין דער בעוועגונג, צווישען די „ריינע" און „פּראָבלעמאַטישע" ציוניסטען. מיר האָבען אָבער נישט גענוג געלד און מענשען, כדי זיך צו לייסטען דעם לוקסוס פון א שפּאַלטונג. אוגאַנדאַ מוז איינמאָל פאַר אלע מאָל פערשווינדען פונ'ם סדר היום.

פרידמאַן: די וואָס זענען געגען מזרח־אפריקא אַרגומענטירען בלויז מיט סענטימענטען, מיר מוזען אָבער אַרבייטען מיט לאָגיק. מיר זאָגען זיך דאָך נישט אָב פון אונזער ענדציל, פון ציון. מיר ענטשיידען אויך היינט נישט די פראַגע. מיר ווילען זי בלויז אונטערזוכען, דורך דער אויסוואַהל פון א קאָמיסיע. צי דען האָבען מיר א רעכט לגבי די מיליאָנען אונגליקליכע אָבצוואַרפען א פּראָיעקט און איהם אפילו נישט אונטערזוכען?

בעלקאָווסקי: אויף דעם דריטען קאָנגרעס, בעת מ'האָט דיסקוטירט איבער די סטאַטוטען פון דער קאָלאָניאַלבאַנק, איז ענטשטאַנען א מורא, טאָמער וועט די באַנק ערגיץ אַנדערש אַרבייטען, אלס אין א"י. מיר דערמאָהנען זיך דעם שטורם, וואָס איז אויסגעבראָכען אויפ'ן קאָנגרעס, בעת עמיצער האָט דערמאָהנט ציפּערן. אויב מיר וועלען אָבוואַרפען פאַר דער גאַנצער וועלט דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, אזוי וועט אונזער שטעלונג נור נאָך געשטאַרקט ווערען. דאָס וועט זיין א פייערליכע ערקלעהרונג לגבי דער גאַנצער וועלט, אז קיינמאָל וועלען מיר נישט פערציכטען פון א"י.

דר. קאַצענעלזאָהן: הערצל האָט געזאָגט, אז ער האָט אין פּעטערבורג נישט אינטערוועניערט אלס פּאַרטיימאַן, נור אלס יוד. דעמזעלבען יחס מוזען מיר האָבען אויך לגבי אוגאַנדאַ. ווער עס וואונט, ווי איך אין ליבוי, און זעהט דאָס עלענד פון דער עמיגראַציע, וועט נישט קענען זיין געגען אוגאַנדאַ. מאַנכע האָבען געזאָגט, אז הערצל וועט אויפהערען צו אַרבייטען פאַר א"י. דאָס איז נישט ריכטיג. האָבענדיג דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט אין קעשענע, איז ער דאָך געגאַנגען קיין פּעטער־בורג, צו אינטערוועניערען לטובת א"י. אונזער ענדציל איז זיכער ציון, אָבער מיר טאָרען זיך נישט אָבזאָגען פון א קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר דער יודישער עמי־גראַציע.

טשלענאָוו: זייט דעם טאָג, אין וועלכען איך האָב צום ערשטען מאָל געהערט וועגען אוגאַנדאַ, שפּילט זיך אָב אין מיין נשמה א שרעקליך דראַמאַ. איך

האָב נישט קיין מורא, אז עפּיס א לאַנד קען פּערדרענגען א"י. אָבער איך האָב מורא פאר דער אילוזיע ביי די יודישע מאַסען. פאַרוואָס זענען דען אַלע יודען נאָך נישט קיין ציוניסטען? ווייל זיי לעבען אין אילוזיעס. דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט וועט נאָך מעהר פערווירען דאָס יודישע פאָלק, און אין דעם ליגט זיין גרויסע סכנה. מאַנכע זאָגען, אז די נויט איז אונערטרעגליך, אָבער די נויט איז היינט נישט ענט־שטאַנען. מיר קענען וואַרטען. זאָל הערצל קומען צו ענגלאַנד און זאָגען: נור ציון איז אונזער היימאַט. דאָס גרויסע ענגלישע פאָלק וועט אונז פערשטעהען און וועט נישט אָבזאָגען זיין הילף אין דער עררייכונג פון אונזער ציל.

פ י נ ק: מאַנכע האָבען מורא, אז דאָס ציוניסטישע אידעאַל וועט אָבשטאַר־בען, אויב מיר וועלען קומען מיט אוגאַנדאַ. אָבער פּונקט פערקעהרט: אויב מיר וועלען יאָהר איין יאָהר אויס קומען מיט לעדיגע הענד פאר די מאַסען, וועלען זיי פון אונז אָבפאַלען.

כ ה ן ־ ב ע ר נ ש ט י י ן לעזט פאָר די רעזאָלוציע, וועלכע די רוסישע לאַנד־מאַנשאַפט האָט אָנגענומען מיט 146 געגען 84 שטימען:

„דער קאָנגרעס אנערקענט די גרויסע פּאָליטישע וואָגיקייט פון דער גרויס־מוטיגער אָפּערטע פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע ערלויבט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו שאַפען א אויטאָנאָמע יודישע קאָלאָניע אין מזרח־אפריקא און בעט דעם א. ק. אויסצודרוקען דעם בעסטען דאַנק דער ענגלישער רעגירונג מצד פון דעם יודישען פאָלק. אזוי־ווי אָבער דער קאָנגרעס בלייבט טריי דעם גרונדפּרינציפּ פון ציוניזם, צו שאַפען א עפענטליך רעכטליכע היימשטעטע נור אין א"י, בע־דויערט ער, וואָס ער מוז קומען צום שלוס, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קען זיך נישט בעפאַסען מיט דעמדאָזיגען פּראָיעקט".

ג ר אָ נ ע מ אַ ן: מאַנכע זאָגען, אז עס איז דאָ א אונטערשיד צווישען א יודי־שער און א ציוניסטישער פּאָליטיק. דאָס איז נישט ריכטיג. אוגאַנדאַ איז נישט קיין ציל, נור א מיטעל צום ציל. דאָרט וועלען מיר זיך אויסלערנען צו זיין פּאָליטיש זעלבסשטענדיגע בירגער. דער, וואָס האָט מורא, אז צוליב אוגאַנדאַ וועלען מיר פערגעסען אָן א"י, איז קיינמאָל נישט געוועזען קיין ציוניסט.

י אַ ק אָ ב ז אָ ה ן: די, וואָס רעדען וועגען אוגאַנדאַ אלס א הילף פאר די נויט־ליידענדע, האָבען א טעות. די נויט איז א אַקטועלע פראַגע און ביז מיר וועלען זיין אין דער לאַגע, צו קאָלאָניזירען מזרח־אפריקא, וועלען פערגעהען א פּאָר יאָהר. מאַנכע זאָגען, מיר זאָלען סתם וועהלען א קאָמיסיע. צי וואָלט דאָס געוועזען מעגליך, אז אויף א סאָציאַלדעמאָקראַטישער קאָנפערענץ זאָל מען שטעלען א אַנטראַג, צו וועהלען א קאָמיסיע, וועלכע זאָל אונטערזוכען, צי די סאָציאַליסטען דאַרפען אויפ־געבען דאָס קאָלעקטיוויסטישע פּרינציפּ?

ד י ז ע נ ג אָ ף: פרידמאַן האָט גערעדט אינ'ם נאָמען פון פּאָליטיק. „פּאָלי־טיש" וואָלט מען געקענט אויך עמפּפעהלען די אַסימילאַציע. די מזרח־יודען נויטי־

גען זיך נישט אין א נאַכטלעגער, נור אין א פאַטערלאַנד, און א פאַטערלאַנד בויט מען נישט דורך א מאַיאָריטעטס־בעשלוס.

מ א ר מ אָ ר ע ק: פּרינציפּיעל בין איך אפשר אויך געגען מזרח־אַפריקא, אָבער צוליב טאַקטישע טעמים דאַרפען מיר וועהלען די קאָמיסיע. לאָז די וועלט נישט זאָגען, אז מ'קען מיט די ציוניסטען בכלל נישט רעדען.

ח נ ן: דאָס שטרעבען קיין א"י וועט זיין שטענדיג לעבעדיג ביים יודישען פאָלק. דאַדורך האָבען מיר נישט קיין מורא פאַר מזרח־אַפריקא.

מ אָ ס י נ ז אָ ה ן: עס האַנדעלט זיך וועגען א פּרינציפּיעלען בעשלוס: צו זוכען מיר בכלל א ניי לאַנד. אויב מיר וועלען דערצעהלען אונזערע וועהלער, אז מיר האָבען געשיקט א קאָמיסיע קיין אוגאַנדא, וועט מען אונז שפּייען אין פּנים. מיר בלייבען ביי ציון.

מ אָ ז ע ס: די דייטשע ציוניסטען, וועלכע האָבען צוגעשטימט צו דער קאָמיסיע זענען נישט ערגער פון אנדערע. הערצל האָט קלאָהר געזאָגט: „מיר האָבען דער ענגלישער רעגירונג אונזערע אנשויאונגען וועגען א"י מיט דער גאַנצער קלאָהרקייט אויסאיינאַנדערגעזעצט", אָט דאָס גיט אונז די פולע זיכערקייט, אז דער א. ק. וועט קיינמאָל נישט פערגעסען אָן א"י.

ה ר ב ר י י נ ע ס: פון דערזעלבער טריבונע, פון וועלכער מען האָט געשיקט א בעגריסונג קיין א"י רעדט מען אויך וועגען מזרח־אַפריקא. מיר מוזען אָבער ברענגען הילף פאַר די נויטליידענדע און עס איז א חטא נישט צו וועהלען די קאָמיסיע.

ה ר ב ב א ר י ש א נ ס ק י: א יודענשטאַאט קענען מיר נור בילדען אין א"י. אויך פון דעם יודענשטאַאט ביי די כוזריים איז גאָרנישט געוואָרען. אַפריקא האָט נישט קיין צוציהונגסקראַפט פאַר אונז. מיר מוזען קומען א היים מיט א"י, אַהן אוגאַנדאַ.

ס י ר ק י ן: מען איז געגען די קאָמיסיע אויס סענטימענטאַלע טעמים, אָבער מיר מוזען פערשטעהען, אז עס איז געוואָרען רייף ביי די יודישע מאַסען דאָס בעדערפניש, צו רעגולירען די עמיגראַציע. מיר ציוניסטען טאָרען נישט ארויסלאָזען פון אונזער האַנד אזא וויכטיג פּאָליטיש געשעהעניש. קומען אָבער מאַנכע און טענה'ן: מיר האָבען נישט בעקומען קיין מאַנדאַט פון אונזערע וועהלער. מיר האָבען אויך נישט בעקומען קיין מאַנדאַט, אָבצוּוואַרפען א פּראָיעקט, הגם מיר האָבען איהם אפילו נישט געפּרובט. האָבען ווידער אנדערע מורא, אז מיר וועלען פערציכטען פון א"י, אויב מיר וועלען האָבען מזרח־אַפריקא. זיי פערגעסען, אז עס וועט נאָך אַלץ בלייבען א קאָמפּלעקס פון שטימונגען, געפיהלען און נשמה־כחות, וואָס וועלען אונז טרייבען קיין א"י.

די זיצונג ווערט געשלאָסען.

דעם אנדערען טאָג רעפערירט א פ ע נ ה י י מ ע ר איבער דער „ק אָ ל אָ נ י ז א צ י ע": דער ציוניזם האָט צו בעקעמפען פיער גרויסע שווירינקייטען: 1) ער

מוז אין א נאָר קורצער צייט איבערטראנספּאָרטירען א גרויסע מאסע פון יודען אין א אנדער לאַנד; 2) דאָס לאַנד איז קליין און מיר מוזען רעכענען מיט א גע־רעכטער קאָלאָניזאציע; 3) דאָס לאַנד איז פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון קלימא, באָדענ־בעשאפענהייט פערשידען פון יענע לענדער, אין וועלכע יודען לעבען; 4) די יודען זענען געוואָרען, א דאנק דער לאַנגער גלות־געשיכטע, אָבגעריסען פונ׳ם באָדען. מיט פּאַנדעראַביליען גופא וואָלט די אויפגאַבע געווען אונלעזבאַר. דאָך זענען דאָס הערצנגעפיהל פונ׳ם יודישען פאָלק און די בענקשאַפט קיין א״י אזעלכע אימפּאָנדעראַבילע כחות, אז א דאנק זיי וועלען מיר ערפולען אונזער אויפגאַבע. דאָך מוזען די פיהרער פאַרגעהען עקאָנאָמיש מיט די כחות פון די קאָלאָניסטען און דאדורך מוזען מיר אָנווענדען יענע וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, א דאנק וועלכע מיר וועלען בעקומען גרעסערע רעזולטאַטען ביי קלענערע אנשטרענגונגען.

דער ערשטער גרונדזאַץ אויף וועלכען עס דאַרף בערוהען די יודישע קאָ־לאָניזאציע, איז דאָס פּרינציפּ פון זעלבסהילף. דאָס הייסט נישט, אז מען זאָל נישט געבען די קאָלאָניסטען א ביליגען קרעדיט אָדער זיי העלפען מיט עצות א. א. וו. דאָס הייסט נור, אז נדבות קריגט דער קאָלאָניסט נישט. ער מוז וויסען, אז ער איז אויף זיך אָנגעוויזען.

דער צווייטער גרונדזאַץ איז: די באַזיס פון דער קאָלאָ־ניזאציע מוז זיין די לאַנדווירטשאַפט. ווער עס וויל בויען דאָס הויז פונ׳ם דאך, נישט האָבענדיג קיין פונדאַמענט, דעם וועט דאָס הויז איינפאַלען. אויב מיר וועלען קאָלאָניזירען פּויערים, וועלען מיר דערמיט אויך שאַפען א באַזיס פאַר סוחרים, האַנדווערקער א. א. וו. ווער עס וויל בויען שטעט מוז שאַפען דערפער.

דער דריטער גרונדזאַץ איז: די ערד מוז בלייבען דאָס אייגענטום פונ׳ם פאָלק. די קאָלאָניסטען וועלען בעזיצען די קאָלאָניע אלס א קאָ־לעקטיוו, אונטער דעם אויבער־אייגענטום פונ׳ם גאַנצען פאָלק. יעדער איינצעלנער קאָלאָניסט וועט פאַכטען דעם באָדען ביי דער גענאָסענשאַפט. דאדורך פערבינדען מיר די פּאָזיטיווע זייטען פון דער פּריוואַט־ווירטשאַפט מיט דער קאָלעקטיוו־ווירטשאַפט. כל זמן דער קאָלאָניסט ערפולט זיין פליכט לגבי דער ווירטשאַפט און דער מלוכה, קען מען איהם נישט קינדיגען. דאדורך שאַפען מיר א היימאַטס־געפיהל ביי אונזערע פּויערים. צוגלייך מאכען מיר אונמעגליך, אז דאָס אייגענטום זאָל ווערען פערשולדעט. עס וועט נישט ענטשטעהען קיין אריסטאָקראַציע און קיין דאָרפס־פּראָלעטאַריאַט, עס וועלען אויך נישט קומען די פּראָלעטאַריזירטע דאָרפס־מאסען אין די שטעט און וועלען נישט בילדען די גרויסע אָרמעע פון לוינאַרבייטער. קיין אנדערען אויסוועג האָט דער ציוניזם נישט. פאַר א גרויסגרונדבעזיץ איז דאָס לאַנד צו קליין. קליינע ווירטשאַפטען, אויף דער באַזיס פונ׳ם רוימישען רעכט, וועלען אָבער אימפּאָרטירען דאָס גאַנצע עלענד פון אייראָפּא. דאדורך צווינגט אונז די געשיכטע, אז מיר זאָלען שאַפען גענאָסענשאַפטליכע פּויערים־דערפער.

די קאָלאָניזאַציע גופא מוז פאָרקומען בזה האופן: מיר וועלען אָבקויפען א גרויסען שטח און וועלען דאָרט שאַפען א גרויסבעטריב. די ארבייטער וועלען צו־ערשט זיין לוינאַרבייטער. ערשט ווען דאָס דאָרף וועט זיין אַקטיוו, וועלען מיר פער־העלפען די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען אָבקויפען אַלס קאָלעקטיוו דאָס דאָרף. די גאַנצע ארבייט מוז ווערען געלייטעט דורך פּאַבליים. עס ווערט געשאַפען א צענטראַלער קאָנסום־פעריין פאַר׳ן גאַנצען לאַנד, וועלכער עפענט זיך פיליאַלען אין יעדען דאָרף. אַלעס, וואָס מ׳מוז איינקויפען זאָל דער צענטראַלער קאָנסום־פעריין איינקויפען ביי דער ערשטער קוועלע און ווייטער אָבליפערן צום זעלבסקאָסטענפּרייז. א חוץ דעם גרויסבעטריב וועט יעדער קאָלאָניסט קענען בעקומען א שטיקעל לאַנד אויף איינענער אחריות, וועלכעס ער וועט קענען בעארבייטען אין פרייע שעה׳ן. אויך וועלען מיר שאַפען אָבזאַץ־גענאָסענשאַפטען, פערזיכערונגס־גענאָסענשאַפטען א. א. וו. אזוי ארום וועט יעדער קאָלאָניסט קענען קויפען זיין סחורה וואָס ביליגער, דורך די קאָנסום־גענאָסענשאַפטען, און זי פערקויפען וואָס טייערער, דורך די אָב־זאַץ־גענאָסענשאַפטען.

ארום די דאָזיגע דערפער וועלען מיר אָנהויבען צו קאָלאָניזירען זעהר פאַר־זיכטיג האַנדווערקער, וועלכע וועלען לעבען פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער בע־פעלקערונג און וועלכע וועלען זיין די בעסטע קאָנסומענטען פון דעם דאָרף. פּאַוואָלי, פּאַוואָלי וועט מען אויך אויסבויען פערשידענע אינדוסטריען, מען וועט בויען באַהנען, קאַנאַלען, שטראָסען א. א. וו. און ערשט דאַן וועט געשאַפען ווערען א מעגליכקייט פאַר א גרעסערער מאַסענאימיגראַציע.

אָט אזוי מוז געהען די קאָלאָניזאַציע. עס איז א לאַנגער וועג, אָבער מיר האָ־בען נישט קיין אנדערען. (גרויסער אַפּלויז).

די אוגאַנדאַ־דעבאַטע ווערט איצט פאַרטגעזעצט.

בענטוויטש: מיר זענען געגען דער וואַהל פון א קאָמיסיע, ווייל דאָס וואָלט געהייסען, אז אונטער געוויסע בעדינגונגען זענען מיר גרייט צו נעהמען דאָס לאַנד. מיט דעם אָבוואַרפען פון דעם דאָזיגען פּראָיעקט שטעלען מיר נישט ארויס דער לייטונג קיין שום מיסטרויען. מיר מוזען אָבער דאַנקען דער ענגלישער רעגירונג פאַר איהרע גוטע כונות.

פּראָ־אוגאַנדאַ רעדען: קאָהן, דר. פּאַרבשטיין, אווינאַוויצקי; קאָנטראַ: ברוצקוס, לעווע, ראָזענבוים, נישט אריינבּרענגענדיג אין דער דעבאַטע קיין שום נייע געזיכטספונקטען.

דאָס שלוסוואָרט בעקומט נאָרדוי: גראַד די ליידענשאַפטליכקייט פון דער דעבאַטע בעווייזט מיר, ווי שטאַרק מיר זענען פערבונדען מיט א״י. אָבער גראַד די ליידענשאַפטליכקייט האָט פערטונקעלט די ניכטערנע איבערלעגונג און אָבשאַצונג פונ׳ם גאַנצען פּראָגענקאָמפּלעקס. עס האַנדעלט זיך וועגען דריי פער־שידענע פראַגען: 1) צי זאָלען מיר שיקען א אויספאָרשונגסקאָמיסיע, אָהן א פּרע־יודיץ פאַר אונזער ענדגילטיגער איינשטעלונג און ענטשיידונג; 2) צי זאָלען מיר

בכלל געהען קיין אָסט־אַפריקאַ; 3) צי זאָל זיך דער ציוניזם בכלל בעפאַסען מיט דער שאַפונג פון א „נאַכטלעגער“.

אַלע רעדנער האָבען אונטערגעשטראָכען זייער פערטרויען צו הערצל. אָבער מאַנכע פון אייך האָבען פאַרגעוואָרפען, אז הערצל וויל פעראַטען דעם ציוניזם לטובת פון אוגאַנדאַ. צי דען שטעהט דער דאָזיגער פאָרוואורף נישט אין א סתירה צום כלומרשטען צוטרוי?

מיר האָבען הינטער אונז פערברענט אַלע ברוקען און מיר האָבען נישט קיין אויסגאַנג. מיר שטעהען און פאַלען מיט'ן ציוניזם.

און איצט צו די קאָנטראַ־רעדנער: עס קומט וואַרטסמאַן און זאָגט, אז מיר ברויכען נישט צו זיין דאַנקבאַר ענגלאַנד, ווייל מיר ברענגען אריין קולטור אין א מדבר, ע"כ האָט ענגלאַנד דערפון א נוצען. ער פערגעסט אָבער, אז מיר בע־קומען דאָרט זעלבספערוואַלטונגסרעכט און דאַדורך ברענגען מיר אריין קולטור נור פאַר אונז.

דערמאַהנט זיך אָבער דר. לעווין, אז מיר האָבען שוין קאָלאָניזירט יודען אין אַרגענטיניען און פרעגט וואָס איז פאַרא חלוק צווישען אַרגענטיניען און או־גאַנדאַ? ער פערגעסט אָבער אַיין „קליינינקייט“. קיין אַרגענטיניען האָט מען גע־שיקט יודען, כדי זיי צו אַסימילירען און מיר ווילען שאַפען אַזעלכע בעדינגונגען, אז מיר זאָלען דאָרט קענען לעבען אַלס יודען.

פרעגט אָבער דר. לעווין, צו וואָס טויג אונז אוגאַנדאַ, אויב מיר האָבען א"י. איך האָב נישט געזאָגט, אז מיר געהען קיין אוגאַנדאַ. איך האָב בלויז געזאָגט: לאָמיר פּרובען דעם פּראָיעקט. אויב דאָס לאַנד איז שלעכט, וועלען מיר עס נישט נעהמען, איז עס גוט, אזוי ווילען מיר דאָרט שאַפען נישט נור א נאַכטלעגער, נור אויך א ערציהונגסאָרט פאַר יודען, זאָלען זיי זיך אויסלערנען צו לעבען א אייגען בירגערלעבען.

טענה'ט אָבער ה' דיזענגאָף, עס האַנדעלט זיך נישט וועגען די יודען, נור וועגען דעם יודענטום. צי קען אָבער עקזיסטירען א יודענטום אָהן יודען? וואָס ריזיקירען מיר בכלל, אויב מיר וועלען שיקען א קאָמיסיע. מיר שטעלען איין בלויז די קאָסטען פון אזא עקספּעדיציע. פאַר אוגאַנדאַ וועלען מיר אָבער נישט אויסגעבען אפילו איין גראָשען פונ'ם נאַציאָנאַלפאָנד, אָדער פון דער קאָלאָניאַל־באַנק.

די קאָמיסיע גופא וועט דאָך די פראַגע נישט ענטשיידען, ערשט א יודישער קאָנגרעס וועט ארויסזאָגען זיין דעה, אויב די קאָמיסיע וועט ברענגען א פּאָזיטיווען בעריכט. פון דער אַנדערער זייט האָט גראָד די הייסע דיסקוסיע, וואָס דויערט שוין צוויי טעג בעוויזען, אז מיר וועלען קיינמאָל נישט אַבווייכען פון אונזער ענדציל: ארץ־ישראל. אַלעס, וואָס מיר טהון, איז נור א פאַרבערייטונג פאַר דעם דאָזיגען ענדציל.

גרינבערג: איך בין געווען דעריעניגער, וועלכער האָב פערהאַנדעלט מיט דער ענגלישער רעגירונג אין דר. הערצל'ס נאָמען און איך מוז זאָגען, אז מיר זענען לחלוטין נישט געבונדען, אויך נישט דורך דער וואהל פון א קאָמיסיע. איך מוז ערקלעהרען, אז דר. הערצל האָט אַבּגעזאָגט דעם מיניסטער טשעמבערלעין, איינצוגעהען אויף א אנדערע קאָלאָניזאַציע, כל זמן עס איז געווען פאַרהאַנען די קלענסטע האָפנונג אויף על־אריש. ווייטער ערקלעהר איך: נישט דר. הערצל האָט געפאָרדערט, נור טשעמבערלעין האָט אונז אָפערירט אוגאַנדא. דאָס געביט איז נאָך נישט גענוי בעשטימט, אָבער עס דאַרף ארומנעהמען פון 40—90.000 קוואדראַט־מיילען.

איך בין אזוי פערבונדען מיט א"י, אז איך וואָלט נישט אָנטיילגענומען אין פערהאַנדלונגען, וואָלט איך נישט געווען איבערצייגט, אז אוגאַנדא פיהרט, נישט נור געאָגראַפיש, נור אויך פּאָליטיש קיין א"י*).

נאָכ'ן שלוס פון דער דעבאַטע האָט דער א. ק. געשטעלט פאָלגענדען אנטראַג:

„כדי צו פּרובען די פראגע, וועגען דער קאָלאָניזאַציע פון יענעם געביט, וועלכעס איז אונז הויכהאַרציג אין אויסזיכט געשטעלט געוואָרען, מצד פון דער ענגלישער רעגירונג, בעשליסט דער קאָנגרעס, איינצוזעצען א קאָמיסיע. די קאָמיסיע דאַרף בעשטעהען פון 9 חברים און איהר אויפגאַבע איז, צו שטעהען ביי דער זייט פונ'ם א. ק. מיט בעראַטענדער שטימע ביי דעם ארויסשיקען פון א עקספּעדיציע, וואָס זאָל אויספאָרשען דאָס דאָזיגע געביט. עס איז קלאָהר, אז די קאָסטען פון דער עקספּעדיציע טאָרען נישט גענומען ווערען, נישט פון דער קאָלאָניאַלבאַנק, נישט פון אנגלא־פּאַלעסטיין קעמפּעני און נישט פונ'ם נאַציאָנאַלפאָנד. איבער די בעשאַפונג פון די מיטלען האָט זיך צו פערשטענדיגען דער פינאַנץ־אויסשוס מיט'ן ענגערען א. ק. דעם בעשלוס איבער די בעזידלונג פון מזרח־אפריקא וועט פאַסען א אייגענעם צו דער דאָזיגער פראַגע איינגערופענער קאָנגרעס".

איבער דער דאָזיגער רעזאָלוציע איז געוואָרען נאָמענטליך אָבגעשטימט, מיט פאָלגענדען רעזולטאַט: פּראָ: 295, קאָנטרא: 178.

פאַר'ן אנטראַג האָבען אונטער אנדערע געשטימט: חנן, העשיל פאַרבשטיין, גראָנעמאַן, האַנטקע, מאַרמאָרעק, נאָרדוי, פּאָדלישעווסקי, הרב ריינעס, דר. בירקין, סטרוג, וואַרבורג, וואָלפזאָהן, זאַנגוויל, זלאָציסטי.

געגען דעם אנטראַג: בעלקינד, ר. בריינין, בובער, זשאַבאָטינסקי, ליליען, מאָסינזאָהן, סאָסקין, ווייצמאַן.

---

*) די ווייטערע געשיכטע וועט בעווייזען, אז גרינבערג האָט געהאַט רעכט. אין א געוויסען זין האָט אוגאַנדא געפיהרט פּאָליטיש צו א"י. דורך אוגאַנדא זענען געוואָרען געשאַפען פּאָליטישע פערבינדונגען מיט ענגלישע מלוכה־מענער, וועלכע וועלען שוין נישט ווערען איבערגעריסען, און וועלכע וועלען פיהרען צו דער באַלפור־דעקלעראַציע.

אָבגעהאלטען פון דער אָבשטימונג האָבען זיך: עהרענ־פּרייז, גליקזאָהן, לעוויטע, פּאסמאניק, סאָקאלאָוו.

צולעצט האָט נאָך הערצל איבערגעלעזען פאָלגענדע ערקלעהרונג: „מיר אונ־טערגעשריבענע זענען מודיע, אז אויף דער זיצונג פונ׳ם א. ק. האָבען מיר געשטימט געגען דער ארויסשיקונג פון דער עקספּעדיציע. טשלענאָוו, טעמקין, בערנשטיין־כהן, בעלקאָווסקי, יאקאָבזאָהן, ברוך און גאָלדבערג“.

דאָס, וואָס איז איצט פאָרגעקומען געהערט זיכער צו די טראגישסטע מאָ־מענטען אינ׳ם ציוניזם. עס האָבען זיך אויפגעהויבען די „ניין־זאָגער“ אונטער די מיטגלידער פונ׳ם גרויסען א. ק. און זענען פּאוואָלי ארויס, דורך דער מיט פונ׳ם זאָל, פונ׳ם קאָנגרעס. מיט זיי זענען ארויסגעגאנגען אלע „ניין־זאָגער“, 150 מאָן בערך. אויבען אויף דער טריבונע איז געשטאנען הערצל גאנץ רוהיג, טויט־בלאַס. קיין מוסקעל האָט זיך נישט געריהרט אויף זיין פּנים. דאָך האָט מען געפיהלט, אז זיין הארץ האַלט נישט אוים פון צער און וועהטאָג.

דרויסען אין די קולוארען האָבען זיך אָבגעשפּילט מורא׳דיגע סצענען. פרויען האָבען געחלש׳ט און מענער האָבען געוויינט, ווי קליינע קינדער. מען האָט גע־פיהלט, אז דאָ קלאָגען מענשען — נישט אָביעקטיוו, דאָך סוביעקטיוו בערעכטיגט — אויף חורבן הבית השלישי... ביי נאכט איז פאָרגעקומען א פערזאמלונג פון די, וואָס האָבען געשטימט געגען דער רעזאָלוציע. די פערזאמלונג איז געוועזן א זעהר אויפגערעגטע, די דעבאַטע ממש א קאָכענדיגע. א סך דעלעגאַטען זענען געוועזן אזוי פערביטערט, אז זיי האָבען פאָרגעוואָרפען הערצל׳ן פערראט אינ׳ם ציוניזם.

דאָך איז הערצל צו זיי געגאנגען. מיט א לאנגער רעדע, אין וועלכער ער האָט זיי ענטוויקעלט זיין געדאנקען־גאנג, אין וועלכער ער האָט געשילדערט יענע טעמים, צוליב וועלכע ער האָט אַקצעפּטירט דעם פּלאן, האָט ער די מענשען טיילוויז בע־רוהיגט. דעם אנדערען טאָג, זענען זיי אלע צוריקגעקומען צום קאָנגרעס.

די שעה, וועלכע האָט מיט זיך געבראכט די גרעסטע סכנה פאר דער איינהייט פון דער בעוועגונג, איז גליקליך אריבער.

דער ריס אין דער אָרגאניזאציע איז אָבער געבליבען...

נור לאָמיר זיך אומקעהרען צום קאָנגרעס.

מאָנטעפיאָרע רעפערירט איבער „אָרגאניזאציע און אגיטאציע“:

דער ציוניזם מאכט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסערע פאָרטשריט. נישט אלע יודען, וואָס געהערען נישט צו דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, זענען געגנער פון ציוניזם. א סך ווילען צו אונז נישט געהערען, ווייל, הגם זיי זעהען אין ציוניזם א גרויסע אידעע, גלויבען זיי אָבער נישט אין דער פראקטישער דורכפיהרבאַרקייט. מיר זע־נען איבערצייגט, אז זיי וועלען צו אונז קומען און מיר וועלען זיי אויפנעהמען ווי ברידער. אנדערע ווידער האָבען מורא, אז מיר וועלען דורך דעם ציוניזם פערלירען אונזערע רעכט. דאָס איז נישט אמת. מיר האָבען פיל ענגלישע דעפּוטאַטען אָבגע־

געבען סימפאטיע־ערקלעהרונגען פאר'ן ציוניזם. מיר גלויבען אין א אביעקטיווער גערעכטיגקייט. מאנכע ווידער בעהויפטען, אז יודען בעזיצען שוין גענוג רעכט. זיי פערגעסען, אז די רעכט, וואס זענען אונז געווארען געגעבען, זענען א פועל־יוצא פון דער לאגישער אנווענדונג פון אלגעמיינע רעכטס־פארמולעס, אהן א אינערען יחס צו אונז יודען.

מיר מוזען שטארקען אונזער ארגאניזאציע, כדי מיר זאלען דערגרייכען אונזער ציל.

סאקאלאוו רעפערירט איבער „פילאנטראפיע און ציוניזם". אין זיין רעפעראט גיט ער א גלענצענדע איבערזיכט איבער דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון די פערשידענע צדקה־חברות אין מזרח־אייראפא. ער שילדערט די וואונדערבארע ארגאניזאציע פון דער „סאציאלער פירזארגע" פון די אמאליגע קהלות, קריטיקירט שארף די היינטיגע קהלה און זייערע פיהרער און קומט צום אויספיהר, אז ע"פ יושר דארף א געוויסער סכום איבערגעוויזען ווערען פאר דער ציוניסטישער בעוועגונג, וויל דורכ'ן ציוניזם וועט די פילאנטראפישע טעטיגקייט ווערען איינגעשרענקט.

קרעמענעצקי רעפערירט איבער'ן נאציאנאלפאנד: לויט זיין בעריכט קומט אויס, אז די הכנסות האבען בעטראפען בערך 20.000 פונט. דער נ. פ. איז געווארען זעהר פאפולער. די לייטונג האט בעקומען די נויטיגע ערפאהרונג און עס איז צו האפען, אז די הכנסות וועלען, ביי א אינטענזיווער ארבייט, וואס אמאל אלץ גרעסער ווערען.

אינ'ם נאמען פון די „ניין־זאגער" האט דר. לעווין געשטעלט פאלגענדען אנטראג:

„1) די קאסטען פון דער מזרח־אפריקאנישער עקספעדיציע טארען אויך נישט פון שקל־געלדער גערעקט ווערען;

2) די צוזאמענזעצונג און די אויסריסטונג פון דער עקספעדיציע וועט איבערגעגעבען דעם גרויסען א. ק., וועלכע דארף ווערען איינגערופען צו דעם דאזיגען צוועק. דער גרויסער א. ק. מוז אויך ווערען צוזאמענגערופען, כדי אויסצוהערען דעם בעריכט און צו בעשליסען, צי דארף מען איינרופען א בעזונדערען קאנגרעס".

הערצל איז מודיע, אז דער א. ק. איז מסכים מיט דעם פונקט 1. וואס עס איז נוגע פונקט 2, אזוי וועט ער שפעטער דערויף צוריקקומען.

דר. פארבשטיין רעפערירט איבער דער טעטיגקייט פון דער נאציאנאלפאנדס־קאמיסיע. ער דערצעהלט וועגען אלע שווירינקייטען, וועלכע די נ. פ. קאמיסיע האט געהאט ביי דער פעסטזעצונג פון א סטאטוט. די רוסישע מיטגלידער זענען נישט מסכים, שוין איצט צו בעשליסען דעם ענדגילטיגען סטאטוט. דאדורך בעגניגט זיך די נאציאנאלפאנדס־קאמיסיע, פארצולעגען דעם קאנגרעס בלויז צוויי רעזאלוציעס:

„1) דער צוועק פונ'ם נאציאנאלפאנד: דער צוועק פונ'ם נאציאנאלפאנד איז צו קויפען און צו פערקויפען אין א"י און אין די שכנות־לענדער אקערבוי־ און גארטענלאנד; דאס געקויפטע לאנד צו בעארבייטען, אדער צו פערפאכטען יודען, מיט אויסשלוס פון דעם רעכט ווייטער צו פערפאכטען; צו בעגרינדען אלע אונטערנעהמונגען וואס דינען דעם דאזיגען צוועק און צו קומען אין פערבינדונג מיט בעהערדען און רעגירונגען;

2) ווען דער נ. פ. זאל קענען קויפען באדען: דער נ. פ. זאל קענען קויפען באדען, ווען ער וועט האבען 5 מיליאן פראנק, נור בעריקזיכטענדיג די וואונשען פון דער מינסקער קאנפערענץ, שלאגט פאר די קאמיסיע, אז דער נ. פ. זאל קענען אויך פריהער קויפען באדען, אויב א דרייפערטעל מאיאריטעט פונ'ם גרויסען א. ק. וועט דערצו מסכים זיין".

וואלפזאהן לעזט זיין רעפעראט איבער די קאלאניאלבאנק: די קאלאניאלבאנק מאכט פארשריט. זי ארבייט זעהר פארזיכטיג און האלט דאס קאפיטאל שטענדיג פליסיג. צוליב הערצל'ס אינטערווענץ אין רוסלאנד, האפט וואלפזאהן, אז דער איינפאהר פון די אקציעס קיין רוסלאנד וועט ווערען ערלויבט. א דאנק דער ארגאניזאציע פון דער קאלאניאלבאנק איז אויך די ארבייט פאר'ן נאציאנאלפאנד מעגליך געווארען. די קאלאניאלבאנק האט געגרינדעט א פיליאלע אין א"י, די „אנגלא פאלעסטיין קעמפ." מיט א קאפיטאל פון 50.000 פונט, מיט גוטע אויסזיכטען, צו זיין נוצליך דעם ישוב. דער געשעפטספיהרער איז לעוואנטין. טראצדעם מוזען מיר אנשטרענגען אלע כחות, כדי אויפצוברענגען די נויטיגע מיטלען.

דער קאנגרעס שטימט איצט אב איבער דעם אנטראג פון דר. לעווין. הערצל איז מודיע, אז דער א. ק. איז מסכים אויך מיט'ן פונקט 2 פון זיין אנטראג. דער דאזיגער אנטראג ווערט אויך אנגענומען.

דר. סאסקין און דר. האנטקע שלאגען פאר, צו וועהלען א א"י'דיגע פארשונגסקאמיסיע, וועלכע זאל דורכפיהרען א וויסענשאפטליכע און פראקטישע אויספארשונג פון א"י, אין טעכנישער, רעכטליכער און געאגראפישער בעציהונג. די קאמיסיע זאל ארבייטען זעלבסשטענדיג און זאל מוזען אבגעבען א בעריכט דעם א. ק. איהר בודזשעט זאל בעטרעפען 15.000 פראנק, וועלכער דארף געדעקט ווערען פון שקל־געלדער, נאכדעם ווי עס וועלען ווערען בעפרידיגט אלע הצטרכות'ן פון דער ארגאניזאציע.

דער דאזיגער אנטראג איז געווארען אנגענומען.

עס ענטוויקעלט זיך א דעבאטע איבער'ן ק. ק. ל.

כהן־בערנשטיין שלאגט פאר, אז אפילו א געוועהנליכע מעהרהייט פונ'ם א. ק. זאל האבען דאס רעכט צו ענטשיידען, איבער דעם זאפארטיגען באדען־קויף.

ל. קאהן פאדערט צו שטרייכען אין פונקט 1 דאסווארט „און צו פער־

קויפען". דער ק. ק. ל. זאָל נישט טאָרען פערקויפען דעם באָדען, וועלכען ער האָט געקויפט.

דיזענגאָף שלאָגט פאָר, אז דער ק. ק. ל. זאָל תיכף צוטרעטען צו ערד־קניות.

אינ׳ם רעזולטאט פון א לאנגער דעבאַטע זענען געוואָרען אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

„1) די קומענדיגע יאָהר־קאָנפערענץ וועט דאַרפען ענדגילטיג פעסטזעצען דעם סטאַטוט;

2) דער ק. ק. ל. קען קויפען באָדען אין א"י און אין די שכנות־לענדער, אָבער טאָר איהם נישט צוריק פערקויפען, נור פערפּאַכטען;

3) דער ק. ק. ל. דאַרף צוטרעטען צו די ערד־קניות, אויב ער וועט פערפינען איבער א פאָנד פון 200.000 פונט. ער קען, אויף גרונד פון א אייגפאַכען מאַיאָריטעטס־בעשלוס, אָבווייכען פון דעם דאָזיגען פרינציפּ. קויפען דאַרף דער ק. ק. ל. נור פאַר 3/4 פון זיין קאַפּיטאַל, 1/4 מוז בלייבען אלס רעזערוו־פאָנד".

צו אָפּענהיימערס רעפעראַט ערגרייפט דאָס וואָרט טריטש: אָפּענהיימער האָט געזאָגט, אז די אגריקולטור מוז זיין די באַזיס פון דער קאָלאָניזאַציע. אין אונזער ספּעציפישען פאַל, וואו עס האַנדעלט זיך פון איין זייט וועגען א שטאָטיש עלעמענט ווי יודען, פון דער אנדערער זייט וועגען א וואַסער־אָרים לאַנד (טריטש האַלט זיך נאָך אַלץ אָן על־אריש. י. מ.) איז דער דאָזיגער גרונדזאַץ א פאַלשער. מיר מוזען אָנהויבען מיט דער אינדוסטריע, וועלכע נויטיגט זיך נישט אין קיין וואַסער. און פאַר אינדוסטריע איז על־אריש אויך גוט גענוג.

פאַסמאַניק: אָפּענהיימערס פּלאַן באַזירט אויף א עקספּערימענט. ער וויל האָבען א זידלונגס־גענאָסענשאַפט, אָבער דאַדורך ווערט די פּריוואַט־איניציאַטיוו דערהרג׳ט. עס וואָלט געווען גוט אויסצופּראָבירען אָפּענהיימערס פּלאַן אויף א בעשרענקטען מאַסשטאַב, אָבער מען טאָר נישט מאַכען קיין עקספּערימענט מיט אונזער גאַנצען קאָלאָניזאַציע־ווערק. וואָס עס איז נוגע טריטש׳ן, אזוי פערגעסט ער, אז א אינדוסטריע קען עקזיסטירען, אויב זי איז עקספּאָרט־פעהיג. מיר וועלען אָבער נישט קענען זיין גענוג קאָנקורענץ־פעהיג.

אויערבאַך: אָפּענהיימער האָט אונז געוויזען, ווי אזוי מ׳קען מאַכען פון א האַנדעלס־פאָלק א באָדענשטענדיגעס פויערים־פאָלק און דאָס קען מען נור דערגרייכען דורך לאַנדווירטשאַפט און נישט דורך אינדוסטריע. פאַסמאַניק זאָגט, אז אָפּענהיימערס זידלונגס־פּלאַן איז א עקספּערימענט, אָבער אין „אַלטנייַ־לאַנד" רעדט הערצל אויך וועגען א זידלונגס־גענאָסענשאַפט. לויט אָפּענהיימער וועט זיך אויך די פּריוואַטאיניציאַטיוו קענען גענוג און גוט ענטוויקלען.

זאַנדהיימער: מען טאָר נישט זיין בלויז פאַר לאַנדווירטשאַפט, אָדער בלויז פאַר אינדוסטריע, דער אמת ליגט אין דער מיט. אָהן א לאַנדווירטשאַפט וועלען מיר קיינמאָל נישט אויפבויען אונזער לאַנד. אָהן א אינדוסטריע וועלען

מיר נישט האָבען קיין אָבזאָץ־מאַרק פאַר אונזערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָ־דוקטען. אָפענהיימער פיהרט נישט דורך קאָנסעקווענט זיין גענאָסענשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע. ער לאָזט אויך צו טיילווייז א פּריוואַטאייגענטום. לויט מיין דעה מוז דער פּריוואַטבעטריב אין גאַנצען אויפהערען. עס דאַרף עקזיסטירען נור א גענאָסענשאַפטליכער בעטריב.

די דאָזיגע דיסקוסיע אין יענע יאָהרען, קומט אונז היינט פאַר ווי א פּלוגתא איבער א „ביצה שלא נולדה". די דאָזיגע פּראָבּלעמען וועלען ערשט ווערען אַקטועל אין צוואַנציג יאָהר אַרום, און דאַמאָלס וועט זיך אויך די ציוניסטישע בעוועגונג אַרום די דאָזיגע פּראָבּלעמען דיפערענצירען.

דער קאָנגרעס טרעט צו צי די וואַהלען.

דער קאָנגרעס וועהלט א קאָמיטעט פאַר מזרח־אַפריקאַ, א א"י־פאָרשונגס־קאָמיסיע, א לעגיטימאַציע־אויסשוס, נאַציאָנאַלפאָנד־אויסשוס, קאָנגרעס־געריכט, דעם „גרויסען" און דעם „ענגען" א. ק. אין דעם ענגערען א. ק. זענען געוואָרען געוועהלט: ה ע ר צ ל, ל. ק אָ ה ן, ק ר ע מ ע נ ע צ ק י, ק אָ ק ע ש און מ אַ ר מ אָ ר ע ק.

די דעלעגאַטען זענען טויט־מיד. עס איז שוין פריי טאָג פאַר ליכט־בענשען און דאָך זענען אַלע געשפּאַנט אויף הערצל'ס שלום־וואָרט. עס הערשט א גרויסע פייערליכע ערוואַרטונג.

ערנסט, בלאַס, רוהיג טרעט ה ע ר צ ל אַרויף אויף דער טריבונע און זאָגט: עס איז געווען א שווערער און דאָך א גרויסער קאָנגרעס. ביי דער אָבשטימונג, ביי וועלכער יעדער האָט אויף זיך גענומען א שווערע פעראַנטוואָרטונג, האָבען מאַנכע געהאַנדעלט אין פולען צוטרוי צו דער שווערער לאַגע פון דער לייטונג. אָבער מיר האָבען אויך נישט פעראיבעל די, וועלכע האָבען אַנדערש געהאַנדעלט. אַמאָל מוז מען מאַכען א אומוועג קיין... ציון. וואָלט מען געקענט געהען דורך דער לופט־ליניע צום ציל, וואָלטען מיר זיך נישט געגויטיגט אין א פיהרער. מיר גלויבען נישט, אז די יודען מוזען פערפאַלען אין נויט, כדי זיי זאָלען זיין גוטע ציוניסטען. פערקעהרט, די שטאַרקונג פון די יידישע מאַסען וועט אויך שטאַרקען דעם ציוניזם.

איך מעג זאָגען, אז איך האָב נישט אויף איין סעקונדע, נישט מיט איין געדאַנק פערלאָזט דאָס באַזעלער פּראָגראַם. אז איך בין געקומען צו דער איבער־צייגונג, אז עס איז נישטאָ קיין האָפנונג, האָב איך אייך געוואָלט שאַפען א גוטע בעהעלף, אָבער צוגלייך אייך שווערען און טרייסטען, אז איך וועל נישט ווערען אונטריי דעם א"י־געדאַנק:

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!

(דער גאַנצער זאַל ברעכט אויס מיט א פאַסט היסטערישער בעגייסטערונג).
אָבער פּלוצלינג האָט זיך אונז געעפענט א נייע אויסזיכט: די הילף פון דער

רוסישער רעגירונג. און צי דען זענען רבנים, וואָס האָבען געשטימט פאַר מזרח־אפריקא, אָדער אזא ח א ז א נ א ו ו י ט ש נישט א גענוגענדע זיכערהייט, אז מיר וועלען נישט פערלאָזען דאָס באַזעלער פּראָגראַם? און איך גופא? קיינמאָל וועל איך נישט לאָזען עפּיס ענדערען אין אונזער פּראָגראַם.

מיר האָבען דורכגעפיהרט א סך רעפאָרמען, אָבער אונזער בעסטע און וויכטיגסטע אינסטיטוציע איז דער קאָנגרעס און איך ווינש, אז ער זאָל בלייבען דאָס שעהנסטע, וואָס מיר האָבען, ביז מיר וועלען איהם ברענגען אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות, וועלכעס מיר ברויכען נישט צו אונטערזוכען, כדי עס צו ליבען.

אין א בעגייסטערטער שטימונג ווערט דער קאָנגרעס געשלאָסען.

ווי ווייט הערצל האָט באמת געגלויבט אין דער הילף פון דער רוסישער רעגירונג, בעווייזט דער פאַקט, וועגען וועלכען עס דערצעהלט דר. זשיטלאָווסקי. אויף דעם קאָנגרעס זענען אויך געווען אָנוועזענד א פּאָר יודישע סטודענטען פון רוסלאַנד, מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ווי דר. הערצל איז דערפון געוואויר געוואָרען, איז ער מיט זיי צוזאַמענגעקומען און האָט זיי געשטעלט א זעהר אָריגינעלען אנטראַג: זיי זאָלען אָבשטעלען זייער רעוואָלוציאָנערע ארבייט אויף א פּאָר יאָהר, כדי רוסלאַנד זאָל העלפען... דעם ציוניזם. נאַטירליך האָבען די דאָזיגע יונגע לייט נישט געוואָלט אפילו הערען פון אזא נאאיווען אנטראַג. טראָצדעם האָט הערצל אויף זיי געמאַכט א קאָלאָסאַלען איינדרוק.

הערצל איז אזוי געווען „בעזעסען" פון זיין אידעע, אז איהם האָט גאָר נישט געקאָנט איינפאַלען, אז עס זענען פאַרהאַנען ביי יודען זאַכען, וועלכע זיי זענען נישט גרייט צו ברענגען אלס קרבן פאַר'ן ציוניזם.

דרייסיגסטער קאפיטעל.

די ענטוויקלונג פונ׳ם ציוניזם פונ׳ם זעקסטען קאנגרעס, ביז צו הערצל׳ס פטירה.

א) אין אויסענפאליטישער בעציהונג:

„און איצט, מיינע ליבע פריינד — האט הערצל געזאגט, תיכף נאך דעם קאנגרעס, צו נארדוי און זאנגוויל — וועל איך אייך האלטען מיין רעדע אויף דעם 7 קאנגרעס, אויב איך וועל איהם דערלעבען. ביז צו דער דאזיגער צייט מוז איך בעקומען א״י, אדער איך מוז אנערקענען די מאמענטאנע אויסזיכטסלאזיגקייט. אין דעם לעצטען פאל וועט מיין רעדע לויטען: עס איז נישט געווען מעגליך. דער ענדציל איז נישט געווארען דערגרייכט, אבער מיר האבען בעקומען א לאנד, אין וועלכען מיר קענען קאלאניזירען אונזערע ליידענדע מאסען אויף א נאציאנאלער באזע. איך גלויב נישט, אז מיר מעגען אבזאגען א הילף פאר די מאסען, צוליב א חלום, אבער איך פערשטעה, אז אונזער בעוועגונג איז געשפאלטען און דער ריס געהט דורך דער מיט פון מיין פערזאן. קודם בין איך געווען בלויז א „יודענשטאט־לער“, אבער מיט דער צייט בין איך געווארען א אנהענגער פון ציון. פאלעסטינא איז דאס איינציגע לאנד, וואו דאס יודישע פאלק קען בעקומען מנוחה, אבער פאר הונדערט־טויזענדער איז נויטיג א תיכף׳דיגע הילף.

כדי צו לעזען די דאזיגע סתירה איז נור פארהאנען איין עצה: איך מוז אוועק פון דער לייטונג. איך וועל אייך, אויב איהר ווילט, נאך לייטען די פערהאנדלונגען פונ׳ם קאנגרעס. שפעטער זאלען געוועהלט ווערען צוויי לייטונגען, איינע פאר א״י און איינע פאר אוגאנדא. איך וויל נישט אריין אין קיין שום לייטונג, איך וועל אבער העלפען די, וואס ווילען ארבייטען.

דורך מיינע מעשים האב איך נישט געמאכט ארימער דעם ציוניזם, אבער איך האב געמאכט רייכער דאס יודישע פאלק.

אדיעאו!“

פון די דאזיגע שורות זעהען מיר, אז הערצל האט ריכטיג איינגעזעהען, אז זיין זיג אויף דעם קאנגרעס איז געווען א געצוואונגענער. הערצל האט געפיהלט,

אז, ביי דער גרעסטער ליבע צו זיין פערזאָן, וועט איהם דאָך נישט געלונגען, צו צערברעכען דעם ווידערשטאַנד פון דער אָפּאָזיציע. א חוץ דעם האָט הערצל פערשטאַנען, אז אוגאַנדאַ קען זיין אין בעסטען פאַל נור א לעזונג פאַר בערך א קליינער צאָהל יודען.

דאדורך זענען הערצל'ס אַנשטרענגונגען אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען געריכטעט כמעט אין גאַנצען אויף א"י. ליידער אָהן א ברעקיל האָפנונג...

תיכף נאָכ'ן קאָנגרעס האָט הערצל ענטוויקעלט א לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט פלעווע. הערצל האָט איהם אַזויצוזאָגען פּרעזענטירט זיין וועקסעל: דו ברודער האָסט פון אונז פערלאַנגט, אז מיר זאָלען דיך שוינען אויף דעם קאָנגרעס, הנגם — ווי דו פערשטעהסט — איז דאָס בכלל נישט געלעגען אין אונזער אינטערעס, און איצט, ברודער, מוז מען דאַפאַר בעצאָהלען. הערצל האָט פערלאַנגט, אז דער צאַר בכבודו ובעצמו זאָל דעם סולטאַן שרייבען א בריוועל לטובת פונ'ם ציוניזם.

פלעווע האָט דאָס נאַטירליך נישט געטהון. ער האָט געגעבען בלויז א אויפטראַג סינאָוויעוו'ן, דעם רוסישען קאָנסול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אריינצולעגען א גוט וואָרט פאַר'ן ציוניזם. הערצל האָט באַלד פערשטאַנען, אז פון אזא אינטערווענץ וועט גאָרנישט ווערען. ער האָט דאָס א פּאָר מאָל פלעווען אויסאיינאַנדערגעזעצט. וכך הוה. אויף הערצל'ס א בריעף, האָט איהם סינאָוויעוו געענטפערט, אז אמת, ער האָט פון פעטערבורג בעקומען א בריעף צו אינטערווענירען לטובת פונ'ם ציוניזם, ער קען דאָס אָבער נישט טהון, ווייל אין אזא פאָרם, שיינט איהם צו זיין די זאַך אויסזיכטסלאָז.

הערצל האָט נאָך געפּרובט צו ווירקען אויף פלעווען דורך דער פערזענליכער אינטערווענץ פון דר. קאַצענעלזאָהן — אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. פאַקטיש איז די רוסישע הילף געווען גלייך נול...

הערצל האָט אָבער נאָך אַלץ געגלויבט אין רוסלאַנד. איהם האָט דער גורל ערשפּאַרט, צו ערלעבען א ענדגילטיגען דורכפאַל אין דעמדאָזיגען פּרט.

הערצל האָלט אָבער אויך ווייטער אויפרעכט זיינע בעציהונגען מיט דייטשלאַנד. אין א פּאָר בריעף צום גרויסהערצאָג, ווי ער איז איהם מודיע איבער דעם מצב פון דער בעוועגונג, בעט ער אום דייטשלאַנד'ס הילף, נאָכדעם ווי אַלע אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע שטערונגען זענען אָבגעפאַלען.

צוגלייך וואַנדעט ער זיך אויך קיין איטאַליען. דעם 23 יאַנואַר 1904, בעקומט ער א אוידיענץ ביים איטאַליענישען קעניג. הערצל בעט איהם ער זאָל אינטערווענירען ביים סולטאַן, לטובת פונ'ם ציוניזם. דער קעניג זאָגט איהם צו, אויב זיינע מיניסטער, בעזונדערס ט י ט אָ נ י, וועלען דערצו מסכים זיין. הערצל אינטערווענירט ביי טיטאָני און בעקומט פון איהם א צוזאָג. א פּאָר וואָכען שפּעטער ציהט זיך אָבער איטאַליען צוריק.

אין רוים האָט אויך הערצל בעקומען א אוידיענץ ביים פּויבסט. ער בעט איהם,

אז ער זאָל ארויסגעבען א ענציקליקא צו די קריסטען, אז די קירכע איז נישט געגען דעם ציוניזם, אויב די הייליגע מקומות וועלען ווערען אינטערנאציאָנאַליזירט. דער פויבסט זאָגט איהם אָב. „מיר קענען נישט אינטערווענירען לטובת פון די יודען. זאָלען זיי וואַרטען אויף משיח'ן, פאַר אונז איז משיח שוין געקומען. מיר ווילען נישט, אז ירושלים זאָל געהערען צו יודען".

עס האָבען נישט געהאָלפען קיין שום אַרגומענטען. דער פויבסט האָט זיך געהאַלטען ביי זיין דעה.

הערצל דערצעהלט אין זיינע טאָגביכער, אז ער איז בעגאַנגען א קליינעם פעהלער, ער האָט נישט געקושט די האַנד פון'ם פויבסט, כפי דעם הערשענדען מנהג... מיר קענען דאָס ביי דעם שטאָלצען הערצל זעהר גוט פערשטעהען.

דער ציוניזם וועט זיך אויף זיין פערווירקליכונגסוועג נישט איינמאָל אָנ־שטויסען אויף דעם ווידערשטאַנד פון דער קאַטוילישער קירך...

הערצל האָט אויך געזוכט און געפונען א וועג צום אייסערען מיניסטעריום פון עסטרייך. די האַלטונג פון די יודיש־ליבעראַלע בלעטער, בעזונדערס אָבער פון דער „נייער פרייער פרעסע", לגבי דעם ציוניזם, האָט גורם געווען, אז הערצל האָט אין זיין פאָטערלאַנד און דורך זיין פאָטערלאַנד קיין שום הילף נישט בעֿ־קומען. נאָך א געוויסער מיה איז איהם געלונגען, צו בעקומען א אודיענץ ביים אויסענמיניסטער, גראַף גאָלוכאָווסקי. הערצל האָט איהם באַלד איבער־צייגט, די יודען — האָט הערצל געזאָגט — שטרעבען צו זייער אונאָבהענגיגקייט, פונקט אזויווי די פוילען. (גאָלוכאָווסקי איז געווען א פאָלאַק). גאָלוכאָווסקין איז דער פּלאַן זעהר געפעלען. ער איז אָבער געווען א געגנער פון א קליינעם טשאַרטער. אויב — האָט ער געטענה'ט — עס וועלען נישט קענען עמיגרירען זעקס מיליאָן יודען, איז די זאַך נישט ווערט, אז די גרויסמאַכטען זאָלען זיך דערמיט פעראינ־טערעסירען. עסטרייך איז גרייט מיטצוהעלפען, אָבער עס איז בעסער, אז ענגלאַנד זאָל ערגרייפען די איניציאַטיוו.

צוגלייך מיט די בעשטרעבונגען, צו בעקומען א שטאַרטער אויף א"י, האָט הערצל אויך אוגאַנדא נישט פערנאַכלעסיגט. גרינבערג איז, אין הערצל'ס נאָמען, געשטאַנען אין א שטענדיגען קאָנטאַקט מיט דער ענגלישער רעגירונג. ביז הערצל האָט פון איהם, יאנואר 1904, בעקומען די טעלעגראַפישע ידיעה, אז גרינבערג האָט בעקומען דעם טשאַרטער.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א דאָקומענט, לויט וועלכען עס איז גע־וואָרען געגעבען די מעגליכקייט, צו שאַפען יודישע קאָלאָניעס אין מזרח־אַפריקא. אינטערעסאַנט איז, אז לויט דעם צווייטען דאָקומענט, האָט די ענגלישע רעגירונג צוגעזאָגט א אנדערען און א ערגערען שטח, ווי לויט דעם ערשטען דאָקו־מענט, מיט'ן אויסדרייד, אז דער גאַנצער שטח ביי דער אפריקאַנישער באַהנליניע, וועלכער איז געוואָרען צוערשט צוגעזאָגט, איז שוין בעזעצט. האָט די ענגלישע רעגירונג געוואָלט פערשטופען די יודישע קאָלאָניעס אין „א בענענד,

וואו זיי זאָלען נישט האָבען קיין געלעגענהייט צו קומען אין בעריהרונג מיט אייראָפּעער". (אויס דער רעדע פונ'ם אונטערשטאַטס־סעקרעטאר לאָרד פּערס אינ'ם ענגלישען פּאַרלאַמענט 20 יוני 1904). טראָצדעם האָט אויך דער דאָזיגער פּלאַן ארויסגערופען א אונרוהע ביי מאַנכע ענגלענדער. אין דער שוין דערמאָהנ־טער פּאַרלאַמענטסזיצונג האָט א דעפּוטאַט, וואַזאַן, געשטעלט א אַנטראַג, „אז דאָס פּאַרלאַמענט זאָל אונטערזוכען די סכנה, וועלכע עס דראָהט דעם שלום פון מזרח־אַפריקא, צוליב דעם, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אונטערגענומען שריט, כדי צו שאַפען א פרעמדע זידלונג אין א לאַנד, וואָס איז בעזעצט דורך איינגעבוירענע". דער אנטראג איז אמת, נאָך א לענגערער דעבאַטע, גע־וואָרען אָבגעוואָרפען, אָבער די רעגירונג האָט געמוזט ערקלעהרען, אז מיט דער פרעמדער זידלונג האַלט עס נאָך גאָר ווייט, אזוי אז דאָס פּאַרלאַמענט בע־דאַרף זיך נישט בעשעפטיגען מיט דער דאָזיגער פראגע. פאַר דער וויטערער גע־שיכטע וועט זיין אינטערעסאַנט צוצוגעבען, אז לאָרד באַלפור און לאָיד זשאָרש האָבען אין דער דאָזיגער דעבאַטע נישט שטאַרק אונטערשטיצט די יודי־שע אינטערעסען...

אָט אזוי שטעהען מיר ביים סוף פון הערצל'ס פּאָליטישע אנשטרענגונגען. אויב מיר זאָלען ציהען א געוויסען ס"ה פון דעם דאָזיגען פעריאָד אין פּאָליטישער בעציהונג קענען מיר זאָגען: הגם דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געהאַט אויפצו־ווייזען אויף געוויסע ערפאָלגען, האָט ער אָבער נישט געקענט מיט בלויזע פּאָליטישע מיטלען זיין ציל דערגרייכען. ער איז געשטאַנען, ווי פאַר א איי־זערנער מויער און האָט נישט געקענט ווייטער.

די מויער וועט ווערען דורכגעבראָכען דורך דער פּראַקטישער ארבייט אין א"י און דורך די אויפטרייסלונגען פון דער וועלט, וואָס וועלען פאָרקומען אין די יאָהרען 1914—1918.

ב) אין אינערליך פּאָליטישער בעציהונג:

1) די ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם אוגאַנדאַ־קאָנפליקט, די כאַרקאָווער קאָנפערענץ: עס איז קלאָהר, אז די גרויסע ערעגונג פון ציוניסטישע געמיטער, וועלכע עס האָט ארויסגערופען דער פּלוצלינג בעקאַנט געוואָרענער אוגאַנדאַ־פּלאַן, האָט זיך געמוזט ווייטער אויס־ווירקען און ענטוויקלען. האָבען זיך שוין די ליידענשאַפטען אויף דעם קאָנגרעס גופא געגנוג דערהיצט, אזוי האָבען זיי זיך ערשט אָנגעהויבען צו צערשפּילען אויף א רעכטען אמת נאָך דעם קאָנגרעס. די ציוניסטישע מחנה איז פאַקטיש געוואָרען געשפּאַלטען אויף צוויי טיילען, אויף די אנהענגער און אויף די געגנער פונ'ם אוגאַנדאַ־פּלאַן, אָדער, אזויווי עס האָבען זיך די לעצטע אָנגערופען, די „ציוני־ציון".

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז די אנהענגער פונ'ם אוגאַנדאַ־פּלאַן זענען ווייט־

אוים נישט געווען אזוי גוט אָרגאניזירט און קאָנסאָלידירט, ווי איהרע געגנער. דאָס איז געווען צוליב דעם, ווייל די אנהעננער פון׳ם אוגאַנדא־פּלאַן האָבען נישט פאָרגעשטעלט קיין איינהייטליכע גרופּע, נור זענען צערפאַלען אין פאָלגענדע גרופּירונגען:

1) פּרינציפּיעלע טעריטאָריאַליסטען אַלאַ זאַנגוויל;

2) מענשען, וואָס האָבען בעשלאָסען צו שיקען אַ אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אוים דאנקבארקייט פאר ענגלאנד, מיינענדיג צו בעגראָבען די גאַנצע אנגעלעגענהייט דורך דער קאָמיסיע;

3) מענשען, וואָס האָבען געגלויבט, אז דער וועג קיין א״י פיהרט דורך אוגאַנדא, ווייל דורך די שאַפונג פון אַ יודישער אויטאָנאָמער געמיינשאַפט, וועלען יודען ווערען אַ פּאָליטישער פאַקטאָר;

4) מענשען, וואָס האָבען געגלויבט, אז די ציוניסטען דאַרפען שאַפען תיכף־דיגע הילף פאר יודישע מאַסען, אַ „נאַכטלעגער״ פאר עמיגראַנטען.

שוין די דאָזיגע צוזאַמענפּאַסונג בעווייזט אונז, אַז אונטער די „יאָ־זאָגער״ זענען פאַקטיש געווען פּרינציפּיעלע „ניין־זאָגער״. דאַגעגען זענען די „ציוני־ציון״ געווען פיל קאָנסאָלידירטער, איינהייטליכער און קעמפערישער. שוין די דאָזיגע עובדה האָט גורם געווען, אַז די „ציוני־ציון״ זענען געווען אין וואַקסענדער אָפּאָזיציע, דאַנעגען האָבען הערצל׳ס אנהעננער געמוזט אויפגעבען איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער.

אָבער נאָך איין וויכטיגע טאַטזאַך האָט מיטגעווירקט. אין ענגלישע קרייזען איז אויך ענטשטאַנען אַ געגנער שאַרפע אָפּאָזיציע געגען טשעמבערלעינס אָפּערטע. די Bloch and White די Times, ווי אויך מאַנכע אָפּיציעלע קרייזען אין אוגאַנדא, האָבען געפיהרט אַ העפטיגע פּראָפּאַגאַנדא געגען דעם פּלאַן, אוועקצוגעבען אַ „ענגלישען״ באָדען פאר „פרעמדע״, אזוי אז מען האָט לכתחלה געפיהלט, אַז אפילו אין בעסטען פאַל קענען מיר נישט ערוואַרטען קיין גרויסע גליקען אין אוגאַנדא.

תיכף נאָכ׳ן קאָנגרעס האָט זיך קודם כל, כנהוג אָנגעהויבען אַ שאַרפע צייטונגס־פּאָלעמיק. אלס ערשטער איז ארוים דר. גאַסטער, דער ספרדישער רב פון ענגלאנד, איינער פון די ערשטע ציוניסטען, וועלכער איז אָבער אין די לעצטע יאָהרען געוואָרען פערדרענגט פון גרינבערג און קאָווען. דר. גאַסטער האָט פערעפענטליכט אַ ארטיקעל, אַז דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע היים נור אין א״י, און אַלעס אנדערע איז אַ פעלשונג און אַ פערראַט פון׳ם ציוניזם. איהם האָט, נאַטירליך, געענטפערט גרינבערג: „צי קען דער ציוניזם גלייכגילטיג אריבערגעהען צום סדר היום, איבער דער יודישער נויט? צי איז פאַרהאַנען אַ ציוניסטישע און אַ יודישע פּאָליטיק?״.

אויך ליליענבלום איז ארוים מיט אַ שאַרפען ארטיקעל געגען דעם

אוגאנדא־פלאן. דאגעגען האט בן־יהודה פערטיידיגט אין זיין ארגאן „השקפה“ דעם אוגאנדא־פלאן.

סאקאלאוו ווידער האט פארגעשלאגען א מין קאמפראמיס. זאל מען איבערגעבען אוגאנדא דער י. ק. א., וועלכע פערנעהמט זיך סתם מיט קאלאניזאציע, דאגעגען זאל די ציוניסטישע בעוועגונג שטרעבען בלויז קיין א"י.

מעהר ווי ביז איצט האט מען אנגעהויבען אין די אפאזיציאנעלע קרייזען צו פראפאגירען די אידעע פון תיכף'דיגער פראקטישער ארבייט אין א"י. „אויב מיר קענען נישט באלד בעקומען דעם טשארטער, טא לאמיר נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד, און ווארטען אויף פאליטישע נסים, נור לאמיר אנהויבען צו שאפען פאזיציעס אין לאנד, וסוף הנצחון לבוא“ — האט געטענה'ט ליליענבלום.

אבער דער צענטער פון דער שארפסטער אפאזיציאנעלער טעטיגקייט האט זיך געבילדעט אין רוסלאנד ארום אוסישקין. אוסישקין איז צוריקגעקומען פון א"י, וואו ער האט געשאפען די ערשטע ארגאניזאציע פונ'ם נייען א"י'דיגען ישוב און א העבראישע לעהרער־ארגאניזאציע און האט פערעפענטליכט פול מיט רוגזה פאלגענדע ערקלעהרונג אין דער פרעסע: „איך בין געווארען אין מיין אבוועזענהייט געוועהלט אינ'ם גרויסען א. ק. איך נעהם אן דעם דאזיגען מאנדאט, אבער איך ערקלעהר, אז דער בעשלוס וועגען מזרח־אפריקא איז פאר מיר נישט בינדענד און איך וועל איהם בעקעמפען מיט אלע כחות“.

הערצל האט זעהר שארף געענטפערט אויף דער דאזיגער ערקלעהרונג: אוסישקין האט א רעכט צו קעמפען פאר זיין אנשויאונג אינ'ם א. ק., אבער זיין ערקלעהרונג איז א אפענער דיסציפלינברוך. אויב ער וויל נישט קעמפען אינ'ם ראהמען פון די ציוניסטישע אינסטאנצען, טא זאל ער ציהען די קאנסעקווענץ און זאל אנידערלעגען זיין מאנדאט.

די דאזיגע צייטונגס־פאלעמיקען האבען אונטערגעהאלטען דאס פייער.

צו א אפענעם בונט איז אבער געקומען אין דער כארקאווער קאנפערענץ. תחלת ווינטער 1903 זענען זיך — אויף אוסישקינס איניציאטיוו — צוזאמענגעקומען אין כארקאוו אלע רוסישע מיטגלידער פונ'ם א. ק. און האבען נאך לאנגע, ליידענשאפטליכע דעבאטען אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציעס, נישט נור געגען דעם עצם אוגאנדא־פראיעקט, נור אויך געגען די „וויענער“ לייטונג און דער „אליינהערשאפט“ פון הערצל:

I. די בעציהונג צום א. ק. און צו דעם פרעזידענט דר. הערצל:

„נאכדעם ווי די קאנפערענץ האט אויסגעהערט דעם רעפעראט פון איינעם א חבר, וואס איז ספעציעל געווען אין וויען (געמיינט איז בעלקאווסקי. י. מ.) און האט קאנפערירט מיט דר. הערצל, און די מיטטיילונגען פון אנדערע חברים, קומט די קאנפערענץ צו דער איבערצייגונג: 1) אז דאס אוועקשטעלען פונ'ם מזרח־אפריקא פראיעקט אויפ'ן סדר היום פונ'ם קאנגרעס, איז א פער־

לעצונג פונ'ם באזעלער פראגראם, וואס שטעלט פאר א גרויסע סכנה פאר'ן ציוניזם; 2) אז די טעטיגקייט פונ'ם פרעזידענט דר. הערצל פערלעצט דאס פרינציפ פון קאלעגיאליטעט. צוליב דעם קענען די פערטרעטער פון דער רוסישער ארגאניזאציע נישט טראגען די פעראנטווארטונג פאר דעם גאנג און פאר דער אונ־פערענדערליכער ריכטונג פון דער בעוועגונג, און האלטען זיך בערעכטיגט אקטיוו אויפצוטרעטען געגען דעם פראיעקט פון מזרח־אפריקא און געגען די אייגענמעכ־טיגע ענטשיידונגען פון דר. הערצל איבער פראגען, וואס ליגען אין דער קאמפע־טענץ פון דער עקזעקוטיווע.

דאדורך איז געווארען בעשלאסען:

א) אזוי גיך ווי מעגליך צו שיקען א דעלעגאציע פון 3 פערזאנען צו דר. הערצל;

ב) ביז צו דער ריקקעהר פון דער דעלעגאציע זיך אבצוהאלטען פון יעדער אגיטאציע;

ג) די דעלעגאציע איז בערעכטיגט, אויב עס זאל זיין נויטיג, צו שטעלען א אולטימאטום דר. הערצל'ן אינ'ם נאמען פון דער קאנפערענץ;

ד) די דעלעגאציע בעקומט א שריפטליכע אינסטרוקציע און פולמאכט, צו פאדערן פון דר. הערצל, אט וואס:

א) די רעגולירונג פון דער פערוואלטונג:

1) דר. הערצל איז דער פרעזידענט פונ'ם א. ק. און מוז זיך אונטערווארפען דער מאיאריטעט, ווי יעדער חבר, אויפגעבענדיג דאס סיסטעם פון אייגענמעכטי־גער ענטשיידונג;

2) דער גרויסער א. ק. איז פעראנטווארטליך פאר'ן קאנגרעס און דער קליי־נער א. ק., אלס א טייל פונ'ם גרויסען, איז פעראנטווארטליך פאר'ן גרויסען א. ק.;

3) יעדער ערנסטער פראיעקט מוז פארגעלעגט ווערען דעם גרויסען א. ק., איידער ער ווערט געשטעלט אויפ'ן סדר היום פונ'ם קאנגרעס. צו דעם צוועק מוז דער א. ק. ווערען איינגערופען לכל הפחות איין חודש פאר'ן קאנגרעס;

4) דער פרעזידענט פונ'ם א. ק. איז מחויב, איינצובערופען דעם א. ק. אדער דעם אויפזיכטסראט פון דער קאלאניאלבאנק, אויב עס האנדעלט זיך וועגען אונ־טערנעהמונגען, וואס זענען פערבונדען מיט גרעסערע הוצאות.

ב) איבער דעם פראיעקט פון מזרח־אפריקא:

1) דר. הערצל מוז צוזאגען, אז ער וועט, אלס פרעזידענט פונ'ם א. ק., נישט פארלעגען דעם קאנגרעס קיין שום אנדערע טעריטאריאלע פראיעקטען א חוץ א"י און סיריען;

2) דר. הערצל מוז צוזאגען, אז דער פראיעקט פון מזרח־אפריקא וועט ווערען גענצליך ליקווידירט און אראבגענומען פונ'ם סדר־היום פון דער טאגארדנונג פונ'ם קאנגרעס;

3) דר. הערצל מוז צוזאגען, אז ער וועט זיך בעמיהען, אז דער פראיעקט פון מזרח־אפריקא, זאל ווערען אבגעשאפט, העכסטענס ביז צום 7 קאנגרעס;

4) דר. הערצל זאָל צוזאָגען, אז ער וועט איינבערופען א זיצונג פונ'ם גרויסען א. ק. פאר דעם אוועקשיקען פון דער עקספעדיציע;

5) דר. הערצל זאָל צוזאָגען, אז די עקספעדיציע וועט נישט אוועקגעהען, איידער עס וועט נישט געענדערט ווערען דער 1 § פונ'ם באנק־סטאטוט בהסכם מיט'ן בעשלוס פונ'ם 3 קאָנגרעס (זעה אויבען זייט 140);

6) דר. הערצל זאָל צוזאָגען, תיכף אויפצונעהמען די פראקטישע ארבייט אין א"י, בהסכם מיט'ן באזעלער פראָגראם און אינ'ם ראהמען פון די בעשלוסען פון דעם צווייטען ציוניסטישען קאָנגרעס (זעה אויבען זייט ??). (דאָ ווערען אויסגערעכענט די פראקטישע ארבייטען, וואס דארפען זיך תיכף אָנהויבען: גאולת הארץ און א ארבייטער־קאָלאָניזאציע).

די דאָזיגע צוזאָגען מוזען געגעבען ווערען שריפטליך אין דער פאָרם פון א בריעף, אָדער פראָטאָקאָל;

7) די קאָנפערענץ גיט דער דעלעגאציע פרייע הענד איבער דעם אופן פון די אונטערהאנדלונגען מיט דר. הערצל;

8) אויב דר. הערצל וועט מסכים זיין מיט די פארשלאָגען פון דער דעלעגאציע, זאָלען אלע חברים דערפון פערשטענדיגט ווערען, אויב נישט זאָל תיכף ווערען איינגערופען א צווייטע קאָנפערענץ קיין וויען, מינסק, אָדער פעטערבורג, וואס זאָל בעשליסען איבער אונזערער ווייטערער טעטיגקייט;

9) אויב די אונטערהאנדלונגען מיט דר. הערצל זאָלען נישט פיהרען צו קיין רעזולטאט, שלאָגען א טייל חברים פאר פאָלגענדע קאמפמיטעל:

א) אויפהערען צו שיקען געלד קיין וויען; ב) א עפענטליכע קאמפיין אין דער פרעסע מיט די אונטערשריפטען פונ'ם קאָמיטעט; ג) אויסגאַבע פון ספּעציעלע אגיטאציע־שריפטען און בראָשורען; ד) אגיטאציע־רייזען פון קאָמיטעט־מיטגלידער אין די הויפּטפונקטען פון אייראָפּא און אמעריקא, כדי צו אָרגאניזירען א אָפּאָזיציע געגען די טעריטאָריאַלע פּראָיעקטען און געגען דעם אונקאָלעגיאַלען יחס פון דר. הערצל; ה) די פעראייניגונג פון אלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטען אין אלע לענדער; ו) איינבערופונג פון א קאָנגרעס פון די „נייך־זאָגער" אין מערב־אייראָפּא, פאר'ן 7 קאָנגרעס; ז) צו אונטערנעהמען שריט, אז עס זאָל אויפּרעכט ערהאלטען ווערען דער פריהערער כאראקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, אינ'ם זין פונ'ם באזעלער פּראָגראם, אויב עס זאָל זיך ארויסשטעלען, אז פונ'ם ציוניסטישען קאָנגרעס איז געוואָרען א טעריטאָריאליסטישער; ח) צו פערטיידיגען דאס אויסשליסליכע יורידישע רעכט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אויף אונזערע געלדאינסטיטוציעס — די באנק און דעם נאציאָנאלפאָנד — פאר דער עפענטליכער מיינונג און ביים האגער געריכטסהויף.

דער דאָזינער פונקט 9 איז נישט געוואָרען בעשלאָסען, נור איז געוואָרען ברייט ארומדיסקוטירט.

10) אין דער דעלעגאציע ווערען געוועהלט: בעלקאָווסקי, ראָזענבוים און טעמקין, אלס ערזאַץ־מאַן כהן־בערנשטיין.

11) ביז צו דער ריקקעהר פון דער דעלעגאציע זאָל מען אבהאלטען דאָס אוועקשיקען פון די שקל־געלדער קיין וויען".

אַט דאָס זענען די וויכטיגסטע בעשלוסען פון דער כארקאָווער קאָנפערענץ. זיי שטעלען מיט זיך פאָר א אָפענע אויפלעהנונג געגען די געוועהלטע פארטיי־אינסטאַנצען און האָבען, מיט זייער שארפער פאָרם, ארויסגערופען א שטארקען קאַמף, פערביטערונג און שנאה נישט נור אין דער רוסישער אָרגאַניזאציע, נור אויך אויף גאָר דער וועלט.

אלע אנדערע בעשלוסען פון דער כארקאָווער קאָנפערענץ בעציהען זיך אויף דער רעאָרגאַניזאציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע אין רוסלאַנד און זענען אויך א אונלעגאַלער אקט פונ'ם פאָרמעלען שטאנדפונקט, ווייל נור די אַלגעמיינע רוסישע קאָנפערענץ האָט געהאט דאָס רעכט, דורכצופיהרען אזא וויכטיגע רעאָרגאַניזאציע.

אין דער ערשטער צייט האָבען די „כארקאָווער" געהאַלטען זייערע בעשלוסען בסוד. אָבער אזעלכע זאכען לאָזען זיך, ביי יודען, נישט פערשטעקען. ווי נור דער עולם איז דערפון געוואויר געוואָרען האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען פּראָטעסטען געגען אוסישקין, טשלענאָוו און דער גאנצער כארקאָווער קאָנפערענץ.

„דאָס איז א חוצפה און נישט לאָיאַל צו שטעלען א אולטימאַטום א בעליבטען און געשעצטען פיהרער—האָבען געטענה'ט די געגנער פון אוסישקין וסיעתו.— א אולטימאַטום שטעלט מען נור א פיינד. דאָס צוריקהאַלטען פון געלדער איז אונלעגאַל! די געלדער האָט מען געזאַמעלט בפרוש פאָר'ן וויענער א. ק. און א „קליקע" פון מענשען — מעג עס זיין, ווער עס וויל, האָט נישט קיין רעכט צו פערפיגען איבער פרעמדע געלדער. פאַר אונז עקזיסטירען נישט קיין כאַרקאָווער בעשלוסען, זיי זענען בטול ומבוטל כעפרא דארעא. לעגט אַנידער אייערע מאַנדאַטען!

איהר זאָגט, אז הערצל איז א אויטאָקראַט, דערווייל פערלאַנגט איהר פון איהם, ער זאָל זיך נישט רעכענען מיט בעשלוסען פון א לעגאַל געוועהלטען קאָנגרעס, נור מיט די וואונשען פון א פּאָר מענשען!"

דער קאַמף איז געוואָרען וואָס אמאָל העפטיגער, די פּאָלעמיק בייסענדער...

עס האָט זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען ארום אוויגאָוויצקי און יאַסינאָווסקי א שארפע אָפּאָזיציע געגען די רוסישע פיהרער. דר. מאַנדעלשטאַם, איינער פון די עלטעסטע רוסישע ציוניסטען, האָט שארף פּראָטעסטירט געגען דאָס אָבהאַלטען פון א"י־געלדער.

אויך אין א"י האָט מען פּראָטעסטירט געגען אוסישקין און זיין קאַמף געגען הערצל׳ן.

אין וואַרשע, אָדעס, לאָנדאָן און אין א סך אנדערע מקומות האָבען זיך גע־בילדעט „קאָמיטעטען צום שוץ פון דער לעגאַלער אָרגאַניזאַציע" און זיי האָבען געפאָדערט ענערגיש א סוף צו מאַכען מיט די „כאַרקאָווער".

דער בירגערקריג אינ׳ם ציוניזם איז געווען אין פולען ברען...

הערצל האָט מיט גרויס צער געזעהען, ווי עס ברויזט דער שטורם אין דער בעוועגונג און דראָהט צו פערניכטען דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען מיט אזויפיל מיה. אָבער ער האָט גאָר נישט געקאָנט העלפען. ער האָט זיך אָבגעזאָגט, צו פער־האַנדלען מיט די „בונטאָווטשיקעס" און האָט נישט געוואָלט אויפנעהמען די „כאַרקאָווער דעלעגאַציע", טענהנ׳דיג, אז די כאַרקאָווער קאָנפערענץ איז געווען אונלעגאַל...

די דאָזיגע עובדה האָט נאָך מעהר פערשאַרפט די לאַגע. די „כאַרקאָווער" האָבען גערופען א קאָנפערענץ קיין פּעטערבורג, וועלכע האָט בעשטעטיגט אַלע פריהערע בעשלוסען און האָבען אָנגעזאָגט א קאַמף עד חרמה.

אינצווישען איז פאָרגעקומען א אינצידענט, וועלכער האָט אויפגעפייטשט די ליידענשאַפטען ביז צום העכסטען פונקט:

דעם 19 דעצעמבער האָט, בעת א חנוכה־אָוועגד אין פּאַריז, א רוסישער סטו־דענט לובאַן געמאַכט א אטענטאַט געגען נאָרדוי, שיסענדיג אויף איהם מיט א רעוואָלווער און שרייענדיג: „נידער מיט׳ן פּרעטער, מיט׳ן מזרח־אַפריקאַנער!" צום גליק האָט ער נישט געטראָפען.

נישט וויכטיג איז, וואָס דער דאָזיגער מענש איז געווען האַלב־משוגע, די עובדה, וואָס אזא געדאַנק האָט געקאָנט ענטשטעהען און ווערען צו א „צוואַנגס־פאָרשטעלונג" ביי וועמען עס איז, האָט בליצאַרטיג בעלייכטעט די מורא׳דיגע לאַגע פון דער בעוועגונג אין יענער צייט. עס האָט זיך בולט בעוויזען, אז די ניכ־טערנע לאָגיק האָט פערלוירען איהר ממשלה און בלינדע פאַנאַטישע ליידענשאַפ־טען בושעווען אין דער ציוניסטישער מחנה...

אין דער דאָזיגער אויפגערעגטער צייט האָט הערצל איינגערופען דעם גרויסען א. ק. קיין וויען.

2) די זיצונג פונ׳ם גרויסען א. ק. פון 11—15 אַפּריל 1904 אין וויען: מיט גרויסער שפּאַנונג האָט די גאַנצע ציוניסטישע וועלט געוואַרט אויף די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער זיצונג. מען האָט איבעראַל גע־פיהלט, אז עס איז געקומען די ענטשיידענדע שעה. ווייטער קען עס נישט אזוי געהען. ענטוועדער עס וועט קומען צו א שפּאַלטונג, אָדער ביידע צדדים וועלען מוזען מאַכען גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו קומען צו א קאָמפּראָמיס. א דאַנק דעם גרויסען טאַקטגעפיהל, ציוניסטישען פּאַטריאָטיזם און פעראַנטוואָרטליכקייטס־

געפיהל פון הערצל'ן איז טאקי געקומען צו א אויסגלייך פון די געגענזאצען. די דעבאטען זענען געווען אפטמאל שטורמיש, די פערהאנדלונגען האבען געטראגען א דראמאטישען כאראקטער, מ'איז אבער געזעסען אזוי לאנג, ממש דורך גאנצע טעג און נעכט, ביז עס איז געווארען געפונען א קאמפראמיס.

אין דער אנוועזענהייט פון דעם רוב מיטגלידער פונ'ם א. ק. און פון אלע רוסישע חברים האט הערצל געעפענט די זיצונג:

איך האב מיך ענטשלאסען, טראץ די קרענקונגען, וועלכע איך האב פון אייך דערליטען, צו רעדען צו אייך רייד פון שלום. איך וויים, וועלכע זארג און בעאונרוהיגונג וועגען דער איינהייט און דעם גורל פון דער בעוועגונג עס הערשט ביי די ציוניסטישע מאסען. איך וויל גריילעך פערגעסען וועגען אלץ, וואס איז געשעהען געגען מיין פערזאן, אבער איך קען נישט שווייגען, בעת עס האנדעלט זיך וועגען דעם אינטערעס פון דער ארגאניזאציע, וועגען איהר איינהייט און לעגאליטעט, וועגען אויספיהרען פון קאנגרעס־בעשלוסען.

די רוסישע רעגירונג האט אונז צוגעזאגט איהר הילף און איך ערווארט דערפון גוטע רעזולטאטען פאר אונזער בעוועגונג. אבער דער דאזיגער ערפאלג בערעכטיגט אונז נאך נישט, זיך אבצוזאגען פון ענגלאנד'ס אפערטע, וואס איז מסוגל צו געבען ברויט פאר הונגעריגע מאסען. איך, וועלכער האב צו עסען בעסערע מאכלים, האב נישט דאס רעכט צוריקצווייזען דאס ברויט פאר די הונגעריגע.

די עריינגנישען אויף דעם קאנגרעס האבען מיך טיעף ערשיטערט. נישט צוליב דעם, ווייל עס איז געווען א מינאריטעט געגען מיר, אויך נישט צוליב דעם, ווייל זי האט דעמאנסטריט, נור דאפאר, ווייל זיי האבען געצווייפעלט אין מיין טריישאפט צו ציון. אזוי לאנג האבען מיר צוזאמענגעארבייט און דאך האבען זיי געקאנט גלויבען, אז איך קען אויפגעבען א"י!

תיכף נאך דעם קאנגרעס האט זיך אנגעהויבען א אגיטאציע, וואס האט געבראכט א גרויסען שאדען פאר אונזער בעוועגונג. איך האב מיך בעמיהט, אויפצוקלעהרען די טעותים. צו דעם צוועק האב איך צו מיר געלאדען בעלקאווסקין און האב איהם געוויזען אלע דאקומענטען, וואס בעווייזען, אז איך האב ענערגיש פארטגעזעצט מיינע אנשטרענגונגען לטובת א"י. און טראצדעם איז פארגעקומען די כארקאווער קאנפערענץ. איך נעגיר די קאמפעטענץ פון דער דאזיגער קאנפערענץ. איך וויל, אז איהר זאלט אויסראטען דעם דאזיגען ווארם פון אונז. מיר ברויכען אונז נישט לאזען געבען פון קיינעם קיין לעקציע אין דער ליבע צו ציון. מיר ווילען ווידער שאפען א איינהייט אין אונזער ארגאניזאציע, אבער דערצו איז נויטיג, אז אלע זאלען זיך אונטערווארפען די בעשלוסען פונ'ם 6 קאנגרעס.

אין דער דעבאטע ערגרייפט דאס ווארט אלס ערשטער אוסישקין: פון הערצל'ן וויל איך גאר נישט. איך וויל בלויז דעם צוזאג פון דער גאנצער בעוועגונג, אז מיר וועלען זיך נישט בעפאסען מיט קיין אנדערער ארבייט, ווי נור

מיט א"י. הגם 295 מענשען האָבען געשטימט פאר מזרח־אפריקא, ערקלעהר איך עפענטליך, אז פאר מיר איז דער דאָזיגער בעשלוס נישט אָבּליגאַטאָריש, ווייל ער פערלעצט דאָס באַזעלער פּראָגראַם. זייט זיכער, אז, אויב איהר וועט בּלייבּען שטעהען אויף אייער שטאַנדפּונקט, וועלען מיר נישט קענען צוזאַמענאַרבּייטען. מען האָט אָנגערופען מיין בּריעף (זעה אויבּען זייט 226) א רעוואָלוציע, אָבּער הערצל'ס פּראָיעקט איז געוועזען א שטאַטס־שטרייך, טאָ האָבּען מיר גענטפערט מיט א רעוואָלוציע פון אונטען.

מיר מוזען אָנהויבּען צו אַרבּייטען אין א"י...

צווישענרוף פון הערצל: ווייזט אונז וויאַזוי מיר קענען אַרבּייטען אין א"י...

אוסישקין: אויב דר. הערצל גלויבּט נישט אין דער מעגליכקייט צו קאָלאָניזירען א"י, זאָל ער דעמיסיאָנירען, דאַן טאָר ער נישט שטעהען אין דער שפּיץ. מאַנכע זאָגען ענטשולדיגען דר. הערצל. א גרויסער מענש האָט אויך גרויסע פעהלער. מיר ווילען פּטור ווערען פון מזרח־אפריקא, ביז צום זיבּעטען קאָנגרעס. וועט אוגאַנדא נישט פאַלען, אַזוי וועלען מיר נישט קענען צוזאַמענ־אַרבּייטען.

דר. בערנשטיין כהן: דר. הערצל האָט אַמאָל געזאָגט, אז אונזער בעוועגונג שטעהט העכער, ווי דער איצטיגער ניוואָ פון די מאַסען. דאָס איז מיין ענפער אויף דער „בּרויט־פראַגע". אמת, די מאַסען ווילען „בּרויט", אָבּער מיר מוזען זיי בּרענגען די אמת'ע לעזונג און נישט קיין פילאַנטראָפּיע. די ציוניסטען פון מערב־אייראָפּא האָבּען פּונקט אַזוי ליב דאָס פאָלק, ווי מיר, אָבּער זיי פער־שטעהען דעם ציוניזם פון'ם שטאַנדפּונקט פון דער פילאַנטראָפּיע. (לעבּהאַפטער ווידערשפּרוך פון דייטשע ציוניסטען). מיר מוזען קומען צו א הסכם, ווייל דער ציוניזם וועט פערלירען, אויב הערצל זאָל געהען און די בּעוועגונג וועט פערלירען, אויב מיר וועלען געהען.

דר. מאַנדעלשטאַם: מען האָט מיר געמאַכט דעם פאָרוואורף, אז איך אַרבּייט ווייניג, אָבּער (צו די רוסישע חברים) אייער אַרבּייט איז א לערמענדע און א צערשטערענדע. אייערע דבורים זענען לויטער פּראַזען, ווייטער גאָר נישט. איך פּראָטעסטיר, וואָס איהר האָט אייך אין אייערע צירקולאַרען בּענוצט מיט אַזא פערזענליכען טאָן לגבי דר. הערצל.

דר. יאַסינאָווסקי: מיר דאַרפען דאָ נישט דיסקוטירען איבּער מזרח אפריקא, נור וויאַזוי מיר זאָלען אויספיהרען דעם בּעשלוס פון'ם זעקסטען קאָנ־גרעס. פאַר קיין דראָהונגען האָבּען מיר נישט קיין מורא. אַלע מוזען זיך אונטער־וואַרפען דעם קאָנגרעס־בּעשלוס.

דר. טשלענאָוו: (ענפערנדיג דעם דר. מאַנדעלשטאַם) אין מיינע ציר־קולאַרען האָבּ איך געשילדערט די לאַגע, ווי זי איז.

פראָפ. בעלקאָווסקי: איך האָב איבערגעגעבען דער כאַרקאָווער קאָנ־פערענץ דאָס, וואָס דר. הערצל האָט מיר געזאָגט, אז ער ארבייט מיט'ן גאַנצען כח פאַר א"י, אז ער איז אָבער נישט אָבגענייגט, צו אַקצעפּטירען א אנדערע היימ־שטעטע, אויב פאַלעסטינא זאָל זיין נישט דערגרייכבאַר.

דר. ראָזענבוים: אין כאַרקאָוו האָבען מיר אויפגעשטעלט א גאַנצע רייה פון פּרינציפּיעלע פאָרדערונגען. אין אלע פראַגען פון טאַקטיק וועלען מיר זיך אונטערוואַרפען, נור נישט אין דער לאַנדפראַגע. מיר אלע — אחוץ אוסישקין — זענען מסכים, אז דער בעשלוס וועגען דער עקספּעדיציע מוז ווערען אויסגעפיהרט, אָבער זאָל מען אונז קלאָהר ענפערן, וואָס מען איז אויסען מיט דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, צי וויל מען בלויז א קאָמיסיע, צי וויל מען דאָרט אַנהויבען צו ארביי־טען, אויב עס זאָל קומען א גוטער בעריכט. אין לעצטען פאַל מוזען זיך אונזערע וועגען פונאייגאַנדערגעהען.

דר. שייננקין: איך וויל וויסען, צי מען טהוט עפּיס פּראַקטיש אויף אין א"י. צי קען מען נישט אין א"י דאָסזעלבע דערגרייכען ווי אין מזרח־אפריקא. דער ציוניזם איז נישט קיין „ברויט־פראַגע".

דר. פרידמאַן: איך בין פאַר שלום אין דער בעוועגונג. דער דאָזיגער שלום ווערט אָבער בעדראָהט צוליב דער בעהויפּטונג, אז די דייטשע ציוניסטען זענען נישט אזעלכע גוטע ציוניסטען ווי אין מזרח. דאָס איז פאַלש. אויב די כאַר־קאָווער גלויבען, אז דער ציוניזם איז אָבהענגיג פון א פּאָר מענשען, אזוי לעבען זיי אין א טעות. דער ציוניזם איז אויך נישט אָבהענגיג דערפון, צי מיר עררייכען אונזער ציל היינט, צי מאָרגען. איהר האָט געשטעלט א אולטימאַטום דר. הערצל? אָבער, צי דען האָט דר. הערצל עפּיס אנדערש געטהון, ווי אויסגעפיהרט א קאָנגרעס־בעשלוס? איהר בלאָמירט די גאַנצע בעוועגונג, אויב איהר קענט בעהויפּטען, אז דר. הערצל איז א ערגערער ציוניסט, ווי אנדערע. אייער אולטימאַטום שפּרענגט די פּאַרטיי. עס מוז קומען צום שלום און יעדער צד מוז ברענגען א קרבן.

יאַקאָבזאָהן: אויך מיר ווילען שלום און אחדות, אָבער א אחדות אין געדאַנקען, אידעען, פּרינציפּיען. אוגאַנדא קען איבריגענס אויך נישט לעזען די „ברויט"־פראַגע. מיר ווילען האָבען א קלאָהרקייט, צי מיינט דר. הערצל ערנסט מיט אוגאַנדא, צי נישט. דאַדורך זענען מיר געגאַנגען קיין כאַרקאָוו.

אדאָלף שטאַנד: איך בין געקומען פון גאַליציען, כדי צו זיין א פער־מיטלער און צו שאַפען א איינהייט אין דער בעוועגונג, אויף דער באַזיס פון א בשותפות'דיגער אידעע. אין דער אוגאַנדא־פראַגע זענען מעגליך דריי אַלטערנאַ־טיווען, וועלכע לאָזען זיך אזוי פאָרמולירען: 1) ציון אָדער אוגאַנדא; 2) אוגאַנדא אלס וועג קיין ציון; 3) אוגאַנדא און ציון. מילא, דער וואָס זאָגט אוגאַנדא אָדער ציון, מיט דעם וועלען מיר נישט דיסקוטירען, ווייל ער האָט אויפ־געהערט — לויט אונזער אויפפאַסונג — צו זיין א ציוניסט. אוגאַנדא אלס מיטעל־

וועג? צו וואָס טויג אונז דער מיטעלוועג. קען מען בעקומען לייכט א"י איז גוט, אויב נישט מוזען מיר מאַכען גרעסערע אנשטרענגונגען. אוגאַנדא און ציון? מיר קענען קוים איין לאַנד קאָלאָניזירען, טאָ זאָלען מיר אויף זיך נעהמען די לאַסט פון נאָך א קאָלאָניזאַציע? כל זמן דער קאָנגרעס וועט נישט בעשליסען וועגען אוגאַנדא, וועל איך קעמפען געגען אוגאַנדא. וועט געפאַסט ווערען אזא בעשלוס, וויל איך, אלס דיסציפּלינירטער ציוניסט, נישט רעדען פאַר אוגאַנדא. איך וועל שווייגען.

טשלענאָוו: אויב עמיצער זאָגט: א"י און אוגאַנדא, אזוי בעגעהט ער נישט קיין פּעראַט לגבי דעם ציוניזם. אזוי ווי אוסישקין זאָגט, נור ער שאַפט א געפעהרליכע אילוזיע. מיר בּרויכען נישט קיין אילוזיעס! מיר זענען אַנהענגער פון שלום און אחדות. אָבער, ברידער, מיר מוזען אייך וואָרענען, אז די סכנה איז גרויס. דאָרט, וואו עס ווערען געבּראָכען אידעאַלען, איז נישטאָ קיין שלום. נור ציון קען אונז אייניגען.

גרינבערג: מזרח־אפריקא איז נישט דער ענדציל, מזרח־אפריקא איז דער שפּרונגברעט פאַר א"י. אויב די רוסישע חברים האָבען מורא פאַר אוגאַנדא, טאָ מוזען זיי, די „אַלטע גווארדיע", ערשט רעכט בּלייבען אין דער אָרגאַניזאַציע. אין דער איצטיגער קאָמפּליצירטער לאַגע איז נור פאַרהאַנען איין אויסוועג. זאָל דר. הערצל אָננעהמען מזרח־אפריקא און זאָל ער עס איבערגעבען אנדערע יודישע קערפּערשאַפטען.

דאָס שלוסוואָרט האָט הערצל: די כּאַרקאָווער קאָנפערענץ איז געווען א קריגסערקלעהרונג. איך האָב נאָך נישט געגען קאַמף, אָבער ער ווערט נישט גע־פיהרט מיט לעגאַלע מיטלען. אויף דעם קאָנגרעס וועל איך נישט אויסאיבען קיין שטאַרקען דרוק. זאָל דאָס פאָלק אליין דעצידירען.

מ'בּרענגט אריין א געגענזאַץ צווישען דער לייטונג און דער אָרגאַניזאַציע. אָבער עס זענען פאַרהאַנען פונקציעס, וועלכע די אָרגאַניזאַציע קען נישט ערפילען, נור איינצעלנע פּערזאָנען. איך בין געקומען צו אייך אלס „יודענשטאַטלער", אָבער אין לויף פון דער צייט האָב איך מיך איבערצייגט, אז די איינציגע, אמת'ע לעזונג איז נור א"י. איך בין געוואָרען און געבליבען א ציוניסט. קיינער האָט נישט קיין גרונד, מיר נישט צו גלויבען. איך בין אייך מוחל, וואָס איהר האָט געטהון געגען מיין פּערזאָן, און בעט אייך, צו ערפילען אייער חוב. קעמפט, אז איהר זאָלט ווערען א מאַיאָריטעט אויף דעם קאָנגרעס, אָבער אַרבּייט נישט מיט מיטלען פון דער בעוועגונג געגען די בעוועגונג. איך ראָט אייך, אז איהר זאָלט אייך אונטערוואַרפען אונטער די קאָנגרעס־בעשלוסען.

צולעצט איז געוואָרען געוועהלט א קאָמיסיע, וועלכע איז געווען צוזאַמענ־געזעצט פון ביידע צדדים, און, נאָך א לאַנגער בּעראַטונג, האָט די קאָמיסיע ער־צילט א קאָמפּראָמיס, פאָרשלאָגענדיג פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„דער גרויסער א. ק. נעהמט מיט בעפרידיגונג צו קענטניס די בעמיהונגען פונ'ם ענגערען א. ק. לטובת פון א"י. דער גרויסער א. ק. זעצט פאראויס, אז דער ענגער א. ק. וועט זארגען פאר דעם ארויסשיקען פון א אויספארשונגס־קאמיסיע פאר מזרח־אפריקא, בהסכם מיט די בעשלוסען פונ'ם זעקסטען קאנגרעס. אזוי ווי אבער דער זיבענטער קאנגרעס וועט ערשט ענטשיידען איבער דער קאלאניזירונג פון מזרח־אפריקא, בלייבט די דיסקוסיע איבער אלע פראגען, לויט די ביזאיצטיגע מנהגים, פריי.

ווייטער האט דער גרויסער א. ק. נאך א גרינדליכער אויסשפראכע אויפ־געקלעהרט אלע מיספערשטענדנישען, וועלכע זענען ענטשטאנען אין די לעצטע חדשים".

די דאזיגע רעזאלוציע איז געווארען אנגענומען מיט אלע שטימען געגען קאוועו און יאסינאווסקי.

צו דער דאזיגער רעזאלוציע, האט דער ענגערער א. ק. פארגעשלאגען פאל־גענדען צוזאץ־אנטראג, וועלכער איז געווארען אנגענומען:

„די פרינציפיעלע דיסקוסיע איבער מזרח־אפריקא שטעהט פאר א יעדען פריי, דערביי זענען זיך די א. ק. ־ חברים מתחיב, נישט נור צו פערמיידען אלע בערזענליכע אנגריפע אין אמטליכע צירקולארען, נור אויך אויסצואיבען זייער השפעה, אז אזעלכע פערזענליכע קאמפען זאלען בכלל נישט פארקומען".

דר. הערצל גיט אב א ערקלעהרונג, אז בהסכם מיט די בעשלוסען פונ'ם זעקסטען קאנגרעס וועט דער א. ק. נישט פערווענדען קיין שום „ציוניסטישע" געלדער פאר דער מזרח־אפריקאנישער עקספעדיציע.

דער א. ק. הערט נאך אויס א בעריכט איבער'ן נאציאנאלפאנד, איבער דער קאלאניאלבאנק, איבער דער טעטיגקייט פון דער פאלעסטינא־קאמיסיע, און עס ווערען אנגענומען ענטשפרעכענדע רעזאלוציעס.

אינ'ם שלוסווארט האט געזאגט טשלענאוו: איך בין גליקליך, וואס איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער א. ק. און זיין פרעזידענט בעמיהען זיך פלאנמעסיג ענערגיש און קלוג צו ארבייטען פאר א"י. מיר קענען רוהיג א היים באהרען און אנהויבען צו ארבייטען מיט א נייעם מוט. נישט אלעס איז שוין געקלעהרט, אבער מיר האפען, אז דאס וועט געשעהען אין דער נאהנטעסטער צו־קונפט. עס וועלען זיך צערגעהען די וואלקענס, און עס וועט לייכטען איין שטערן: ציון.

איך שטעל צוזאמען מיט דר. קלעע פאלגענדען אנטראג: „דער גרויסער א. ק. דרוקט אויס דעם ענגערען א. ק. זיין פולען צוטרוי".

דער דאזיגער אנטראג איז געווארען אנגענומען דורך אקלאמאציע.

הערצל: איך דאנק אייך נישט נור אין מיין נאמען און אינ'ם נאמען פונ'ם א. ק., נור אויך אינ'ם נאמען פון דער בעוועגונג. די זיצונג איז געשלאסען.

אַט אזוי האָט די זיצונג פונ׳ם גרויסען א. ק. אריינגעבראכט ווידער שלום אין די ציוניסטישע רייהען.

3) פּאַרטייקאָנפערענצען: אין דעמדאָזיגען פעריאָד זענען פּאָרגעקומען א גאנצע רייה פון קאָנפערענצען, אזוי פון די איטאַליענישע, ארגענטינישע, דייטשע, עסטרייכישע ציוניסטען, וועלכע האָבען אָבער נישט קיין שום געשיכטליכען אינטערעס. עס איז נור כדאי צו בעמערקען, אז ביחס צו אוגאַנדא האָט דער פּאַרטייטאג פון די דייטשע ציוניסטען, וועלכער האָט געטאגט דעם 22 און 23 מאַי 1904, אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„די אָפערטע פון דער ענגלישער רעגירונג דאַרף בעטראכט ווערען אלס א גרויסער פּאָליטישער ערפאָלג פונ׳ם ציוניזם. אזוי ווי אָבער אונזער ציל איז און בלייבט א״י, האָט די קאָלאָניזאציע פון מזרח־אפריקא מיט אונזער פּראָגראם און מיט אונזערע בעשטרעבונגען קיין שום שיכות נישט. אלס ריין פילאנטראָפּישע הילפסאקציע פערדינט אָבער דער פּראָיעקט, צוליב זיין גרויסקייט, אונזערע גרעסטע אויפמערקזאמקייט. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס טאָר דער ציוניזם זיך נישט בעפאַסען מיט זיין רעאַליזאציע און די מאַטעריעלע און אָרגאַניזאטאָרישע מיטלען טאָרען נישט פעסטגעלעגט ווערען אויף אוגאנדא. די אויספיהרונג פונ׳ם פּראָיעקט — אויב עס זאָל זיין בכלל מעגליך — מוז ליגען אין די הענד פון די בעשטעהענדיגע אָרגאַניזאציעס און פון קאָלאָניזאציע־געזעלשאַפטען, וואָס זאָלען ווערען צוליב דעם געגרינדעט. אזוי ווי דער ציוניזם דאַרף זיין בלויז א פערמיטלער צווישען דער ענגלישער רעגירונג און צווישען יענע יודישע אינסטאַנצען, וואָס קומען אין בעטראכט, האָט ער צו זיכערן דעם נאציאָנאלען פרצוף פון דער קאָלאָניזאציע. אויב די קאָלאָניזאציע־געזעלשאַפטען וועלען זיך אָבזאָגען פון זייער מיטארבייט, דאַרף מען לאָזען דעם פּראָיעקט פאַלען“.

אין דערזעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען אין קראָקאָ דער פּאַרטייטאָג פון „די יודישע ארבייטער און האנדעלסאנגעשטעלטע“. א חוץ מיט לויפענדע, לאָקאלע ענינים האָט זיך דער פּאַרטייטאג אויך בעפאַסט מיט פּראָגראמאטישע פראגען. נתן גראָס האָט רעפערירט איבער „אונזער שטעלונג צום ציוניזם און צו דער סאָציאַלדעמאָקראַציע“ און האָט פאָרגעלעגט פאָלגענדע טעזען, וועלכע זענען געוואָרען אָנגענומען:

1) מיר שטעהען אויף דעם באָדען פונ׳ם באַזעלער פּראָגראם און אינ׳ם ראַהמען פון דער אָרגאַניזאציע, וואָס איז געוואָרען געשאַפען אויפ׳ן קאָנגרעס;

2) מיר זעהען אינ׳ם ציוניזם נישט קיין קלאַסענפּאַרטיי, נור די רעפּרעזענטאַנץ פון אלע קלאַסען און שיכטען פונ׳ם יודישען פאָלק, וואָס ווילען זיכערן די ווייטערע עקזיסטענץ פון דער נאַציע דורך דער שאַפונג פון א היימשטעטע (א״י אויסגעלאָזט! י. מ.). דער ציוניזם פערלאַנגט אַלזאָ נישט פון זיינע אנהענגער, צו פערלייקענען זייערע געזינונג אויף דעם סאָציאַלען געביט;

3) דאס יודישע פראלעטאריאט קען נישט זיין דער אביעקט פון אונזער בע־וועגונג, נור מוז זיין אי דער אביעקט אי דער סוביעקט. די ציוניסטישע פאליטיק מוז און קען זיין א דעמאקראטישע, וואס וועקט אלע כחות פונ׳ם פאלק, כדי זיי צו שטעלען אינ׳ם דינסט פון אונזער ענדציל;

4) די יודישע ארבייטערשאפט קען זיך אזוי ארגאניזירען אינערהאלב פונ׳ם ציוניזם, אז זי זאל זיך אונטערווארפען ציוניסטיש־פאליטיש דעם קאנגרעס, און זאל זיין אויטאנאם אין דער סאציאל־ווירטשאפטליכער טעטיגקייט;

5) די לאגע פונ׳ם יודישען ארבייטער און אנגעשטעלטען איז נישט אידענ־טיש מיט דער לאגע פון די נישט־יודען, ווייל דאס יודישע פראלעטאריאט האט נישט נור צו קעמפען געגען דער אויסבייטונג, נור האט נאך מעהר צו ליידען, צו־ליב דער ווירטשאפטליכער פערדרענגונג. צוליב דעם טאר די יודישע ארבייטער־שאפט נישט שטעלען איהרע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אינ׳ם דינסט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע אנערקענט נישט די דאזיגע עובדה, און וועמענס אויפגאבען עס מוזען בלייבען אזוי לאנג פאר׳ן יודישען פראלע־טאריאט פון צווייטראנגיגער בעדייטונג, ביז עס וועט נישט מעגליך זיין, צו שאפען א נארמאלע קלאסענענטוויקלונג פונ׳ם יודישען פאלק, דורך א אייגענער טעריטאריע״.

אין די דאזיגע טעזען איז שוין פארהאנען דער וויכטיגסטער קערן פון דער פועלי־ציוניסטישער תורה (זעה ווייטער).

כאראקטעריסטיש פאר דעם יחס פון דער ציוניסטישער בעוועגונג צו דער לאנדעספאליטיק איז געווען די קאנפערענץ פונ׳ם לעמבערגער דיסטריקט־קאמיטעט, וועלכע איז געווארען צונויפגערופען דעם 15 נאוועמבער 1903. אויף דער דאזיגער קאנפערענץ האט דר. לעווענהערץ רעפערירט איבער „אונזער שטע־לונג צו די נישט־יודישע, פאליטישע פארטייען אין גאליציען״ און האט פארגע־שלאגען פאלגענדע רעזאלוציעס, וועלכע זענען געווארען אנגענומען:

„1) די קאנפערענץ ערקלעהרט, אז עס איז געוואונשען, צו הויבען די פא־ליטישע רייפקייט ביי יודען;

2) די טאקטיק ווערט איבערגעלאזט די איינצעלנע ציוניסטישע ארגאניזא־ציעס, בהסכם מיט די לאקאלע פערהעלטנישען. די לאנדעספאליטיק זאל זיך אבער ריכטען לויט פאלגענדע גרונדזאצען:

א) מיט אלע מיטלען זאל בעקעמפט ווערען די וואהלקארופציע;

ב) ביי די וואהלען צום פארלאמענט זאל מען וועהלען נור אזעלכע קאנדי־דאטען, וועלכע וועלען זיך מתחיב זיין, צו ערגרייפען דאס ווארט ביי אלע ענינים, וואס זענען נוגע יודען, לטובת פון זייער גלייכבערעכטיגונג, און וועלכע געבען די זיכערקייט, אז די צוגעהעריגקייט צו די פרטייקלובען וועט נישט בעשרענקען זייער אינטערווענץ לטובת פון די יודען;

3) פון די יודישע קאנדידאטען מוז מען פערלאנגען א אכטונג פאר אונזערע נאציאנאלע אספיראציעס. אויב עס וועט נישט זיין קיין גענוגענדע זיכערהייט דאפאר, זאל מען ליבער אונטערשטיצען נישט־יודישע קאנדידאטען, אויב זיי סימפאטיזירען מיט אונזער בעוועגונג;

4) די דאזיגע אידעען דארפען אויך פראפאגירט ווערען אויסערהאלב פון דער פארטיי. אין דעם פויליש־רוטענישען סכסוך האלטען מיר פאר ווינשענסווערט די פולקאמענע נייטראליטעט".

מיר וועלען זעהען, אז 15 יאהר שפעטער וועט, בעת דעם פויליש־אוקראאינישען קריג אין מזרח־גאליציען, רעאליזירט ווערען די דאזיגע לעצטע רעזאלוציע.

איין און דרייסיגסטער קאפיטעל.

הערצל׳ס ..לעצטער קאפיטעל.

הערצל׳ס געזונדהייטסצושטאנד איז געווארען אלע מאל א ערגערער. די דאקטוירים האבען איהם דרינגליך געראטען, איבערצורייסען יעדע ארבייט און צו פאהרען קיין פראנצענסבאד. דעם 3 מאי 1904 איז הערצל אהין געפאהרען. זיין געזונדהייטסצושטאנד האט זיך אבער נישט געבעסערט. הערצל פיהלענדיג, אז עס שלאגען זיינע לעצטע שעה׳ן, הויבט אן אלעס צו ארדנען. איינמאל איז ער געזעסען א גאנצע נאכט און האט געשריבען א מעמאראנדום צו דער רוסישער רעגירונג. „און אזוי ווילסטו געזונד ווערען" פרעגט איהם דר. קאצענעלזאהן, וועלכער האט איהם בעזוכט דעם 9 מאי. „איך מוז מיך צואיילען, עס קומען די לעצטע טעג" האט געענפערט הערצל.

באלד פערלאזט ער פראנצענסבאד און פאהרט צוזאמען מיט זיין פרוי קיין עדלאך ביים סעמערינג. די פרישע לופט און די טרייע פלעגע פון זיין פרוי האבען גורם געווען, אז זיין געזונדהייטסצושטאנד האט זיך אביסעל געבעסערט. אבער נישט אויף לאנג. הערצל האט זיך פערקיהלט און בעקומען א לונגענענטצינדונג. איצט האט ער געוואוסט, אז זיין סוף איז נאהנט. ער האט תיכף געלאזט טעלעגראפירען נאך זיין מוטער און קינדער. דעם 3 יולי 1904 (כ׳ תמוז תרס״ד) איז באלד אין דער פריה איינגעטרעטען א צושטאנד פון שלאפקייט. ער האט בעשווארען די דאקטוירים, זיי זאלען איהם נישט לאזען שטארבען, ביז עס וועט אנקומען זיין מוטער און זיינע קינדער. „עס האט זיך אנגעהויבען — דערצעהלט דר. פרידמאן — א מורא׳דיגער געראנגעל צווישען דר. הערצל און... דעם טויט. אין א הייסען תמוז-טאג איז ער געלעגען איינגעהילט אין דעקען און עס איז איהם געווען קאלט. טראצדעם האט ער זיך נישט געקלאגט אפילו מיט איין ווארט". אז זיין מוטער איז געקומען האט ער זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כחות, כדי צו רעדען מיט איהר א פאר פריינדליכע ווערטער. זיין זון האנס האט ער אנגעזאגט צו זיין א טרייער ארבייטער פאר׳ן יודישען פאלק...

זייגער 5 נאכמיטאג האט זיין ריינע נשמה פערלאזט אויף אייביג דעם אבגעמוטשעטען קערפער...

קיין שום פעדער איז נישט אימשטאנד אנצוצייכענען דעם איינדרוק פון הערצל׳ס טויט אויף זיינע נאהנטעסטע. אט שטעהט הערצל׳ס פרוי, יוליע, פערצווייפעלט, שטום מיט אויפגעריסענע אויגען און פארדערט פון הערצל׳ס חברים: גיט מיר אב מיין מאן. איך האב אייך איהם אין גאנצען געגעבען און איהר ברענגט מיר צוריק א בר־מנן. אין א ווינקעל רייסט זיך אויס הערצל׳ס מוטער די האר פונ׳ם קאפ און קלאגט: רבונו של עולם! דו האסט מיר צוגענומען די טאכטער, א יונג קינד, און איך האב געשוויגען. דו האסט מיר צוגענומען מיין מאן און איך האב מיך געטרייסט. אבער מיין איינציגער שטאלץ איז געווען דאס, וואס איך בין געווען דר. הערצל׳ס מוטער, און איצט ליגט ער אין קבר און איך לעב...

אויך דער איינדרוק פון הערצל׳ס טויט אויף די יודישע מאסען איז נישט צום בעשרייבען. פון הונדערטער ערטער זענען אנגעקומען טעלעגראמען. אלטע יודען האבען געוויינט, ווי קליינע קינדער. א גאנץ פאלק האט בעוויינט דעם גרויסען פערלוסט, וואס וועט נישט ווערען אזוי גיך ערזעצט אין דער יודישער געשיכטע.

כדי אבער צו געבען א געוויסען בעגריף וועגען דעם איינדרוק אויף דער יודישער גאס, לאמיר דא ברענגען א קארעספאנדענץ פון אדעס, וועלכע איז געווארען געדרוקט אין דער „הצפירה“.

„די שרעקליכע ידיעה וועגען הערצל׳ס טויט איז אנגעקומען פונ׳ם וויענער אקציאנסקאמיטעט כ״א תמוז, 6 א זייגער נאכמיטאג. פייל פון בויגען האט זיך די ידיעה געטראגען איבער דער גאנצער שטאט.

די געשעפטען האבען זיך אנגעהויבען צו פערמאכען. פרויען און מענער זענען געלאפען פערסאפעט, דערשראקען: איז עס אמת... „הערצל לעבט נישט!“ האט זיך געהערט אין אלע עקען. מען האט געזעהען, ווי מענשען וויינען, חלש׳ן, רייסען זיך אויס די האר פון קאפ, בקצור מען האט דערלעבט אזעלכע סצענעס, ווי מען זעהט זיי קיינמאל נישט אין אדעס.

די מאסען האבען זיך א לאז געטהון אין דער שוהל „יבנה“. זייגער זיבען איז די שוהל געווען פול געפאקט. מענער און פרויען זענען געקומען אין די הונדערטער, און דערהערענדיג, אז עס איז אמת, האבען זיי אנגעהויבען אזוי היסטעריש צו וויינען און צו שרייען, אז מען האט דאס געהערט ביז אין די ווייטעסטע גאסען...

אין אזא צושטאנד האט מען נישט געקענט מאכען קיין הזכרה. דעם אנדערען טאג, זייגער 5 אין דער פריה האט מען ערשט געמאכט די ערשטע הזכרה. עס זענען געווען אנוועזענד בערך 1000 מאן. לעווינסקי איז ארויף אויף דער במה, אבער ער האט נישט געקענט ארויסרעדען קיין ווארט. „לאמיר נישט מספיד זיין אונזער גרויסען מת מיט קיין ווערטער. דער צער איז צו גרויס. לאמיר... וויינען“.

ווי דער חזן האט אנגעהויבען צו זאגען „אל מלא רחמים“ איז ענטשטאנען אזא געוויין, אז קיינער האט קיין ווארט נישט געהערט.

א סך געשעפטען זענען געווען א גאנצען טאג פערשלאָסען.

ביי נאכט איז פארגעקומען א צווייטע הזכרה. און ווידער קולות, א געוויין, א געיאָמער און חלשות".

און אט אזוי האט דאס יודישע פאלק אומעטום בעוויינט הערצל'ן.

און צי זאָלען מיר נאך פערלירען ווערטער, כדי אָבצושאצען הערצל'ס פער־זענליכקייט? עס דאכט זיך אונז, אז דאס איז נאך אלעמען נישט מעהר נויטיג. און עס איז אויך נישט מעגליך פאר מיר. ווייל וואס איז הערצל געווען? צי איז ער געווען בלויז א פאליטיקער? א גרעסערער פאליטיקער איז געווען דיזראעלי; א דיכ־טער? היינריך היינע האט געזונגען שעהנערע לידער; א פילאָזאָף? אָבער ברוך שפינאָזא איז געווען א טיעפערער פילאָזאף; א סאָציאָלאָג? קארל מארקס איז בלי ספק געווען א גרעסערער סאָציאָלאָג.

הערצל האט פעראייניגט אין זיין רייכער נשמה אָט די אלע מדות און האט אלע כחות מאָביליזירט פאר'ן יודענטום. היינריך היינע האט געזונגען דייטשע לידער — הערצל — דאס ליד פון דער יודישער בעפרייאונג; דיזראעלי האט פער־פעסטיגט די וועלטמאכט־שטעלונג פון ענגלאנד — הערצל האט געשאפען די יודי־שע פאליטיק. קארל מארקס האט געחלומט וועגען דער בעפרייאונג פון א קלאס און ברוך שפינאָזא האט אויסגעקלעהרט א אבסטראקטע פילאָזאָפישע פארמולע. הערצל האט געשאנקען דעם יודישען פאלק א פאזיטיווע לעבענס־פילאָזאָפיע און ער האט געחלומט איבער אלט־ניילאנד: „אויב איהר ווילט איז עס נישט קיין מעשה'לע". און דאדורך האט איהם דאס יודישע פאלק ליב געהאט.

אָבער נישט נור די יודען. א קריסטליכע פרוי שרייבט איבער איהם: „איבער זיין שעהנקייט וויל איך רעדען, ווייל שעהן איז ער געווען ווי א סירישער קעניג".

א שטאָלצער טיפער און טרייער יוד איז ער געווען און דאדורך איז זיין פער־לוסט געווען אזוי גרויס. ווי האט געזונגען איבער איהם דער העברעאישער דיכטער יעקב כהן?

„הוא מת! האם יש אלהים בעולם?
הישנו עולם ואנחנו חיים בו?
הוא מת! ומה תבקש עוד המשחית?
הא לבי לך! — מחזי אעקור לבי
וזרקתיו השמימה — הא לך לבי
את מוחי אעקור קרעים קרעים, אקרע בשרי —
הא מוחי, בשרי, דמי לך, אכזרי!".

צוויי און דרייסיגסטער קאפיטעל.

די קאָלאָניזאַציע אין א״י;

דער פעריאָד פון דער „סיסטעמאַטישער פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע". 1907—1899.

זעהר ריכטיג רופט אן רופין דעם דאָזיגען צייטאָבשניט אלס דעם פעריאָד פון דער סיסטעמאַטישער פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע. די שלעכטע ערפאַהרונג, וואָס ראָטשילד האָט געמאַכט מיט דעם ביזאיצטיגען קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, האָט געפיהרט דערצו, אז ער האָט איבערגעגעבען דער י. ק. א. די וויטערע פערוואַל־טונג און רעאָרגאַניזאַציע פון דער קאָלאָניזאַציע. און הגם די י. ק. א. האָט נישט בעוויזען צו בעזייטיגען אלע נעגאַטיווע ערשיינונגען פון דעם פילאַנטראָפּישען קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, האָט זי אָבער — דאָס מוז מען מודה־זיין — טיילווייז סאַנירט די קאָלאָניעס און זיי אוועקגעשטעלט אויף א געזונטער באַזיס. דער פּלאַן, וועלכען די י. ק. א. האָט געהאַט בדעה אדורכצופיהרען, איז געוואָרען פאָרמולירט אין איהר בעריכט פונ'ם יאָהר 1900, וועלכער לויטעט אַט וויאַזוי:

„די קאָלאָניעס, וועלכע זענען געוואָרען סובווענציאָנירט דורכ'ן באַראָן ראָט־שילד, זענען איבערגעגאַנגען אין אונזער אדמיניסטראַציע, זייט דעם ערשטען יע־נער 1900. צוליב די גרויסע קרבנות, וועלכע די קאָלאָניזאַציע האָט מיט זיך גע־בראַכט, וועלכע שטעהען נישט אין קיין שום יחס צו די קאָלאָניזירטע אַרבייטער, געפונען מיר פאַר נויטיג, דורכצופיהרען א גרינדליכע ענדערונג. דער הויפּט־געדאַנק פון אונזער רעפאָרם לאָזט זיך אזוי פאָרמולירען:

1) די פעראיינפאַכונג פון דער אדמיניסטראַציע און די רעדוקציע פונ'ם אדמיניסטראַטיווען פערזאָנאַל;

2) די רעדוקציע פון אויסגאַבען, וועלכע קענען נישט בעטראַכט ווערען אלס פּראָדוקטיווע. צוציהונג פון די קאָלאָניסטען צו קאָמונאַלע אַרבייטען;

3) רעדוקציע פון אנבוי־ און פּראָדוקציע־קאָסטען;

4) די אָרגאַניזירונג פונ'ם פערקויף;

5) איינפיהרונג פון רענטאַבלע קולטורען;

6) צוזאַמענפאַסונג פון צערשטרייטע שטחים".

די י. ק. א. האָט זיך באלד גענומען צו רעאַליזירען דעם דאָזיגען פּראָגראַם.

זי האָט פּערקלענערט די אונטערשטיצונג פאַר די איינצעלנע קאָלאָניסטען, און דאָדורך האָט זי זיי געצוואונגען צו ווערען מעהר זעלבסשטענדיג. זי האָט בעגינסטיגט די זעלבסטפערוואלטונג פון די קאָלאָניעס און האָט איבערגעגעבען די ווייןקעלער־רייען אַ סינדיקאַט („כרמל"־געזעלשאַפט) פון די קאָלאָניסטען אין אייגענער פערוואלטונג. דער דאָזיגער סינדיקאַט איז צוגעטרעטען צו אַ ראַדיקאַלען שריט. ער האָט פערניכטעט גרויסע שטחים פון ויין און בעפלאַנצט מיט אַנדערע פּרוכטען (אָראַנזשען, מאַנדעל, אויקאַליפּטוס). דאָס איז נאַטירליך נור מעגליך געווען דורך די גרויסע געלד־צוווייזונגען פונ'ם „נדיב הידוע". אין פּתח־תקוה, חדרה, רחובות, נס־ציונה איז מען אַריבערגעגאַנגען אויף בעדייטענדע שטחים צו אָראַנזשען־פלאַנצונגען, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר זעהר רענטאַבעל און וועלכע ווען שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דער קאָלאָניזאַציע פון א"י.

טראָץ די דאָזיגע רעפאָרמען האָט זיך אָבער דאָס גענאַמטבילד נישט וועזענטליך פערענדערט. עס האָט זיך געענדערט דער סיסטעם, אָבער נישט די מענשען. די קאָלאָניסטען, וועלכע פלעגען צו בעקומען געלד פון ראָטשילד, האָבען זיך נישט צוגעוואוינט צו אַרבייט. זייערע קינדער האָבען זיי געשיקט שטודירען אין אויסלאַנד, אַזוי אַז דאָס „יודישע דאָרף" האָט נישט געהאַט קיין נאַכוואוקס. די פלאַנצונגסווירטשאַפט פאָרדערט אין דער „סעזאָן" אַ גרויסע צאָהל פון לוינאַרבייטער און... בילינע, „געהאָרכזאַמע" אַרבייטער האָט דער קאָלאָניסט געפונען נור ביי די אַראַבער. די אַראַבישע ווירטשאַפט האָט געליפערט דעם יודישען דאָרף אייער, פּוטער, מילך, גרינצייג א. א. וו. דער יוד איז געווען דער „בועזי", דער פּלאַנטאַטאָר. דער אַראַבער האָט נישט נור פערקויפט זיין אַרבייטסקראַפט אַלס לוינאַרבייטער אין דער יודישער קאָלאָניע, נור האָט אויך פּראָדוצירט פאַר דערזעלבער קאָלאָניע אַלע נויטיגע לעבענסמיטעל. דער יודישער אַרבייטער האָט נישט געקאָנט האָבען קיין דריסת־רגל אין דער קאָלאָניע, צוליב זיינע העכערע בעדערפנישען און קולטורעלען ניוואָ. גראָד פערקעהרט: אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווירטשאַפטליכער רעאָרגאַניזאַציע איז געוואַקסען — ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען — די אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען יודען. און פּונקט ווי די י. ק. א. האָט עוקר מן השורש געווען די „אונרענטאַבלע" פלאַנצונגען... אַזוי האָט זי אויך אָרגאַניזירט די עמיגראַציע פון א"י.

נאַטירליך האָבען געמוזט די דאָזיגע ערשיינונגען שטאַרק ווירקען אויף דער ציוניסטישער עפענטליכער מיינונג. כדי צו בעזייטיגען די דאָזיגע, ווי אויך אַנדערע נעגאַטיווע ערשיינונגען, איז די י. ק. א. איבערגעגאַנגען אין איהר נייער קאָלאָניזאַציע, אין גליל התחתון, צום סיסטעם פון דער עקסטענזיווער ווירטשאַפט, צום ריינעם געטריידע־בוי. אויף דער דאָזיגער באַזיס זענען געוואָרען געגרינדעט די קאָלאָניעס סעדזשערא, מסחה ימה, בית שען, מלחמיה.

די י. ק. א. האָט אויסגעטיילט אַ גרעסערען שטח באָדען פון 200—300 דונאָם פאַר אַ יעדען קאָלאָניסט. דעם באָדען האָט די י. ק. א. נישט באַלד פערטיילט

צווישען די קאָלאָניסטען, נור בלויז פערפּאַכטעט. ערשט נאָך אַבלויף פון א געוויסער צייט, נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטען האָבען זיך בעוויזען פאַר פעהיג, האָט זי מיט זיי אָבגעשלאָסען קאָנטראַקטען. יעדער קאָלאָניסט האָט בעדאַרפט אויסצאָהלען דעם גאַנצען סכום (בערך 20.000 פראַנק) מיט 2% יעהרליכער פערצינזונג.

דאָס דאָזיגע סיסטעם איז בלי ספק א סך געזונטער, ווי דאָס ביזאיצטיגע. אין גליל התחתון טרעפען מיר שוין אָן א אמת'ען יודישען פויער, וועלכער איז צוגעבונדען צום באָדען. אָבער די ערפאַהרונגען, וועלכע מיר האָבען געמאַכט מיט די קאָלאָניעס אין גליל התחתון האָבען אונז בעוויזען, אז דער ריינער געטריידע־בוי איז אויך נישט די ענטשפּרעכענדע קאָלאָניזאַציע־פאָרם פאַר א"י, פאַר'ן יודישען מענשענטיפּ און פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. דער ריינער געטריידע־בוי ערמעגליכט דעם קאָלאָניסט צו פיהרען א זעהר אָרים לעבען און גיט נישט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען אלע עקאָנאָמישע פעהיגקייטען. די עקסטענזיווע ווירטשאַפט גיט נישט קיין מעגליכקייט צו א געדעכטען יודישען ישוב און שטעהט דאדורך אין א סתירה צו אונזערע נאַציאָנאַלע בעדערפנישען.

עס וועט ערשט קומען די תקופה פון דער „נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע", וועלכע וועט לערנען פון די ביזאיצטיגע פעהלערן און וועט אריינפיהרען אין דער קאָלאָניזאַציע א נייען ווירטשאַפטליכען סיסטעם, דעם סיסטעם פון דער „געמישטער ווירטשאַפט". די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע וועט מאַכען אונאָבהענגיג דעם קאָלאָניסט פון א דרוקענדער אדמיניסטראַציע און וועט בעווייזען, אז א נאַציאָנאַלען ווערט האָט נור א קאָלאָניזאַציע, וואָס באַזירט אויף יודישער אַרבייט.

ס"ה זענען געוואָרען געגרינדעט אין דעם פעריאָד 1899—1907 פאָלגענדע קאָלאָניעס (די ציפערן שטאַמען פונ'ם יאָהר 1914):

נומער	נאָמען	גרינדונגס־יאָהר	דונאַם אין גאַנצן	צאָהל פון נפשות	הויפּטזעכליכע קולטורען	בעמערקונגען
1	סעדזשערא	1899	17.720	220	געטריידעבוי	פאַרם און קאָלאָניע
2	מסחה	1902	10.120	220	געטריידע, אָליוועז	" " "
3	ימה	1902	23.290	250	"	" " "
4	מלחמיה	1902	8.477	100	"	" " "
5	בית שען	1904	5.681	50	"	" " "
6	חפצי - בה	1905	5.908	20	אראַנזשען מאַנדלען	" " "
7	בית שמן	1906	2.329	120	אָליעווען, מאַנדלען, מילכווירטשאַפט	פאַרם

ס. ה. זענען געוואָרען געגרינדעט 7 קאָלאָניעס פון 73.505 דונאַם מיט 940 נפשות.

פערטער אבשניט.

די דיפערענציאציע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דריי און דרייסיגסטער קאפיטעל.

די האריזאנטאלע און ווערטיקאלע גלידערונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דער ציוניזם איז נישט קיין פארטייבילדונג אינ׳ם ענגען זין פונ׳ם ווארט. פונ׳ם סאציאלאגיש - היסטארישען שטאנדפונקט איז די דאזיגע בעוועגונג דאס ארגאני־זירטע יודישע פאלק, וואס שטרעבט נאך פולקאמענער בעפרייאונג, אינ׳ם ברייטעסטען פערנעהם פון דעמדאזיגען בעגריף. אבער אין אונזער מאדערנער וועלט בעשטעהט נישט קיין שום פאלק פון א איינהייטליכער מאסע, וואס האט דיזעלבע אינטערעסען, אנשויאונגען און שטרעבונגען. א פשיטא שוין, אז דאס יודישע פאלק, וואס לעבט אונטער פערשידענע פעלקער און קולטורען, וואס זעצט זיך צונויף פון קלאסען און שיכטען מיט נעגענזעצליכע אינטערעסען, האט אויך נישט געקענט ארויסרופען א בעוועגונג, וואס זאל זיין פולקאמען איינהייטליך און זאל צוגלייך רעפרעזענטירען דאס גאנצע פאלק. אמת, די יודישע עקאנאמיק איז א אנדערע ווי ביי די אומות העולם, די סאציאלע גלידערונג ביי יודען ענטשפרעכט אביעקטיוו לגמרי נישט דער גלידערונג פון דעם מאדערנעם, געזונטען ווירטשאפטליכען ארגאניזם. אבער טראצדעם איז די יודישע מאסע, דאס יודישע פאלק נישט אזויוועניג דיפערענצירט, אז עס זאלען זיך נישט אבשפיגלען אין זיין אויפלעבונגס־פראצעס אלע יענע אביעקטיוו בערעכטיגטע דיפערענצען און געגענזאצען, וועלכע בעהערשען בכלל דאס יודישע לעבען. אט דאס איז דער אביעקטיווער יסוד פאר דער פארטייבילדונג אינערהאלב פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

עס זענען פארהאנען ציוניסטען, וועלכע זענען אונצופרידען מיט דעם דאזיגען דיפערענציאציע־פראצעס. זיי וואלטען געוואלט, אז די ציוניסטישע בעוועגונג זאל זיין „איינהייטליך". אבער אויף היסטארישע פראצעסען טאר מען נישט זיין ברוגז, פונקט אזוי וועניג ווי אויף אנדערע נאטורוויסענשאפטליכע ערשיינונגען. היסטארישע פראצעסען מוז מען קודם כל גרינדליך פערשטעהען און דאס איז נור מעגליך, אויב מען דרינגט אריין אין דעם סאמי יסוד פון זייער דינאמיק.

אין צוויי הויפטריכטונגען האט זיך אויסגעווירקט דער דיפערענציאציע־פראצעס אינ׳ם ציוניזם: א) אין דער פארמולירונג און פעסטשטעלונג פונ׳ם ענד־

ציל פון ציוניזם; ב) אין דער שטעלונגנאהמע צו אקטועלע פאליטישע פראגען, אדער מיט אנדערע ווערטער, אין דער אויסוואהל פון יענע מיטלען, דורך וועלכע עס דארף דער ציוניזם וואס ניכער, וואס זיכערער פערווירקליכט ווערען.

לאמיר זיך אקארשט אבשטעלען אויף דעם ערשטען פראצעס:

דער „ריינער" ציוניזם בעשטימט אלס זיין ענדציל די מלוכה'שע פערענפערונג פון דער יודענפראגע. מיט דעם מאמענט, אין וועלכען עס וועט ווערען געשאפען אין א"י א יודישע מעהרהייט אלס א אויטאנאמער, זיך זעלבסט פערוואלטענדער קבוץ, מיט דעם מאמענט, אין וועלכען עס וועלען פערוואורצעלט ווערען אין א"י אלע יענע יודישע מאסען, וואס קענען, אדער ווילען זיך נישט אסימילירען, מיט דעמזעלבען מאמענט האט דער „ריינער" ציוניזם זיין מיסיע ערפולט.

אבער דער ריינער ציוניזם בעשטימט נישט נעהנטער, דעטערמינירט נישט בולט וויאזוי עס דארף אויסזעהען דער יודישער ישוב אין א"י. צי דען וועלען פאר ברייטע יודישע מאסען אלע זייערע פראגען געלעזט ווערען דורך דער בלויזער עובדה פון א יודישער שטאטסבילדונג אין א"י? און צי דען קען האבען דאס יודישע פאלק אלס קאלעקטיוו א איינהייטליכען קוק אויף דעם פרצוף פון דער קומענדיגער יודישער מלוכה?

עס איז קלאהר, אז אין דער היסטארישער ענטוויקלונג האבען געמוזט אט א די פראגען שפילען גאר א וויכטיגע ראלע. עס זענען אויפגעשטאנען גרופען, וואס האבען פערטרעטען די אינטערעסען, אדער האבען אויסגעדרוקט די מיינונגען פון גאנצע בעשטימטע טיילען פון'ם יודישען פאלק. די דאזיגע גרופען האבען נישט נור בעשטימט אלס ענדציל פון'ם ציוניזם די אבסטראקטע מלוכה'שע פערענפערונג פון דער יודענפראגע נור האבען, צושעפענדיג צום ציוניזם נאך א אנדער אידעאל, געפאדערט, אז די צוקונפטיגע מלוכה זאל געבויט ווערען אויף אזא יסוד, וואס ענטשפרעכט די אינטערעסען אדער מיינונגען פון די פון זיי פערטרעטענע מאסען

לאמיר נעהמען למשל די פראגע פון דער יודישער רעליגיע.

ביז צו דער צווייטער העלפט פון'ם נייצעהנטען יאהרהונדערט איז די רעליגיע געווען די איינציגע באזיס פון'ם יודישען לעבען. מחוץ פון דער רעליגיע איז נישט געווען קיין יודענטום. וואס ווייניגער רעליגיעז, אלץ ווייניגער יוד איז מען געווען. נאכדעם ווי דאס נייצעהנטע יאהרהונדערט האט אין א גרויסען מאס צערשטערט די רעליגיע אלס א באזיס פון'ם פאלקסלעבען, איז אוועקגעפאלען דער באנד, וואס האט צוזאמענגעבונדען אלע יודען און עס איז ענטשטאנען א בעדערפעניש נאך א קריטעריום פון'ם יודענטום. מען האט נישט מעהר געקענט סתם זאגען, אז דער, וואס היט נישט אב די תרי"ג מצוות, איז נישט קיין יוד. דאמאלס איז אויפגעשטאנען דער ציוניזם אלס א נאציאנאלע בעוועגונג און האט זיך בעשטרעבט אויפצושטעלען א אביעקטיווען, איך וואלט געזאגט א מאטעריעלען קריטעריום פון'ם יודענטום, ד. ז. לאנד און שפראך. אזויארום איז

דער ציוניזם אינ'ם היסטאָרישען זין א סעקולאַריזאַציע - פּראָצעס אינ'ם יודישען פאָלקסלעבען און ער שטעהט אין א סתירה צו דער רעליגיע אלס באַזיס פונ'ם פאָלקסלעבען (נישט חלילה צו די רעליגיעזע בעדערפנישען, אָדער מנהגים פון יחידים).

עס זענען אָבער געווען פאַרהאַנען מאַנכע אָרטאָדאָקסע יודען, וואָס האָבען נישט געוואָלט אנערקענען דעם דאָזיגען סעקולאַריזאַציע־מאָמענט אינ'ם ציוניזם. פערקעהרט, זיי האָבען געפּרובט צו שאַפען א סינטעז צווישען רעליגיע און ציוניזם. לויט זיי דאַרף די רעליגיע ווערען דער יסוד פון דער קומענדיגער יודישער מלוכה אין א"י. זיי האָבען געטענה'ט, אַז דער יודישער נאַציאָנאַליזם איז א אנדערער, ווי דער נאַציאָנאַליזם ביי אנדערע פעלקער. און אויך די יודישע רעליגיע איז נישט סתם א קאָנפעסיע, א קאַנאָן, א גלויבענספאָרמולע.

נישטאָ — האָבען זיי געזאָגט — קיין נאַציאָנאַליזם ביי יודען אָהן דער טראַדיציע, אָהן די מנהגים, אָהן דעם באַנד, וואָס קניפּט אָן אין דעם רייכען יודישען עבר. און דאַדורך וועט דער ציוניזם ערשט דאַן רעאַליזירט ווערען, אויב מיר וועלען שאַפען אזא ישוב אין א"י, וואָס אנערקענט די תורה אלס די באַזיס פונ'ם פאָלקסלעבען.

אַט אזוי איז ענטשטאַנען דער „מזרחי", צוערשט אלס א גרופּע אינ'ם ראַהמען פון די בעשטעהענדע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס, דאַן אלס א זעלבסטשטענדיגע פעדעראַציע.

אָדער לאָמיר נעהמען דעם יחס פון ציוניזם צום סאָציאַליזם:

דער ציוניזם האָט זיך אין זיין ריינער אַבסטראַקטער פאָרם נישט אָבגעשטעלט אויף דעם קלאַסענמאָמענט. ער האָט בעטראַכט די יודענפראַגע אלס א נאַציאָנאַלע פראַגע און האָט געזוכט א נאַציאָנאַלע לעזונג צו דער דאָזיגער פראַגע. אָבער עס זענען פאַרהאַנען אינ'ם יודישען פאָלק קלאַסען, וואָס ליידען נישט נור אלס יודען, נור אויך אלס מיטגלידער פון א בעשטימטען קלאַס. ביי זיי בעשטעהט נישט נור א נאַציאָנאַלע פראַגע, נור אויך א סאָציאַלע. א פּאָליטישע מאַסענבעוועגונג קען אָבער בלויז עקזיסטירען, אויב זי גיט אַן ענטפער אויף דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען פראָבלעמען־קאָמפּלעקס פון דער געגעבענער מאַסע. נישטאָ קיין פּאָליטישע מאַסענבעוועגונג, וואָס לאָזט איבער א טייל פראַגען נישט פערענטפערט.

און דעריבער האָט געמוזט ענטשטעהען אינ'ם ראַהמען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג א פּאַרטיי, וואָס האָט בעשטרעבט צו פעראייניגען די נאַציאָנאַלע גאולה פון דעם יודישען פאָלק מיט דער סאָציאַלער בעפרייאונג פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. דערביי האָט זיך די דאָזיגע פּאַרטיי פערפּלאָנטערט אין געוויסע אינערוועניגסטע סתירות: דאָס נאַציאָנאַלע מאָמענט בינד צונויף אַלע קלאַסען פון דעם יודישען פאָלק צו איין איינהייט; דאָס סאָציאַלע מאָמענט טיילט פונאיינאַנד דאָס יודישע פאָלק אויף צוויי פיינטליכע לאַגערן. דאָס נאַציאָנאַלע מאָמענט פאָדערט דעם פּרימאַט פונ'ם יודענטום אלס קאָלעקטיוו; דאָס סאָציאַלע מאָמענט פאָדערט דעם

פרימאט פון סאָציאַליזם אלס א אינטערנאציאָנאַלע בעוועגונג, פערווירקליכט דורכ'ן קלאַסענקאַמף. עס איז דאַדורך קיין וואונדער נישט, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט, אין דער ערשטער צייט פון איהר קיום, געשאַפען א זעהר כאָאָטישע טעאָריע, וואָס איז ערשט פונאיינאַנדערגעוויקעלט געוואָרען דורך בער באָראָכאָוו. נישט דאָ איז דער אָרט זיך אָבצושטעלען אויף באָראָכאָווס טעאָריע, עס וועט אונז נאָך אויסקומען זי צו בעהאַנדלען אין דעם צווייטען טייל פון אונזער בוך. דאָ מוז נור בעמערקט ווערען, אז די אויבען אָנגעפיהרטע סבות האָבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון א פראָלעטאַרישער גרופע אינ'ם ציוניזם אונטער דעם נאָמען „פועלי־ציון".

די דאָזיגע גרופע האָט זיך נישט נור בעשטרעבט צו פערענפערן טעריטאָריאַל די יודישע פראגע, נור האָט אויך געזוכט אויפצודרוקען א סאָציאַליסטישען סטעמפעל אויף דער ציוניסטישער בעוועגונג. פאַר איהר וועט דער ציוניזם נור דאַן ערפולען זיין היסטאָרישע מיסיע, אויב ער וועט שאַפען א יודישען סאָציאַליסטישען ישוב אין א"י.

אָט אזוי קומט אויס, אז די איינהייטליכע ציוניסטישע בעוועגונג איז זיך צערפאַלען אויף דריי גרופען, וועלכע האָבען געהאַט א פערשידענע איינשטעלונג צום ציוניסטישען ענדציל. א) די אַלגעמיינע־אָדער סתם־ציוניסטישע גרופע, וועלכע האָט פערטרעטען דעם ריינעם נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. אזוי ווי די דאָזיגע ציוניסטען האָבען נישט פערבונדען דעם ציוניזם מיט קיין שום אַנדער אידעאַל און האָבען נישט געשטעלט קיין שום בעדינגונגען דער קינפטיגער יודישער מלוכה אין א"י קען מען זיי אָנרופען אויך די אונבעדינגטע ציוניסטען; ב) דער „מזרחי", וועלכער האָט פערטרעטען דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט; ג) די „פּועלי־ציון", וועלכע האָבען פערבונדען דעם ציוניזם מיט'ן סאָציאַליזם צו איין איינהייט.

די דאָזיגע גרופען האָבען רעפּרעזענטירט פערשידענע שיכטען אינ'ם יודענטום: די אַלגעמיינע ציוניסטען דעם בירגערליכען פּריוואַטווירטשאַפטליכען עלעמענט, דער „מזרחי" דעם בירגערליכען קאָנסערוואַטיווען עלעמענט, די פּועלי־ציון דעם פּריוואַטווירטשאַפטליכען פּראָלעטאַרישען עלעמענט. אזוי ווי דער אויבען דערמאָהנטער דיפערענציאַציע פּראָצעס איז געוועזן דער פועל־יוצא פון דער פערשידענער איינשטעלונג צום ציוניזם, מצד פון שיכטען, וואָס האָבען געלעבט לעבענאיינאַנדער, טאָ לאָמיר איהם אָנרופען: „די האָריזאָנטאַלע גלידערונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג".

אָבער דער דאָזיגער דיפערענציאַציע־פּראָצעס האָט נאָך נישט געקענט אויספולען די גאַנצע בעוועגונג, נישט צוליב דעם, ווייל דער פּאַרטייקאַמף איז נישט געוועזן א גענוג העפטיגער, נור ווייל ער האָט נישט געגעבען קיין ענטפער אויף טאָגטעגליכע אַקטועלע פראַגען. אמת, דער ענדציל בעשטימט דעם וועג און די מיטלען פון דער רעאַליזאַציע. אויב איך בין למשל א אַלגעמיינער ציוניסט, אזוי וועל איך אָנערקענען נור די נאַציאָנאַלע בעשטרעבונגען און וועל בעקעמפען אין דער בעווע־

גונג אלע ערשיינונגען, וואס קענען בעזייטיגען אדער בעשרענקען דעם פרימאט פון נאציאנאליזם. אבער עס זענען פאראנען אקטועלע טאגפראגען, אויף וועלכע דער ענדציל גופא גיט נישט קיין ענפער, ווייל זיי ליגען אויף א אנדערען שטח.

לאמיר נעהמען למשל די פראגע, צי זאל מען קאלאניזירען אין א"י אהן פאליטישע פארבעדינגונגען, אהן א טשארטער. וואס פארא שיכות האט די פראגע מיט דער רעליגיע? דער, וואס גלויבט, אז עקאנאמישע פאזיציעס שאפען פאליטישע בעדינגונגען, וועט זיין א אנהענגער פון דער פראקטישער א"י־ארבייט, מעג ער טראגען אפילו כפול־שמונה'דיגע ציצות. און דער וואס גלויבט פערקעהרט, אז אהן פאליטישע פארבעדינגונגען קען מען נישט קאלאניזירען, וועט ווערען א געגנער פון דער „קליינער קאלאניזאציע", מעג ער זיין אפילו דער גרעסטער אפיקורוס.

אדער למשל די אוגאנדא־פראגע: דער וואס גלויבט, אז עס איז די אויפגאבע פונ'ם ציוניזם צו שאפען א „נאכטלעגער" פאר געפלאגטע יודען וועט זיין א אנ־הענגער פון אוגאנדא, מעג ער זיין אפילו דער שווארצעסטער רעאקציאנער, און ווער עס גלויבט, אז דער ציוניזם זוכט א היסטארישע פערענפערונג פון דער יודענפראגע נור אין א"י, מוז זיין א געגנער פון אוגאנדא, מעג ער זיין אפילו רויט שברויט.

און דעריבער האט געמוזט אנהויבען צו ווירקען אין די ראהמען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג א דיפערענציאציע־פראצעס אין א צווייטער ריכטונג, וועל־כער האט פונאיינאנדערגעטיילט די ציוניסטישע מחנה, לויט דער שטעלונג פון די פערשידענע גרופען צו אקטועלע ציוניסטישע פראבלעמען. אזוי ארום זענען ענטשטאנען די „פאליטישע", די „פראקטישע" און די „קולטור־ציוניסטען". אזוי איז אויך ענטשטאנען די „ראדיקאל־דעמאקראטישע גרופע" א. א. וו. אלע גרופען, וואס זענען ענטשטאנען נישט א דאנק זייער ספעציעלער איינשטעלונג צום ציוניסטישען ענדציל, נור צו אקטועלע טאגפראגען, האבען נישט געבילדעט קיין דויערנדע פארטייען אינ'ם ציוניזם. די דויערהאפטיגקייט פון דער גרופע איז געווען אבהענגיג פון דער קאניונקטור און פונ'ם פערנעהם פון די פראגען, וועלכע זענען געשטאנען אויפ'ן סדר היום. באלד איז פערשוואונדען איין גרופע, באלד איז אויפ־געשטאנען א נייע. דער רים אין דער בעוועגונג איז געווארען באלד טיפער, באלד פלאכער. טא לאמיר אנרופען אט דעם דאזיגען דיפערענצירונגס־פראצעס „די ווערטיקאלע גלידערונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג".

איז די האריזאנטאלע גלידערונג געווען א סטאבילע, א דויערנדע, אזוי איז די ווערטיקאלע גלידערונג געווען א לאבילע, א פערענדערליכע.

ביידע פראצעסען האבען זיך באלד געשטארקט געגענזייטיג, באלד זיך אב־געשוואכט. דא זענען זיי געלאפען פאראלעל צוויינאנדער, דארט האבען זיי זיך געקרייצט. אבער אינ'ם סכום האבען זיי אויסגעמאכט די גאנצע, אפטמאלס אנגעוועהטיגטע אינערע ענטוויקלונג פונ'ם ציוניזם. אפטמאלס האבען זיי בעריי־

כערט דעם קאָלאָריט פון דער בעוועגונג און פערטיפט דעם ציוניסטישען רעיון. נישט איינמאָל האָבען זיי אָבער אויך כמעט לאַהמגעלעגט די גאַנצע ארבייט.

געווים פאַר דעם קריג, און א פשיטא שוין אין דעם פעריאָד וועגען וועלכען מיר רעדען, איידער דער ציוניזם האָט זיך געפונען אין זיין פערוזירקליכונגס־פעריאָד, האָט דער דאָזיגער דיפערענציאציע־פראָצעס געשפילט א נישטיגע ראָלע. דאָך האָבען מיר געפונען פאַר נויטיג, זיך שוין איצט אָבצושטעלען אויפ׳ן פרינ־ציפ פון דער פאַרטיי־דיפערענצירונג אינ׳ם ציוניזם, ווייל בימי הערצל זענען נישט נור ענטשטאַנען פערשידענע לאַבילע גרופען אינ׳ם ציוניזם — ווי מיר האָבען געזעהען, — נור עס איז אויך געלעגט געוואָרען דער יסוד פוןביידע סטאַ־בילע פליגלען, דעם רעכטען און לינקען, אין דער בעוועגונג. מיר זענען זיך גאַנץ גוט בעוואוסט, אז דאָס צאַפּעלדיגע לעבען לאָזט זיך נישט איינפרעסען אין דעם פון אונז אויפגעשטעלטען סכעמא, מכח דער „האָריזאָנטאַלער און ווערטיקאַלער גלידערונג פונ׳ם ציוניזם“. אָבער דאָס דאָזיגע סכעמא וועט אונז שפעטער לייכטער מאַכען דאָס פערשטענדניס פון דער אינערער ענטוויקלונג פונ׳ם ציוניזם.

פיר און דרייסיגסטער קאפיטעל.

דער אנהויב פון דער „מזרחי"־בעוועגונג.

דעם 4 מערץ 1902 איז זיך צונויפגעקומען א פערזאמלונג פון ציוניסטישע רבנים און ארטאדאקסען צו א צווייטעגיגער בעראטונג אין ווילנא. די דאזיגע פערזאמלונג איז געווארען איינגערופען דורך הרב ריינעס און דעם בעקאנטען שריפטשטעלער סלוצקי, מיט'ן איינפערשטענדניס פון די מיטגלידער פון דעם רוסישען א. ק. אין דער פערזאמלונג האבען זיך בעטייליגט 72 חברים, דערונטער 24 רבנים. אויף דער טאגעסארדנונג איז געשטאנען הויפטזעכליך די פראגע, צי דארפען די ארטאדאקסען בילדען א בעזונדערע פעדעראציע אינ'ם ראהמען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, בהסכם מיט'ן ארגאניזאציע־סטאטוט, וועלכער איז געווארען אנגענומען אויף דעם פיפטען קאנגרעס (זעה אויבען, זייט 171), צי זאלען זיי ווייטער פערבלייבען אין דער רוסישער לאנדעס־ארגאניזאציע, בילדענדיג דארט א „גייסטיגען צענטער", כדי צו בעאיינפלוסען די יוגענד אינ'ם רעליגיעזען זין און צו שטארקען דעם ציוניזם אויף דער יודישער גאס, וועלכער ווערט — לויט דער מיינונג פון די ארטאדאקסען — אבגעשוואכט, א דאנק די אנטירעליגיעזע עלעמענטען.

דעם פארזיץ האט געפיהרט הרב ריינעס. הרב ניסענבוים האט ענטוויקעלט אין א לענגערער רעדע דעם שטאנדפונקט פון דער ארטאדאקסיע. נאך א לעבהאפטער דעבאטע איז געווארען בעשלאסען מיט אלע שטימען געגען 4, דערווייל נישט צו גרינדען א בעזונדערע פעדעראציע, נור בלויז א גייסטיגען צענטער, אונטער דעם נאמען „מזרחי" (פון מרכז־רוחני).

עס איז געוועהלט געווארען א פראגראם־קאמיסיע פון די חברים בארישאנסקי, סלוצקי, יאוועץ, גליקסבערג און בורגעל, וועלכע האבען נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען פארגעשלאגען פאלגענדען פראגראם־ענטוואורף, וועלכער איז געווארען אנגענומען:

„1) צו דער ארגאניזאציע געהערען אלע פרומע און געמעסיגטע ציוניסטען, וועלכע זענען מסכים מיט'ן פראגראם.

2) דאס באזעלער פראגראם ווערט אנגענומען נישט פערענדערט.

3) אלע ענינים, וואס האבען א שיכות צו דער קולטיווירונג און קאלאניזירונג פון א"י, זענען אויפגאבען פונ'ם „צענטער".

4) אלע בעשטרעבונגען און אנגעלעגענהייטען, וועלכע זענען נישט קיין דירעקטע ציונ. ארבייטען, ווערען דערווייטערט פונ'ם ציוניסטישען פראָגראַם. דאָך האָט יעדער פעריין דאָס רעכט, דורכצופיהרען אויך אנדערע ארבייטען, לויט מעגליכקייט און אינ'ם זין פון דער אָרטאָדאָקסיע;

5) די פערייגען האָבען צו האנדלען לויט די רעזאָלוציעס פונ'ם קאָנגרעס, האָבען זיך צו אונטערוואַרפען אונטער די געבאָטען פון די לאנדעסאָרגאניזאציעס און האָבען אָבצופיהרען די שקל-געלדער דעם פינאנצבירא פון דער לאנדעסאָרגאניזאציע;

6) די פעריינען דארפען שטארקען דעם ציוניזם אויף דער יודישער גאס בכלל און אין דער אָרטאָדאָקסיע בפרט.

8) דער צוועק פונ'ם צענטער איז צו ערווערבען נייע ציוניסטען. עס איז דער חוב פון דער אָרגאניזאציע, איבעראל צו שטיפטען שלום, צו שעצען דעם כבוד פונ'ם געגנער און צו ענטוויקלען א פרידליכע טעטיגקייט;

11) די פעריינען זאָלען דורך זייער ביישפיל געווינען סימפאטיעס אויף דער יודישער גאס פאר'ן ציוניזם און טאָרען דאדורך נישט האנדלען געגען דער געזינונג פון דער אָרטאָדאָקסיע;

12) אָנהענגער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַציע טאָרען נישט ווערען קיין מיטגלידער אינ'ם פעריין;

17) פעריינע, וועלכע ווילען זיך אָנשליסען אין דעם צענטער מוזען נאָכווייזען, אז זיי געהערען צו דער אלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין רוסלאנד און זענען בעשטעטיגט דורך דעם לאנדעסקאָמיטעט.

די פונקטען 7, 9, 10, 13, 14, 15 און 16 בעהאנדלען נישט וועזענטליכע אָרגאניזאציאָנעלע און קולטורעלע פראגען.

צולעצט איז געוואָרען געוועהלט א לייטונג פון די חברים ריינעס, גרינהויז, יאַוועץ, סלוצקי, גורלאנד און ראַסאָווסקי.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער וועלטבעוועגונג „מזרחי". די אָרגאניזאציע האָט ענטוויקעלט א לעבהאַפטע טעטיגקייט און האָט שוין בעוויזען אויפצובריינגען א גרעסערע צאָהל פון מזרחיסטישע דעלעגאטען אויף דער מינסקער קאָנפערענץ.

אינ'ם יאָהר 1903 האָט דער „מזרחי" געגרינדעט א העברעאישע מאָנאטסשריפט „המזרח", „נישט כדי צו קעמפען — אזויווי הרב ריינעס האָט געשריבען אין דער איינלייטונג, — נור כדי אויפצוקלעהרען דעם מהות, די בעשטרעבונגען און די אמת'ע צילען פונ'ם ציוניזם".

דאָך האָט זיך דעם מזרחי נישט איינגעגעבען צו עראָבערן גרויסע מאַסען פון דער אָרטאָדאָקסיע. דיזעלבע איז נאָך אַלץ געבליבען פרעמד און אפילו פיינדליך לגבי דעם ציוניזם.

עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך געגוי אָבצושטעלען איבער דער טעטיגקייט פון דער מזרחי אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

פינף און דרייסיגסטער קאפיטעל.

די ענטשטעהונג פון דער פועלי-ציון-בעוועגונג.

די יודישע ארבייטער־בעוועגונג איז ענטשטאנען ביים סוף פון די 80־גער יאהרען אין רוסלאנד, אין דעם ליטווישען קאנט (ווילנא, מינסק). בעקר האבען זיך ארגאניזירט האנדווערקער און היימארבייטער, בכדי אויסצוקעמפען בעסערע לעבענסבעדינגונגען. שפעטער איז זיך די בעוועגונג פונאייגאנדערגעוואקסען אויך אין אנדערע שטעט פונ׳ם „תחום“, בעזונדערס אין פוילען (ווארשע, לאדז, ביאלי־סטאק). די פיהרער פון די דאזיגע פעריינען, ע״פ רוב סטודענטען און אינטעלעקטועלע, האבען זיך אבער בעשטרעבט איבערצובויען די בעצם בערופלעכע ארגאניזאציעס אויף סאציאליסטישע קאמף־ארגאנען, לויט׳ן מוסטער פון דער מערב־אייראפעאישער סאציאלדעמאקראציע. אבער דער דאזיגער פרוב האט זיך זעהר שווער איינגעגעבען. דאס יודיש־עקאנאמישע לעבען איז געווען שטארק אבגעשטאנען און דער גרעסטער שונא פונ׳ם יודישען ארבייטער, איז נישט געווען דער „בורזשוי“, וועלכער איז אליין געווען אפט א קבצן, נור דער... גלות.

צו וואס פארא אבסורדען עס האט געפיהרט די מעכאנישע פראפאגאנדא פון מארקסיסטישע לאזונגען אויף דער יודישער גאס, בעווייזט אונז א פאקט, וועגען וועלכען עס דערצעהלט אין זיינע „זכרונות“ דער בעקאנטער רוסיש־סאציאליסטישער פיהרער מ א ר ט א ו. מארטאוו — אליין א יוד — האט געלעזען א לעקציע וועגען דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט“ פאר יודישע ארבייטער, און ער דערצעהלט וועגען דעם אט וואס:

„מיינע צוהערערינס האבען געלעבט, ווי דער גרעסטער רוב פון יודישע האנדווערקער און ארבייטער אין ווילנא, אין צופיל אבגעשטאנענע סאציאלע בעדינגונגען, אז זיי זאלען קענען זעהען אין די כאראקטעריסטיקען פונ׳ם „מאניפעסט“ א בילד פון א, כאטשבי אביסעל זיי בעקאנטער, געזעלשאפטליכער ארדנונג... דאס, וואס דער „מאניפעסט“ זאגט וועגען די געגענזייטיגע בעציהונגען פון פערשידענע קלאסען און זייער סאציאלען כאראקטער פלעגט נישט ארויסרופען ביי מיינע צוהערערינס כאטשבי אביסעל בעקאנטע אסאציאציעס. איך געדענק ווי איינע פון זיי האט ביי מיר איינמאל געפרעגט, צי איז עס ריכטיג, וואס עס ווערט

געזאָגט אין מאַניפעסט, וועגן די מנהגים פון דער בורזשואַזיע, וועגן איהר צו־לאָזענקייט, פּאָליטישער פערדאָרבענקייט, וועגן דעם פערשווינדען ביי איהר פון רעליגיעזען פיעטעט? די דאָזיגע פראַגע איז תיכף אונטערגעכאַפּט און ענטוויקעלט געוואָרען דורך אַנדערע צוהערערינס, וועלכע האָבען געזאָגט, אז לויט דעם ווי זיי האָבען בעמערקט, צייכענט זיך אויס די בורזשואַזיע דורך שטרענגע און פּאַטריאַ־כאַלישע מנהגים, דורך א אמת'ן יראת הכבוד, ליבע צו אַרבייט א. א. וו. און אין דעם פּרט אונטערשיידעט זי זיך פּאָזיטיוו פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער צייַ־כענט זיך אויס ביים האַנדווערק, שוין נישט רעדענדיג וועגן די פאַבריקס־אַרביי־טער, מיט געגענגעזעצליכע אייגענשאַפטען. פונ'ם שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז מיינע שניידערינס האָבען כמעט ווי נישט געזעהען קיין אַנדערען „בורזשוי", ווי זייער בעל־הבית'טע, וועלכע איז אַמאָל אַליין געווען א אַרבייטערין, אָדער א אינטעליגענטקע, לויט איהר סביבה. זיי האָבען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען דאָס דאָזיגע קליינבירגערטום, ווי א קלאַס, וואָס האָט אונטעריאָכט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען און הערשט איבער'ן פאָלק און אַלץ, וואָס דער „מאַני־פעסט" האָט געזאָגט וועגן דער בורזשואַזיע, האָבען זיי געמוזט האַלטען, אז דאָס בעציהט זיך צו עפּיס א מלוכה פון יענער זייט סמבטיון.

דער דאָזיגער שמועס האָט געמוזט, פערשטעהט זיך, ביי מיר דערוועקען דעם געדאַנק וועגן טייל׳וויייזען סכעמאַטיזם, אַבסטראַקטקייט, פאָרמעלקייט פון דער פּראָפּאַגאַנדע, מיט וועלכער מיר האָבען זיך פערנומען אין די אַרבייטער־קרייזען, וועגן איהר כמעט אַבסאָלוטער אָבגעריסענקייט פון דעםווירקליכען לעבען פון אונזערע תלמידים". („זכרונות פון א סאָציאַלדעמאָקראַט", י. מאַרטאָוו, ז. 148).

אָבער דאָס, וואָס עס האָט פערשטאַנען דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער עסקן מאַרטאָוו, האָבען נישט פערשטאַנען יענע יודישע יונגע לייט, וועלכע האָ־בען אָנגעהויבען צו פּרעדיגען דעם סאָציאַליזם אויף דער יודישער גאַס. פאַר זיי האָבען נישט עקזיסטירט קיין ספּעציפישע יודישע בעדינגונגען. פאַר זיי האָט נישט געלעבט קיין אונטערדרוקטע יודישע נאַציע, נור א פּראָלעטאַריאַט און א בורזשואַזיע „וואָס רעדט יודיש". די דאָזיגע שטה האָט געפונען איהר אויסדרוק אין דעם „אַלגעמיינעם יודישען אַרבייטערבונד פאַר פּוילען און רוסלאַנד", וועל־כער איז געוואָרען געגרינדעט אינ'ם יאָהר 1897, א חודש נאָכ'ן ערשטען ציוניסטי־שען קאָנגרעס אין באַזעל. די שטימונגען אינ'ם „בונד" אין יענע יאָהרען זענען גע־ווען אַזוי וועלטפּרעמד און אַנטינאַציאָנאַל, אַז דער בונדישער צוזאַמענפאָהר אין קאָוונע, אינ'ם יאָהר 1899, האָט אָ ב ג ע װ אָ ר פ ע ן א פאָרשלאַג, צו קעמפען פאַר דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, „בכדי נישט אָבצושוואַכען די אויפמערק־זאַמקייט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט פון זיינע קלאַסען־אינטערעסען אויף נאַציאָנאַלע אינטערעסען".

די דאָזיגע נאַציאָנאַלע פּוסטקייט פונ'ם „בונד" פון איין זייט, און **דער** בעצם בירגערליכער כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג פון דער אַנדע־

דער זייט, האָבן געשאַפן דאָס בעדערפניש און דעם פּלאַץ פאַר אַ בעוועגונג, וואָס פערקניפּט די ביידע אידעאַלן, דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליזם.

אַט אזוי זענען ענטשטאַנען די „פּועלי־ציון".

דער ערשטער, וועלכער האָט פּראָפּאַגירט, אמת אין אַ כאַאָטישער פאָרם, דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם איז געווען דער אונז שוין בעקאַנטער דר. ס י ר ק י ן. אין אַ רייהע אַרטיקלען („די יודענפראַגע און דער סאָציאַליסטישער יודענשטאַט") און רעפעראַטען האָט ער אין וויען אין דעם יאָהר 1898 ענטוויקעלט דעם דאָזיגען געדאַנק. אין דעם יאָהר 1899 געפונען מיר שוין אַ קרייזעל פון ציוניסטען סאָציאַ־ליסטען אין אָדעס אונטער דעם נאָמען „שאר ישוב". דער דאָזיגער פעריין האָט זיך פערנומען מיט איינאָרדנען פון קאַסעס פאַר געגענזייטיגער הילף, מיט דער אָרגאַניזאַציע פון קאָנסום־פעריינען און אַרבייטס פערמיטלונג.

אינ'ם יאָהר 1901 האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּע אין לאָנדאָן, מיט סירקין בראָש, פערעפענטליכט אַ אויפרוף „צו דער יודישער יוגענד", אין וועלכען עס איז צום ערשטען מאָל אין אַ נעבעלהאַפטער פאָרם, געוואָרען פאָרמו־לירט דער פּראָגראַם פון דער דאָזיגער בעוועגונג. עס איז כדאי צו ברענגען אַ אויסצוג פון דעם דאָזיגען אויפרוף: „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז אַ תשובה אויף די סאַמי נויטוועגדיגסטע בעדערפנישען פונ'ם יודיש אַרבייטענדען פּראָלע־טאַריאַט און אויף אַ גאַנצע רייהע ערשיינונגען אינ'ם יודישען לעבען... די גרונד־יסודות פון דער ערשטער סאָציאַליסטיש ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען פאָל־גענדע: דאָס סאָציליסטישע יודענטום איז אַ אידעאַל, וואָס דאַרף פערווירקליכט ווערען, מיט דער הילף פון פיהרען די קאָלאָניזאַציע, אינדוסטריע און האנדעל אויפ'ן פּרינציפּ פון אַסאָציאַציע. די סאָציאַליסטישע אידעע פון ציוניזם דאַרף בעשטימען דעם כאַראַקטער פון דער קאָלאָניזאַציע, דאַרף געבען דער בעוועגונג אַ ריכטונג, וואָס זאָל ענטשפּרעכען די מאַטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון די מאַסען און לענקען די בעוועגונג אויפ'ן וועג פון זוכען און פערווירקליכען די העכסטע פאָרמען פונ'ם געזעלשאַפטליכען און גייסטיגען לעבען".

דאַן ווייטער:

„אין איהר פּראַקטישער טעטיגקייט שטרעבט די פּאַרטיי צו פערשפּרייטען צווישען יודען די אידעע פון קאָלאָניזאַציע אויף די יסודות פון אַסאָציאַציע און קאָלעקטיוויזם. נישט מאַכענדיג די דערגרייכונג פון איהר ציל אָבהענגיג פון דעם סוווערענעם ווילען פון דעם סולטאַן און נישט גלויבענדיג אין דער „דיפּלאָמאַ־ציע", ברייטעט אויס די פּאַרטיי דעם בעגריף פון פּאַלעסטינא, אריינגעהמענדיג אַהער אויך די אינזעל ציפּערן און סיני־האַלב־אינזעל, וואו זי האָט בדעה אָנצו־הויבען אַ קאָלאָניזאַציע אויף די אויבען דערמאָהנטע פּרינציפּען. אנערקענענדיג פולשטענדיג זעלבסשטענדיג אונזערע צילען און מיטלען, האַלט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר נויטיג, משפּיע צו זיין אויף אַלע אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אויף די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטען און פילאַנטראָפּישע

יודישע אינסטיטוציעס. די פֿאָרמען פֿון השפעה ביחס צום עקזיסטירענדען ציוניזם קענען זיין: די אגיטאציע צווישען ציוניסטישע מאסען, דער אנטייל אין די קאָנגרעסען, באַנק וכדומה.

די קולטורעלע ארבייט פֿון דער סאָציאליסטיש־ציוניסטישער פאַרטיי בעשטעהט פּראקטיש אין פערשפּרייטען צווישען די מאסען וויסענשאַפט אין גייסט פון אייראָפּעאישען פּראָגרעס און אין נאַציאָנאלען זין, אין דער ענטוויקלונג צווישען די מאסען א קריטישען קוק וועגען דעם מהות פון יודענטום און דער יודישער ביבעל.

כל זמן אינ׳ם פאָלקסלעבען ווערט בענוצט דער זשאַרגאָן, דאַרף די אויפקלעהרונגסארבייט געפיהרט ווערען אין דער דאָזיגער שפּראך, די ליטעראַטור דאַרף געשאַפען ווערען אין דער אַלט־יודישער שפּראך (העברעאיש)... בעציהענדיג זיך נעגאַטיוו צו דער פּראַקטישער יודישער רעליגיע, דאַרף די פּאַרטיי שטרעבען צו פערניכטען אומעטום די דעמאָראַליזירענדע ווירקונג פון די רבנים, הן גייסטליכע, הן קאַזיאָנע".

דאָך האט דער דאָזיגער אויפרוף, ווי בכלל די טעטיגקייט פונ׳ם לאָנדאָנער קאָמיטעט, געהאט א שוואכען אָבקלאַנג אויף דער יודישער גאַס. די ערשטע ארבייטער־גרופּען מיט׳ן נאָמען „פּועלי־ציון" געפונען מיר אין מינסק.

די „מינטשוקעס", אָדער דער „מינסקער טאָלק", האָבען אלס ערשטע געזוכט א סינטעז צווישען „יוד" און „פּראָלעטאריער". דער עקר קאַמף פון דער דאָזיגער גרופּע איז געווענדעט כלפּי דעם „בונד". דאדורך איז זייער פּראָגראַם כאַראַקטעריסטיש פאר דעם געדאַנקענגאַנג פון דעם עלטערען פּועלי־ציוניזם. אָט דאָס זענען זיינע הויפּט־שטריכען:

דער בונד האָט צונויפגעבונדען אלע זיינע האָפנונגען, אלע זיינע אידעאַלען מיט׳ן גלות. דער פּועלי־ציוניזם, ע״פ נוסח פונ׳ם „מינסקער טאָלק" נעגירט דעם גלות און לעגט ארויף אלע זיינע האָפנונגען אויף א״י. זיין פּעסימיזם לגבי דעם גלות בעגרינדעט דער פּועלי־ציוניזם, דורך דער אוננאָרמאַלקייט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פונ׳ם יודישען פאָלק בכלל און פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט בפרט. די יודישע מאסען ווערען ארויסגעשטויסען פון זייערע פּאָזיציעס, א דאַנק אָביעקטיווע פּראָצעסען, וואָס קומען פאר אינ׳ם ווירטשאַפטליכען לעבען. פון דער אנדערער זייט מאכט די נאַציאָנאלע קאָנקורענץ, וועלכע איז גופא א פועל־יוצא פון דעם ווירטשאַפטליכען פּראָגרעס ביי דער הערשענדער נאַציע, אונמעגליך פאר יודען אריינצודרינגען אין די פאַבריקען („די טעאָריע פון נישט־פּראָלעטאַריזאַציע") און דאדורך ווערט דער יוד א „לומפּענפּראָלעטאריער" און דאָס פיהרט אונפערמיידליך צום עקאָנאָמישען אונטערגאַנג און גייסטיגער דעגענעראציע („די פערעלענדונגס־טעאָריע"). די איינציגע פּאָזיטיווע ערשיינונג אינ׳ם יודישען לעבען איז די עמיגראַציע, וועלכע קען ווערען, אויב זי וועט ווערען געלענקט קיין א״י,

אלס צו דעם טעריטאָריאַליסטישען צענטער, א בעפרייענדיגער פאַקטאָר אינ׳ם יודישען לעבען.

פון דאַנען איז געדרונגען, אז דער פּאָליטישער קאַמף אין גלות קען נישט ע״פ לאָגישער נויטווענדיגקייט, אפילו ער זאָל זיין ערפאָלגרייך, ברענגען קיין שום ממשותדיגע רעזולטאַטען. אפילו דער עקאָנאָמישער קאַמף איז נור א פּאַליאַטיוו און קען בעצם נישט אָבשאַפען די אוננאָרמאַלקייט פונ׳ם יודישען לעבען.

ארום דעם יאָהר 1902 קומט אויף דער אזוינגערופענער „וויטעבסקער טאָלק".

דער אויסגאַנגספּונקט פון די „וויטעבסקער" איז דערזעלבער ווי ביי די „מינ־טשוקעס", און במילא קומען זיי צו דיזעלבע אויספיהרונגען, אינסבעזונדערע צו א פּעסימיסטישער אָבשאַצונג פונ׳ם גלות. די נאַציאָנאַלע פראגע איז „לויט נוסח וויטעבסק", הגם זי רופט זיך אַנדערש אָב ביי די בעזונדערע קלאַסען, דאָך א „אי־בערקלאַסענערשיינונג". ביי די וויטעבסקער איז דער האַריזאָנט פיעל טיעפער און דער ציוניזם פיעל רעוואָלוציאָנערער, ווי ביי די „מינטשוקעס". זיי אַקצעפּטירען לכתחלה דעם פּאָליטישען קאַמף אין גלות, צוערשט בלויז געגען זעלבסטהערשאַפט און פּאָגראָם. אָבער וואָס אַמאָל ווערט דער פּאָליטישער קאַמף פאר אַלגעמיינע יודישע דערגרייכונגען, אַלץ מעהר דער אינטעגראַלער טייל פון זייער פּראָגראַם.

די דאָזיגע פּאָזיטיווע איינשטעלונג צום נאַציאָנאַלען קאַמף אין גלות האָט אריינגעבראַכט א געוויסע דיסהאַרמאָניע אין דער פועלי־ציוניסטישער קאָנצעפּציע. די דערגרייכונגען אין גלות און דער ריינער פּאַלעסטיניזם זענען דאָך אין א גע־וויסער בעציהונג א „תרתי דסתרי אהדדי". כדי צו פערענפערן די דאָזיגע סתירות איז געלעגט געוואָרען דער יסוד פון דער טעאָריע פון „דאָ" און „דאָרט". די ראַדי־קאַלע לעזונג פון דער יודענפראגע איז טאַקי „דאָרט". אָבער דער פּאַליאַטיוו „דאָ" איז אויך וויכטיג. דאָס זענען צוויי פלאַכען פון דער יודישער ווירקליכקייט און במילא מוז דער פּראָלעטאַרישער קאַמף זיין א דואַליסטישער.

כמעט דעמזעלבען כאַראַקטער מיט געוויסע ניואַנסען האָט געטראָגען דער פועלי־ציוניזם אין פּוילען און אינ׳ם דרום־מערב׳דיגען קאַנט פון רוסלאַנד. אַט אזוי זעהען מיר, אז הגם די פערשידענע פועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס האָבען עקזיסטירט יעדע בעזונדערס פאר זיך, אָהן א געמיינזאַמען קשר, האָבען זיי דאָך ענטוויקעלט עהנ־ליכע פּראָגראַמען, ארויסגעהענדיג פון כמעט דיזעלבע הנחות.

בעת דער דאַמאָליגער פועלי־ציוניסטישער אַנאַליז פון דער יודישער לאַגע אין גלות איז געווען מעהר אָדער וועניגער גרינדליך פונאייגאַנדערגעוויקעלט און קלאָהר פאָרמולירט, איז דער פּאַלעסטיניזם גופא געווען געגוג כאַאָטיש און נע־בעלדיג.

פאַרוואָס דוקא א״י? וואָס פארא פאַקטאָרען פיהרען גראַד קיין פּאַלעסטינא? אין די ערשטע יאָהרען האָט מען זיך דעריבער נישט אָבגעגעבען קיין דין וחשבון. מען איז געוואָרען פשוט מיטגעריסען פון דער אַלגעמיינער בעגייסטערונג פאר א״י.

דאָך האָט זיך דער מאַנגעל פון א טעאָרעטישער א"י־קאָנצעפּציע באַלד געמוזט אויסווירקען — און נעגאַטיוו אויסווירקען — אויף דער גאַנצער בעוועגונג. דאָ איז געלעגען דער קראַנקער פּונקט פון׳ם דאַמאָלסדיגען פּועלי־ציוניזם און דאָס קערנדל פאַר דעם קומענדיגען קריזיס.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט געבראַכט די גאַנצע ציוניסטישע בעוועגונג צום קריזיס האָט אהין אריינגעשטויסען אויך דעם פּועלי־ציוניזם. דער דורכפאַל פון׳ם טשאַרטער, די אונמעגליכקייט צו בעקומען א"י און דער נייער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָבען ארויסגערופען א גאַנצען בינטעל פון פערוויקעלטע פּראָבלעמען און שווערע נאָכקלעהרנישען.

די פראַגע וועגען „אוגאַנדאַ אַלס נאַכטלעגער" ווערט דאָ אוועקגעשטעלט א סך טיעפער. אייגענטליך שפּילט אוגאַנדאַ נישט די הויפּטראָלע. די פּראַגע שטעהט: פּ אַ ר וו אָ ס נ ו ר פּ אַ ל ע ס ט י נ אַ?

אויף דעמדאָזיגען פּונקט קומט צו א דאָפּעלטער דיפערענצירונג און צו א דאָפּעלטער שפּאַלטונג אין דער בעוועגונג. פון איין זייט ברענגט דער דיפערענצירונגס־פּראָצעס צו דער אָבשפּאַלטונג פון דעם טעריטאָריאַליסטישען פליגעל און שפּעטער צו דער ארויסבילדונג פון א בעזונדערער „צ י ו נ י ס ט י ש ־ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר פּ אַ ר ט י י" (ס. ס.). די דאָזיגע פּאַרטיי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז צום יאָהר 1907, איז דער אידעאישער יורש פון׳ם „מינסקער טאָלק".

פון דער אנדערער זייט האָט גראָד דער קריזיס פון׳ם דיפּלאָמאַטישען ציוניזם געפיהרט צו „איבערשאַצונג פון אַלע ווערטען" ביי די קרייזען, וואָס זענען נישט געשטויסען געוואָרען צום אַבסטראַקטען טעריטאָריאַליזם. דאָ דערוועקט זיך א גרעסערער אינטערעס צום גלות און צו דער „געגענוואַרטס־ארבייט". מיט דער צייט שטאַרקט זיך די גלות־ארבייט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר, ביז זי בעקומט פולקאָמען א זעלבסשטענדיגען כאַראַקטער. די דאָזיגע גלות־טענדענץ פיהרט צו א ווייטערער שפּאַלטונג אין דער בעוועגונג. עס איז אויפגעשטאַנען א גרופּע, וואָס האָט געפּרעדיגט נור דעם ווערט פון דער גלות־ארבייט און האָט בעהויפּטעט, אז די ישועה פאַר׳ן פאָלק וועט קומען, אויב יודען וועלען בעקומען א נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע (סיים) אין גלות. די גרופּע איז באַלד געוואָרען א בעזונדערע פּאַרטיי אונטער׳ן נאָמען: „די יודיש סאָציאַליסטישע ארבייטערפּאַרטיי" („סיימיסטען", „סערפּ"). די איבריגע גרופּען זענען געוואָרען געצוואונגען, קלאָהרער צו בעגרינדען זייערען פּאַלעסטיניזם, כדי צו פערטיידיגען זייער שטעלונג, סיי לגבי דעם טעריטאָריאַליסטען־פליגעל (ס. ס.), סיי לגבי די „סיימיסטען". די בעגרינדונג איז נישט געווען קיין איינהייטליכע. כמעט יעדער קאַנט האָט ענטוויקעלט א בעזונדערע תורה.

אין ד ר ו ם ־ ר ו ס ל אַ נ ד האָט געהערשט דער אזוינגערופענער „פּ ר אַ ק ט י ־ ש ע ר פּ אַ ל ע ס ט י נ י ז ם". די דאָזיגע גרופּע, וועלכע האָט זיך געהאַלטען פאַר מאַרקסיסטיש אויסגעהאַלטען, האָט בעגרינדעט איהר פּאַלעסטיניזם מיט ריין עקאָ־

נאַמישע מאָמענטען. א״י איז א לאַנד וואָס האָט אזעלכע קלימאַטישע, עקאָנאָ־מישע און עטנאָגראַפישע מעלות, וואָס מאַכט איהם מסוגל, צו זיין די בערך בעסטע טעריטאָריע פאַר א יודישער עמיגראַציע. נישט צוליב „ראָמאַנטישע״ און „אידעאָ־ליסטישע״ טעמים האָבען זיי זיך פּאָזיטיוו פערהאַלטען צו א״י, נור צוליב טרוקע־נע, מכלומרשט אָביעקטיווע מאָטיווען. דערינען ליגט דער קערן פון דער שפּעטע־רער בּאָראָכאָוויסטישער שטה אינ׳ם פּועלי־ציוניזם.

אין פּוילען ווידער האָט זיך איינגעבּירגערט דער אַזויגערופענער „פּ ר י נ־צ י פּ י ע ל ע ר פּ ו ע ל י - צ י ו נ י ז ם״. לויט דעמזעלבען איז דער ציוניזם אָר־גאַניש פערבּונדען מיט א״י, ווי מיט א אַלטער — כ׳וואָלט געזאָגט היסטאָרישער — היים. די נאַציאָנאַלע אייגענאַרט פון א יעדען פּאָלק איז א פּועל־יוצא פון די קלימאַטישע, עטנאָגראַפישע א. א. וו. אייגענשאַפטען פון זיין היימלאַנד. די יודיש נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט איז א רעזולטאַט פון דער אייגענאַרט פון א״י. במילא קומט אויס, אז די אויפלעבונג פון דער יודישער נאַציע איז אָרגאַניש פער־בּונדען מיט — ציון.

דאָן טאָר מען אויך נישט אַריבּער צום סדר היום איבּער די „אימפּאָנדעראַבּיליען״, איבּער יענע כחות, וואָס א״י מאָבּיליזירט ביים יודישען פּאָלק. זאָלזשע טאַקי זיין, אז די א״י־שטימונג איז נור „א איבּערבּוי״ איבּער א בעשטימטער עקאָנאָמישער באַזע, אָבער, איינמאָל פּאַרהאַנען, שפּילט דער דאָזיגער כח א קאָלאָסאַלע ראָלע, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען.

דער „ו ו י ט ע ב ס ק ע ר ט אָ ל ק״ שטעלט מיט זיך פאָר א סינטעז צווישען דעם „פּראַקטישען״ און „פּרינציפּיעלען״ פּאַלעסטיניזם. עס הערשט א גלייכגעוויכט צווישען ביידע מאָמענטען. נישט נור, וואָס זיי שליסען זיך נישט אויס, נור פער־קעהרט, זיי ערגענצען און שטאַרקען זיך געגענזייטיג. אָט דער דאָזיגער סינטעטי־שער טעריטאָריאַליזם פון די „וויטעבסקער״, וועלכע טרעט קיינמאָל נישט אויף אַבּסטראַקט, אָהן זיין קאָנקרעטען אינהאַלט: א״י, מאַכט איהם שטאַרק און ווידער־שטאַנדספעהיג.

איז אינ׳ם אַמאָליגען רוסלאַנד דער פּועלי־ציוניזם געווען, א דאַנק דעם איינ־פלוס פונ׳ם „בּונד״ א מאַרקסיסטישע און רעוואָלוציאָנערע בּעוועגונג, אזוי האָט דער ציוניסטישער סאָציאַליזם אין עסטרייך געטראָגען, אפשר א דאַנק דער קאָנ־סטיטוציאָנעלער פרייהייט, וואָס האָט דאָ געהערשט, מעהר א ליבּעראַלען כאַראַק־טער. ווי מיר האָבּען שוין אינ׳ם דריטען אָבּשניט געזעהען, האָבּען די גרופּען פון די האַנדעלסאַנגעשטעלטע געגרינדעט א בּעזונדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אָבער געשטאַנען אין גאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון דעם „בּירגערליכען לאַגער״, און האָבען דאַדורך נישט בּעוויזען, צו אָרגאַניזירען א י ן י ע נ ע ר צ י י ט א זעלבּסשטענדיגע ציוניסטישע אַרבּייטער־בּעוועגונג.

די קאָנסאָלידירונג פון דער פּועלי־ציוניסטישער בּעוועגונג אין רוסלאַנד און

דאן אויף גאָר דער וועלט, אויפ'ן יסוד פון באָראָכאָוו'ס „פּלאַטפאָרם“, וועלכע
מאכט תיכף א סוף צום אידעאָלאָגישען תוהו ובוהו און צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע
שפּאַלטונגען — וועט ערשט פּאָרקומען נאָך דער רוסישער פרייהייטס־בעוועגונג
אינ'ם יאָהר 1904/5, איבער וועלכער עס וועט אונז נאָך אויסקומען זיך אָבצוּ־
שטעלען אינ'ם צווייטען טייל פון אונזער „געשיכטע“.

סוף פונ'ם ערשטען טייל.

ליטעראַטור - פערצייכנים.

א) אין העברעאישער שפּראַך:

1) אחד־העם: על פרשת הדרכים.
2) אחד־העם: אגרות.
3) בן־צבי: שאר ישוב
4) דרוינוב: כתבים לתולדות חבת־ציון וישוב א"י.
5) דרוינוב: פינסקר וזמנו.
6) לבינסון: לבסוס הציוניות.
7) ליבונטין: לארץ אבותינו.
8) ליליענבלום: דרך לעבור גולים.
9) סמילנסקי: בראשית מימי הישוב הראשונים.
10) ספיר: הציוניות.
11) פישמן עדה: החלוצה בא"י.
12) ציטרון: תולדות חבת ציון.
13) ציטרון: לקסיקון הציוני.
14) קויפמן: עקר דעותיו של אחד־העם, התקופה כרך כ"ד.

ב) אין יודישער שפּראַך:

15) בן גוריון: די ארבייטער אין דער ערשטער עליה (ארטיקעל אינ'ם **"בוך פון ארבעט"**, ווארשע 1932).
16) גרינבוים: געשיכטע פון ציוניזם, ערשטער טייל.
17) דר. זשיטלאָווסקי: דר. הערצל.
18) שלמה הלל'ס: דער אַלטער ישוב און די ערשטע פּרובען (**בוך פון ארבעט**).
19) שלמה הלל'ס: מקוה ישראל אין איהרע ערשטע טעג (**בוך פון ארבעט**).
20) דר. חיסין: פון טאָגבוך פון בילו (בוך פון ארבעט).
21) דב חביב לובמאַן: אדמיניסטראַציע פונ'ם באראָן (**בוך פון ארבעט**).
22) סמילאַנסקי: בילו (בוך פון ארבעט).
23) דר. פרידמאַן: דאָס לעבען פון הערצל.
24) ציטראָן: דר. הערצל.

ג) אין פוילישער שפראך:

25) Adolf Stand: Moderna Żydowska („Safrus" 1905, Warszawa).
26) Adolf Stand: Theodor Herzl („Safrus" 1905, Warszawa).
27) Dr. Stendig: Czyn bilujski.
28) Dr. Thon: Theodor Herzl.
29) Dawis Trietsch: Żydowska polityka emigracyjna („Safrus").

ד) אין דייטשער שפראך:

30) Adolf Böhm: Zionistische Bewegung.
31) Dr. Gelber: Vorgeschichte des Zionismus.
32) Dr. Herzl: Zionistische Schriften.
33) Dr. Herzl: Tagebücher 1—3.
34) Moses Hess: Rom und Jerusalem.
35) Moses Hess: Sozialistische Schriften.
36) Prof. Kellner: Herzl's Lehrjahre.
37) Nawratzki: Die jüdische Kolonisation Palästinas.
38) Nawratzki: Das neue jüd. Palästina.
39) Pinsker: Autoemanzipation.
40) Protokolle der zion. Kongresse 1—6.
41) Dr. Ruppin: Juden der Gegenwart.
42) Dr. Ruppin: Zionistische Kolonisationspolitik.
43) Dr. Ruppin: Der Aufbau des Landes Israel.
44) Sokołow Nahum: Geschichte des Zionismus.
45) „Die Welt", Jahrgänge 1897—1904, 8 Jahrgänge.
46) Zlocisti: Moses Hess.
47) Dr. Nordau: Zionistische Schriften.